STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03776

# DI BRIDER KARAMAZOV

Fyodor Dostoyevsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ׳ מ׳ דאסטאיעווסקי

# די ברידער קאראמאזאוו

אַ ראָמאַן אין פיר טיילן מיט אן עפּילאָג

ערשטער טייל

איבערגעזעצט פון

משה לוריא

1923

יידישער קולטור־פארלאג / בערלין.

Copyr. 1923 by Jüdischer Kultur-Verlag, Berlin.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „יידישן קולטור פאַרלאַג“ בערלין.
Berlin S. 14 Dresdenerstr. 34/35

## פון דעם איבערזעצער.

עס זיינען דא ווערק, וואו אן איבערזעצער טאר ניט שרייבן קיין הקדמה, און צו די ווערק געהערט „די ברידער קאראמאזאוו“. דעריבער וויל איך נאר בארירן אין א פאר ווערטער דאס, וואס עס איז שייך צו דער איבערזעצונג, ניט צו דעם ווערק גופא.

אידיש איז א רייכע שפראך, אבער איבערצוזעצן דאסטאיעווסקין — און בפרט „די ברידער קאראמאזאוו“ — אף אידיש, איז פונדעסטוועגן געווען שווער. איך האב געזוכט איבערצוגעבן דאסטאיעווסקיס אייגנ־ארטיקן רוסישן לשון און סטיל אויך אף אידיש. דעריבער וועט אפשר אן אנדער זאך אויסקומען דעם אידישן לעזער מאדנע. איך האב פונ׳ם אריגינאל קיין איין ווארט נישט ארויסגעווארפן, הגם בא א טייל לעזער קאן א מאל ליידן דאס נאציאנאלע געפיל.

איבעריגנס, איז דא א קריטיק. איך האף יעדע באמערקונג און אנווייזונג אויסצוניצן אף מיין ווייטערדיקער ארבעט אף דאסטאיעווסקין.

בערלין־שארלאטענבורג, דעם 29 אקטאבער 1921.

מ. ל.

פאַרוואָר, פאַרוואָר איך זאָג אייך: אויב דאָס קערנדל ווייץ פאַלט אין דער ערד און שטאַרבט ניט, בלייבט עס אַליין; שטאַרבט עס אָבער, ברענגט עס פירות אַ סך.

(יאָהאַנעס, קאַפּיטל 24, XII).

# פון דעם מחבר

אז איך הויב אן די לעבנסבאשרייבונג פון מיין העלד, אַלעקסיי פיאדאָראוויטש קאַראַמאַזאָוו, געפין איך זיך אין א געוויסער פארלעגענהייט. דהיינו: כאטש איך רוף אפילו אַלעקסיי פיאָדאָראוויטשן אלס מיין העלד, נאר פונדעסטוועגן ווייס איך אליין, אז א מענטש איז ער נאך דעריבער ניט קיין גרויסער, און דערפאר זע איך טאקע פאראויס אומפארמיידלאכע קשיות, ווי למשל אזוינע: מיט וואס זשע נעמט אויס אייער אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, וואס איר האט אים אויסגעקליבן פאר אייער העלד? וואס האט ער אויפגעטאן אזוינס? וועמען און מיט וואס איז ער באוואוסט? פארוואס דארף איך, לעזער, פטרן צייט אף צו לערנען די פאקטן פון זיין לעבן?

די לעצטע קשיא איז די הארבסטע, ווארים אף איר קאן איך נאר ענטפערן: „אפשר, וועט איר אליין איינזען פון דעם ראמאן״. נו, און אז מ׳וועט איבערלייענען דעם ראמאן און מ׳וועט ניט איינזען, מ׳וועט ניט מסכים זיין מיט דער אויסטערלישקייט פון מיין אַלעקסיי פיאָדאָראוויטשן? איך זאג אזוי, ווייל מיט עגמת-נפש זע איך דאס פאראויס. פאר מיר איז ער אויסטערליש, איך בין אבער ממש מסופק, אויב איך וועל אימשטאנד זיין צו דערווייזן דאס דעם לעזער. די זאך איז אין דעם, אז דאס איז, א סברה, א טוער אויך, נאר א טוער א ניט קיין באשטימטער, א ניט קיין קלאר געווארענער. איבעריגנס, וואלט מאדנע געוועזן צו פארלאנגען אין אזא צייט, ווי אונזערע, פון מענטשן קלארקייט. איינס, משמעות, איז גאנץ זיכער: דאס איז א מענטש אן אייגנארטיקער, א משונהדיקער אפילו. נאר אייגנארטיגקייט און משונהדיגקייט שעדיקן גיכער, איידער גיבן דאס רעכט צו באהעפטן פרטים און אויסצוגעפינען א וועלכן עס איז בשותפותדיקן סדר אין דעם אלגעמיינעם פלאנטער. א מענטש א

משונהדיקער אבער איז אין דאס רוב פאלן א פרט און א יוצא מ הכלל· ניט אזוי דען?

אט אז איר וועט נישט מסכים זיין מיט דעם לעצטן טעזיכ און ענטפערן: „ניט אזוי״ אדער „ניט תמיד אזוי״, וועל איך, א סברה, נאך שטייפער ווערן בא זיך וועגן דער באדייטונג פון מיין העלד אלעקסיי פיאדאראוויטשן, ווארים ניט נאר דער משונהדיקער מענטש איז „ניט תמיד״ א פרט און א יוצא מן הכלל, נאר, אדרבה, עס טרעפט זיך אזוי, אז ער—טאקע, אפשר, טראגט אין זיך אפטמאל דעם תמצית פון דעם כלל און די איבעריקע מענטשן פון זיין תקופה — אלע זיינען, ווי פון א מין ווינט־שטראם עפעס אוועקגעריסן געווארן פון אים אף א צייט·

איך וואלט זיך אגב נישט ארייגעלאזן אין די ווייניק־וואס אינטערעסאנטע און מטושטשדיקע פירושים און כ׳וואלט אנגעהויבן פשוט שבפשוט אן הקדמות: וועט אויסנעמען — וועט מען אזוי אויך דורכלייענען; נאר די צרה איז וואס א לעבנסבאשרייבונג איז בא מיר איינע, און ראמאנען צוויי· דער עיקר ראמאן איז דער צווייטער, — דאס איז די טעטיגקייט פון מיין העלד שוין אין אונזער צייט, טאקע אין אונזער איצטיקן לויפנדיקן מאמענט· דער ערשטער ראמאן אקעגן זשע איז פארגעקומען נאך מיט דרייצן יאר צוריק, און איז כמעט גאר קיין ראמאן ניט, נאר בלויז איין מאמענט פון דער ערשטער יוגנט פון מיין העלד· באגיין זיך אן דעם דאזיקן ערשטן ראמאן איז ניט מעגלאך, ווארים א סך וואלט אין דעם צווייטן ראמאן געווארן ניט קלאר· נאר אף אזא אופן ווערט נאך הארבער די ערשטע קשיא: אויב שוין איך, דאס הייסט דער ביאגראף גופא, געפין, אז איין ראמאן אפילו וואלט אפשר געוועזן פאר אזא באשיידענעם און אומבאשטימטן העלד די והותר, טא ווי קום איך ארויסצוגיין מיט צוויי און מיט וואס איז צו דערקלערן אזא פארריסנקייט פון מיין זייט?

פארלירנדיק זיך אין צו געבן אן ענטפער אף די דאזיקע קשיות, אנטשליס איך זיך זיי פארבייצוגיין אן א שום ענטפער· פארשטייט זיך, דער ווייטזעענדיקער לעזער האט שוין לאנג אנגעשטויסן זיך, אז איך בין דאס פון אנהויב אן אויסן געוועזן, און עס האט אים

נאר פאר דראסן אף מיר — נאכסאָל פּטר איך אומזיסט פוסטע רייד און טייערע צייט. אף דעם וועל איך שוין ענטפערן באריכות: איך האב געפּטרט פוסטע רייד און טייערע צייט, ערשטנס פון העפלאכקייט וועגן, און צווייטנס, מיט א מיין: „האט פארט נאך א פריער, הייסט עס, פאר עפּעס מתרה געווען". איבעריגנס בין איך אפילו צופרידן פון דעם, וואס דער ראמאן האט זיך פון זיך גופא צעשפּאלטן אף צוויי דערציילונגען „בא דער וועזנטלאכער איינ־הייט פון דעם גאנצן": באקענענדיק זיך מיט דער ערשטער דער־ציילונג, וועט דער לעזער שוין אליין באשטימען: צי עס לוינט אים צו נעמען זיך פאר דער צווייטער? אוודאי, קיינער איז זיך מיט גאר־נישט ניט מתחיב, און מ׳קאן אויך אוועקלייגן דאס בוך בא צוויי זייטלאך פון דער ערשטער דערציילונג, אזוי אז מ׳זאל אים מער ניט אויפ־עפענען אפילו. עס זיינען דאך אבער דא אזוינע איידעלע לעזער, וואס וועלן דורכויס וועלן ווי דערלייענען ביזן סוף, כדי נישט טועה צו זיין זיך אין דעם אנפּניותדיקן אורטייל; אזוינע, למשל, זיינען אלע רוסישע קריטיקער. איז אט פאר זיי ווערט אפן הארצן פארט גרינגער: ניט קוקנדיק אויף זייער גאנצער פּינקטלאכקייט און יושר, גיב איך זיי פונדעסטוועגן א כשרן תירוץ לאָזן די מעשה אפן ערשטן עפּיזאד פון׳ם ראמאן. נו, אט איז שוין די גאנצע הקדמה. איך בין דורכויס מספּים, אז זי איז איבעריק, היות אבער ווי זי איז שוין אנגעשריבן, טא זאל זי אויך בלייבן.

און אצונד צו דער זאך.

# ערשטער בוך

## א מעשה מיט א געזינדל

### I

### פיאָדאָר פאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוו

אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו איז געווען דער דריטער זון בא דעם פריץ פון אונזער קרייז פיאָדאָר פאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוו׳ וואס איז בשעתו אזוי באוואוסט געווען (און וועמען מ׳דערמאנט נאך אפילו עד היום בא אונז) צוליב דעם טראגישן און טונקעלן סוף זיינעם׳ וואס איז פארגעקומען פונקט מיט דרייצן יאר צוריק און וועגן וועלכן איך וועל איבערגעבן אין זיין צייט׳ איצט אבער וועל איך זאגן וועגן דעם דאזיקן „פריץ" (ווי מ׳פלעגט אים רופן בא אונז, הגם ער האט דאס גאנץ לעבן זיינס כמעט ווי גארניט געוואוינט אין זיין הויף) נאר דאס׳ אז דאס איז געווען א מאדנער טיפ׳ וואס באגעגנט זיך׳ אגב׳ גאנץ אפט׳ דהיינו׳ א טיפ פון א מענטשן ניט נאר א העסלאכן און אן אויסגעלאַסענעם׳ נאר נאך א דרייקאפ אויך דערצו — נאר פון אזוינע דרייקעפ פונדעסטוועגן׳ וואס קאנען גרויסארטיק אפטאן זייערע אייגנס־עסקימלאך׳ און דאכט זיך נאר׳ אט דאָס אליין׳ פיאָדאָר פאַוולאָוויטש׳ למשל׳ האט אנגעהויבן כמעט ווי מיט גארנישט׳ א פריץ איז ער געווען דער סאמע קלענסטער׳ פלעגט לויפן אָפּעסן בא פרעמדע טישן׳ אויסקוקן אף לאסקאווע און בינו־לבינו האט זיך בא דעם טויט זיינעם ארויסגעוויזן בא אים קרוב צו הונדערט טויזנט קאַרבן במזומנים׳ אין דער זעלביקער צייט אבער האט ער פארט דאס גאנץ לעבן זיינס ניט אויפגעהערט צו זיין איינער

פון די צעוואָרפּענסטע צעדרייטע אין אונזער גאַנצן קרייז. כ׳וועל נאָך איבערחזרן: דאָ איז ניט קיין טפּשות: דאָס רוב פון אַט די צעדרייטע איז גענוג קלוג און כיטרע און דאָ איז דווקא אַ צע־דרייטקייט, און נאָך גאָר אַ מין באַזונדערע, אַ נאַציאָנאַלע.

ער האָט חתונה געהאַט צוויי מאָל, און ער האָט געהאַט דריי זין — דער עלטערער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש פון דער ערשטער ווייב און די אַנדערע צוויי, איוואַן און אַלעקסיי, פון דער צווייטער. דאָס ערשטע ווייב פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס איז געווען פון אַ גאַנץ רייכער און מיוחסדיקער אַדל־משפּחה מיאוסאָווס, אויך פּריצים פון אונזער קרייז. ווי אַזוי דאָס איז גראָד פּאַרגעקומען, וואָס אַ מיידל מיט נדן, און נאָך אַ שיינע, און ועל כּולם אַ לעבעדיקע און אַ קלוגע, וואָס זיינען אַזוי ניט זעלטן בײַ אונדז אין׳ם איצטיקן דור, נאָר וואָס האָבן זיך שוין געוויזן אויך אין דעם פאַרגאַנגענעם, האָט געקאָנט חתונה האָבן מיט אַזאַ „פּוסטע כּלי״, ווי אַלע האָבן אים דעמאָלט גערופן, וועל איך זיך ניט אַרײַנלאָזן אין קיין לאַנגע דרכים. האָב איך דאָך געקענט איינע אַ מיידל, נאָך אין דעם פאַרפאַרגאַנגענעם „ראָ־מאַנטישן״ דור, וואָס האָט נאָך עטלעכע יאָר פון אַ סודות־פולער ליבע צו איינעם אַ פאַרשוין, פאַר וועמען, אַגבֿ, זי וואָלט שטענדיק געקאָנט חתונה האָבן אפן סאַמן רואיקסטן אופן, האָט געענדיקט אָבער מיט דעם, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסגעטראַכט מניעות פון גאָר ניט בײַצוקומען און האָט זיך אין אַ שטורעמדיקער נאַכט אַראָפּגעוואָרפן פון אַ הויכן ברעג, ענלעך אָף אַ פעלז, אין אַ גאַנץ טיפן און שטראָמיקן טײַך און איז אונטערגעגאַנגען אין אים דורכויס פון אייגענע קאַפּריזן, נאָר צוליב דעם, כּדי ענלעך צו זיין אָף שעקספּירס אָפעליען, און אַפילו אַזוי, אַז ווען אַט דער דאָזיקער פעלז, אַט דער פון איר אַזוי לאַנג אַנגעמערקטער און באַליבטער, וואָלט ניט געווען אַזוי מאַלעריש, און ווען אָף זיין אָרט וואָלט נאָר געווען אַ פּראָזאַאישער פלאַכער ברעג, וואָלט קיין זעלבסטמאָרד, אפשר, אינגאַנצן נישט פאַגעקומען. ס׳איז אַ מעשה שהיה, און מ׳דאַרף רעכענען, אַז אין אונזער רוסישן

לעבן, זיינען אין די לעצטע צוויי אדער דריי דורות פארגעקומען אזוינע אדער עטלאכע מעשיות ניט וועניק. ווי יענער פאל, אזוי איז אויך געווען דער פאל פון אַדעלאַאידא איוואַנאָוואַ מיאוסאָוואַ, בלתי ספק, אן אפקלאנג פון פרעמדע שטרעמונגען ווי אויך אן אויפריייצונג פון א געדאנק א געפאנגענעם. איר האט זיך, אפשר, פארוואלט ארויסוויזן די ווייבערישע זעלבסטשטענדיגקייט, אוועקגיין קעגן די געזעלשאפטלאכע תנאים, קעגן דעם דעספאטיזם פון איר משפחה און פאמיליע, און די געפעליקע פאנטאזיע האט זי איבערצייגט, לאמיר זאגען, נאר אף איין רגע, אז פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, ניט קוקנדיק אף זיין יחוס פון זיין אף לאסקאווע, איז פארט איינער פון די סאמע דרייסטע און גרעסטע אפשפעטער פון יענער צו אלעם בעסערן איבערגייענדיקער תקופה, בשעת ער איז אין דער אמתן געווען נאר א זלידנער לץ און ווייטער גארנישט. דאס פיקאנטע איז נאך באשטאנען אין דעם, וואס פארגעקומען איז דער ענין מיט ארויסגנבהנען זי, און דאס האט שטארק געגומען אַדעלאַאידא איוואַנאָוונען. פיאָדאָר פאַוולאָוויטש ווידער איז אף אזוינע מיני געגג געווען דעמאלט אפילו אויך לויט זיין סאציאלן מעמד גאנץ גוט צוגעפאסט, ווארים ער האט שטארק געגארט איינצוארדענען זיין קאריערע, אף וואס פאר אן אופן עס זאל ניט זיין; און צושארן זיך צו א שיינער משפחה און נעמען נדן איז אים געווען זייער צום הארצן. וואס ס'איז שייך צו דער קעגנזייטיקער ליבע איז זי, א פנים, אינגאנצן נישט געווען, ניט מצד דער כלה נישט מצד אים, ניט קוקנדיק אפילו אף אַדעלאַאידא איוואַנאָוונעס שיינקייט. אזוי אז דער דאזיקער פאל איז געווען אפשר דער איינציגסטער לויט דעם אַרט אין לעבן פון פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, דעם גרעסטן בעל-תאוהניק דאס גאנץ לעבן זיינס, וואס איז אין א רגע גרייט געווען צו צוקלעפן זיך צו יעדער קליידל, ווען יענע זאל אים נאר געבן א וואונק, און דערביי האט נאר אט די פרוי אליין ניט געמאכט אף אים פון דער ליידענשאפטלאכער זייט קיין שום באזונדערן איינדרוק.

אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונא האט אבער תיכף נאכן ארויסגנבהנען

זי׳ כהרף עין דערזען׳ אז דעם מאן אירן האָסט זי
נאר און ווייטער גארגישט׳ אף אזא אופן האבן זיך די פאלגן
פון דעם שידוך ארויסגעוויזען מיט אן אויסערגעוויינלאכער גע־
שווינדקייט׳ נישט קוקנדיק׳ וואס די משפחה האט אפילו גאנץ
גיך שלום געמאכט מיט דעם געשעענעם און אפגעלייגט פאר
דער אנטלאפענער איר נדן׳ האט זיך צווישן דעם פאר־פאלק אנ־
געהויבן א גאר פארשטערט לעבן און אייביקע סצענעס׳ מ׳האט
דערציילט׳ אז דאס יונגע ווייבל פלעגט דערביי ארויסווייזן ניט
אין אן ערך מער לייטישקייט׳ אנשטענדיקייט און דערהויבנקייט׳
ווי פיאָדאָר פּאַוולאוויטש׳ וואס האט׳ גלייך טאקע ווי ס׳איז איצט באַ־
וואוסט׳ ארויסגעמאנצלט בא איר די גאנצע מזומנים אירע קרוב צו
פינף און צוואנציק טויזנט׳ וואס זי האט נאר־וואס געהאט באקומען׳
אזוי אז די דאזיקע טויזנטלאך זיינען פאר איר פון דעמאלט
אן ממש ווי אין וואסער אריין׳ דעם דערפל און דעם גאנץ פיינעם
הויז אין שטאט׳ וואס האט אויך געהערט צו איר נדן׳ האט ער
א לאנגע צייט מיט אלע כוחות געזוען איבערצושרייבן אף זיין
נאמען׳ דורך אפטאן עפעס א פאסיקע מעשה׳ און ער וואלט זיך
זיכער דערשלאגן דערצו אויך צוליב דער פאראכטונג און דעם עקל
אליין׳ אזוי צו זאגן׳ וואס ער פלעגט יעדע רגע דערוועקן בא זיין
פרוי צו זיך מיט דעם חוצפהדיקן אויסזויגן און אויסצאפן׳
צוליב איר גייסטיקער פארמאטערטקייט אליין׳ ער זאל זיך נאר
אפבינדן פון איר׳ צום גליק אבער׳ האט זיך אריינגעמישט אַדעלאַאידאַ
איוואַנאָוונעס משפחה און אפגעהאלטן דעם הלעיטני׳ ס׳איז
דורכויס באוואוסט׳ אז בא דעם פאר־פאלק פלעגן פּאָרקומען
ניט קיין זעלטענע געשלעגן׳ נאר׳ ווי מ׳גיט איבער׳ פלעגט
שלאגן ניט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש׳ נאר עס פלעגט שלאגן
אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונאַ׳ א היציקע׳ שווארץ־הנעוודיקע׳ אומגעדולדיקע
דאמע א כוואט׳ אן אמתע בעל גברנטע׳ ענדלאך האט זי גע־
ווארפן די שטוב און איז אנטלאפן פון פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן מיט א
סעמינאריסט — א לערער׳ וואס איז אויסגעגאנגען פון הונגער׳ איבערלאזנד ק
פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן אף די הענט דעם דריייאריקן מיטיען׳ פיאָדאָר

פאוולאָוויטש האט די רגע פארפירט אין שטוב א גאנצן הארעם און אן אויסגעלאסענע שיכּרות. אין די אנטראקטן פלעגט ער ארומפארן כּמעט ווי איבער דער גאנצער גובערניע און מיט טרערן אין די אויגן באקלאגן זיך פאר אלעמען און פאר יעדן איינציקן אף אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונאַ, וואס האט אים אוועקגעווארפן, און אנדער־ציילן זיך דערביי אזוינע פּרטים, וואס וואלטן באדארפט זיין צו־מיאוס פאר א מאן איבערצוגעבן פון זיין פאמיליענלעבן. דער עיקר, ס׳איז אים אפילו ווי אנגענעם געווען און אפילו הנאה גע־טאן צו שפּילן פאר אלעמען זיין לעכערלאכע ראָל פון א באליי־דיקטן מאן און נאך מיט באפארבונגען צו מאלן די איינצלהייטן פון זיין באליידיקונג. „מ׳קאן מיינען, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, אז איר זייט נתעלה געווארן, אזוי טוט אייך הנאה, ניט קוקנדיק אף אייער גאנצן אומגליק" — פלעגן זאגן צו אים כּת־ליצנים. — אנדערע פלעגן אפילו צוגעבן, אז ער איז צופרידן, וואס ער קאן ארויפ־קומען אין א באנייטער פארם פון א לץ און אז מיט א כּיוון, כּדי צו פארשטארקן דעם פוראר, מאכט ער א פּנים, אז ער באַ־מערקט גארניט זיין קאמישע לאגע. איבעריגנס ווער ווייס, אפשר איז דאס געווען בא אים אויך נאאיוויטעט. ענדלאך האט זיך אים איינגעגעבן צו אנטדעקן דעם סליאד פון זיין אנטלויפערקע. זי נעבאך איז געווען אין פעטערבורג, וואוהין זי האט זיך פארקליבן מיט איר סעמינאריסט און איבערגעגעבן זיך בלב ונפש דער סאמער פולסטער עמאנסיפאציע. פיאָדאָר פּאַוולאוויטש האט תּיכּף אָנגעהויבן ארבעטן און גענומען קלייבן זיך קיין פעטערבורג, — צוליב וואס? — ער, פארשטייט זיך, האט אליין אויך ניט געוואוסט. אמת, ער וואלט טאקע אפשר דעמאלט געפארן אויך; נאר, פאָרנעמענדיק אזא זאך, האט ער די שטעל געגעבן זיך גאר א באזונדער רעכט, צוליב דרייסטקייט וועגן פאר דער נסיעה, ארייננלאזן זיך ווייטער אין דער סאמער גרעסטער שיכּרות. און אט אין דער זעלביקער צייט טאקע האט זיין ווייבס משפּחה דערהאלטן די בשורה פון איר טויט אין פעטערבורג. זי איז עפּעס גאר פלוצלונג געשטארבן, ערגעץ אף א בוידעם, איינע

זאגן פון טיפוס, אנדערע ווידער פון הונגער כלומרשט. פּיאָדאָר פּאוולאָוויטש, אז ער האט זיך דערוואוסט פון זיין פרוי׳ס טויט, איז, זאגט מען, שכורערהייט, אוועקגעלאפן איבערן גאס און אנ־געהויבן שרייען, אויסשטרעקנדיק אין פרייד די הענט צום הימל: „אצינד האסטו מיר מכפר געווען אף אלע מיינע זינד“, און פארקערט ווי אנדערע ווילן האבן — האט ער געוויינט אפן קול, ווי א קליין קינד, אזוי אפילו אז ס׳איז, ווי מ׳זאגט, געווען א צער צו קוקן אף אים, ניט קוקנדיק אף דעם גאנצן עקל צו אים. עס קאן גריילאך זיין, אז ס׳איז געווען אי דאס, אי יענץ, דאס הייסט, אז ער האט זיך אי געפרייט פון זיין באפרייאונג, אי געוויינט נאך דער באפרייערין — אלץ אינאיינעם. אין דאס רוב פאלן זיינען מענטשן, אפילו מערדער, א סך תמימותדיקער און אפנהארציקער, ווי מיר דרינגען בכלל פון זיי. און טאקע מיר גופא אויך דאס אייגענע.

## II

## פון דעם ערשטן זון פטור געווארן

אוודאי קאן מען זיך פארשטעלן, וואס פאר א דערציער און טאטע עס האט געקאנט זיין אזא מענטש. מיט אים, אלס א טאטן, איז טאקע פארגעקומען דאס, וואס עס האט געמוזט פארקומען, דאס הייסט ער האט אינגאנצן און לגמרי אוועקגעווארפן זיין קינד, וואס אַדעלאַידאַ איוואנאָוונאַ האט אים געבארן, ניט אויס האַס צו אים, אדער צוליב ועלכע עס איז פארלעצטע געפילן אלס טאטע, נאר פשוט דערפאר, ווייל ער האט זיך אינגאנצן פארגעסן אָן אים. אין דער צייט בעת ער האט אלעמען דערעסן מיט זיינע טרערן און טענות, און די שטוב פארוואנדלט אין אן אויסגעלאסן הייזל, האט דער איבער־געגעבענער דינער פון דעם הויז, גריגאָרי, צוגענומען דעם דריי־יאריקן עופהלע מיטיען אונטער זיין השגחה, און ווען ער וואלט דעמאלט ניט געזארגט פאר אים, וואלט אפשר ניט געווען ווער עס זאל אף אים א העמדעלע איבערבייטן. דערצו איז אויסגעקומען אזוי,

אז די קרובים פון דעם קינד פון דער מאמעס צד האבן זיך אויך וו
פארגעסן אן אים די ערשטע צייט. דער זיידע, דאס הייסט דער
הער מיאוסאָוו אליין, אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונאַס פאטער, האט שוין
דעמאלט ניט געלעבט; די איבערגעבליבענע אלמנה, מיטיעס באָבע, וואס
האט זיך אריבערגעקליבען קיין מאסקווע, איז צו־אפט קראנק געווען,
די שוועסטער ווידער האבן חתונה געהאט, אזוי אז א גאנצן יאר כמעט
איז אויסגעקומען מיטיען אפצוזיין בא דעם דינער גריגאָריען און
לעבן בא אים אין זיין שטיבל. אגב, ווען דער טאטע וואלט זיך אפיל
יע דערמאנט אן אים (ער האט דאך, באמת, נישט געקאנט ניט וויסן פון
זיין קיום) וואלט ער אים אליין צוריק אראפגעשיקט אין שטיבל
אריין, ווייל דאס קינד וואלט דאך פאר אים פארט געווען א שטער אין זיין
אויסגעלאסנקייט. עס האט זיך אבער פאסירט אזוי, אז דעמאלט
איז געקומען צוריק פון פּאַריז דער פארשטארבנער אדעלאַאידאַ
איוואַנאָוונאַ׳ס א שוועסטערקינד, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָווי,
וואס האט שפעטער א סך יארן נאכאנאנד אפגעלעבט אין אויסלאנד,
דעמאלט אבער נאך געווען א זייער יונגער מענטש, נאר א מענטש
א גאר אנדערער צווישן די מיאוסאווס, א געבילדעטער, א גרויס־
שטאטיקער, אן אויסלענדער, דערביי דאס גאנץ לעבן אן אייראפעער,
און צו דער עלטער א ליבעראל פון די פערציקער און פופציקער
יארן. אין משך פון זיין קאריערע איז ער געשטאנען אין באציאונגען
מיט די גרעסטע ליבעראלן פון זיין תקופה סיי אין רוסלאנד, סיי
אויך אין אויסלאנד, האט געקענט פערזענלאך פּרודאָנען, באַקונינען און
האט דערהויפט האָלט געהאט צו דערמאנען און צו דערציילן, שוין
ביים סוף פון זיין וואנדערן, וועגן די דריי טעג פון דער פּאריזער
פעווראַל־רעוואלוציע פון דעם אכט און פערציקסטן יאר, געבנדיק
אנצוהערעניש, אז שיר וואס ער האט זיך אליין ניט באטייליגט אף ד
באריקאדען. דאס איז געווען איינע פון די סאמע הערלאכסטע זכרונות
פון זיין יוגנט. געהאט האט ער א פארמעגן א זעלבסטשטענדיקן,
לויט דער פריערדיקער פּראפּארציע קרוב צו א טויזנט נפשות. זיין
גרויסארטיקער הויף איז געלעגן גלייך ביים ארויספארן פון אונזער
שטעטל און האט זיך געגרעניצט מיט די גיטער פון אונזער בארימטן

מאָנאַסטיר, מיט וועלכן פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש האט נאך גאר אין די יונגע יארן, גלייך ווי ער׳ט באקומען די ירושה, פארפירט א פראצעס אָן א סוף פאר רעכט פון עפּעס כאפּן פיש אין טייך, אדער פאר האקן דעם וואלד, אקוראט ווייס איך ניט, נאר אנהויבן א פראצעס מיט „קלעריקאלן" האט ער געהאלטן אפילו פאר זיין חוב אלס בירגער און געבילדעטער מענטש. דערוויסנדיק זיך אַלץ וועגן אַדעלאַידאַ איוואַנאָוונען, וועלכע ער האט, נאטירלאך, געדיינקט און אמאל אפילו געהאט באמערקט, און דערגייענדיק, אז ס׳איז איבערגעבליבן א מיטיע, האט ער, ניט קוקנדיק אף דער גאנצער יונגער אויפגעבראכטקייט זיינער און אף דער פאראכטונג צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, זיך אריינגעמישט אין דעם ענין. דא האט ער זיך טאקע דאס צום ערשטן מאל מיט פיאָדאָר פּאָוולאָוויטשן באקענט. ער האט אים גלייך ערקלערט, אז ער וואלט וועלן נעמען די דערציאונג פון דעם קינד אף זיך. ער האט דערנאך א לאנגע צייט דערציילט, אלס א כאראקטעריסטישן שטריך, אז בעת ער האט אנגעהויבן רעדן מיט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן וועגן מיטיען, האט יענער א היבשע צייט געהאט א פנים פון א מענטשן, וואס הויבט ניט אן צו פארשטיין, וועגן וואס פאר א קינד עס האנדלט זיך דא, און האט זיך ווי געחידושט אפילו, וואס ער האט, דא ערגיץ זאין שטוב, א קליין אינגעלע. אויב אין פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשעס רייד האט געקאנט שטעקן א גוזמא, האט דאך פונדעסטוועגן עפּעס געמוזט זיין ענלאך אף אן אמת אויך, נאר, ווירקלאך, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האט דאס גאנץ לעבן זיינס האָלט געהאט צו מאכן זיך, פלוצלוגג אפשפּילן פאר אייך עפּעס גאר אן אומגעריכטע ראל און דער עיקר, אפטמאל אן א שום נויטיקייט, אדרבה, אנאנדערסמאל זיך נאך לרעה, אט ווי אין דעם איצטיקן פאל, למשל. דעם דאזיקן שטריך, אגב, האבן זעער פיל מענטשן און אפילו גאנץ קלוגע, ניט נאר וואס ...יאָדאָר פּאַוולאָוויטש. פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש האט זיך גענומען ...ז דער זאך מיט ברען און איז אפילו באשטימט געווארן (בשותפות ...יט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן) אלס אפיטרופס פון דעם קינד, ווארים ...איז דאך פארט נאך דער מוטערס טויט געבליבן א הויפל, א הויז

און לאנדי מיטיאַ האט זיך טאקע איבערגעקליבן צו אַט דעם גליד־שוועסטערקינד, אבער קיין אייגענע פאמיליע האט פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש ניט געהאט, און היות ווי אליין איז ער, ווי ער׳ט נאר איינגעארדנט און פארזיכערט די ארענדעס פון זיינע הויפן, גלייך ווידער אוועק אף א לאנגע צייט קיין פאריז, האט ער דאס קינד איבערגעגעבן איינע פון זיינע גליד־שוועסטערקינדער, א מאסקווער פריצטע. פארגעקומען איז אזוי, אז איינלעבנדיג זיך אין פאריז, האט ער זיך אויך פארגעסן אן דעם קינד, דערהויפט בעת ס׳איז אנגעשטאנען יענע פעברואל־רעוואלוציע, וואס האט אזוי פארכאפט זיין כוח־הדמיון און אן וועלכער ער האט שוין כל ימיו ניט געקאנט פארגעסן. די מאסקווער פריצטע א קעגן־זשע, איז געשטארבן, און מיטיא איז אריבער צו איינער פון אירע חתונה־געהאטע טעכטער, דאכט זיך, ער האט נאך שפעטער אויך, שוין, צום פערטן מאל איבערגעביטן זיין מקום מנוחה. וועגן דעם וועל איך אצונד ניט מאריך זיין, בפרט אז עס וועט נאך אויסקומען א סך צו דערציילן פון דעם דאזיקן בכור פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס, און איצט באגרעניץ איך זיך בלויז מיט די סאמע נויטיקסטע דאַטן וועגן אים, אָן וועלכע ס׳איז מיר אוממעגלאך אפילו אנצוהויבן דעם ראמאן.

ערשטנס, איז אַט דער דאזיקער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש געווען נאר איינער פון די דריי זין פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס, וואס איז געוואקסן מיט דער זיכערקייט, אז ער האט פארט עפעס א פארמעגן און דער־גרייכענדיק דעם בגרת־עלטער, וועט ער זיין אומאפהענגיק. די קינדערשע יארן און די יוגנט זיינע איז אדורך צעווארפן: אין גימנאזיע ניט דערלערנט, דערנאך אריינגעפאלן אין א מיליטער־שול, שפעטער מגולגל געווארען אף קאווקאז, געדינט, געשלאגן זיך אף דועלן, דעגראדירט געווארן, נאך אמאל געדינט, געהוליעט אן א שיעור און, פארהעלטניסמעסיק, פארלעבט געגוג געלט. קריגן דאס געלט ווידער פון פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן האט ער אנגעהויבן ניט פריער פאר די בגרת־יארן, און ביז דער צייט אנגעמאכט חובות. פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן, דעם טאטן זייגעם, האט ער דערזען און איז באקענט געווארן מיט אים צום ערשטן מאל שוין נאך דעם בגרת־עלטער, בעת ער

איז ספעציעל אראפגעקומען אין אונזערע מקומות מאכן א טאלק מיט אים וועגן זיין פארמעגן. א פנים, דער פאטער איז אים דעמאלט אויך ניט געפעלן געווארן; אפגעוועזן איז ער בא אים ניט לאנג און איז אפגיך אוועקגעפארן, האט נאר באוויזן צו באקומען בא אים א געוויסע סומע און אפגעשלאסן מיט אים א מין אפמאך בנוגע דעם ווייטערדיקן אויסצאלן די הכנסות פון דעם הויף. פון וועלכן (א פאקט א מערקווירדיקער) ער האט דאס מאל פארט טאקע ניט דערגאנגען פון פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן סיי וויפל ער טראגט אריין, סיי וויפל ער איז ווערט. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האט דעמאלט באמערקט, פון ערשטן קוק אָן (אויך דאס דארף מען געדיינקען), אז מיטיאַ האט וועגן זיין פארמעגן א גוזמאדיקע און פאלשע פארשטעלונג. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז געווען דערפון שטארק צופרידן, האבנדיק אין זינען זיינע אייגענע חשבונות. ער האט בלויז געדרונגען, אז דער יונגער מאן איז א לייכטזיניקער, א ווילדער, מיט ליידנשאפטן, אן אומגעדולדיקער, אן אויסברענגער, וועמען מ׳דארף פון־מאל צו־מאל מיט עפעס מהנה זיין, און ער ווערט, כאטש אף א קורצער צייט אמת, גלייך באַרואיקט. אט דאס טאקע האט אויך אנגעהויבן צו עקספּלאָאַטירן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, דאס הייסט אפּפּארטיקן זיך מיט קליינע נתינהלאך, עפעס אריינווארפן א מאל אין א שמיטה, און סוף כל סוף האט אזוי פּאסירט, אז ווען מיטיאַ, שוין אין א יאר פיר ארום, פארלירנדיק די געדולד, איז אראפגעקומען צום צווייטן מאל צו אונז אין שטעטל, כדי איינמאל פאר אלעמאל פארענדיקן די געשעפטן מיט דעם טאטן, האט זיך מיטאמאל ארויסגעוויזן, צו זיין גרעסטן נשתומם־ווערן, אז ער האט שוין גאר לחלוטין גארנישט, אז ס׳איז גאר שווער אפילו אויפצורעכענען, אז ער האט שוין אפגענומען מיט געלט בא פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן וויפל עס איז אינגאנצן ווערט זיין פארמעגן, אז ער איז נאך אים אפשר גאר אליין א בעל־חוב; אז לויט אָט די און די אפמאכן, וואס ער אליין האט דאַן און דאַן געוואלט אפשליסן, האט ער גאר קיין רעכט ניט אפילו צו פארלאנגען עפעס מער א.א.וו. א.א.וו. דער יונגער מאן איז נשתומם געווארן, האט גלייך חושד געווען א שפיצל, א שקר, איז כמעט ווי פון זיך געשפרונגען און האט שיר דעם זינען ניט פארלארן.

אט די דאזיקע סיבה טאקע האט דאס געבראכט צו דער קאטאסטראפע׳ די ספור־המעשה פון וועלכער עס וועט אויך זיין דער עיקר פון מיין ערשטן אריינפיר־ראמאן אדער׳ בעסער געזאגט׳ פון זיין אויסערלאכער זייט. נאר ביז איך וועל איבערגיין צו דעם דאזיקן ראמאן׳ דארף מען נאך דערציילן אויך פון די איבעריקע צוויי זין פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס, מיטיעס ברידער׳ און דערקלערן׳ פון וואנען האבן זיי זיך דאס גענומען.

## III

## די צווייטע ווייב און די צווייטע קינדער.

פיאָדאָר פאוולאוויטש׳ פטור ווערנדיק פון דעם פיר־יאריקן מיטיען׳ האט זעער גיך נאך דעם חתונה געהאט צום צווייטן מאל׳ מיט דער צווייטער ווייב האט ער געלעבט א יאר אכט. גענומען האט ער אט די צווייטע ווייב זיינע׳ סאָפיאַ איוואנאָוונאַ׳ אויך נאך גאר א יוגנט׳ פון א צווייטער גובערניע׳ וואוהין ער איז פארפארן צוליב א קליינעם עסק וועגן א פאדריאד׳ מיט עפעס א אידל צוזאמען. פיאָדאָר פאַוולאָוויטש׳ כאטש אפילו ער האט געהוליעט׳ געשכורט און איז אויסגעלאסן געווען, האט ער אבער קיינמאל נישט אויפגעהערט צו טראכטן וועגן פאר־גרעסערן זיין קאפיטאל און פלעגט תמיד גרויסארטיק אפטאן זיינע עסקימלאך׳ כאטש׳ ווי דער שטייגער איז׳ שטענדיק כמעט נית אף א גאר פיינעם אופן. סאָפיא איוואַנאָוונאַ איז געווען פון די „יתומהלאך״, פון קינדהייט אָן אָן א קרוב און אָן א גואל׳ א טאכטער פון עפעס א צווייפלהאפטן דיאקאן׳ און איז אויסגעוואקסן אין דער רייכער שטוב פון איר בעל־טובהניצע׳ איר דערציערן און פייניגערן׳ די מיוחסדיקע אלטע גענעראלשע׳ די אלמנה פון גענעראל וואָראָכאָווו. קיין פרטים ווייס איך נישט׳ נאר געהערט האב איך׳ אז מען האט׳ דאכט זיך׳ איין מאל אראפגענומען אט די מילדע גוטהארציקע און שווייגענדיקע האדעוואנקע פון א שטריק׳ וואס זי האט אנגעבונדן אף א צוועק אין קלאדאווקע׳ אזוי שווער איז איר שוין געווען אריבערצוטראגן די קאפריזן און די אייביקע פארוואורפן פון אט דער דאזיקער׳ א פנים׳

ניש שלעכטע״ זקנה׳ וואס האט אבער געהאט אומדערטרעגלאכע משוגעתן אויס שלינג־ און־שלאנג ארומגיין׳ פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האט אנגעהויבן צו שדכענען זיך׳ מ׳האט זיך אף אים נאכגעפרעגט און מ׳האט אים משלח געווען׳ האט ער דאָס מאָל ווידער׳ ווי בא דעם ערשטן שידוך׳ פארגעלייגט דער יתומה אנטלויפן׳ עס איז זעער׳ זעער מעגלאך׳ אז זי וואלט אים אפילו אויך פאר קיין פאל ניט גענומען׳ ווען זי וואלט זיך באצייטנס דערוואוסט מער פרטים וועגן אים׳ ס׳איז אבער געווען אין א צווייטער גובערניע: און וואס האט גלאט געקאנט פארשטיין א זעכצן־יאריק מיידעלע מער ווי דאס׳ אז עס איז בעסער אין טייך אריין׳ איידער בלייבן בא דער בעל־טובהניצע׳ האט זי נעבאך טאקע אויסגעביטן א בעל־טובהניצע אף א בעל־טובה׳ פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האט דאס מאל קיין פרוטה נדן נישט גענומען׳ מחמת די גענעראלשע האט זיך צוכעסט׳ האט גארנישט ניט געגעבן און ועל כולם פארשאלטן זייביידן; נאר ער האט אפילו גארניט גערעכנט דאס מאל צו קריגן נדן׳ און עס האט אים נאר פארכאפט די מערקווירדיקע שיינקייט פון דער אומשולדיקער מיידעלע און דערהויפט איר אומשולדיק אויסזען׳ וואס האט געפלעפט אים׳ דעם בעל־תאווהניק און דעם ביזאיצטיקן אויסגעלאסענעם ליבהא־בער נאר פון מגושמדיקער פרויענשיינקייט. „עס האבן מיר דע־מאלט אט אָ די אומשולדיקע אויגעלאך ווי מיט א שארפן מעסער־א שניט געגעבן איבערן הארצן״ פלעגט ער דערנאך דערציילן כיכיקענדיק אז אן עקל׳ נאך זיין שטייגער נאך׳ איבעריגנס האט בא אן אויסגעלאסענעם מענטשן דאס אויך מער ניט געקאנט זיין ווי א ליידנ־שאפטלאכער טריבי. היות אבער ווי ער האט ניט באקומען קיין שום שכר׳ פלעגט פיאָדאָר פאַוולאָוויטש מיט זיין פרוי גארניט צערעמאניען זיך און אויסניצנדיק דאס׳ וואס זי איז קעגן אים׳ אזוי צו זאגן׳ „א בעל־חוב״׳ און וואס ער האט זי כמעט „פון דער תליה אראפגענומען״׳ אויסנוצנדיק אַחוץ דעם איר פענאמענאַלע עניוות און שווייגעוודיגקייט׳ האט ער אפילו צעטראטן מיט די פיס דעם געוויינלאכסטן שלום־בית׳ טאקע אהער׳ אין הויז גופא פלעגן זיך צונויפקומען מיאוסע נקבות און מ׳פלעגט מאכן גאנצע ארגיעס׳ אלס א כאראקטעריסטישן שטריך

וועל איך נאר זאגן, אז דער דינער גריגאָרי, א פינצטערער, נארישער און עקשנותדיקער רעזאנער, וואס האט בתכלית שנאה פיינט געהאט זיין פריערדיקע פריצטע אַדעלאַידאַ איוואַנאָוונאַ, האט דאס מאל אנגעהויבן איינצושטעלן זיך פאר זיין נייער באַלאַבאסטע, האט זי פארטיידיקט און געריסן זיך צוליב איר מיט פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן כמעט אף אִ נישט־דערלאזלאכן אופן פאר א משרת, און איינמאל האט ער אפילו מיט גוואלט צעטריבן די ארגיע און די אלע אנגעלאפענע חצופות. שפעטער האט די אומגליקלאכע, פון דער סאמער קינדהייט אן פארשלאגענע יונגע פרוי באקומען א מין נערוועזע פרויען־קראנקייט, וואס עס טרעפט זיך עפטער פאר אלץ צווישן דעם המון און די דארפישע ווייבער, און וואס מ׳רופט זיי צוליב אט אָ דער קראנקייט „קליקושעס". פון אט דעם דאזיקן חולאת, מיט די מוראדיקע היסטערישע ספאזמעס, פלעגט די קראנקע צייטנווייז פארלירן אפילו דעם זינען. געבארן האט זי פונדעסטוועגן פיאָדאָר פאוולאָוויטשן צוויי זין, איוואַנען און אַלעקסייען, דעם ערשטן א יאר נאך דער חתונה, און דעם צווייטן אין דריי יאר ארום. אז זי איז געשטארבן, איז דאס אינגעלע אלעקסיי געוועזן פיר יאר אלט, און כאטש דאס איז מאדנע אפילו, נאר איך ווייס, אז ער האט נאך דעם געדיינקט די מאמע זיינע דאס גאנץ לעבן, ווי דורך א חלום, פארשטייט זיך. נאך איר טויט איז מיט די ביידע אינגעלאך פארגעקומען כמעט פונקט דאס אייגענע, וואס מיט דעם ערשטן, מיט מיטיען: זייער טאטע האט זיך לחלוטין פארגעסן אן זיי און האט זיי אוועקגעווארפן, און זיי זיינען מגולגל געווארן ווידער טאקע צו דעם זעלביקן גריגאָריען און אבער־אמאל צו אים אין שטיבל אריין. אין שטיבל האט זיי דאס אויך געטראפן די קאפריזנע אלטע גענעראלשע, די בעל־טובהניצע און דערציערן פון זייער מאמען. זי האט נאך געהאט געלעבט, און די גאנצע צייט, די גאנצע אכט יאר, האט זי ניט געקאנט פארגעסן די עוולה, וואס מען האט איר אנגעטאן. עס האט זיך געלעבט איר „סאָפיען" ווי אזוי די גאנצע אכט יאר האט זי געהאט די גענויסטע ידיעות, און הערנדיק, אז זי איז קראנק און וואס פאר א נבלות עס רינגלען זי ארום, האט זי א מאל צוויי צי

דריי אנגערופן זיך אפן קול פאר אירע קעסטמיידלאך: „דאס קומט איר אזוי, דאס האט איר דער אויבערשטער באצאלט פארן ניט פאלגן״.

פונקט אין דריי חדשים ארום נאך סאָפיאַ איוואַנאָוונאס טויט, איז מיטאמאל די גענעראלשע אליין אראפגעקומען צו אונז אין שטעטל אריין און גלייך טאקע צו פיאָדאָר פאוולאָוויטשן אהיים. און אפגעווען איז זי אין שטעטל סך־הכל בא א האלבע שעה, האט אבער אויפגעטאן א סך. ס׳איז געווען דעמאלט אוונט־צייט. פיאָדאָר פאוולאָוויטש, וועמען זי האט ניט געזען די גאנצע אכט יאר, איז ארויס צו איר א שיכורינקער. א יש אומרים, אז תיכף ווי זי האט אים נאר דערזען, האט זי אן שום טענות אראפגעלאזן אים א פאר פיינע קלינגענדיקע פעטש און דריי מאל א ריס געטאן אים פאר די צופרינעס פון אויבן אראפ. דערנאך, ניט צוגעבנדיק קיין ווארט, אוועקגעלאזן זיך גלייך אין שטיבל אריין צו די צוויי אינגעלאך. באמערקנדיק פון דעם ערשטן קוק, אז זיי זיינען ניט איינגעוואשן, און אין שמוציקע העמדעלאך, האט זי תיכף מכבד געווען מיט נאך א פאטש גריגאריען גופא און מודיע געווען אים, אז זי פירט אוועק ביידע קינדער צו זיך; דערנאך האט זי זיי ארויסגעפירט ווי זיי זיינען געשטאנען, איינגעוויקלט אין א פאטשיילע, אריינגעזעצט זיי אין קארעט און אוועקגעפירט צו זיך אין שטאט. גריגאָרי האט דעם פאטש מקבל באהבה געווען, ווי א טרייער דינער, האט קיין גראב ווארט נישט געזאגט, און בעת ער האט באגלייט די אלטע פריצטע צום קארעט, האט ער בוקנדיק זיך פאר איר ביזן גארטל, א זאג געטאן פון הארצן, אז „פאר די יתומימלאך וועט איר דער אויבערשטער באצאלן״. האט די גענעראלשע א געשריי געטאן צו אים אפפארנדיק, ביזט אבער פארט א גולם! פיאָדאָר פאוולאוויטש האט, אדורכנעמענדיק דעם גאנצן ענין, אויסגעפונען, אז ס׳איז אן ענין א וואוילער און האט אין דעם פארמעלן הסכם זיינעם בנוגע דעם דערציען די קינדער בא דער גענעראלשע שפעטער ניט אפגעזאגט אין קיין איין פונקט. און וואס ס׳איז שייך די פעטש, וואס ער האט באקומען, איז ער אליין ארומגעפארן דערנאך דערציילן פאר דער גאנצער שטאט.

פארגעקומען איז אזוי, אז באלד נאך דעם איז אויך די גענעראלשע געשטארבן, האט אבער אפגעשריבן פונדעסטוועגן אין דער צוואה פאר ביידע עופהלאך צו טויזנט רובל, „אף שכר־למוד פאר זיי, און אז דאס גאנצע געלט זאל מען למען השם אויסגעבן אף זיי, נאר בתנאי, אז עס זאל קלעקן ביז צו די בגרת יארן, ווארים ס׳איז נאך צופיל אזא נתינה אויך פאר אזוינע קינדער, און ווער עס איז א בעלן, זאל זיך אליין ברייטער פאנאנדערבייטלען” א. א. וו. א. א. וו. די צוואה האב איך גופא ניט געלייענט, נאר געהערט האב איך, אז ס׳איז טאקע געווען עפעס משונהדיקס אין דעם אַרט שרייבן און צו פיל אייגנארטיק אויסגעדריקט זיך. דער הויפט יורש פון דער אלטער איז אבער געווען פונדעסטוועגן אן ארנטלאכער מענטש, דער גובערניאלער יושב ראש פון דעם אדל פון דער זעלביקער גובערניע, יעפים פעטראָוויטש פּאָלענאָוו. צונויפשרייבנדיק זיך מיט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, האט ער גלייך פארשטאנען, אז קיין געלט וועט מען בא אים אף דער דערציאונג טאקע פון זיינע אייגענע קינדער ניט ארויסרייסן (הגם יענער האט קיינמאל דירעקט ניט אפגעזאגט, נאר פלעגט תמיד אין אזוינע פאלן אפציען, אפטמאל אפילו צוגיסנדיק זיך אין סענטימענטאליטעט), האט ער זיך אליין אנגענומען פאר די יתומים און האט דערהויפט האָלט געקראגען דעם אינגערן פון זיי, אַלעקסייען, אזוי אז ער האט זיך א לאנגע צייט אפילו געהאדעוועט אין זיין פאמיליע. דאס בעט איך דעם לעזער געדיינקען פון סאמע אנהויב אן, און אויב די יונגע לייט האבן פאר זייער דערציאונג און בילדונג געדארפט זיין וועמען עס איז דאנקבאר אף זייער גאנץ לעבן, איז עס טאקע אט דעם דאזיקן יעפים פעטראָוויטשן, דעם איידלסטן און ליבעראלסטן מענטשן, אזא, וואס טרעפט זיך זעלטן. ער האט באהאלטן פאר די קינדערלאך זייער ירושה, וואס די גענעראלשע האט זיי געלאזן, ניט צורירנדיק זיך דערצו, אזוי אז ביז זיי זיינען גרויס געווארן איז עס אנגעוואקסן מיט פראצענט אף יעדערנס חלק צו צוויי טויזנט, דערצויגן האט ער זיי ווידער אף זיין אייגן געלט, און האט, פארשטייט זיך, אויסגעלאזן אף

יעדערן שוין א סך מער, ווי צו טויזנט. וועגן זייער קינדהייט און יוגנט לאז איך זיך אין קיין פרטים לעת עתה ניט אריין, און איך וועל נאר אנצייכענען די סאמע וויכטיקסטע מאמענטן. אגב וועגן דעם עלטערן, איוואנען, וועל איך נאר דאס איבערגעבן, אז ער איז געוואקסן ווי עפעס א מין מרה־שחורה און אַן אין זיך פארגראבענער אינגל, ווייט ניט קיין שעמעוודיקער, און ווי שוין פון צען יאר אן דורכגעדרונגען מיט דעם, אז וואקסן וואקסן זיי ־פארט אין א פרעמדער פאמיליע און אף פרעמדע לאסקע, און אז א טאטן האבן זיי, עפעס אזא מין, וועגן וועמען עס איז גאר א חרפה אפילו צו רעדן א. א. ווי. א, א. וו. דער דאזיקער אינגל האט זעער גיך, שיר ניט אלס עופהלע נאך (ווי מ׳פלעגט דערציילן וועגיגסטנס) ארויסגעוויזן עפעס גאר אויסערגעוויינלאכע כשרונות צום לערנען. גאר גענוי ווייס איך ניט, נאר פארגעקומען איז דאס עפעס אזוי, אז מיט יעפים פעטראוויטשעס פאמיליע איז ער זיך פאנאנדערגעגאנגען שיר ניט אפן דרייצענטן יאר, אנקומנדיק אין איינע פון די מאסקווער גימנאזיעס און אף פאנסיאן צו עפעס איינעם א גענידן און דעמאלט בארימטן פעדאגאג, יעפים פעטראָוויטשעס א חבר פון קינדהייט אָן. איוואַן גופא פלעגט דערנאך דערציילן, אז דאס אלץ איז פארגעקומען, אזוי צו זאגן, צוליב יעפים פעטראָוויטשעס „ברען צו גוטע מעשים״, וואס איז באגייסטערט געווארן פון דער אידעע, אז אן אינגל מיט גאונישע פעהיגקייטן דארף טאקע דערציען א גאונישער דערציער. אגב, האט שוין ניט געלעבט ניט יעפים פעטראָוויטש, ניט דער גאונישער דערציער, בעת דער בחור איז נאכן ענדיקן די גימנאזיע, אנגעקומען אין אוניווערזיטעט. היות אבער ווי יעפים פעטראָוויטש האט שלעכט איינגעארדנט די פראגע פון די קינדערשע געלט, וואס די קאפריזנע גענעראלשע האט זיי געלאזן בצוואה און וועלכע עס זיינען מיט פראצענט שוין אנגעוואקסן פון טויזנט אף צוויי, און דאס באקומען די געלט האט זיך פארצויגן צוליב פארשיידענע בא אונז לחלוטין אוממיידלאכע פארמאליטעטן און מניעהלאך, איז דעם יונגן מענטשן

אין די ערשטע צוויי יאר פון אוניווערזיטעט אויסגעקומען זעער שווער, ווייל ער איז געווען געצוואונגען די גאנצע צייט אליין אויסצוהאלטן זיך און גלייכצייטיק לערנען. באמערקן דארף מען, אז ער האט אפילו דעמאלט אויך נישט געוואלט מאכן קיין פראווו צונויפצושרייבן זיך מיטן טאטן, — אפשר, פון שטאלץ, פון פאראכטונג צו אים, און אפשר צוליב דעם קאלטן געזונטן שכל, וואס האט אים דיקטירט, אז ער וועט פון דעם טאטינקע עפעס ממשותדיקס ניט באקומען, ווי עס זאל ניט זיין, דער יונגער מאן איז לחלוטין, ניט אפהענטיק געווארן און האט זיך טאקע דערשלאגן צו ארבעט, פריער אוראקן, פאר א צוואנציגקאפיקענעם, שפעטער ארומלויפנדיק איבער די רעדאקציעס פון צייטונגען צו־שטעלנדיק צען־שורהדיקע ארטיקעלאך וועגן גאסן־געשעענישן התמענענדיק זיך „עד ראיה״, — די ארטיקעלאך, זאגט מען, זיינען תמיד נעווען אזוי פאקנדיק און פיקאנט צונויפגעשטעלט, אז ס'איז גלייך געווארען א סחורה, און שוין אין דעם אליין האט דער יונגער מאן ארויסגעוויזן זיין גאנצע פראקטישע און גייסטיקע בכורה איבער יענעם צאלרייכן, זיך אויביק מאטערנדיקן און אומ־גליקלאכן טייל פון אונזער שטודירנדיקער יוגנט פוןביידע מינים, וואס שלאגן אפ, לויטן, שטייגער, אין די הויפט־שטעט פון אינ־דערפרי ביז נאכט די שוועלן פון כלערליי צייטונגען און זשורנאלן, נישט קאנענדיק עפעס בעסערס אויסטראכטן, ווי רק דעם אייביקן איבערחזרן די איין און די זעלביקע בקשה וועגן איבערזעצונגען פון פראנצויזיש אדער וועגן איבערשרייבן. באקענענדיק זיך מיט די רעדאקציעס, האט איוואן פיאָדאָראָוויטש די גאנצע צייט ניט איבערגעריסן די באציאונגען מיט זיי, און אין די שפעטערדיקע יארן פון אוניווערזיטעט האט ער אנגעהויבן דרוקן גאנץ טאלענט־פולע קריטישע מאמרים איבער ביכער אף פארשיידענע ספעציעלע טעמען, אזוי אז ער איז אפילו אין די ליטעראַרישע קרייזלאך באוואוסט געווארן. אגבי, האט זיך אים נאר אין דער סאמער לעצטער צייט צופעליק איינגעגעבן צוציען צו זיך פלוצלונג א גאנץ באזונדערע אויפמערקזאמקייט צווישן א פיל ברייטערן לעזער־קרייז,

אזוי אז פאר א סכּען איז ער דעמאָלט מיטאמאל אויפגעפאַלן און ער איז געבליבן אין זכּרון. דאס איז געווען א גאנץ אינטערע־סאנטער פאל. ענדיקנדיק שוין אוניווערזיטעט און קלייבנדיק זיך פאר זיינע צווי טויזנט רובל מאכן א נסיעה קיין אויסלאנד, האט איוואַן פיאָדאָראָוויטש מיטאמאל אפּגעדרוקט אין איינער פון די גרויסע צייטונגען א מאדנעם מאמר, וואס האט צוגעצויגען אף זיך די אויפמערקזאמקייט אפילו אויך פון ניט ספּעציאליסטן, און, דער עיקר, אף א טעמע, וואס איז אים, א פּנים, אינגאנצן אומבאַקענט געווען, ווארום געענדיקט האט ער נאטור־וויסנשאפט. דער מאמר איז געווען אנגעשריבן אף דער דעמאָלט אומעטום אויפגעהויבענער פראגע וועגן דעם געריכט פון דער קירכע. באהאנדלענדיק שוין איניגע ארויסגעזאגטע מיינונגען וועגן דער פראגע, האט ער ארויס־געזאגט אויך זיין אייגענעם קוק. דאס וויכטיקסטע איז געווען אין דעם טאן און אין דער מערקווירדיקער אומדערווארטקייט פון דעם אויספיר. דערוויילע האבן א סך גייסטלאכע זיכער געהאלטן דעם מחבר פאר א זייעריקן און דא האבן גלייך מיט זיי, ניט נאר די אנהענגער פון די ציוויל־געריכטן, נאר אפילו די אטעאיסטן גופא, אנגעהויבן אויך פון זייער זייט צו אפּלאדירן. סוף כּל סוף, האבן עטלאכע שארפזיניקע מענטשן באשלאסן, אז דער גאנצער מאמר איז נאר א חוצפּהדיקער פאַרס און א ליצנות. איך דערמאן וועגן אט א דעם פאל באזונדערס דערפאר, ווייל דער דאזיקער מאמר איז בשעתו אריינגעדרונגען אויך אין אונזער הינטער־שטאטיקן בארימטן מאנאסטיר, וואו מ'האט זיך בכלל אינטערעסירט מיט דער אויפגעשוואומענער פראגע וועגן דעם געריכט פון דער קירכע, אריינגעדרונגען און אנגעמאכט אן אמתן פּלאנטער. דער־גייענדיק ווידער דעם נאמען פון דעם מחבר, האט מען זיך פאר־אינטערעסירט אויך מיט דעם, וואס ער שטאמט אליין פון אונזער שטאט און איז „טאקע אט אָ דעם פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס א זון". און דא איז מיטאמאל אין דער זעלביקער צייט אראפּגעקומען צו אונז דער מחבר אליין.

נאך וואס עס איז דעמאלט געקומען צו אונז איוואַן

פּיאָדאָראָוויטש, — איך געדיינק, איך האָב שוין אפילו דעמאלט געשטעלט זיך אט די פראגע מיט א געוויסער אומריאיגקייט כמעט. אט דער אזוי שלימזלדיקער קומען, וואס האט געדינט פאר אן אנהויב פון אזוי פיל רעזולטאטן, — איז פאר מיר א לאנגע צייט נאך דעם כמעט שטענדיק געבליבן א זאך אן אומקלארע, באטראכטנדיק בכלל, איז מאדנע געווען, וואס א יונגער מאן, אַ געבילדעטער, אזא שטאלצער און פארזיכטיקער נאכן אויסזען נאך, איז מיטאמאל אראפגעקומען אין אַזא העסלאך הויז, צו אזא טאטן, וואס האט אים כל ימיו איגנארירט, ניט געקענט אים און ניט געדיינקט אים, און כאטש, ער וואלט קיין געלט, פארשטייט זיך, פאר קיין שום פאל אין לעבן ניט געגעבן, ווען דער זון וואלט בא אים יע געבעטן, נאר וואס האט פאָרט דאס גאנץ לעבן מורא געהאט, טאמער וועלן אויך אט די זין, איוואן און אלעקסיי, קומען אמאל און וועלן געלט בעטן און אט קלייבט זיך דאס אריין א יונגער מאן אין שטוב פון אזא טאטן, לעבט א חודש און דעם אנדערן און ביידע לעבן זיך איין, וואס מען דארף גארניט בעסער. דאס לעצטע האט אפילו גאר שטארק פארוואונדערט ניט נאר מיך, נאר אויך אסך אנדערע. פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָוו, וועגן וועמען איך האב שוין אויבן דערמאנט, דער ווייטער קרוב פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס מצד זיין ערשטער ווייב, איז דעמאלט, אַראָפּקומענדיק פון פאריז וואוהין ער האט זיך שוין אין גאנצן געהאט אַריבערגעקליבן, ווידער געווען באַ אונז אין זיין הויף, וואס הינטערן שטאט. איך געדיינק, אָט ער איז דאס טאקע געווען, וואס האט זיך מער פאר אלעמען געחידושט, בשעת ער האט זיך באקענט מיט דעם אים שטארק פאראינטערעסירטן יונגן מאן, מיט וועמען ער פלעגט אפטמאל ניט אָן אן אינערלאכן ווייטאק פיקירן זיך מיט זיינע קענטעניש. „ער איז שטאלץ, — פלעגט ער אונז דעמאלט זאגן וועגן אים, — ער׳ט תמיד קריגן פאר זיך א גראשן, ער האט איצט אויך געלט אף אויסלאנד — טא וואס זשע באדארף ער דא? ס׳איז פאר יעדערן קלאר, אז געקומען איז ער צום טאטן נישט נאך געלט, ווייל לכל הדעות וועט קיין געלט דער אלטער ניט געבן, טרינקען וויין ווידער און אויסגעלאסן זיין

האט ער נישט האָלט׳ און דאָך קאָן דער אַלטער אָן אים ניט אויס־ קומען׳ אַף אַזוי פיל האָבן זיי זיך איינגעלעבט!״ — דאָס איז געווען אַן אמת; דער יונגער מאַן האָט אַפילו געהאַט אַ בולטע השפעה אַף דעם אַלטן; ער האָט אים כמעט ווי אַנגעהויבן אַן אַנדערס מאָל צו פאָלגן׳ כאָטש אַפּטמאָל איז ער געווען אַ גאָר שטאַרקער און אַפילו בייזער עקשן; ער האָט זיך אַזש פירן אָנגעהויבן צייטנווייז לייטישער . . .

צום סוף ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן׳ אַז איוואַן פיאָדאָראַוויטש איז געקומען צום טייל לויט דער בקשה און צוליב די אַנגעלעגנ־ הייטן פון זיין עלטערן ברודער׳ דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן׳ מיט וועמען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אַפּן לעבן געהאַט געטראָפן און באַקענט זיך מיט אים טאַקע כמעט אין דער זעלביקער צייט פון זיין איצטיקן קומען׳ מיט וועמען ער האָט זיך אָבער צוליב אַ וויכטיקן ענין׳ וואָס איז אַגב מער נוגע געווען דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן׳ ווי אים׳ אָנגעהויבן דורכצושרייבן זיך נאָך זייענדיק אין מאָסקווע׳ וואָס דאָס איז געווען פאַר אַן ענין וועט זיך דער לעזער קלאָר דערוויסן אין זיין צייט אויספירלאָך׳ און פונדעסטוועגן איז פאַר מיר אַפילו דעמאָלט׳ ווען איך האָב שוין יע געוואוסט פון אַט אַ דעם וויכטיקן ענין׳ איוואַן פיאָדאָראָוויטש געווען אַ סוד׳ און זיין קומען צו אונדז פאַרט נישט צו דערקלערן׳

איך וועל נאָך צוגעבן׳ אַז איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז דעמאָלט געווען ווי אַ מין פאַרמיטלער און אַ שלום־מאַכער צווישן דעם טאַטן און דעם עלטערן ברודער זיינעם דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן׳ וואָס האָט פאַרפירט דעמאָלט גרויסע מחלוקת און שיר ניט קיין פאַרמעלן פּראָצעס קעגן זיין טאַטן׳

דאָס דאָזיקע געזינדל׳ איך חזר איבער׳ איז זיך דעמאָלט צונויפגעקומען צום ערשטן מאָל אַפּן לעבן און אַ טייל מיטגלידער פון דער משפּחהלע האָט זיך דעמאָלט ערשט צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען איינער מיט דעם אַנדערן׳ אַחוץ נאָר דער אינגסטער זון אַליין׳ אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש׳ וואָס האָט שוין בייַ אַ יאָר ווי פאַרבראַכט בייַ אונדז׳ און איז אַזוי אַרום געקומען פריער פאַר די ברידער׳ אַט טאַקע וועגן

דעם דאזיקן אַלעקסייען איז מיר שווערער פאר אלץ צו רעדן אין מיין איצטיקן הקדמה־סיפור׳ פארן ארויסברענגען אים אפן סצענע אין דעם ראמאן׳ עס וועט אבער אויסקומען אויך וועגן אים אנ־צושרייבן א הקדמה׳ וועניגסטנס׳ כדי קלאר צו מאכן קודם המעשה א גאר מאדנעם פונקט׳ דהינו: דעם קומענדיקן העלד מיינעם בין איך געצוואונגען פארצושטעלן פאר די לעזער פון דער ערשטער סצענע אָן פון זיין ראמאן אין א ריזע פון א מאנאך׳ יאָ׳ שוין בא א יאר ווי ער האט דעמאלט געלעבט אין אונזער מאנאסטיר׳ און עס האט זיך געדאכט׳ ווי ער וואלט זיך געקליבן אף דאס גאנץ לעבן צו פארשליסן זיך דארטן׳

## IV

## דער דריטער זון אַליאָשאַ

אלט איז ער דעמאלט געווען סך־הכל צוואנציק יאר (דעם ברו־דער זיינעם איוואַנען איז דעמאלט געגאנגען דער פיר און צוואנציקסטער יאר׳ און דעם עלטערן ברודער זייערן דמיטרין דער אכט און צוואנ־ציקסטער)׳ קודם כל לאז איך וויסן׳ אז דער דאזיקער בחור׳ אַליאָשאַ׳ איז גארניט געווען קיין פאנאטיקער און׳ ווי עס דאכט זיך מיר׳ וועניק־סטענס׳ גארניט קיין מיסטיקער אפילו׳ כ׳וועל פארויס ארויסזאגן מיין גאנצע מיינונג: געווען איז ער פשוט א פריער מענטשן־פריינט, און אויב ער האט זיך אווארף געטאן אפן מאנאסטיר־וועג׳ איז דאס נאר דערפאר׳ ווייל צו יענער צייט האט אים נאר דער דאזיקער וועג אליין פארגאפט׳ און פארגעשטעלט פאר אים׳ אזוי צו זאגן׳ דעם אויסגאנגס־אידעאל פון דער־זיך־רייסנדיקער נשמה זיינער אויס דער פינסטערניש פון וועלטלאכער שנאה צום ליכט פון ליבשאפט׳ און פארגאפט האט אים דער דאזיקער וועג נאר דערפאר׳ ווייל ער האט באגעגנט דע־מאלט אף אים׳ נאך זיין מיינונג נאך׳ א ניט געוויינלאכן וועזן׳ אונזער בארימטן סטארעץ פון מאנאסטיר זאָסימאַ׳ צו וועמען ער האט זיך צו־געבונדן מיט דער גאנצער ברענענדיקער ערשטער ליבע פון זיין ניט

שטילנדיקן הארץ׳ איבעריגנס שטרייט איך ניט׳ אז געווען איז ער
שוין אויך דעמאלט א זעער מאדנער׳ אנהויבנדיק אפילו פון דער ווי־
געלע אן׳ איך האב שוין׳ אגב׳ דערמאנט׳ אז בלייבנדיק נאך דער
מוטער אינגאנצן א פיר־יאריק קינד׳ האט ער דערנאך באהאלטן זי אין
זכּרון אפן גאנצן לעבן׳ דעם פּנים אירן׳ איר צערטלען׳ „פּונקט ווי זי
וואלט שטיין א לעבעדיקע פאר מיר״׳ אזוינע זכרונות קאנען בלייבן
אין זכּרון (און דאס ווייסן אלע) אפילו פון נאך א פריערדיקן עלטער׳
אפילו פון א צוויי יאריקן אויך׳ אבער נאר ארויסטרעטנדיק דאס גאנץ
לעבן ווי העלע פונקטן פון דער פינצטערניש׳ ווי אן אויסגעריסן ווינ־
קעלע פון א מעכטיק בילד׳ וואס איז אינגאנצן אויסגעלאשן און פאר־
שוואונדן׳ מער ניט ווי אט דאס דאזיק ווינקעלע נאר׳ פונקט אזוי איז
געווען אויך מיט אים: געבליבן איז אים איין אוונט אין זכּרון׳ א זו־
מערדיקער׳ א שטילער׳ אן אפן פענצטער, שרעגע שטראלן פון פארגיי־
ענדיקער זון (מער פאר אלץ אט די שרעגע שטראלן געבליבן)׳ אין צי־
מער׳ אין ווינקל׳ דאס הייליק בילד׳ פאר אים אן אנגעצונדן לעמפל׳
און פארן הייליק בילד אף די קני ווי אין א היסטעריע כליפּענדיקע׳
מיט קוויטשען און אויסגעשרייען מאמע זיינע׳ וואס כאפּט אים אן
מיט ביידע הענט, נעמט אים ארום פעסט׳ ביז ווייטאק׳ און בעט פאר
אים בא גאָטס מוטער׳ שטרעקט אים אויס פון די ארעמס אירע מיט
ביידע הענט צום הייליק בילד ווי אונטער דעם שוץ פון גאטס
מוטער • • • און פלוצלונג לויפט אריין די ניאנע און רייסט אים
ארויס בא איר אין שרעק׳ אט א בילד! אַליאָשאַ האט אין יענעם
אויגנבליק באהאלטן אין זכּרון אויך דעם פּנים פון זיין מאמען: ער
פלעגט זאגן׳ אז ער איז געווען ווילד׳ אבער שיין׳ משפּטנדיק
אן דעם אף וויפל ער האט געקענט געדענקען׳ זעלטן אבער פאר
וועמען ער פלעגט ליב האבן צו פארטרויען אט די דאזיקע ערינערונג׳
אין דער קינדהייט און אין דער יוגנט איז ער געווען א ווייניק עקספּאנסי־
ווער און אפילו ניט קיין רעדעוודיקער׳ אבער ניט אויס אומצוטרוי׳
ניט אויס שעמעוודיקייט׳ אדער אויס מרה־שחורהדיקער אפּגעזונדערקייט׳
אפילו אינגאנצן דער היפּך׳ נאר ווי פון עפּעס אנדערס גאר׳ עפּעס ווי
פון אן אינערלאכער זארג׳ א פערזענלאך־אייגענער׳ וואס איז קיינעם

ניט שייך, נאָר איז פאַר אים אַליין אַזוי וויכטיק, וואָס צוליב איר פלעגט ער ווי אָן אַנדערע פאַרגעסן. מענטשן אָבער האָט ער ליב געהאַט: עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געלעבט דאָס גאַנץ לעבן דורכויס גלויבנדיק אין מענטשן, און דערביי האָט אים קיינער ניט און קיין־מאָל ניט געהאַלטן פאַר קיין נעבאַכל, און ניט פאַר קיין נאַאיוון. עפּעס אַזוינס איז געווען אין אים, וואָס עס פלעגט רעדן און אַריינדרינגען (און אַזוי טאַקע דאָס גאַנץ לעבן דערנאָך), אַז ער וויל ניט זיין קיין שופט פון מענטשן, אַז ער וועט ניט וועלן נעמען אויף זיך קיין משפטן און וועט פאַר קיין פאַל ניט פאַרמשפטן. עס פלעגט זיך דאַכטן אַפילו, אַז ער דערלאָזט אַלץ, נישט אַנהויבנדיק דן לכף חוב זיין, כאָטש אַפילו ער פלעגט זעער אָפט ביטער בייינקען. אדרבה, אין דעם פּרט איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט ניט פאַרוואונ־דערן, ניט דערשרעקן, און דאָס איז אַפילו געווען איז זיין סאַמער פרי־ערדיקער יוגנט. אַז ער איז געקומען אויפן צוואַנציקסטן יאָר צום טאַטן, ממש אין אַ נעסט פון שמוציקסטן זנות, פלעגט ער, אומבאַפלעקט און ריין, ערשט דעמאָלט שוויגנדיק דערווייטערן זיך, ווען צוקוקן פלעגט שוין ווערן ניט איבערצוטראָגן, אָבער אָן דעם מינדסטן אויסדרוק פון פאַראַכטן אָדער באַשולדיקן וועמען עס איז. דער טאַטע, ווידער, דער אַמאָליקער מענטש אויף לאַסקאַווע, און דעריבער עמפּינדלאַך און שאַרף אויף אַ באַליידיקונג, וואָס האָט אים תּחילת באַגעגנט מיט אומצוטרוי און אַנגעבלאָזנערהייט („שווייגט אַ סך, און טראַכט אין זיך אַ סך״), האָט פונדעסטוועגן באַלד געענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט אים אָנגעהויבן אַ גרויל ווי אָפט אַרומצונעמען און צו קושן, ניט לייגנער טאַקע ווי אין עפּעס אין אַ צווייי וואַכן אַרום, אמת, מיט שיכורע טרערן און ניט קיין ניכטערע געפילן, נאָר קענטיק אַז ער האָט אים ליב געקראָגן אויף אַן אמת און טיף, און אַזוי, ווי עס האָט זיך קיינמאָל, באַטירלאַך, ניט איינגעגעבן אַזוינעם, ווי ער, וועמען עס איז ליב צו קריגן . . .

און עס האָבן טאַקע גלאַט אַלע ליב געהאַט אָט דעם דאָזיקן בחורל, וואָו ער זאָל זיך ניט באַווייזן, און דאָס איז אַפילו געווען פון די סאַמע קינדערשע יאָרן אָן זיינע. מגולגל ווערנדיק אין דער שטוב פון

זיין בעל־טובה און דערציער, יעפים פעטראָוויטש פּאָלענאָווי, האט ער אף אזוי פיל צוגעצויגן צו זיך אלעמען אין דער דאזיקער פאמיליע, אז מען האט אים לגמרי געהאלטן דארטן ווי אן אייגן קינד. און דער־ביי איז ער ארייַנגעטראטן אין אַט דאס דאזיק הויז אין די קינדערשע יארן, בעת מ׳קאן נאך בשום אופן ניט דערווארטן פון קיין קינד קיין פאלשקייט, קיין צולעקן זיך, אדער די קונץ פון אייַנצוחנפענען זיך און צו געפעלן ווערן, דאס קאנען צווינגען מ׳זאל אים ליב האבן, אזוי אז די באגאבטקייט פון צו דערוועקן צו זיך א באזונדערע ליבע איז ער באזעסן, אזוי צו זאגן, פון דער נאטור אליין, נישט געקינסטלט און אוממיטלבאר. דאס אייגענע איז מיט אים אויך געוועזן אין דער שול און מ׳וואלט פארט געקאָנט מיינען, אז ער איז דווקא געוועזן פון אט די קינדער, וואס דערוועקן צו זיך אומצוטרוי פון די חברים, אמאל א געשפּאָט און אפשר שנאה אויך. ער פלעגט זיך, למשל, פארטראכטן און עפּעס ווי אפזונדערן זיך. ער האט פון דער סאמע קינדהייט אן ליב געהאט אוועקגיין אין א ווינקל און לייענען ביכער, און פונדעסטוועגן האבן אים די חברים אף אזוי פיל האָלט געקראגן, אז מען וואלט אים ממש געקאנט רופן פאר דעם אלגעמיינעם ליבלינג אין דער גאנ־צער צייט פון זיין זיין אין שול. ער פלעגט זעלטן שטיפן, זעלטן אפילו פריילאך זיין, נאר אלע, וואס פלעגן א קוק טאן אף אים, פלעגן תיכף זען, אז דאס איז גארניט אויס א פינצטערקייט עפּעס, נאר, אדרבה, אז ער איז גראדער און א לויטערער צווישן די חברים פון זיין עלטער האט ער קיינמאל נישט געוואלט ארויסווייזן זיך. אפשר צוליב דעם אליין האט ער קיינמאל און פאר קיינעם ניט מורא געהאט. אין דער זעלביקער צייט אבער פלעגן די אינגלאך גלייך פארשטיין, אז ער האלט זיך גארניט גרויס מיט זיין אומדערשראקנקייט, נאר עס דאכט זיך, ווי ער וואלט גארניט פארשטיין, אז ער איז אַ דרייסטער און אַן אומדערשראקענער. קיין באליידי־גונגען פלעגט ער קיינמאל נישט געדיינקען. עס פלעגט זיך טרעפן, אז אין א שעה ארום נאך דער באליידיקונג פלעגט ער ענטפערן דעם באליידי־קער אדער פלעגט אליין אנהויבן רעדן מיט אים, מיט אזא פארטרוילאכן און לויטערן פנים, גלייך ווי עס וואלט לחלוטין גארנישט ניט פארגעקומען צווישן זיי. און ניט וואס מ׳זאל זאגן, אז ער זאל דערביי מאכן אן אָנשטעל,

אז ער האט צופעליק פארגעסן אדער מיט א כיוון מוחל געווען די באליידיקונג, נאר ער האט פשוט ניט געהאלטן זי פאר קיין באליידיקונג, און אָט דאס פלעגט לגמרי באצויבערן און באצווינגען די קינדער. געהאט האט ער נאר איין שטריך, וואס האט אין אלע קלאסן פון גימנאזיע, אנהויבנדיק פון דעם איננגסטן ביז די עלטסטע אפילו, געוועקט בא זיינע חברים א שטענדיקן חשק א ביסל חוזק צו מאכן פון אים, אבער ניט צוליב בייזן געשפאט, נאר דערפאר, ווייל דאס פלעגט זיי הנאה טאן. דער דאזיקער שטריך זיינער איז געווען — די ווילדע, כמעט שגעונדיקע שעמעוודיקייט און צניעות. ער פלעגט ניט קאנען הערן קיין געוויסע ווערטער און קיין געוויסע שמועסן וועגן פרויען. אט די דאזיקע „געוויסע” ווערטער און שמועסן זיינען, צום אומגליק, ניט אויסצוראָטן אין די שולן. ריינע אין נשמה און הארצן אינגלאך, קינדער נאך כמעט, האבן זעער אפט האָלט צו רעדן צווישן זיך אין שול און אפילו פאר אלעמען אפן קול פון אזוינע זאכן, פון אזוינע בילדער און מעשיות, פון וועלכע סאלדאטן אפילו וועלן ניט שטענדיק נעמען רעדן, אדרבה, סאלדאטן ווייסן ניט און פארשטייען גארניט קיין סך דערפון, וואס עס ווייסן שוין, אין דעם פרט, די נאך גאר יונגע קינדער פון אונזער אינטעליגענטער און העכערער געזעלשאפט. קיין גייסטיקע אויסגעלאסנקייט איז נאך אפשר דא ניטא, קיין אמתן ציניזם, קיין אויסגעלאסענעם, קיין אינערלאכן, אויך ניט, נאר ס׳איז דא אן אויסערלאכער, און אט דער דאזיקער ציניזם רעכנט זיך דאס טאקע בא זיי ניט זעלטן פאר עפעס אזוינס איידעלס, ראפינירטס, העלדישס, וואס איז ראוי מ׳זאל דאס נאכמאכן, זעענדיק, אז „אליאָשקאַ קאַראַמאַזאָוו” פארשטעקט האסטיק די אויערן מיט די פינגער, בעת מ׳הויבט אן רעדן „דערפון”, פלעגן זיי זיך אפטמאָל אוועקשטעלן לעבן אים מיט א כיוון א גאנצע מחנה און אפרייסן מיט גוואלט די הענט פון די אויערן און אריינשרייען נבול פה, און ער פלעגט זיך רייסן פון זיי, אראפלאזן זיך אף דער ערד, אנידערלייגן זיך, פארדעקן זיך, און טאָן אט דאס אלץ ניט זאגנדיק זיי קיין ווארט, ניט זידלען זיי און שווייגנדיק אריבערטראגן די באליידיקונג. צום סוף אבער האט מען אים געלאזן צו רו און מ׳האט זיך שוין ניט גערייצט מיט אים מיטן צונעמעניש

„מיידלקע", אדרבה, מ'פלעגט אזש קוקן אף אים אין דעם פרט מיט א מין רחמנות. אין גימנאזיע אגב אורחא האט ער זיך שטענדיק גערעכנט לויטן לערנען פון די בעסערע תלמידים, אבער דער ערשטער תלמיד איז ער קיינמאל ניט געווען.

אז יעפים פעטראָוויטש איז געשטארבן, איז אַליאָשאַ נאך געבליבן צוויי יאר אין דער גימנאזיע פון דער גובערניע שטאט. די אומגליקאכע פרוי יעפים פעטראָוויטשעס איז, כמעט גלייך נאך זיין טויט, אוועק אף א לאנגע צייט קיין איטאליע מיט דער גאנצער פאמיליע, וואס איז באשטאנען הויל פון פרויענצימער, און אליאָשאַ איז מגולגל געווארן אין א הויז פון עפעס צוויי דאמען, יעפים פעטראָוויטשעס וויטע קרובות, וועלכע ער האט פריער קיינמאל ניט געזען אפילו, אף וואס פאר א תנאים אבער, האט ער אליין אויך ניט געוואוסט. א כאראקטעריסטישער, און אפילו א זעער כאראקטעריסטישער, שטריך זיינער איז באשטאנען אין דעם, וואס עס האט אים קיינמאל ניט געארט, אף וועמעס מיטלען ער לעבט. אין דעם איז ער געווען א פולשטענדיקער היפך צו זיין עלטערן ברודער, איוואַן פיאָדאָראָוויטשן, וואס האט זיך אנגעמאטערט די ערשטע צוויי יאר אין אוניווערזיטעט, דערנערנדיק זיך פון דער אייגענער פראצע, און וואס האט ביטער דערשפירט פון סאמע קינדהייט אן, אז לעבן לעבט ער אף פרעמדע לאסקע פון א בעל־טובה. אבער אט דעם מאדנעם שטריך אין אלעקסייס כאראקטער האט מען, דאכט זיך, ניט געקאנט גאר שטרענג פארמשפטן. יעדערער, וואס פלעגט אים נאר וויפל עס איז דערקענען, פלעגט גלייך ביים ארויפשווימען פון אזא מין פראגע זיכער זיין, אז אלעקסיי געהערט דורכויס צו אט דעם מין יונגע־לייט, וואס זיינען ווי גאטס תמען עפעס, און אז ווען ער וואלט אפילו באקומען מיטאמאל א גאנצן פארמעגנס, וואלט ער זיכער נישט פארטראכט זיך אף קיין איין רגע און וואלט אוועקגעגעבן גלייך, ווי מ'וואלט בא אים א בעט געטאן, סיי אף א רעכטער זאך, סיי פשוט א דורכגעטריבענעם יונג, ווען יענער וואלט בא אים געבעטן. רעדנדיק בכלל, האט ער גלאט ווי עפעס אינגאנצן ניט געוואוסט קיין ווערט פון קיין געלט, פארשטייט זיך, ניט פשוטו כמשמעו. אז מען פלעגט אים ארויסגעבן טאשן־געלט, וועלכע ער אליין פלעגט קיינמאל ניט בעטן, פלעגט ער

אדער וואכן־לאנג ניט וויסן, וואס צו טאן דערמיט, אדער א גרויל ווי ניט היטן, און דאס פלעגט בא אים אין א כּהרף עין ניט ווערן. פּיאטר אלעקסאַנדראוויטש מיאוסאָווי, א מענטש וואס איז בנוגע געלט־זאכן און בורזשואזער ארנטלאכקייט א גרויסער מפונק, האט צוקוקנדיק זיך צו אלעקסייען, ארויסגעזאגט איין מאל וועגן אים אזא מין אפּאריזם: „אט דאס איז אפשר דער איינציגער מענטש אף דער וועלט, וואס אז איר זאלט לאזן אים פּלוצלונג איינעם אליין און אן געלט אינמיטן גאס פון א פרעמדער שטאט פון מיליאנען איינוואוינער, און ער וועט אייך פאר קיין פאל ניט פארפאלן ווערן און ניט שטארבן פון הונגער און פון קעלט, ווייל די שטעל וועט מען אים אנקאר־מענען, די שטעל וועט מען אים איינארדענען, און אויב מען וועט אים ניט איינארדענען, וועט ער זיך אליין אין א כּהרף עין איינ־ארדענען, און דאס וועט אים ניט קאסטן קיין שום אנשטרענגונגען און קיין שום דערנידערונג אין דעם, וואס וועט אים איינארדענען קיין, שום לאסט, און, אפשר פארקערט, ער וועט עס האלטן פאר א כּבוד.״

אין דער גימנאזיע זיינער האט ער דעם קורס ניט געענדיקט; ס'איז געבליבן נאך א גאנצער יאר, בעת ער האט מיטאמאל געלאזט וויסן זיינע דאמען, אז ער פארט צום טאטן וועגן אן ענין, וואס ס'איז אים ארייננעפאלן אין קאפּ. די דאמען האט דאס זייער פאר־דראסן און זיי האבן געהאט בדעה אים ניט צו לאזן. די נסיעה האט געקאסט גאר ניט טייער, און זיי האבן אים ניט דערלויבט צו פארמשכּונען זיין זייגער, — די מתנה פון דעם בעל־טובהס משפּחה פארן אוועקפארן קיין אויסלאנד, — און האבן אפן רייכן אופן פארזארגט אים מיט מיטלען, אפילו מיט א נייעם אנצוג און וועש. ער האט זיי אבער אפּגעגעבן א העלפט געלט אף צוריק, זאגנדיק, אז ער וויל ניט אנדערש ווי פאָרן מיט דריטער קלאס. אנגעקומען אין אונזער שטעטל, האט ער אף דעם פאטערס ערשטע פראגן: „צו וואס ביזט דאס אן ערך אראפּגעקומען, ניט פאר־ענדיקנדיק דעם קורס?״ קלאר גארנישט ניט געענטפערט, און איז געווען, ווי מ'דערציילט, פארטראכט אף זיין שטייגער. אינגיכן האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז ער זוכט דעם קבר פון זיין מאמען. ער האט זיך אפילו אליין דעמאלט געהאט מודה געווען, אז נאר

צוליב דעם טאקע איז ער דאס געקומען. ס׳איז אבער א פראגע, אויב מיט דעם אליין האט זיך אויסגעשעפט די גאנצע סיבה פון זיין קומען. גיכער פאר אלץ איז, אז ער האט דעמאלט אליין אויך ניט געוואוסט און וואלט בשום אופן נישט געקאנט דערקלערן: וואס דהינו אַזוינס האט זיך אויפגעהויבען מיטאמאל אין זיין נשמה און ניט בייצוקומען אוועקגעריסן אים אף א נייען, אומבאוואוסטן, אבער שוין אומפארמיידלאַכן וועג. פיאָדאָר פאַווולאָוויטש האט נישט געקאנט אנווייזן אים, וואו ער האט מקבר געווען זיין צווייטע ווייב, וואַרים ער איז קיינמאל ניט געווען אַף איר קבר, נאך דעם ווי מ׳האט פארשאָטען די גרוב, און צוליב דער שטיק צייט אינגאנצען פארגעסן זיך, וואו ער האט זי דעמאלט מקבר געווען...

אגב אורחא וועגן פיאָדאָר פּאָוולאָוויטשן. ער האט א לאנגע צייט פאר דעם געוואוינט ניט אין אונזער שטאט. אין א יאר דריי־פיר ארום נאכן טויט פון זיין צווייטער ווייב איז ער אוועק אף דרום־רוסלאנד און איז צום סוף מגולגל געווארן אין אָדעס, וואו ער האט טאקע אפגעוואוינט עטלאכע יאר נאכאנאנד. באקענט האט ער זיך דארטן אפריער, לויט זיינע אייגענע ווערטער, „מיט א סך זשידוקעס, זשידעס, זשידקעס און זשידקעלאך" און געענדיקט מיט דעם, וואס שפעטער האבן אים ניט נאר זשידעס, „נאר אפילו אידן אויך אויפגענומען". מען דארף רעכענען, אז טאקע אין אט דעם דאזיקן פעריאד פון זיין לעבן האט ער דאס אנטוויקלט אין זיך די באזונדערע קונץ פון אויפשלאגן און ארויסשלעפן מטבעהלע. צוריקגעקומען איז ער ווידער אין אונזער שטעטל שוין אף אינגאנצן עפּעס סך הכל א יאר דריי פאר אַליאָשעס קומען. די פריערדיקע באקענטע זיינע האבן געהאלטן, אז ער איז שטארק פארעלטערט געווארן, כאטש אינגאנצן איז ער געווען נאך גארניט אזוי אלט. אויפגעפירט זיך האט ער ווידער ניט נאר ניט לייטישער, נאר ווי חוצפה־דיקער נאך. עס האט זיך באוויזן, למשל, בא דעם פריערדיקן ליץ — א פרעכע באדערפעניש, אנדערע צו מאכן פאר לצים. הוליען מיט נקבות האט ער ניט וואס מ׳זאל זאגן האָלט געהאט ווי פריער, נאר נאך אפשטויסנדיקער אפילו. אינגיכן איז ער געווארן דער

גרינדער פון א סך נייע שיינקלאך אין אויעזדי מ׳האט געזען אז ער האט מסתמא קרוב צו א הונדערט טויזנטער קאַרבן׳ אדער אפשר ניט קיין סך ווייניקער׳ אסך פון די שטאטיקע איינוואוינער און פון קרייז זיינען תיכף געווארן זיינע בעל חובות׳ אף גאר זיכערע ערבות׳ פארשטייט זיך׳ אין דער גאר לעצטער צייט ווידער איז זיין פנים עפּעס ווי באשמאלצט געווארן׳ ער האט ווי אנגעהויבן צו פארלירן די גלייכקייט׳ דעם חשבון הנפש׳ איז ארייגעפאלן אפילו אין עפּעס א מין לייכטזיניגקייט׳ פלעגט אנהויבן איין זאך און ענדיקן א צווייטע׳ פלעגט זיך מאדנע פאנאנדערווארפן און אלץ עפּטער און עפּטער אנטרינקען זיך ביז שיכּור ווערן׳ און ווען ניט ווידער אמאל דער זעלביקער לאקיי גריגאָרי׳ וואס איז אויך צו יענער צייט שטארק פארעלטערט געווארן און וואס פלעגט אן אנדערס מאל אכטונג געבן אף אים ווי א גוווערנער כמעט, וואלט׳ אפשר׳ פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש טאקע גארניט דורכגעלעבט אָן באזונדערער זארגי אַליאָשאַס קומען האט ווי געווירקט אף אים אפילו פון דער מאראלער זייט׳ ווי עס וואלט זיך עפּעס אויפגעכאפּט אין דעם אן צייט אלט־געווארענעם פון אט דעם׳ וואס איז שוין לאנג פארשטומט געווארן אין דער נשמה זיינער׳ „ווייסטו דאס׳ — האט ער אנגעהויבן אפּט זאגן צו אַליאָשען׳ צוקוקנדיק זיך צו אים׳ — אז דו ביסט געראטן אין איר׳ אין דער קליקושע?״ אזוי פלעגט ער רופן זיין פארשטאר־בענע ווייב׳ אַליאָשעס מאמע׳ דעם קבֿרל פון דער „קליקושע״ האט אַליאָשען ענדלאך געוויזן דער לאקיי גריגאָרי׳ ער האט אים אוועקגעפירט אף אונזער שטאטיקן בית־עולם און דארטן׳ אין א ווייטן ווינקעלע׳ אנגעוויזן אים אן אייזערנע׳ ניט קיין טייערע׳ אבער זויבערע מצבה׳ אַף וועלכער עס איז אפילו געווען אן אויפשריפט מיטן נאמען׳ יחוס׳ עלטער׳ און יאר פון טויט פון דער פאר־שטארבענער׳ און אונטן איז אפילו געווען אנגעצייכנט עפּעס ענלאכס אף א פירפעריזיקער סטראפע פון די פארצייטיקע מצבה־פסוקים׳ וואס מ׳פלעגט געבּרויכען אף די קברים פון דעם מיטעלערן קלאס׳ צום נשתומם ווערן׳ האט זיך די דאזיקע מצבה ארויסגעוויזן פאר גריגאָריס ארבעט׳ דאס האט ער אַליין ארויפגעשטעלט זי אף דעם קבר פון דער ״קליקושע״

נעבאך און אף זיינע אייגענע הוצאות, נאך דעם, ווי פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, מיט וועמען ער האט שוין אסך מאל געטענהט וועגן אט דעם קבר, איז לסוף אוועקגעפארן קיין אָדעס, געבנדיק א מאך מיטן האנט ניט נאר אפן קבר, נאר אף אלע זיינע זכרונות. אַליאָשאַ האט אף דעם קבר פון זיין מאמען נישט ארויסגעוויזען קיין שום באַזונדערע גערירטקייט, ער האט נאר אויסגעהערט גריגאָריס וויכטיקן און ערנסטן דערציילן, ווי ער'ט געשטעלט די מצבה, איז געשטאנען אביסל אראפגעלאזן דעם קאפ און איז אוועק, נישט ארויסרעדנדיק קיין איין ווארט.

פון דעמאלט אן איז ער אפשר טאקע דעם גאנצן יאר אפילו מער נישט געווען אפן בית־עולם. אבער אף פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן האט דער דאזיקער קליינינקער עפּיזאד אויך געהאט א השפעה און א זעער אריגינעלע. ער האט מיטאמאל גענומען א טויזנטער און אוועקגעפירט אין אונזער מאָנאַסטיר אף מזכיר נשמות זיין זיין ווייב, אבער ניט די צווייטע, ניט אַליאָשעס מאמע, די „קליקושע", נאר די ערשטע, אַדעלאַידאַ איוואַנאָוונען, וואס פלעגט אים בייקערן. דעמזעלביקן טאג אינאוונט האט ער זיך אנגעטרונקן ביז שכור און גערופען אַליאָשען „מאָנאַך". אליין איז ער געווען ווייט ניט פון די גרויסע צדיקים א מענטש. האט אפשר קיינמאל קיין פינף־קאפיקענעם ליכטל ניט אוועקגעשטעלט פאר דעם הייליקן בילד. אבער משונהדיקע דראנגן פון פלוצלנגדיקע געפילן און פלוצלונגדיקע רעיונות טרעפן זיך בא אזוינע פארשוינען.

איך האב שוין געזאגט, אז זיין פנים איז זעער שטארק באַשמאלצט געווארן. דער אנבליק זיינער האט פארגעשטעלט צו יענער צייט עפּעס אזוינס, וואס האט בולט עדות געזאגט וועגן דער כאראקטעריסטיק און דעם תוך פון זיין גאנצן דורכגעלעבטן לעבן. אחוץ די לאנגע פליישיקע זעקלאך אונטער זיינע קליינינקע אויגעלאך, די אייביק חוצפּהדיקע, פארדעכטיקע און אפשפּענדיקע, די סך טיפע קנייטשעלאך אף זיין קליינינקן, אבער פעטינקן פּנימל, איז צו דער שארפער מארדע זיינער ארונטערגעהאנגען נאך א גרויסער גוידער, א פליישיקער און א לאנגער, ווי א בייטל, וואס פלעגט אים צוגעבן

עפּעס אַן עקלדיק תּאוהדיקן אויסזען׳ גיט נאָך צו אַ פליישיקן׳ לאַנגן מויל׳ מיט דיקע ליפּן׳ פון צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַרויס־געזען קליינינקע בּרעקלאַך פון שוואַרצע׳ כמעט אויסגעפוילטע ציינער׳ ער פלעגט שפּריצן מיט סליונע יעדעס מאָל׳ בעת ער פלעגט אָנ־הויבּן רעדן׳ אָגב פלעגט ער אַליין אויך האָלט האָבן חוזק צו מאַכן פון זיין פּנים׳ כאָטש עס פלעגט זיך דאַכטן׳ אַז ער בלייבּט מיט אים צופרידן׳ דערהויפּט פלעגט ער אָנווייזן אויף זיין נאָז׳ אַ ניט זעער גרויסע׳ אָבער אַ זעער דינע׳ מיט אַ שטאַרקן האָרב: „אַן עכט רוימישע״ פלעגט ער זאָגן׳ „אינאיינעם מיטן גוידער אַן אמתע פיזיאָנאָמיע פון אַ פּאַרצייטיקן רוימישן פּאַטריציער פון דער אונטערגאַנגסצייט.״ דער־מיט פלעגט ער׳ דאַכט זיך׳ גרויסהאַלטן זיך׳

און אַט גאָר אינגיכן׳ נאָך דעם אויסגעפינען דער מאַמעס קבר׳ האָט אַליאָשאַ פּלוצלונג אים געלאָזט וויסן׳ אַז ער וויל אַוועקגיין אין מאָנאַסטיר און אַז די מאָנאַכן זיינען גרייט צוצולאָזן אים אַלס קלויסטערבּרודער׳ ער האָט דערקלערט דערבּיי׳ אַז דאָס איז דער גרעסטער וואונטש זיינער׳ און אַז ער בעט בּאַ אים אַלס טאַטן זיין פייערלאַכן היתּר׳ דער אַלטער האָט שוין געוואוסט׳ אַז דער סטאַרעץ זאָסימאַ׳ וואָס האָט אָפּגעריכט תּיקון אין דעם סקיט פון מאָ־נאַסטיר׳ האָט געמאַכט אויף זיין „שטילינקן אינגעלע״ אַ שטאַרקן רושם׳

— אַוודאי איז דער דאָזיקער סטאַרעץ דער סאַמער ערענט־לאַכסטער מאָנאַך בּאַ זיי׳ — האָט ער זיך אָנגערופן אויסהערנדיק אַליאָשען שווייגנדיק און פאַרטראַכטערהייט און האָט זיך ווי לחלוטין ניט פאַרוואונדערט פון זיין בּקשה׳ — המ . . . איז אַט הייסט עס וואוהין דו ווילסט׳ מיין שטילער אינגעלע! — ער איז געווען האַלבּ שיכּור און האָט מיטאַמאָל אַ שמייכל געטאָן מיט זיין לאַנגן האַלבּשיכּורן שמייכעלע׳ וואָס איז געווען ניט אָן פאַלשקייט און שכּורע שמד־שטיק: — המ . . . און איך האָבּ דאָך טאַקע אַזוי גע־שפּירט׳ אַז דו וועסט מיט עפּעס ענלאָכס ענדיקן׳ קאָנסטו זיך דאָס פאַרשטעלן? דו האָסט דווקא אַהין אויסגעקוקט׳ נו׳ מאַכטייסע׳ פאַרוואָס ניט, דו האָסט דאָך דיינע אייגענע צוויי טויזנטער׳ אַט האָסטו דיין אויסשטייער׳ און איך וועל דיך׳ מלאך מיינער׳ קיינמאָל ניט

פארלאזן, און כ׳וועל איצטער אויך ארייַנטראגן פאר דיר, וואס מ׳וועט פארלאנגען. נו, און אויב מען וועט ניט פארלאנגען, טא וואס זאלן מיר זיך אנווארפן, וואס, ניט אמת דען? ווארים דו מיט געלט דאך ביסט ווי א קאנאריקל, דארפסט דאך צוויי קערנדלאך א וואך... המ... דו ווייסט, ארום איין מאנאסטיר איז דא א פארשטאט און אלע ווייסן שוין דארטן, אז אין אט דער פארשטאט לעבן נאר „די נקבות פון מאנאסטיר" אזוי טאקע רופט מען זיי דארטן, א שטיק דרייסיק נקבות, רעכן איך... איך בין דארטן געווען, און, הערסט — גאר אינטערעסאנט, אין פרט פון פארשיידנארטיגקייט, פארשטייט זיך, ניט גוט איז נאר דאס, וואס דארטן איז א רוסיזם א שרעקלאכער, קיין פראנצויזינס זיינען נאך אינגאנצן ניטא און זיי וואלטן דאך יע געקאנט זיין, די מיטלען זיינען גרויסע, אז זיי וועלן זיך דערוויסן — וועלן זיי קומען. נו, און דא איז גאר נישט, דא זיינען קיין מאנאסטיר־נקבות ניטא, און מאנאכן בא א שטיק צוויי הונדערט, גאר ערנטלאך, בעל תענותים. כ׳בין זיך מודה... המ... ווילסטו, הייסט עס, צו די מאנאכן? און מיר איז דאך דיך א שאד, אַליאָשאַ, באמנות, גלויב מיר, אז איך האב דיך האָלט געקראגן... איבעריגנס וועט זיין אויך א גוטע געלעגנהייט: וועסט אמאל א דאוון טאן פאר אונז זינדיקע, צופיל האבן מיר שוין, זיצנדיק אט דא, אנגעזינדיקט. איך פלעג רק טראכטן וועגן דעם: ווער וועט דאס א מאל מתפלל זיין פאר מיר? צי איז דא אף דער וועלט אזא מענטש? ליב אינגעלע דו, איך בין דאך אין דעם פרט מוראדיק ווי נאריש. דו גלויבסט אפשר נישט? א גרויל. דו פארשטייסט: ווי נאריש איך זאל ניט זיין, איז רק איך טראכט וועגן דעם, רק איך טראכט, זעלטן, פארשטייט זיך, אבער אלץ פונדעסטוועגן. עס איז דאך אוממעגלאך, טראכט איך, אז די ניט־גוטע זאלן פארגעסן אראפצושלעפן מיך מיט די קרוקעס צו זיך, אז איך וועל שטארבן. נו, און דא טראכט איך ווידער: קרוקעס? און פון וואנען נעמען זיי זיך בא זיי? פון וואס זיינען זיי? אייזערנע? וואו זשע שמידט מען זיי? האבן זיי דען א פאבריק דארטן? די מאנאכן אין מאנאסטיר גלויבן דאך, למשל, אף געוויס, אז אין גיהנום איז

דא א באלקן, און איך, זעסטו, בין יע גרייט צו גלויבן אין גיהנום, אבער אָן א באלקן; עס באקומט זיך עפּעס אזוי ווי איידעלער, געבילדעטער, מעשה־לוטער, הייסט עס. און אין תוך איז דען א נפקא מינה: מיט א באלקן צי אָן א באלקן? ווארים די פארשאלטענע קשיא איז דאך אט אין וואס: איז ניטא קיין באלקן, איז געדרונגען, אז עס זיינען אויך ניטא קיין קרוקעס. און אז עס זיינען ניטא קיין קרוקעס איז דאך אם כן אלץ אראפּ, — קאן דאך ווייטער ניט זיין: איז ווער זשע וועט מיך דעמאלט טאקע מיט די קרוקעס שלעפּן, ווארים אויב מען וועט שוין מיך ניט שלעפּן, איז וואס זשע וועט דעמאלט זיין, וואו זשע איז דער אמת אף דער וועלט? Il faudrait les inventer, די דאזיקע קרוקעס זיינען דווקא פאר מיר צוגעגרייט, פאר מיר אליין, ווארים אז דו וואלסט נאר וויסן, אַליאָשאַ, וואַס פאר א חוצפּהניק איך בין!...

— אז דארטן זיינען גאר ניטא קיין קרוקעס, — האט, שטיל און שטרענג, צוקוקנדיק זיך צום טאטן, געזאגט אַליאָשאַ.

אוודאי, אוודאי, מער ניט שאטנס פון קרוקעס. איך ווייס, איך ווייס. דאס איז ווי יענער פראנצויז האט באשריבן דעם גיהנום: J'ai vu l'ombre d'un cocher qui avec l'ombre d'une brosse frottait l'ombre d'une carosse. דו, מיין ליבינקער, פון וואנען ווייסטו דאס, אז עס זיינען ניטא קיין קרוקעס? וועסט אפּזיין א ביסל בא די מאנאכן, וועסטו ניט אזוי רעדן. אגב, גיי, דערקלייב זיך דארטן צום אמת, און קום טאקע דערציילן: וועט דאך פארט זיין לייכטער צו גיין אף יענער וועלט, ווען דו ווייסט קלאר, וואס דארטן איז אזוינס. און עס וועט סתּם זיין פאר דיר בכּבודיקער צו זיין בא די מאנאכן, ווי בא מיר, בא דעם שיכּורן אלטעטשקן מיט די מוידן... כאטש צו דיר וועט זיך אפילו, ווי צו קיין מלאך, קיין זאך ניט צוקלעפּן. נאר, אפשר, וועט זיך דארטן צו דיר אויך גארנישט ניט צוקלעפּן, אט פארוואס איך לאז דיך, ווארים איך האף, אז אזוי וועט דאס זיין. דעם שׂכל האט בא דיר דער טייוול ניט אוועקגענומען. וועסט א ברען־טאן און פארלאשן ווערן, וועסט זיך אויסהיילן און קומען צוריק. און איך וועל ווארטן אף דיר: שפּיר איך דאך

טאקע, אז דו ביזט דער איינציקער מענטש אף דער וועלט, וואס האט מיך נישט פארמשפּט, ליב אינגעלע דו מיינס, איך שפּיר דאך דאס, איך קאן דאך ניט, ניט שפּירן דאס!...

און ער האט זיך אזש פאנאנדערגעכניקעט. ער איז געווען א סענטימענטאלער, ער איז געווען א שלעכטס און א סענטימענטאלער,

## V

## סטארצעס

אפשר וועט ווער פון די לעזער א טראכט טאן, אז מיין יונגער מאן איז געווען א קרענקלאכע, עקסטאזע, ווייניק אנטוויקל־טע נאטור, א בלאסער בעל־חלומות, א שלאף און אפּגעצערט מענטשל. אדרבה, אַליאָשאַ איז געווען דעמאלט א שטאטלאכער, רויטבאקיקער, מיט א לויטערן בליק און א שפּרודלנדיקער מיט געזונט ניינצניאריק בחורל. ער איז אפילו געווען צו יענער צייט א זעער שיינער, א שלאנקער, פון מיטעלן וואוקס, א טונקל־בלאנדער, מיט א גלייך־מאסיקן, הגם א ביסל לייגגלאכן אוואל פון געזיכט, מיט בליצנדיקע טונקל־גרויע, ברייט געעפנטע אויגן, א שטארק פארטראכטער און, א פּנים, א זעער רואיקער. מ'וועט זאגן אפשר, אז רויטע באקן שטערן ניט סיי צו פאנאטיזם, סיי צו מיסטיציזם; נאר בא מיר קומט אויס, אז אַליאָשאַ איז געווען אפשר מער ווי ווער עס איז אנדערש א רעאליסט. אָ אוודאי, אין מאנאסטיר האט ער געגלויבט באמונה־שלמה אין וואונדער, נאר, ווי מיר דאכט זיך וועלן וואונדער קיינמאל ניט מטושטש מאכן קיין רעאליסט. ניט וואונדער ברענגען דעם רעאליסט צום גלויבן. דער אמתער רעאליסט, אויב ער איז ניט קיין מאמין, וועט תמיד געפינען אין זיך כּוח און פעאיקייט ניט צו גלויבן אויך אין קיין וואונדער, און אויב דער וואונדער וועט זיך שטעלן פאר אים ווי א פאקט ניט אפּצולייקענען וועט ער גיכער ניט גלויבן אין זיינע חושים, איידער ער וועט דערלאזן דעם פאקט. אויב־זשע ער וועט יע דערלאזן, וועט ער דערלאזן

אים ווי א פאקט א נאטירלאכן, וואס איז פאר אים נאר ביז איצט אומבאוואוסט געווען. בא דעם רעאליסט ווערט ניט געבארן דער גלויבן פון וואונדער, נאר דער וואונדער פון דעם גלויבן. האט דער רעאליסט שוין גענומען גלויבן וועט ער שוין גראד צוליב זיין רעאליזם מוזן ביט־אנדערש דערלאזן וואונדער אויך. אַפּאָסטאָל פּאָמאַ האט מבשר געווען, אז ער וועט ניט גלויבן פריער, איידער ער וועט ניט דערזען, און אז ער האט דערזען, האט ער אויסגערופן: „האַר מיינער און גאט מיינער!" האט דען דער וואונדער געצוואונגען אים אנהויבן צו גלויבן? גיכער פאר אלץ, אז ניט. נאר ער האט אנהויבן גלויבן בלויז דערפאר, ווייל ער האט געוואלט אנהויבן גלויבן, נאר עס קאן זיין, אז ער האט שוין גריילאך געגלויבט, אין די טיפענישן פון דער נשמה זיינער, דעמאלט נאך אפילו, אז ער האט געזאגט: „איך וועל ניט גלויבן, איידער איך וועל ניט דערזען."

מ'וועט זאגן, אפשר, אז אַליאָשאַ איז געווען טעמפּ, ניט אנטוויקלט, ניט געענדיקט דעם קורס וכדומה. אז ער האט ניט געענדיקט גימנאזיע, דאס איז געווען אן אמת, נאר זאגן, אז ער איז געווען טעמפּ אדער נאריש וואלט געווען א גרויסע עוולה. איכ'ל פשוט איבערחזרן, וואס איך האב געזאגט שוין אויבן: ארויף איז ער נאר אף אט דעם דאזיקן וועג דערפאר, ווייל צו יענער צייט האט נאר ער אליין פארגאפט אים און פארגעשטעלט פאר אים מיט איינמאל דעם גאנצן אויסגאנגס־אידעאל פון דער זיך רייסנדיקער פון פינצטערניש צום ליכט נשמה זיינער. גיט נאך צו, אז ער איז געווען א בחורל צום טייל שוין פון אונזער לעצטער צייט, דאס הייסט אן ארענטלאכער לויט דער טבע זיינער, וואס פארלאנגט דעם אמת, וואס זוכט אים און גלויבט אין אים, און אנגעהויבן גלויבן, פארלאנגט ער דעם באלדיקן אנטייל נעמען אין אים מיט דער גאנצער קראפט פון זיין נשמה, און ער פארלאנגט א גיכן אויפטו, מיט דעם אומבאדינגטן וואונש כאטשבי מיט אלץ מקריב צו זיין צוליב אט דעם דאזיקן אויפטו, מיטן לעבן אפילו, כאטש, צום אומגליק, פארשטייען אפט ניט אט די דאזיקע בחורימלאך, אז מקריב

זיין מיטן לעבן איז, אפשר, דאס סאמע לייכטסטע פון אלע קרבנות אין אסך אזוינע פאלן; און אז מקריב זיין, למשל, פון זייער מיט יוגנט ברויזנדיקן לעבן א פינף־זעקס יאר אף דעם הארבן און שווערן לערנען, אף וויסנשאפט, כאטשבי נאר צוליב דעם אליין, כדי צו פארצענפאכן אין זיך די כוחות אף דינען אט דעם זעלביקן אמת און דעם זעלביקן אויפטו, וועלכן ער האט אויסגעקליבן און אנגענומען זיך צו דערפילן — אז אזא קרבן איז פאר א סך פון זיי, א יוצא מן הכלל, כמעט ווי גארניט נאך די כוחות נאך. אַליאָשאַ האט בלויז אויסגעקליבן אָן אַ קעגנגעזעצטן וועג פון אלע אבער מיט דעם זעלביקן באגער אף א באלדיקן אויפטו. קוים איז ער נאר, פארטראכטנדיק זיך ערנסט, פארגאפט געווארן פון דער איבער־צייגונג, אז אומשטערבלאכקייט און גאט זיינען דא, האט ער נאטירלאך תיכף געזאגט צו זיך: „איך וויל לעבן צוליב דער אומשטערבלאכקייט, און קיין פשרה נעם איך ניט אן". פונקט אזוי, ווען ער וואלט באשלאסן אז אומשטערבלאכקייט און גאט זיינען ניטא, וואלט ער תיכף געווארן אן אטעאיסט אדער א סאציאליסט (ווארים דער סאציאליזם איז ניט נאר קיין ארבעטער־פראגע, אדער פון דעם אזוי גערופענעם פערטן שטאנד, נאר ער איז דער עיקר אן אטעאיסטישע פראגע, א פראגע פון דער איצטיקער־פארקערפערונג פון דעם אטעאיזם, א פראגע פון דעם טורעם פון בבל, וואס מ'האט געבויט דווקא אָן גאט, ניט אף צו דערגרייכן די הימלען פון דער ערד, נאר אף אראפשלעפען די הימלען אף דער ערד). פאר אַליאָשען איז אויסגעקומען אפילו מאדנע און אוממעגלאך צו לעבן ווי פריער. עס שטייט געשריבן: „צוטייל אלץ און גיי נאך מיר, אויב דו ווילסט זיין פאלקאם." האט אַליאָשאַ געזאגט צו זיך: „איך קאן ניט געבן אנשטאט „אלץ" א צוויי רובל, און אנשטאט „גיי נאך מיר" גיין מער ניט ווי אין קירכען. פון די זכרונות פון זיינע קינדערשע יארן איז געבליבן אפשר עפעס בא אים אין זכרון פון אונזער הינטער־שטאטיקן מאנאסטיר, וואוהין עס האט אים געקאנט פירן זיין מאמע צום דאוונען. אפשר האבן געווירקט אויך די שרעגע שטראלן

פון דער פארגייענדיקער זון ביים הייליק בילד, צו וועלכן עס האט אים אויסגעשטרעקט זיין מאמע די קליקושע. א פארראכטער איז ער דעמאלט אראפגעקומען צו אונז א קוק טאן אפשר נאר: צי דא איז אלץ, אדער דא איז אויך מער ניט צוויי רובל און — האט באגעגענט אין מאנאסטיר אט דעם דאזיקן סטארעץ...

דער דאזיקער סטארעץ, ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, איז געווען דער סטארעץ זאָסימאַ. נאר מ׳וואלט דא באדארפט זאגן א פאר ווערטער אויך וועגן דעם, וואס אזוינס זיינען בכלל „סטארצעס״ אין אונזערע מאנאסטירן, און ס׳איז נאר א שאד, וואס איך פיל זיך ניט גענוג באהאוונט און קאמפעטענט אין אט דעם ענין. איך וועל א פרווו־טאן פונדעסטוועגן איבערגעבן אין עטלאכע ווערטער, און פון אויבן־אויף. ראשית, מענטשן באהאוונטע און קאמפעטענטע זאגן, אז סטארצעס און אט די דאזיקע שיטה האבן זיך באוויזן בא אונז, אין אונזערע מאנאסטירן, גאר ניט לאנג, ס׳איז נאך אפילו קיין הונדערט יאר ניטא, אינדערצייט ווען אפן גאנצן רעכטגלויביקן מזרח, דערהויפט אפן סיני און אפן אַטאָס, עקזיסטירן זיי שוין א קימא לן מער פון טויזנט יאר. מ׳וויל האבן, אז די דאזיקע שיטה איז געווען אויך בא אונז אין מדינה־רוסלאנד שוין גאר פארצייטנס, אדער זי האט ניט אנדערש ווי געמוזט זיין, אבער צוליב רוסלאנדס שווערע יארן, צוליב דעם אנפאל פון די טאטערן, צוליב די אומרוען, צוליב דעם איבעררייסן די פריערדיקע באציאונגען מיטן מזרח נאכן איינעמען קאנסטאנטינאפאָל, איז די דאזיקע שיטה פארגעסן געווארן בא אונז, און די סטארצעס זיינען ניט געווארן. אויפגעלעבט האט די דאזיקע שיטה בא אונז פונדאסניי צום סוף פון דעם פארגאנגענעם יארהונדערט דורך איינעם פון די גרויסע בעל מופתים (ווי מען רופט אים) פּאַאיסי וועליטשקאָווסקי און דורך זיינע תלמידים, אבער די דאזיקע שיטה באשטייט נאך עד היום, שוין כמעט אין הונדערט יאר ארום, נאך אין גאר ווייניק מאנאסטירן און פלעגט אפטמאל מוזן אפילו אויסשטיין רדיפות אויך, אלס א ניט געהערטער נייס אין רוסלאנד. דערהויפט האט זיך די דאזיקע שיטה פאנאנדערגעבליט בא אונז אין רוסלאנד אין איין בארימטער

וויסטע, קאָזיאָלא אָפּטינא. ווען און ווער עס האט זי אריינגעבראכט אויך אין אונזער הינטער־שטאטיקן מאנאסטיר — קאן איך ניט זאגן, נאר געווען איז שוין אין אונזער מאנאסטיר דער דריטער דור סטארצעס, און דער איצטיקער זאָסימאַ איז געווען דער לעצטער פון זיי, ער האט אבער אויך כמעט געהאלטן ביים שטארבן פון שלאפקייט און קראנקייטן, און פארבייטן אים האט מען אפילו נישט געוואוסט מיט וועמען. די דאזיקע פראגע איז פאר אונזער מאנאסטיר געווען א וויכטיקע, ווארים דער מאנאסטיר אונזערער האט זיך ביז דעמאלט מיט קיין איין שום גרויסער זאך ניט קונה שם געווען: ער האט ניט געהאט ניט קיין עצמות פון קיין גרויסע צדיקים, ניט קיין הייליקע איקאָנעס דורך א נס ארויפגעקומענע, האט ניט געהאט אפילו קיין בארימטע מסורות, וואס זאלן זיין פארבונדן מיט אונזער געשיכטע, האט ניט געהאט קיין היסטארישע גבורות און קיין פארדינסטן פארן פאטערלאנד. פאנאנדערגעבליט האט ער זיך און איז בארימט געווארן אף גאנץ רוסלאנד טאקע נאר צוליב די סטארצעס, וועמען זען און הערן עס פלעגן זיך צונויפקומען צו אונז מחנות עולי־רגל פון גאנץ רוסלאנד פון טויזנטער ווייארסטן. איז וואס זשע איז אזוינס בכן, א סטארעץ? — א סטארעץ איז דער, וואס נעמט אריין אייער נשמה און אייער ווילן אין זיין אייגענער נשמה און זיין אייגענעם ווילן אריין. אויסדערוויילנדיק א סטארעץ, זאגט איר זיך אפּ פון אייער ווילן און איר זייט אינגאנצן מוּתֵּר אף אים. און איר גיט אים איבער אינגאנצן אף עבודת הבורא. אט דעם דאזיקן נסיון, אט אָ די מוראדיקע שול פון לעבן נעמט אף זיך ארויף דער נזיר מיטן אייגענעם רצון, אין דעם בטחון נאך א לאנגן נסיון זיך קאנען ביייצוקומען, באהערשען זיך אף אזוי פיל, כדי ער זאל קאנען לסוף דערגרייכן, דורכן אייביקן דינען גאט שוין די גאנצע דערלייזונג, מ׳מיינט די דערלייזונג פון זיך אליין, אויסצומיידן דעם גורל פון יענע, וואס האבן אפגעלעבט דאס גאנץ לעבן, און האבן זיך אין זיך גופא ניט געפונען. די דאזיקע שיטה פון די סטארצעס, — איז ניט קיין טעארעטישע, נאר זי איז אן ארויסגעבראכטע אפן מזרח פון דער פראקטיק, וואס איז צו אונזער צייט שוין א טויזנט־

יאריקע׳ די התחיבותן צום סטארעץ זיינען ניט דאס וואס דער געוויינטלאכער „קלויסטער־דינסט״ וואס איז תּמיד געווען אויך אין אונזערע רוסישע מאנאסטירן׳ דא איז דער מנהג פון אן אייביקן מתודה־זיין־זיך פון אלעמען׳ וואס גיבן זיך איבער דעם סטארעץ׳ און עס באשטייט א ברית עולם צווישן דעם וואס פארבינדט און צווישן די געבונדענע׳ מ׳דערציילט׳ למשל׳ אז אמאל׳ אין די אוראלטע צייטן פונ׳ם קריסטענטום׳ האט איינער אזא קלויסטער־ברודער ניט ממלא געווען א התחיבות׳ וואס עס האט אף אים גוזר געווען זיין סטארעץ׳ און ער איז אוועק פון אים פון מאנאסטיר און איז געקומען אין א צווייטן לאנד׳ פון סוריא קיין מצרים׳ דארטן איז ער׳ נאך לאנגע און גרויסע מעשים׳ זוכה געווען לסוף אויס־צושטיין ענויים און אומצוקומען על קידוש השם׳ אז אבער דער קלויסטער האט מקבר געווען זיין גוף׳ שוין האלטנדיק אים פאר א הייליקן׳ האט זיך פלוצלונג בא דעם דיאַקאָנס אויסרופן: „די אלע׳ וואס איך האב פורש בשמם געווען׳ זאלן ארויסגיין״ דער ארון מיטן גוף פון דעם קדוש׳ וואס ס׳איז געווען אין אים׳ אפגעריסן זיך פון ארט און איז ארויסגעווארפן געווארן פון מקום קדוש׳ און אזוי האט זיך דאס איבערגעחזרט דריי מאל׳ ביז מ׳האט זיך לסוף דערוואוסט׳ אז דער דאזיקער קדוש איז עובר געווען אפן געבאט און איז אוועק פון זיין סטארעץ׳ און דעריבער האט מען אים אָן דער מחילה פון דעם סטארעץ גאר ניט געקאנט מכפר זיין׳ ניט קוקנדיק אפילו אף זיינע גרויסע מעשים׳ און ערשט דעמאלט׳ אז דער אלטער סטארעץ האט אים מכפר געווען, האט געקאנט פארקומען די קבורה׳ פארשטייט זיך׳ אז דאס איז אלץ ניט מער ווי א פארצייטיקע אגדתא׳ נאר אט איז אויך א מעשה שהיה פון ניט־לאנג: איינער פון אונזערע איצטיקע מאנאכן האט אפ־געריכט תּיקון אפן אַטאָס׳ און פלוצלונג האט זיין סטארעץ געהייסן אים צו פארלאזן דעם אטאס׳ וועלכן ער האט ליב געהאט׳ ווי א הייליקטום׳ ווי א שטילן מקום־מקלט׳ ביז די טיפעניש פון זיין נשמה׳ און ער זאל קודם עולה־רגל זיין קיין ירושלים׳ בוקן זיך פאר די הייליקע ערטער׳ און דערנאך זאל ער גיין צוריק קיין רוסלאנד׳ אף

צפון, קיין סיביר: „דארטן איז פאר דיר אן ארט, ניט דא״. דער געטראפענער און פון צערדערשלאגענער מאנאך איז אנגעקומען קיין קאנסטאנטינאָפּאָל צו דעם פאטריארך פון דער גאנצער וועלט און געבעטן רחמים אראפנעמען פון אים דעם חרם. האט זיך דער מושל פון דער גאנצער וועלט אנגערופן צו אים, אז ניט נאר ער, דער פאטריארך פון דער גאנצער וועלט, קאן אים ניט מתיר זיין, נאר אז ס׳איז בכלל ניטא אף דעם גאנצן כדור־הארץ אזא שליטה, און אז עס קאן גאר ניט געבן, וואס זאל זיין בכוח מתיר זיין וואס א סטארעץ האט שוין גוזר געווען אחוץ נאר דער סטארעץ גופא, וואס האט דאס גוזר געווען. אף אזא אופן האט די דאזיקע שיטה אין געוויסע פאלן א מאכט, וואס האט גאר קיין גרעניץ ניט און קיין סוף ניט. אט פאר וואס מ׳האט אין אנפאנג אין א סך מאנאסטירן בא אונז באגעגנט די דאזיקע שיטה כמעט ווי מיט רדיפות. אין דער זעלביקער צייט אבער האט מען די סטארצעס גלייך אנגעהויבן שטארק צו אכטן אין פאלק. צו די סטארצעס פון אונזער מאנאסטיר פלעגן זיך צונויפקומען, למשל, סיי פשוטע מענטשן פון פאלק, סיי די סאמע מיוחסדיקע לייט, כדי, א ווארפטאנדיק זיך פאר זיי צו דער ערד, מתודה צו זיין זייערע ספקות, זייערע עבירות, זייערע ליידן, און אויסבעטן אן עצה און ער זאל ווייזן א וועג. צוזעענדיק אט דאס, פלעגן די שונאים פון די סטארצעס אויפווארפן, צוגלייך מיט אלע אנדערע חטאים, אז דא ווערט אף א זעלבסטהערשערישן אופן און לייכטזיניק דערנידעריקט דער הייליקער סוד פון דעם מתודה־זיין־זיך — הגם דאס שטענדיקע אויסגיסן דאס הארץ פארן סטארעץ פון דעם קלויסטער־ברודער אדער פון א געקומענעם קומט גארניט פאָר על פי סודי. געענדיקט האט זיך אגב מיט דעם, אז די שיטה פון די סטארצעס האט זיך איינגעהאלטן און זי ווערט ביסלאכווייז א תושב אין די רוסישע מאנאסטירן. אמת, עס קאן דאס אויך זיין, אז דאס אויסגעפרווטע און שוין טויזנטיאריקע כלי־זיין קאן זיך פארוואנדלען פאר דעם גייסטיקן נייגעבארן ווערן פון דעם מענטשן פון עבדות לחרות און צו זיין גייסטיקער פארפאלקאמענונג, אז דאס דאזיקע כלי־זיין קאן זיך פארוואנדלען אין א שווערד מיט צוויי שארפן, אזוי אז אן אנדערן

וועט עס אפשר דערפירן אנשטאט צו עניוות און פולשטענדיקער באהערשונג פון זיך גופא, פארקערט, צו דער גרעסטער טייוולאנישער גאוה, דאס הייסט צו קייטן, און ניט צו קיין דערלייזונג.

דער סטארעץ זאָסימאַ איז געווען אלט א יאר פינף און זעכציק, האט געשטאמט פון פריצים, איז גאר־אמאל אין דער סאמער פריער יוגנט געווען א מיליטער־מענטש און האט געדינט אף קאווקאז אלס אויבער־אפיציר. אָן ספק, אז ער האט פארגאפט אַליאָשען מיט עפעס א באזונדערער אייגנשאפט פון זיין נשמה. אַליאָשאַ האט געוואוינט טאקע אין דעם קעמערל גופא פונ׳ם סטארעץ, וועלכער האט אים זייער האָלט געקראגן און דערלאזן אים צו זיך. מ׳דארף באמערקן, אז אַליאָשאַ איז זייענדיק דעמאלט אינ׳ם מאנאסטיר, נאך מיט קיין זאך ניט געווען פארבונדן, ער פלעגט קאנען ארויס־גיין, וואוהין דאס הארץ האט געלוסט, אפילו אף גאנצע טעג, און אויב ער האט יע געטראגן די ריזע, איז דאס געווען מיטן אייגענעם ווילן, כדי זיך פון קיינעם ניט אפצושיידן אין מאנאסטיר. נאר אוודאי איז דאס אים גופא אויך געפעלן געווארן. אפשר האט אף אַליאָשעס יוגנטלאכן כוח־הדמיון געווירקט אט די קראפט און דער רום, וואס האבן ארומגערינגלט אָן אן אויפהער זיין סטארעץ. וועגן דעם סטארעץ זאָסימאַ פלעגן אסך זאגן, אז ער האט צוליב דעם צולאזן צו זיך אזוי פיל יארן אלעמען, וואס פלעגן קומען צו אים מתודה זיין זייער הארץ, וואס האבן געלעכצט נאך זיין עצה און גוט־ווארט — אז ער האט אף אזוי פיל ארייגעזאפט אין זיין נשמה אנטפלעקונגען, שווערן געמיט און מודה זיין זיך אף זינד, אז ער איז צום סוף געווארן אזא שארפער חוזה, אז ער פלעגט קאנען טרעפן מיטן ערשטן בליק אפן פנים פון דעם פרעמדן, וואס פלעגט קומען צו אים: מיט וואס יענער איז געקומען, וואס ער דארף, און אפילו וואס פאר א פיין אזא עס נאגט זיין געוויסן, און ער פלעגט אפטמאל פארחידושן און מטושטש מאכן, כמעט דערשרעקן דעם קומנדיקן מיט אזא וויסן פון זיין סוד, נאך איידער יענער פלעגט ארויסרעדן א ווארט. דערביי אבער פלעגט אַליאָשאַ כמעט שטענדיק באמערקן, אז אסכען, אלע כמעט, וואס פלעגן אריינקומען צום ערשטן מאל צום סטארעץ

אף דורכצורעדן זיך אונטער פיר אויגן, פלעגן אריינגיין מיט פחד און אומרו, און פלעגן ארויסגיין פון אים כּמעט שטענדיק לויטערע און צופרידענע, און דער פארפינצטערטער פנים פלעגט זיך פאר־וואנדלען אין א גליקלאכן. אליאָשען פלעגט אט אויך דאס שטארק פארגאפן, וואס דער סטארעץ פלעגט זיין גאר ניט שטרענג; אדרבה, ער איז שטענדיק געווען אויפגערוימט אין דער באציאונג. די מאנאכן פלעגן זאגן וועגן אים, אז ער בינדט זיך צו מיט דער נשמה דווקא צו יענעם, וועמ עס איז זינדיקער, און ווער עס איז מער פאר אלעמען זינדיק, יענעם וועט ער מער פאר אלעמען אויך ליב באקומען. צווישן די מאנאכן זיינען געווען אויך אזעלכע, וואס אפילו ביים סוף לעבן פון דעם סטארעץ, זיינען געווען זיינע שונאים און ניט־פארגינער, זיי פלעגן אבער וואס ווייטער ווערן ווייניקער, און פלעגן שווייגן, הגם עס זיינען געווען צווישן זיי עטלאכע גאנץ מיוחסדיקע און אנגעזעענע פערזאנען אין מאָנאַסטיר, ווי למשל, איינער פון די גאר־אמאליקע מאנאכן, א גרויסער שווייגער און א גוואלטיקער תּענית־אפּריכטער. פונדעסטוועגן האט דער גרעסטער רוב שוין געהאלטן בלתּי־ספק פארן סטארעץ זאָסימאַ, און א סכּען פון זיי האבן אים ליב געהאט אפילו בלב ונפש; אנדערע ווידער זיינען געווען צוגעבונדן צו אים כּמעט ווי פאנאטיש, אזוינע פלעגן איינפאך זאגן, אגב, ניט בקול רם, אז ער איז א הייליקער, אז דערין איז שוין גאר קיין ספק ניטא, און פאראויס־זעענדיק דעם נאהנטן סוף זיינעם, האט מען אפילו געווארט פון׳ם נפטר, גאר בקרוב אף נסים און אף א שם גדול פאר אונזער מאָ־נאסטיר. אין דעם כּוח פון סטארעץ צו באווייזן נסים האט געגלויבט אן א שום פארוואס אַליאָשאַ אויך, פונקט אזוי ווי ער האט אויך אן א שום פארוואס געגלויבט אין דער מעשה מיטן ארון, וואס איז פון קלויסטער ארויסגעפלויגן. ער האט געזען ווי א סכּען, וואס פלעגן קומען מיט קראנקע קינדער אדער דערוואקסענע קרובים און בעטן רחמים, אז דער סטארעץ זאל ארויפלייגן אף זיי די הענט און מתפּלל זיין איבער זיי, פלעגן קומען בקרוב צוריק און אנדערע טאקע אפן צווייטן טאג, און אנידערפאלנדיק מיט טרערן פארן סטארעץ און דאנקען אים פארן געגעזון־מאכן זייערע חלאים. אויב עס איז באמת

געווען א געגעזן־מאכן, אדער נאר א נאטירלאכע פארבעסערונג אין דעם פראצעס פון דער קראנקייט — פאר אליאָשען האט דערין קיין פראגע ניט עקזיסטירט, ווארים ער האט שוין געגוג געגלויבט אינ׳ם גייסטיקן כּוח פון זיין רבין, און דער רום פון זיין רבין איז געווען ווי זיין אייגענער טהיאומף. דערהויפּט אבער פלעגט ציטערן בא אים דאס הארץ, און ער פלעגט דער גאנצער ווי שיינען, ווען דער סטארעץ פלעגט זיך באווייזן פארן עולם, וואס פלעגט ווארטן ביים טויער פון סקיט, מענטשן פון פאלק, וואס פלעגן, כּדי צו זען דעם סטארעץ און בענטשן זיך בא אים, צונויפקומען זיך פון גאנץ רוסלאנד. זיי פלעגן זיך א ווארף טאן פאר אים, ווײנען, קושן די פיס זיינע, קושן די ערד, וואו ער שטייט, יאמערן, די ווייבער פלעגן אויס־שטרעקן צו אים די קינדער זייערע, אונטערפירן קראנקע קליקושעס. דער סטארעץ פלעגט רעדן מיט זיי, זאגן א קורצע תּפילה, בענטשן זיי און אפלאזן. די לעצטע צייט פלעגט ער צוליב די ספּאזמעס פון זיין חולאת אפטמאל ווערן אזוי שוואך, אז ער פלעגט קוים זיין בכּוח ארויסצוגיין פון קעמערל און דער המון פלעגט אנאנדערסמאל ווארטן אין מאנאסטיר אף זיין באווייזן זיך צו עטלאכע טעג נאכ־אנאנד. פאר אליאשען איז קיין איין שום קשיא ניט באשטאנען, פאר וואס זיי האבן אים אזוי ליב, פאר וואס זיי פאלן אנידער פאר אים און ווײנען פאר גערירטקייט, דערזעענדיק נאר דאס געזיכט זיינס. א, ער האט זייער גוט פארשטאנען, אז פאר דער עניוותדיקער נשמה פון א רוסישן פאלקסמענטשן, וואס איז געמאטערט פון מי און צרות, און דערהויפּט פון שטענדיקע עוולות און שטענדיקע זינד, סיי פון אייגענע, סיי פון די זינד פון דער וועלט, איז ניטא קיין שטארקערע באדערפעניש און קיין שטארקערע טרויסט ווי צו שאפן זיך א הייליג־קייט אדער א הייליקן, פאלן פאר אים און בוקן זיך צו אים: „אויב מיר זיינען זינדיק און פאלש און געפרווווט, איז פארט פאראן אף דער וועלט דארטן־ערגעץ, וואו עס איז א הייליקער און א העכערער; ער איז דערפאר גערעכטיק, ער ווייס דערפאר דעם אמת: הייסט דאס, אז דער אמת שטארבט ניט אף דער ערד, און דעריבער איז גע־דרונגען, אז אמאל וועט דער אמת אויך צו אונז אראפּקומען און

וועט קיניגן איבער דער גאנצער וועלט, ווי עס איז צוגעזאָגט געוואָרן״. געוואוסט האָט אַליאשאַ, אַז אַזוי טאַקע פּילט און אַזוי טראַכט אַפילו דאָס פאָלק, ער האָט דאָס פאַרשטאַנען; דאָס אָבער, אַז דער סטאַרעץ איז דאָס טאַקע אָט דער גרעסטער צדיק, אָט דער דאַזיקער שומר פון כּביכולס אמת אין די אויגען פון פאָלק — אין דעם איז ער אַליין אויך גאָרניט מסופק געווען, אײנאײנעם מיט אָט אַ די ווײנענדיקע פּויערים און זייערע ווייבער, וואָס שטרעקן אויס צום סטאַרעץ די קינדער זייערע. די זיכערקייט ווידער, אַז דער סטאַרעץ וועט, אָוועקגייענדיק אַפן עולם האמת, ברענגען אַ גוואַלדיקן רום פאַר דעם מאָנאַסטיר, איז געווען אין אַליאשעס נשמה, קאָן זיין, אפשר נאָך שטאַרקער, ווי בא וועמען עס איז אַנדערש אין מאָנאַסטיר. און בכלל האָט די גאַנצע לעצטע צייט עפּעס אַ טיפע, אינווענִיק־פלאַמיקע התלהבות אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פאַנאַנדערגעברענט זיך אין זיין האַרצן. עס האָט גאָרניט געשטערט אים, וואָס דער דאַזיקער סטאַרעץ שטייט פונדעסטוועגן פאַר אים ווי אַ יחיד: „אַלץ איינס, ער איז הייליק, אין זיין האַרצן איז דער סוד פון דעם נתחדש ווערן פאַר אַלעמען, אָט יענער כּוח, וואָס וועט איינשטעלן ענדלאַך דעם אמת אַף דער וועלט — און זיין וועלן אַלע הייליק, און ליב האָבן וועט איינער דעם צווייטן און עס וועלן ניט זיין, ניט קיין רייכע, ניט קיין אָרימע, ניט קיין דערהויבענערע, ניט קיין דערנידעריקטע, נאָר זיין וועלן אַלע קינדער פון גאָט, און עס וועט אַנשטיין די וואָראַפּטיקע קיניגרייך קריסטוסעס.״ אָט וועגן וואָס עס האָט געטרוימט אַליאשעס האַרץ.

אַ פּנים, אַז אַף אַליאשען האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם דאָס קומען פון זיינע ביידע ברידער, וועלכע ער האָט ביז דעמאָלט אינגאַנצן ניט געקענט. מיטן ברודער דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן איז ער זיך צונויפגעגאַנגען גיכער און נעהנטער, הגם ער איז געקומען שפּעטער, ווי מיטן צווייטן (דעם לייבלאַכן) ברודער זיינעם, איוואַן פיאָדאָראָוויטשן. ער האָט זיך גוואַלטיק אינטערעסירט צו דערקענען דעם ברודער איוואַנען, נאָר אָט האָט שוין יענער דאָ געוואוינט צוויי חדשים, און כאָטש זיי פלעגן זיך זען גאַנץ אָפט זיינען זיי זיך

אבער נאך אלץ ניט צונויפגעגאנגען, אליאשא האט אליין אויך געשוויגן און ווי ער וואלט געוואַרט אף עפעס, ווי ער וואלט געשעמט זיך פאר עפעס, און דער ברודער איוואן, כאטש אפילו אליאשא האט אין אנפאנג אויך באמערקט אף זיך זיינע לאנגע און נייגעריקע בליקן, האט, אפנים, אינגיכן גאר אויפגעהערט צו טראכטן אפילו וועגן אים. אליאשא האט עס באמערקט מיט א געוויסער מטושטשדיגקייט. ער האט צוגעשריבן דעם ברודערס גלייכגילטיגקייט דעם אונטערשייד אין זייער עלטער און דערהויפט אין זייער בילדונג. געטראכט האט אליאשא אויך וועגן נאך עפעס: די זעער קנאפע נייגעריגקייט און דאס ווייניק אינטערעסירן זיך מיט אים, קומט אפשר פאר בא איוואנען גאר פון עפעס אינגאנצן פאר אליאשען אן אומבאוואוסטער זאך. עס פלעגט זיך אים עפעס רק דאכטן, אז איוואן איז מיט עפעס־אזוינס פארנומען, מיט עפעס אינערלאכס און וויכטיקס, אז ער שטרעבט צו עפעס א ציל, קאן זיין א זעער שווערן, אזוי אז ער קאן זיך ניט פארנעמען מיט אים, און אז אט דאס איז טאקע די איינציקע סיבה, פארוואס ער קוקט אף אליאשען צעשטרויטערהייט. אליאשא פלעגט זיך פארטראכטן אויך אף דעם: צי איז דא ניטא עפעס א פאראכטונג צו אים, צו דעם נארעלע דעם מאנאכל, מצד דעם געלערטן אטעאיסט. ער האט געוואוסט אף קלאר, אז דער ברודער זיינער איז אן אטעאיסט. מיט דער דאזיקער פאראכטונג, אויב זי איז אפילו יע געוועזן, האט ער זיך נישט געקאנט באליידיקן, ער האט אבער פארט מיט עפעס אן אומפארשטענדלאכער פאר זיך גופא און אומרואיקער מטושטשדיגקייט געוואַרט, ווען וועט דער ברודער וועלן צוגיין צו אים נעהנטער. דער ברודער דמיטרי פיאדאָראוויטש פלעגט זיך אפרופן וועגן דעם ברודער איוואנען מיט דער טיפסטער אכטונג, מיט עפעס א באזונדערער דורכגעדרונגענקייט פלעגט ער רעדן וועגן אים. פון אים טאקע איז דאס דערגאנגען אליאשא אלע פרטים פון יענער וויכטיקער זאך, וואס האט צונויפגעבונדן די לעצטע צייטביידע עלטערע ברידער מיט א מערקווירדיקן און אייגנגן באנד. די התפעלות־דיקע ווערטער דמיטריס וועגן דעם ברודער איוואנען זיינען נאך דעריבער געוועזן כאראקטעריסטישער אין אליאשעס אויגען, מחמת

דער ברודער דמיטרי איז געווען א מענטש, אין פארגלייך מיט איוואנען כמעט גאר ניט קיין געבילדעטער, און אז מ׳וואלט זיי אוועקגעשטעלט איינעם לעבן אנדערן וואלטן זיי פארגעשטעלט... דאכט זיך, אזא בולטן היפך, אלס מענטשן און כאראקטערן, אז, מ׳וואלט אפשר גאר ניט געקאנט צוטראכטן קיין אנדערע צוויי צו זיי, וואס איינער פון דעם אנדערן זאל זיין אזא קאנטראסט. אט אין דער צייט האבן זיך דאס געטראפן, אדער בעסער געזאגט, איז געווען די צונויפקומעניש פון אלע מיטגלידער פון אט דער דאזיקער מאדנער געזינד. בא דעם סטארעץ אין קעמערל, וואס האט געהאט א גוואלטיקע השפעה אף אליאשען, דער גרונט צו אט דער צונויפקומעניש איז, אין תוך, געווען א פאלשער. דעמאלט טאקע האט דמיטרי פיאדאראוויטשעס סכסוך וועגן דער ירושה און וועגן די חשבונות מיט זיין טאטן, פיאדאר פאוולאוויטשן, דער־גאנגען, משמעות, ביז צו אן אוממעגלאכן פונקט. די באציאונגען האבן זיך פארשארפט און זיינען געווארן אומדערטרעגלאך. פיאדאר פאוולאוויטש האט, אפנים, דער ערשטער און, דאכט זיך, מיט ליצנות דערוועקט דעם רעיון, מ׳זאל זיך אלע צונויפקומען ביים סטארעץ זאסימא אין קעמערל און, אויב אפילו ניט קומען צו זיין דירעקטער פארמיטלונג, איז פונדעסטוועגן עפעס פארט לייטישער זיך צונויפצורעדן, און די חשיבות און דער פארנעם פון דעם סטארעץ קאנען משפיע זיין און עס וועט ווערן שלום. דמיטרי פיאדאראוויטש, וואס איז בא דעם סטארעץ קיינמאל ניט געווען און האט אים אפילו ניט געזען, האט א טראכט געטאן, אז מיטן סטארעץ וויל מען אים אזוי ווי דערשרעקן; היות אבער ווי ער גופא האט זיך אויך אויפגעוואָרפן אינדערשטיל פאר אסך באזונדערס שארפע אויסדריקן אין דעם סכסוך מיטן טאטן פאר דער לעצטער צייט, האט ער אנגענומען דעם ארויסרוף. מ׳דארף אגב באמערקן, אז ער געוואוינט האט ער ניט בא דעם טאטן אין הויז, ווי איוואן פיאדאראוויטש, נאר באזונדער, אין דעם אנדער עק שטאט. דא האט פאסירט אזוי, אז פיאטר אלעקסאנדראוויטש, וואס האט צו דער צייט פארבראכט בא אונז, האט זיך גאר שטארק אנגעכאפט פאר

פיאדאר פּאוולאוויטשעס אידעע׳ א ליבעראל פון די פּערציקער און פופציקער יארן׳ א פריידענקער און אן אטעאיסט׳ האט ער׳ אויס לאנגווייליגקייט אפשר׳ און אפשר צוליב לייכטזיניקער ליצנות׳ מיט ברען באטייליקט זיך אין דעם דאזיקן ענין׳ עס האט זיך אים מיטאמאל פאַרוואלט א קוק טאן אפן מאנאסטיר און אפן „הייליקן״׳ היות אבער ווי עס האבן נאך אלץ געדויערט זיינע אלטע סכסוכים מיטן מאנאסטיר און עס האט זיך נאך אלץ געצויגן דער פּראצעס וועגן די גרעניצן פון זיייערע גיטער׳ וועגן עפּעס רעכט פון האקן דעם וואלד און כאפּן פיש אין טייך וכדומה׳ האט ער דאס אויך געזען אויסצוניצן אלס א תירוץ׳ אז ער וואלט גאר אליין אויך וועלן צונויפרעדן זיך מיטן פאטער־איהומען: צי איז ניט מעגלאך ווי עס איז צו פארענדיקן זייער סכסוך בדרך־שלום? אלס גאסט מיט אזוינע גוטע כוונות׳ האט מען׳ פארשטייט זיך׳ געקאנט ווערן אויפגענומען אין מאנאסטיר מיט מער אויפמערקזאמקייט און אינטערעס׳ איידער סתם אלס נייגעריקער מענטש׳ צוליב אט די דאזיקע אלע טעמים האט אויך געקאנט געשאפן ווערן א געוויסע השפעה פון דעם מאנאסטיר גופא אפן קראנקן סטארעץ׳ וואס איז די לעצטע צייט שוין כמעט ווי אינגאנצן ניט ארויס פון קעמערל און ניט אויפגענומען צוליב דער קראנקייט׳ אפילו קיין געוויינלאכע אורחים׳ דער סוף איז געווען׳ אז דער סטארעץ האט געגעבן זיין הסכמה און מ׳האט באשטימט דעם טאג׳ „ווּעמען איז דאס איינגעפאלן׳ אז איך זאל מאכן די חלוקה?״ האט ער נאר א זאג געטאָן מיט א שמייכל צו אליאשען׳

דערוויסנדיק זיך פון אט דער דאזיקער צונויפקומעניש׳ איז אליאשא געווארן זייער צעטראגן׳ אויב עמיצער פון די בעל־תביעות׳ וואס האבן זיך געמשפּט׳ האט געקאנט באציען זיך ערנסט צו אט דעם צוזאמענקומען׳ איז׳ אן א ספק׳ נאר דער ברודער דמיטרי אליין; די אנדערע אבער וועלן קומען צוליב לייכטזיניקע כוונות און וואס זיינען פארן סטארעץ אפשר באליידיקנדיקע׳ — אט וואס עס האט פארשטאנען אליאשא׳ דער ברודער איוואן און מיאוסאוו וועלן קומען אויס נייגעריגקייט׳ אפשר אויס דער סאמער

מגושמדיקסטער נייגעריקייט און דער טאטע זיינער אפשר צוליב עפּעס א קונץ פון א לץ און אז אקטיארי· א׳ כאטש אפילו אליאשא האט געשוויגן׳ ער האט אבער שוין גענוג און טיף געקענט זיין טאטן· איך זאג נאך א מאל׳ דער דאזיקער אינגעלע איז גאר ניט געווען אזא גאטס תם׳ ווי אלע האבן אים געהאלטן׳ מיט א שווער געפיל האט ער געווארט אף דעם באשטימטן טאג· אן א ספק׳ האט ער אין זיך׳ בא זיך אין הארצן זיינעם׳ זעער געזארגט וועגן דעם׳ אז עס זאלן זיך ווי עס איז ענדיקן אט די גאנצע פאמיליען־מחלוקתן· און דאך איז די גרעסטע דאגה זיינע געווען דער סטארעץ: ער האט געציטערט פאר אים׳ פאר זיין שם׳ האט מורא געהאט פאר פּוגע בכבוד זיין אים׳ דערהויפּט פאר מיאוסאווס איידעלן אפלאכן׳ פאר דעם געלערטן איוואנס ניט־דערעדן פון אויבן־אויף׳ אזוי האט זיך אט דאס אלץ פארגעשטעלט פאר אים· ער האט אפילו געוואלט ריזיקירן און מזהיר זיין דעם סטארעץ׳ זאגן אים וואס עס איז וועגן אט די מענטשן׳ וואס דארפן בקרוב אנקומען׳ האט זיך אבער באטראכט און פארשוויגן· האט נאר איבערגעגעבן ערב דעם באשטימטן טאג דורך א באקענטן דעם ברודער דמיטרען׳ אז ער האט אים זעער ליב און אז ער ווארט פון אים׳ אז ער וועט דערפילן׳ וואס ער האט אים צוגעזאגט· דמיטרי האט זיך פארטראכט׳ ווארים ער האט ניט געקאנט דערמאנען זיך׳ וואס אזוינס ער זאל אים האבן צוגעזאגט׳ האט נאר געענטפערט מיט א בריוו׳ אז ער וועט בכל אמצו כוחו זען איינהאלטן זיך „פאר א נְבָלֶה‟׳ און כאטש אפילו ער אכט טיף דעם סטארעץ און׳ דעם ברודער איוואנען׳ איז ער אבער בטוח׳ אז דא שטעקט אדער עפּעס א שפּיצל קעגן אים׳ אדער עפּעס אן אומווערדיקע קאמעדיע· „איכ׳ל אבער פונדעסטוועגן גיכער אפּבייסן די צונג׳ איידער כ׳וועל ניט אפּהיטן דעם דרך־ארץ פארן הייליקן מאן׳ וועלכן דו אכפּערסט אזוי‟׳ האט פארענדיקט דמיטרי זיין בריוועלע· אליאשען האט דער בריוועלע ניט שטארק דערמונטערט·

# צווייטער בוך

## די ניט געהעריקע אסיפה

### I

### אנגעקומען אין מאנאסטיר

עס האט זיך איינגעגעבן א הערלאכער, ווארימער און לויטערער טאג. סוף אווגוסט איז דאס געווען. דעם צונויפקומען זיך מיטן סטארעץ האט מען אפגעמאכט אף באלד נאך דער מיטאג־תפילה, אן ערך אף האלב צוועלף דעם זייגער. אונזערע אורחים פון מאנאסטיר זיינען פונדעסטוועגן צום דאוונען גופא ניט געקומען, נאר זיינען אראפגעפארן פונקט צו עושה שלום. געקומען זיינען זיי אף צוויי עקיפאזשען; אף דעם ערשטן עקיפאזש, אף אן עלעגאנטן וועגל, איינגעשפאנט מיט א פאר טייערע פערד, איז אנגעפארן פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָווי, מיט זיינעם א וווייטן קרובֿ, א גאר יונגן מענטשן, פון א יאר צוואנציק, פיאָטר פאָמיטש קאַלגאנאָוון. דער דאזיקער יונגער מאן האט זיך געגרייט אנצוקומען אין אוניווערזיטעט; מיאוסאָוו אבער, בא וועמען ער האט זיך לעת עתה אויפגעהאלטן, האט אים איינגערעדט פארן מיט אים קיין אויסלאנד, קיין ציריך אדער קיין יענע, כדי דארטן אנצוקומען אין אוניווערזיטעט און ענדיקן. דער יונגער מאן האט זיך נאך ניט אנטשלאסן. ער איז געווען א פארטראכטער און ווי עפעס א צעשטרויטער. דאס געזיכט זיינע איז געווען אן אנגענעמע, דער בוי פון דעם קערפער א פעסטער און דער וואוקס א גאנץ הויכער. אין דעם בליק זיינעם פלעגט אפטמאל פארקומען א מאדנע אומבאוועגלאכקייט: גלייך ווי אלע זעער צעשטרויטע מענטשן, פלעגט ער אפטמאל שארף און א לאנגע צייט קוקן

אף אייך, און דערבײַ לחלוטין נישט זען אייך. געווען איז ער א שווייגעוודיקער און א ביסל אן אומגעשיקטער, עס פלעגט זיך אבער טרעפן — אגב, ניט אנדערש, ווי מיט עמיצן אויג אף אויג — אז ער פלעגט ווערן מיטאמאל זעער רעדעוודיק, היציק, לוסטיק און קוועלן אפטמאל דער אויבערשטער ווייס פון וואס. אבער די דאזיקע לעבעדיקייט זיינע, פלעגט פונקט אזוי האסטיק און פלוצלונג אויסגעלאשן ווערן, ווי האסטיק און פלוצלונג זי פלעגט געבארן ווערן. אנגעטאן איז ער געווען שטענדיק גוט און אפילו עלעגאנט; ער האט שוין געהאט א געוויסן זעלבשטענדיקן פארמעגן און האט געוואָרט אף נאך א סך א גרעסערן, מיט אַליאָשען געווען באפריינדעט.

אף דעם צווייטן עקיפאזש, אף א זעער אלטן, צעקאַליעטשעטן, אבער געראמיקן וועגל, אף א פּאר אלטע סיווע־ראזע פערד, וואס זיינען שטארק אפגעשטאנען פון מיאוסאָווס פור, זיינען אנגעפארן אויך פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש מיט דעם בנאק זיינעם, איוואַן פיאָדאָראָוויטשן. די אורחים האבן געלאזן שטיין די וועגלאך לעבן פארקאן פון דער אכסניה, און זיינען אריין אין דעם טויער פון מאנאסטיר צופוס. אויסער פיאָדאָר פּאוולאָוויטשן האבן, דאכט זיך, די איבעריקע דרייען קיינמאל אפן לעבן ניט געזען קיין שום מאנאסטיר, און מיאוסאָוו איז שוין אפשר פון א יאר דרייסיק ווי ניט געווען אין קלויסטער. ער האט זיך ארומגעקוקט מיט א געוויסער נייגעריקייט, וועלכער עס האט נישט געפעלט קיין געמאכטע פרייקייט אויך. אבער פאר זיין שארפן אויג איז, אויסער די קירכלאכע און פּריוואטע געביידעס, אין דעם הויף פון מאנאסטיר קיין שום זאך נישט געווען, עס איז שוין געגאנגען דער לעצטער עולם פון קלויסטער, מ׳האט אראפּגענומען די היטלען און געצלמט זיך, צווישן דעם המון האט מען גע־קאנט זען אויך אנגעפארענע פון דער מער העכערער געזעלשאפט, א צוויי־דריי דאמען, א זקן א גענעראל; אלע זיינען זיי איינגע־שטאנען אין דער אכסניה, ארימעלייט האבן די רגע ארומגערינגלט אונזערע אורחים, אבער זיי האט קיינער גארנישט ניט געגעבן, מער ניט פּעטרושאַ קאַלגאַנאָוו האט ארויסגענומען פון פארטמאנע א צענ־

קאפיקענעם און, דער אויבערשטער ווייס פארוואס ער האט זיך עפּעס פארשעמט און זיך גענומען איילן, האט ער אריינגעשפּארט אף גיך דעם צענקאפּיקענעם א ווייבל אין האנט, געבנדיק האסטיק א זאג: „צעטיילט זיך אף דער העלפט״, קיין איינער פון זיינע באג־לייטער האט אים קיין זאך ניט געזאגט וועגן דעם, אזוי אז ער האט זיך נישט געהאט וואס צו שעמען; אבער, ווי נאר ער האט דאס באמערקט, האט ער זיך נאך מער פארשעמט.

פונדעסטוועגן איז געווען מאדנע; אין פלוג האט מען אף זיי געדארפט ווארטן און, אפשר אפילו, מקבל פּנים זיין זיי מיט א גע־וויסער פייערלאכקייט: איינער האט נאך גאר ניט לאנג מנדב געווען טויזנט רובל, און דער צווייטער איז געווען א רייכסטער פּריץ און, אזוי צו זאגן, א געבילדעטסטער מענטש, פון וועמען זיי אלע אט דא זיינען אין א געוויסן פּרט אפּגעהאנגען צוליב דער מעשה מיטן כאפּן פיש אין טייך און צוליב דעם, וואס פאר א ווענדונג עס האט געקאנט אנגענעמען דער פּראצעס. און אט איז זיי פונדעסטוועגן קיין איינער פון די אפּיציעלע פּערזאנען ניט מקבל פּנים. מיאוסאָוו האט מיט א צעשטרויטקייט געקוקט אף די מצבות, וואס ארום דעם קלויסטער, און שוין געוואלט זאגן, אז די דאזיקע קברימלאך זיינען זיך, מסתמא, גאנץ טייער באגאנגען די קרובים פארן זכות מקבר צו זיין אין אזא מקום „קדוש״, אבער ער האט פארשוויגן: די פּשוטע ליבעראלע איראניע איז פארוואנדלט געווארן אין אים שוין כמעט אין א כעס.

— צום טייוול, בא וועמען קאן מען זיך דא אבער עפּעס דערוויסן, אין אט דעם מישמאש... מ׳האט געדארפט מאכן א סוף, ווארים די צייט גייט אוועק, — האט ער א זאג געטאן מיטאמאל, ווי רעדנדיק צו זיך אליין.

מיטאמאל איז צוגעגאנגען צו זיי א באיארנטער, פליכעוואטער הער, אין א ברייטן זומערדיקן מאנטל און מיט זיסינקע אייגעלאך. ארונטערגענומען דעם הוט, האט ער מיט א האניק־זיסער שטימעלע זיך פארגעשטעלט פאר אלעמען מיט אמאל אלס פּריץ מאַקסימאָוו פון טולע. תוך כדי דבור האט ער זיך פאראינטערעסירט מיט דער לאגע פון אונזערע אורחים.

— דער סטארעץ זאָסימאַ וואוינט אין סקיט, איינגעשלאסן אין סקיט, א טריט פירהונדערט פון מאנאסטיר, דורכן וועלדל דורכן וועלדל ...

— דאס ווייס איך אויך, אז דורכן וועלדל, — האט אים גע־ענטפערט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, — אבער מיר געדיינקען ניט גאר גוט דעם וועג, שוין לאנג ניט געווען.

— אט דורך דעם טויער, און גלייך מיטן וועלדל ... מיטן וועלדל, קומט, אויב איר ווילט ... איך גופא ... איך אליין ... אט אהער, אהער ...

זיי זיינען ארויס פון טויער און זיינען אוועק דורכן וואלד. דער פריץ מאַקסימאָוו, א מענטש פון א יאר זעכציק, איז ניט וואס מ׳זאל זאגן ער איז געגאנגען, נאר, בעסער געזאגט, איז כמעט ווי געלאפן ביים זייט, באקוקנדיק זיי אלעמען מיט א פיבערדיקער, כמעט אוממעגלאכער נייגעריקייט. אין די אויגן זיינע איז עפּעס אזוינס גלאָצנדיקס געווען.

— איר פארשטייט, מיר קומען צו דעם סטארעץ וועגן אן אייגענעם ענין, — האט שטרענג א זאג געטאן מיאוסאָוו, — מיר האבן, אזוי צו זאגן, באקומען אן אודיענץ „בא דעם דאזיקן מאן", איז כאטש מיר זיינען אייך דאנקבאר פארן וועג, אבער אריין מיט אונז צוזאמען וועלן מיר אייך ניט קאנען פארבעטן.

— איך בין געווען, בין געווען, איך בין שוין געווען ... un chevalier parfait! — און דער פריץ האט געגעבן א לאז ארויס א שנעל אין דער לופט.

— ווער איז דאס דער chevalier? — האט א פרעג געטאַן מיאוסאָוו.

— דער סטארעץ, דער גרויסארטיקער סטארעץ, דער סטארעץ ... רום און ערע דעם מאנאסטיר, זאָסימאַ. דאס איז אזא סטארעץ ...

אבער די אומגעלומפערטע רעדע זיינע האט איבערגעשלאגן א מאנאכל, וואס האט דעריאגט אונזערע אורחים, א מאנאכל אין א מיצל, פון ניט קיין הויכן וואוקס, א זעער בלייכער און מאגערער. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש און מיאוסאָוו זיינען געבליבן שטיין. דער מאָנאַך

האט בא א זעער העפלאכען פארנויג, שיר ביזן גארטל, אנגערופן זיך:

— דער פאטער איהומען בעט אייך אלעמען, מיינע הערן, זעער שטארק, נאך אייער זיין אין סקיט, אריין צו אים שפייזן. איינס א זייגער זיין בא אים, ניט שפעטער. און איר אויך, — האט ער זיך געווענדט צו מאַקסימאָוון.

— דאס וועל איך בלי נדר מקים זיין! — האט אויסגעשריגן פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, מלא שמחה פון דעם פארבעטן זיי, — בלי נדר, און איר ווייסט, מיר האבן זיך אלע געגעבן א ווארט אויפצופירן זיך דא לייטיש . . . און איר, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, איר וועט קומען?

— פארוואס דהינו ניט? נאך וואס בין איך דען געקומען אהער, אויב ניט צו זען אלע זייערע היגע מנהגים. איין זאך איז נאר פאר מיר שווער, טאקע אט דאס, וואס איך בין איצטער מיט אייך, פיאָדאָר פאַוולאָוויטש . . .

— אַוודאי, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז נאך ניטא.

— און עס וואלט געווען גרויסארטיק, ווען ער וואלט אינגאנצן ניט געקומען; ס'איז מיר דען א נחת אט די גאנצע חתונה אייערע, און נאך מיט אייך אלס צוגאב? איז צו מיטאג וועלן מיר זיין, דאנקט דעם פאטער איהומען, — האט ער זיך אַנגערופן צום מאנאכל.

— ניין, איך בין מחויב באלייטן אייך ביזן סאַמן סטאַרעץ, — האט געענטפערט דער מאנאך.

— און איך וועל מיר, אויב אזוי, גיין צום פאטער איהומען, איכ'ל מיר לעת עתה גיין גראד צום פאטער איהומען, — האט גענומען פלאפּלען דער פריץ מאַקסימאָוו.

— דער פאטער איז אצונד פארנומען, נאר ווי איר ווילט — . . האט זיך ניט אַנטשלאָסנערהייט אנגערופן דער מאָנאַך.

— ס'אראַ קלעק אַן אלטעטשקער דאס איז, — האט א זאג געטאן מיאוסאָוו אפן קול, בשעת דער פריץ מאקסימאָוו איז אוועקגעלאפן צוריק צום מאנאסטיר.

— גערעטן אין פאָן־זאָנען, — האט זיך אנגערופן מיטאמאל פיאָדאָר פאַוולאָוויטש.

– אט מער ניט ווי דאס ווייסט איר··· מיט וואס איז ער דאס געראטן אין פאן־זאָנען? וואס, איר גופא האט דען געזען פאָן־זאָנען?

–כ'האב זיין בילדל געזען, כאטש ניט מיט די שטריכן פון געזיכט, איז מיט עפעס, וואסי מ'קאן ניט איבערגעבן, אן אמתע קאפיע פון פאָן־זאָנען, איך דערקען דאך שטענדיק נאר אפן אנבליק אליין.

– און אמאל קאן זיין, איר זייט א בקיא אין דעם, נאר אט וואס, פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, איר האט נאר־וואס אליין געזאגט, אז מיר האבן זיך געגעבן א ווארט אויפצופירן זיך לייטיש, געדיינקט, איך זאג אייך, האלט זיך איין, וועט איר אבער אנהויבן שפילן א לץ, בין איך ניט מרוצה, אז מ'זאל מיך מיט אייך אוועקשטעלן דא אף איין מדרגה··· זעט איר, וואס פאר א מענטש דאס איז, – האט ער זיך אנגערופן צום מאנאך, – איך האב מורא אריינגיין מיט אים אינאיינעם צו אנשטענדיקע מענטשן.

אף די בלאסע, אנבלוטיקע ליפן פון דעם מאָנאַכל האט זיך באוויזן א דינינקער, שווייגנדיקער שמייכעלע ניט אָן גנבהשקייט אין א געוויסער מאס, ער האט אבער קיין זאך ניט געענטפערט, און ס'איז געווען צו בולט, אז פארשוויגן האט ער צוליב דעם געפיל פון אייגענער חשיבות. מיאוסאָוו האט נאך מער פארקנייטשט דעם שטערן.

„א, דער טייוול זאל זיי אלעמען נעמען, ס'אי נאר פון יארהונדערט אן אויסגעארבעטע אויסערלאכקייט, אין תוך אבער שמד־שטיק און שטות,עריי!" האט זיך דורכגעטראגן בא אים אין רעיון.

– אט איז שוין דער סקיט, געקומען! – האָט אויסגעשריען פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, – טיר און טויער פארמאכט.

און ער האָט זיך א לאז געטאן צו לייגן גרויסע צלמים אף זיך פאר די הייליקע בילדער, וואס זיינען געווען אויסגעמאלט בא די זייטן פון טויער און איבער אים.

– אף וואס פאר א פור מ'זיצט, אזא ניגון זינגט מען, – האט ער זיך אנגערופן, – איינגאנצן פראוון דא תיקון אין סקיט א פינף און צוואנציק צדיקים, איינער קוקט אפן צווייטן און עסט קרויט. און קיין איין ווייבס פערזאן קומט דאך ניט ארייין אין דעם דאזיקן טויער אט וואס עס איז דער עיקר א חידוש. און דאס איז דאך ניט סתם גערעדט.

נאך ווי האב איך דאס אייגנטלאך געהערט, אז דער סטארעץ נעמט אויף דאמען? — האט ער זיך מיטאמאל א קער געטאן צום מאָנאַכל.

— פון דעם המון זיינען ווייבס פערזאנען איצטער אויך דא, אן דארטן, זיי ליגן לעבן דער גאלערייקע און ווארטן, אבער פאר די העכערע דאמען זיינען צוגעבויט אט דא גופא אף דער גאלערייקע, אבער מחוץ פון דעם גדר, צוויי צימערלאך, טאקע אט די פענצטער זיינען דאס, און אז דער סטארעץ איז געזונט קומט ער צו זיי ארויס דורך אן אינוועניקסטן איינגאנג, דאס הייסט אבער אלץ מחוץ פון דעם גדר. אט איצטער ווארט דארטן אויך א כארקאָווער פריצטע, פרוי כאָכלאַקאָוואַ מיט איר קראנקער טאכטער. האט מסתמא מבטיח געוועזן ארויסגיין צו זיי, הגם אין דער לעצטער צייט איז ער אזוי אפגעשוואכט געווארן, אז קוים וואס ער באווייזט זיך אפילו פארן פאלק.

— הייסט עס, אז א טירעלע צו די דאמען איז פינדעסטוועגן פארט דא פון סקיט. מיינט ניט, הייליקער פאטער, אז איך פארטראכט עפעס, איך זאג נאר גלאט אזוי. איר ווייסט, אפן אַטאָס, האט איר דאס געהערט, איז ניט נאר וואס קיין ווייבספערזאנען טארן ניט קומען, נאר ווייבספערזאנען טארן בכלל ניט געמאלט זיין, אפילו קיין איין שום ווייבלאכאר מין ניט, ניט קיין הינדעלאך, ניט קיין אינדיטשקעס, ניט קיין קעלבעלאך...

— פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, איך קער זיך אום צוריק און איך וועל אייך דא לאזן איינעם אליין, און אן מיר וועט מען אייך דא ארויספירן פאר די הענט, איך בין דאס אייך מתרה.

— וואס טו איך אייך דען, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש? גיט א קוק; — האט ער מיטאמאל אויסגעשריען, אריבערגייענדיק אף יענעם זייט פארקאן פון סקיט, — גיט א קוק אין וואס פאר א טאל פון רויזן זיי לעבן דאס!

באמת, כאטש אפילו קיין ראזן זיינען איצטער ניט געווען, זיינען אבער געווען א סך זעלטענע און הערלאכע יעסענדיקע בלומען אומעטום, וואו מ'האט זיי נאר געקאנט אָנזעצן. געפלעגט האט זיי קענטיק א געניטע האנט, בלומען-בייטלאך זיינען געווען צווישן די קברים און ארום דעם פארקאן, דאס שטיבל, וואו דעם סטארעץ

קעמערל איז געווען, א הילצערנע שטיבל, אן איינשטאָקיקע, מיט א גאלערייקע פארן אריינגאנג, איז געווען אויך באזעצט מיט בלומען.

— איז דאס געווען אויך פאר דעם פריערדיקן סטארעץ, פאר וואַרסאָנאָפיען? יענער, זאגט מען, האט קיין שיינקייט ניט ליב געהאט, פלעגט אויפשפרינגען, זאגט מען, און הרגענען מיטן שטעקן די ווייבער, — האט זיך אנגערופן פיאדאר פאַוולאָוויטש ארויפהייבנדיק זיך אפן גאַניקל.

— דער סטארעץ וואַרסאָנאָפי פלעגט אפטמאל טאקע באמת זיין מאדנע, אבער מ'דערציילט זיך אָן א סך נארישקייטן אויך, מיטן שטעקן אבער האט ער קיין איין מאל קיינעם ניט געהרגעט, — האט געענטפערט דער מאָנאַכל. — איצטער, רבותי,ווארט אויף א ווײַלינקע, איך וועל געבן צו וויסן פון אייך.

— פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, צום לעצטן מאָל בין איך אייך מתרה, איר הערט! איר זאלט זיך פירן לײַטיש, אניט וועל איך אייך אפגעבן, — האט מיאוסאָוו באוויזן נאך א מאל א מורמל צו טאן.

— איך הייב ניט אן צו פארשטיין, פאר וואס איר זייט דאס אזוי אויפגערעגט, — האט פיאָדאָר פאַוולאָוויטש א זאג געטאן מיט א געשפעט, — מסתמא האט איר מורא פאר די עבירהלך? ער דערקענט דאך, זאגט מען, אן די אויגן נאך, ווער מיט וואס עס קומט. הײַנט גלאט ווי הויך איר שעצט דאס זייער מיינונג, איר, אזא מין פאריזער און פראגרעסיווער הער; פארוואונדערט האט איר מיך אפילו, אט וואס!

אבער מיאוסאָוו האט ניט באוויזן צו ענטפערן אף דעם דאזיקן סאַרקאַזם, מ'האט זיי געבעטן אריינגיין. אריין איז ער א ביסל אן אויפגערייצטער...

„נו, איצט קען איך זיך שוין פארויס, בין אויפגערייצט, וועל נעמען אמפערן זיך... וועל זיך אנהייבן היצן — און וועל סיי זיך סיי די אידעע דערנידעריקן", האט א בליץ געטאן בא אים אין קאפ.

## II

# דער אלטער לץ

זיי זיינען אריין אין צימער כמעט אין איין צייט מיטן סטארעץ׳ וואס איז בא זייער קומען תיכף ארויס פון זיין שלאף־חדרל׳ אין געצעלט האבן נאך פאר זיי געווארט אף דעם סטארעצס ארויסגיין צוויי היעראמאנאכן פון דעם סקיט׳ איינער דער פאטער־ביבליאטעקער׳ און דער צווייטער — פאטער פּאאיסי׳ א מענטש א קראנקער׳ כאטש ניט קיין אלטער אפילו׳ וואס איז אבער געווען׳ ווי מ׳האט גערעדט פון אים׳ א גרויסער למדן׳ חוץ דעם האט געווארט׳ שטייענדיק אין א ווינקעלע (און וואס איז די גאנצע צייט דערנאך אזוי געבליבן שטיין)׳ א יונגער בחור׳ פון א יאר צוויי און צוואנציק אפן אויסזען׳ אין א סורדוט׳ א סעמינאריסט און א קומענדיקער טעאלאג׳ וועמען דער מאנאסטיר און די מאנאכן האבן עפּעס מקרב געווען׳ ער איז געווען א גאנץ הויכער׳ מיט א פרישן געזיכט׳ מיט ברייטע קינבאקן און קלוגע און אויפמערקזאמע שמאלינקע ברוינע אויגן׳ דאס געזיכט האט אויס־געדריקט פולקאמענעם אפשיי׳ אבער אן אנשטענדיקער׳ אָן קיין באשיינפערלאכער חניפה׳ פאר די אריינגעקומענע געסט האט ער זיך אפילו ניט פארנויגט׳ אלס א פערזאן וואס איז ניט זייער גלייכן׳ נאר פארקערט אן אונטערטעניקע און א קלענערע׳

דער סטארעץ זאָסימאַ איז ארויס אין דער באגלייטונג פון א קלויסטער־ברודער און פון אַליאָשען׳ די היעראמאנאכן האבן זיך אויפגעהויבן און מקבל פנים געווען אים מיט א טיפסטער פארנויגונג׳ אנרירנדיק מיט די פינגער די ערד׳ דערנאך׳ נאכן בענטשן זיך׳ האבן זיי א קוש געטאן די האנט זיינע׳ בענטשנדיק זיי׳ האט דער סטארעץ געענטפערט יעדערן אויך פונקט מיט אזא טיפער פארנויגונג׳ אנרירנדיק מיט די אצבעס די ערד׳ און געבעטן בא יעדן זיי זאלן אים אויך בענטשן׳ די גאנצע צערעמאניע איז פארגעקומען זייער ערנסט׳ גארניט ווי עפּעס קיין וואכעדיקער מנהג׳ נאר ווי פון הארצן אפילו׳ בא מיאוסאָוון איז אבער אויסגעקומען׳ אז אלץ ווערט נאר געמאכט מיט דער כוונה׳ כדי צו קאנען האבן

א השפעה. ער איז געשטאנען דער ערשטער פון די, וואס זיינען מיט אים אריינגעגאנגען, וואלט מען אין פלוג געדארפט, — און ער האט דאס נאך אפילו נעכטן אינאוונט באטראכט, — ניט קוקנדיק אף קיין שום אידעען, פון פשוטער העפלאכקייט וועגן (וויבאלד אז דא איז שוין אזא מנהג), צוגיין און בענטשן זיך ביים סטארעץ, לכל הפחות, בענטשן זיך, אויב שוין ניט קושן די האנט. אבער דער־זעענדיק איצטער אט די אלע פארנויגונגען און די קושענישן פון די היעראמאנאכן, האט ער אין איין רגע געביטן דעם באשלוס: וויכטיק און ערנסט, מעשה דזשענטלמאן, האט ער זיך גאנץ טיף פארנויגט און איז צוגעגאנגען צום שטול. פונקט אזוי איז זיך אויך באגאנגען פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, וואס האט דאס מאל ווי א מאלפע אינגאנצן נאכגעקרימט מיאוסאָוון. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט זיך פארנויגט זייער וויכטיק און העפלאך, אבער אויך ווי שטייענדיק אין פראַנט, און קאַלגאַנאָוו האט זיך אזוי פארשעמט, אז ער האט אינגאנצן ניט פארנויגט זיך. דער סטארעץ האט אראפגעלאזן די האנט, וואס ער האט געהאט אויפגעהויבן צום בענטשן זיי, און זיך א נויג געטאן פאר זיי צום צווייטן מאל און געבעטן אלעמען זעצן זיך. אַליאָשען איז אריין דאס בלוט אין פנים. ער האט זיך פארשעמט. די שלעכטע מחשבות זיינע האבן אנגעהויבן מקוים צו ווערן.

דער סטארעץ האט זיך אוועקגעזעצט אף אן אלטפרענקישער לעדערנער קאנאפקע פון רויטן האלץ, און די אורחים, א חוץ דיביידע היעראמאנאכן, האט ער באזעצט בא דער אנטקעגנדיקער וואנט, אלע פירן אין איין זייט, אף פיר רויטע שטולן, באצויגענע מיט שווארצן שטארק אפגעניצטן לעדער. די היעראמאנאכן האבן זיך אנידערגעזעצט בא די זייטן, איינער לעבן טיר, דער צווייטער לעבן פענצטער. דער סעמינאריסט און אַליאָשא און דער קלויסטער־ברודער זיינען געבליבן שטיין. די גאנצע קעמערל איז געווען א זעער ניט קיין גערוימיקע און האט געהאט עפעס אן אפגעלאזענעם אויסזען. סיי די הפצים פון שטוב, סיי די מעבל זיינען געווען גראבע, ארימע און מער ניט ווי דאס סאמע נויטיקסטע. צוויי טעפלאך בלומען אפן פענצטער, און אין ווינקל א סך איקאנעס — איינע פון זיי, גאטס־מוטער, פון

א גוואלדיקן היקף און געמאלט, אפנים, נאך א לאנגע צייט פאר דער שפאלטונג אין דער קירכע, פארן הייליק בילד האט געריוועט א לעמפעלע,ביים זייט פון אים צוויי אנדערע איקאנעס מיט לויכטנדיקע ריזעס, לעבן זיי ווידער צוויי כרובימלאך, אייעלאך פון פארצעלאן, א קאטוילישער צלם פון העלפאנטביין מיט דער Mater Dolorosa, וואס נעמט אים ארום, און אויסער דעם זיינען נאך געהאנגען עטלאכע אויסלענדישע גראוויורן פון גרויסע איטאליענישע קינסטלער פון די פארגאנגענע יארהונדערטן. לעבן אט א די פרעכטיקע און טייערע גראוויורן האבן שעמערירט נאך עטלאכע בלעטער פון הייליקע, פון קדושים, צדיקים וכדומה פון די סאמע פאלקסטימלאכע רוסישע ליטאגראפיעס, וואס פארקויפן זיך צו פאר גראשן אף אלע מערק. עס זיינען נאך געווען עטלאכע ליטאגראפישע פארטרעטן פון איצטיקע און פריערדיקע רוסישע ארכיערעען, וואס זיינען שוין אבער געהאנגען אף די אנדערע ווענט. מיאוסאָוו האט אין א כהרף עין באקוקט אט די גאנצע „סקארבאוושטשינע” און האט זיך מיט א שארפן בליק איינגעגעסן אין דעם סטארעץ. ער האם געאכט זיין בליק, ער האט געהאט אט די דאזיקע שוואכקייט, וואס מ׳האט אים בכל אופן געקאנט מוחל זיין, נעמענדיק אין רעיון, אז ער איז שוין אלט געווען פופציק יאר, — אן עלטער, אין וועלכן א קלוגער, וועלטלאכער און פארזארגטער מענטש הויבט אן תמיד באציען זיך צו זיך מיט מער דרך ארץ, אפטמאל ניטוווילנדיק אפילו.

פון דער ערשטער רגע אָן איז אים דער סטארעץ ניט געפעלן געווארן. באמת, עס איז עפעס אזוינס געווען אין דעם סטארעצס פנים, וואס עס וואלט אסכען, חוץ מיאוסאָוון, אויך ניט געפעלן געווארן. דאס איז געווען א ניט קיין הויכער איינגעהויקערטער מענטש מיט זייער שוואכע פיס, אלט געווען סך־הכל פינף און זעכציק יאר, וואס האט אבער אויסגעזען צוליב דער קראנקייט א סך עלטער, לפחות אף א יאר צען. דאס גאנצע געזיכט זיינע, אגב א זייער אפגעצערטע, איז געווען באזייט מיט דראבנינקע קנייטשעלאך, וואס זיינען דערהויפט געווען א סך ארום די אויגן. די דאזיקע אויגן ווידער זיינען געווען ניט קיין גרויסע, העלע, שארפע און בליצנדיקע אזוינע, ווי עפעס

צוויי בליצנדיקע פונקטן. די גרויאינקע הערעלאך זיינען נאך געווען בלויז אף די שלייפן, דאס בערדל א קליינטשקע און שיטערינקע, א שארפע, ווי א קלין, און די אפט שמייכלענדיקע ליפן זיינען געווען דינינקע, ווי צוויי שפאגאטלאך. די נאז איז ניט וואס מ׳זאל זאגן געווען א לאנגע, נאר א שארפינקע אזא, פונקט ווי בא א פויגעלע.

„לויט אלע סימנים נאך א שלעכטער און פארביסענער נפשל״, איז א דורכגעפלויגן בא מיאוסאָוון אין רעיון. ער איז בכלל געווען שטארק ניט צופרידן מיט זיך.

דער זייגער האט געשלאגן און דאס האט געהאלפן אנצוהויבן דעם שמועס. עס האט אפגעפויקט מיט א גיכן קלאפן אף דעם וואל־וועלן קליינינקן וואנט־זייגער וואס מיט די געוויכט פונקט צוועלף.

— אקוראט די ריכטיקע צייט, — האט אויסגעשריען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, — און דער זון מיינער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז נאך אלץ ניטא. איך אנטשולדיק זיך פאר אים, הייליקער סטארעץ! (האט זיך טאקע דער גאנצער אַליאָשא א צאפל געטאן פון אט דעם דאזיקן „הייליקן סטארעץ״). איך גופא אבער בין תמיד פינקטלאך, א מינוט אין א מינוט, ווויסנדיק, אז זיין פינקטלאך איז די העפלאכקייט פון מלכים . . .

— אבער איר זייט דאך, על כל פנים, ניט קיין מלך, — האט א מורמל געטאן, תיכף ניט איינהאלטנדיק זיך, מיאוסאָווו.

— יע, אמת, ניט קיין מלך, און שטעלט זיך פאר, פיאָטר אַלעקסאַנ־דראָוויטש, איך האב דאך דאס אליין אויך געוואוסט, בנאמנות! און פונדעסטוועגן וועל איך אייך תמיד עפעס ארייננבראקן ניט צום דרך! געאכפערטער פאטער! — האט ער אויסגערופן מיט עפעס א פלוצלונג־דיקן פאטאס, — איר זעט פאר זיך א לץ, א לץ בנאמנות! אט אזוי טאקע שטעל איך זיך פאָר פאר אייך. אן אלטע רגילות, אָ ווײ! און דאס וואס איך לייג אנאנדערסמאל סתם אין דער וועלט אריין, איז דאס מיט א כיוון, מיט א כיוון לוסטיק צו מאכן און זיין אנגענעם. מ׳מוז דאך זיין אזוי, ניט אמת? מיט א יאר זיבן צוריק קום איך צופארן אין א שטעטל, מ׳האב געהאט עסקימלאך דארטן, און געמאכט מיט דעם און יענעם סוחר חברותא. גייען מיר צום איספראווניק, ווייל מ׳האט געדארפט עפעס אנקומען צו אים און פארבעטן אים צו

זיך אף צובייסן. גייט ארויס דער איספראווניק, א הויכער, א דיקער, א בלאנדער און עפּעס אן אנגעבלאָזענער אזא, — די סאמע געפּער־לאכסטע פארשווינען אין א זוינע פאלן. גיי איך מיר גלייך צו צו אים און איך גיב א זאג פראנק און פריי: „הער איספראווניק, זייט אזוי צו זאגן, אונזער נאפּראַווניק!״ — „וואס פאר א נאפּראווניק, זאגט ער, זאל איך דאָס זיין?״ איך זע שוין פון דער ערשטער רגע אָן, אז די מעשה האט ניט געגאלטן. ער שטייט א שטרענגער מיט א פּאר אויסגעשטעלטע אויגן: „איך האב געוואלט, זאג איך, נאר טרייבן א ביסל קאטאוועס, לוסטיק מאכן דעם עולם, ווארים דער ה׳ נאפּראווניק איז דאך אונזער באוואוסטער רוסישער קאפּעלמייסטער, און מיר דארפן טאקע איצטער צו דער הארמאניע פון אונזער עסק אויך עפּעס א מין קאפּעלמייסטער״ . . . איך האב דאך געגעבן א קלוגן פּירוש און ביישפּיל, ניט אמת? „האט קיין פּאראיבל ניט, זאגט ער, איך בין א איספראווניק און קיין וויצן פון מיין טשין וועל איך ניט דערלויבן צו מאכן״. און האט זיך געגעבן א דריי און איז אוועק. שריי איך נאך: „יאָ, יאָ, איר זייט א איספראווניק, ניט קיין נאַ־פּראווניק״, — ניין, זאגט ער, וויבאלד אז איר האט שוין געזאגט, בין איך שוין א נאפּראווניק״. און מאלט אייך, דער ענין אונזערער איז טאקע דעריבער בטול געווארן. און אט אזוי בין איך אייך עפּעס כסדר, אט שטענדיק בין איך אייך עפּעס אזוי און איך וועל אייך ניט אנדרערש ווי זיך גופא קאליע מאכן מיט מיין פראנדלאכקייט! — אמאל, דאָס איז שוין א מעשה מיט א סך יארן צוריק, רוף איך זיך אָן צו א גאר וויכטיקער פּערזאָן אפילו: „אייער ווייב, מיין הער, איז א קיצלדיקע פרוי״, — דאס הייסט אין דעם פּרט פון ערע, פון די גייסטיקע אייגנשאפטן, אזוי צו זאגן, און ער גיט אייך א זאג אָן שהיות: „וואס, איר האט זי געקיצלט״? איך האב זיך ניט איינגעהאלטן און גיב מיר א טראכט, לאמיר אקארשט פארשאפן אים א שטיקל נחת: „יאָ, זאג איך, כ׳האב געקיצלט״, נו, איז האט ער מיר טאקע א קיצל־געטאן . . . ס׳איז שוין אבער א שטיק־צייט, אזוי אז ס׳איז שוין גאר ניט קיין חרפּה צו דערציילן אפילו; איז אט, ווי איר זעט, וועל איך אייך מיר אויביק קאליע מאכן!

— איר טוט דאס איצטער אויך, — האט מיט עקל א מורמל געטאן מיאוסאָווי.

דער סטאַרעץ האט זיי ביידן באקוקט שווייגנדיקערהייט.

— א משל! מאלט אייך, אז איך האָב דאך דאס אויך געוואוסט, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, און איר ווייסט: כ׳האָב אפילו געשפּירט וואס איך טו, ווי נאר איך האב אנגעהויבן צו רעדן, און איר ווייסט, כ׳האב אפילו געשפּירט, אז איר טאקע וועט זיך דער ערשטער ארויסכאפּן אויף, אין אט די מינוטן ווען איך שפּיר, אז קיין וויץ גיט זיך מיר ניט איין, הויבן זיך אן בא מיר, געאכפּערטער פאטער, די באקן צו צוטריקענען צו די אַסליעס, איך געפין זיך עפּעס ווי אין א קדחת; בא מיר איז דאס שוין פון יוגנט אן, בעת איך בין נאך געווען בא די פּריצים אף לאסקאווע, איך בין א לץ פון שרש אן, זינט איך בין געבארן געווארן, אט עפּעס אלץ איינס, געאכפּערטער פאטער, ווי א מין חסר דעה, איך אמפּער זיך ניט, אז עס קאן זיין אז א ניט־גוטער זיצט אין מיר אויך, אגב — ניט קיין מהודרדיקער, ער וואלט געקאנט קריגן פאר זיך עפּעס א חשובדיקערע דירה, אבער ניט אייערע, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, ווארים איר זייט דאך אויך ניט קיין כּפל־שמונהדיקע דירה. דערפאר אבער גלויב איך, אין גאט גלויב איך, מער ניט אין דער לעצטער צייט האבן זיך מחשבות זרות ארייַנגעגנבעט, זיץ איך טאקע איצטער דעריבער און איךווארט אף הייליקע ווערטער, איך בין, געאכפּערטער פאטער, פּונקט ווי דער פילאזאף דידעראט. ווייסט איר די מעשה, הייליקסטער פאטער, ווי דער פילאָזאָף דידעראט איז ארופגעקומען צום מיטראָפּאָליט פּלאַטאָן אין די צייטן פון יעקאַטערינא די קיסרן? ער גייט אריין און גיט גלייך א זאג: „ס׳איז ניטא קיין גאט‟. אף וואס דער גרויסער צדיק האט אויפגעהויבן דעם אצבע און אנגערופן זיך: „אמר נבל בלבו אין אלקים!‟, איז ווי יענער איז געשטאנען, ט׳ער זיך געגעבן אַ ווארף צו די פיס און האט אויסגעשריען: „איך גלויב, און איך וועל זיך טויפן‟. האט מען אים גלייך טאקע אפן ארט געטויפט. די פירסטן דאַשקאָוואַ און און פּאָטיאָמקין זיינען געווען די טויף־עלטערן!...

— פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, מ׳קאן דאס ניט אריבערטראגן! איר

ווייסט דאך אליין׳ אז איר לייגט׳ און אז אט די נארישע מעשה איז דאך א שקר׳ צו וואס מאכט איר שטיק? — האט מיט א ציטערדיקער שטים׳ זיך שוין אינגאנצן ניט איינהאלטנדיק׳ א זאג געטאן מיאוסאָווי.

— כ׳האב דאס גאנץ לעבן געשפירט׳ אז ס׳איז א שקר! — האט מיט התפעלות אויסגערופן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש׳ — איך וועל אייך׳ דערפאר זאגן׳ מיינע הערן׳ דעם גאנצן אמת׳ גרויסער סטאַרעץ! זייט מיר מוחל׳ איך האב די לעצטע מעשה׳ מיט דידעראָטס טויפונג׳ אט איצטער אליין פארפאסט׳ טאקע די רגע׳ בשעת כ׳האב דערציילט׳ און פריער איז מיר גאר אפילו קיינמאל אין רעיון ניט איינגעפאלן׳ איך האב דאס צוליב פּיקאנטקייט פארפאסט׳ צוליב דעם טאקע ברעך איך זיך׳ פּיאָטר אַלעקסאנדראָוויטש׳ כּדי פריינטלאכער צו זיין׳ נאר אגב ווייס איך גאר אליין אויך ניט צוליב וואס איך טו דאס׳ נאר וואס ס׳איז שייך מיט דידעראטן׳ האב איך אט דעם „אמר נבל בלבו" א מאל צוואנציק געהערט טאקע פון די היגע פריצים נאך אין מיינע יונגע יארן׳ ווען איך בין בא זיי געווען; פון אייער מומינקע׳ פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש׳ פון מאַווראַ פאָמינישנאַ׳ האב איך איבעריגנס אויך געהערט׳ זיי גלויבן נאך אלע עד היום׳ אז דער כופר בעיקר דידעראט איז געקומען צום מיטראָפּאָליט פּלאַטאָן׳ כדי מתוכח זיין זיך וועגן גאט׳

מיאוסאָוו האט זיך אויפגעהויבן׳ ער האט ניט נאר וואס פארלאָרן די געדולד׳ נאר אפילו ווי פארגעסן זיך דער גאנצער׳ ער איז געווען אין א שגעון און האט געוואוסט׳ אז מיט דעם גופא איז ער קאָמיש׳ באמת׳ אין דעם קעמערל איז פארגעקומען עפעס אזוינס׳ וואס איז גאר לחלוטין שווער זיך משער צו זיין׳ אין אט דעם זעלביקן קעמערל׳ פלעגן זיך שוין אפשר פון א יאר פערציק אדער פופציק׳ נאך פאר די פריערדיקע סטארצעס׳ צונויפקומען אורחים׳ אבער שטענדיק מיט דעם טיפסטן יראת הכבוד׳ גאר ניט אנדערש׳ כמעט אלע׳ ווען מ׳פלעגט צולאזן׳ פלעגן ארייגייענדיק אין געצעלט׳ פארשטיין׳ אז דערמיט גופא טוט מען מיט זיי א גרויסן חסד׳ אַסכען פלעגן זיך א ווארף טאן אף די קני און בלייבן אזוי די גאנצע צייט׳ אסכען פון דער „העכערער" וועלט אפילו און אפילו פון די גרעסטע

געלערנטע, און ניט נאר זיי נאר פריידיינקער אפילו, וואס פלעגן קומען סיי צוליב נייגעריקייט, סיי צוליב אן אנדער טעם, פלעגן ביים ארייַנגיין מיט אלעמען צוזאמען אין קעמערל, אדער באקומענדיק אליין אן אוידיענץ, האלטן פאר זייער ערשטן חוב, יעדער איינציקער, צו האבן דעם טיפסטן דרך ארץ און אפהיטן די גרעסטע איידלקייט אין דער גאנצער צייט פונ׳ם צוזאמענקומען, ווער רעדט נאך, אז קיין געלט איז דא קיין מנהג ניט געווען, א חוץ נאר ליבשאפט און רחמים פון איין זייט און פון דער אנדערער — תשובה און דורסט אף צו פארענטפערן עפעס א שווערע פראגע פון דער נשמה אדער א שווערן מאָמענט אינ׳ם לעבן פון דעם אייגענעם הארץ. אזוי אז אזא מין ליצנות מיטאמאל, ווי פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האט ארויסגע־וויזן, וואס איז געווען אומווערדיק לגבי דעם ארט, וואו ער האט זיך געפונען, האט ארויסגערופן בא די עדות, על כל פנים בא א טייל פון זיי, א מטושטשדיקייט און א פארוואונדערונג. די היעראמא־נאכן האבן, אגב ניט בייטנדיק לחלוטין זייער אויסדרוק, מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, צוגעקוקט זיך וואס וועט זאגן דער סטארעץ, און האבן זיך שוין אבער אפנים אויך געקליבן אויפצו־שטיין, ווי מיאוסאָוו. אַליאָשאַ איז געווען גרייט זיך פאנאנדערצו־ווייַנען און איז געשטאנען מיט אן איינגעגראבענעם קאפ. מאדנער פאר אלץ האט אים אויסגעזען אט דאס, וואס דער ברודער זייַנער, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, דער איינציקער אף וועמען ער האט געהאפט און וועלכער אליין האט נאר געהאט אזא השפעה אף דעם טאטן, וואס וואלט אים געקאנט אפשטעלן, איז געזעסן איצטער ניט צו רירן זיך פון ארט אף זיין שטול, מיט אראפגעלאזענע אויגן, און האט, ווייזט אויס, מיט עפעס א נייגעריקייט פול מיט תשוקה אפגע־ווארט, מיט וואס דאס וועט זיך אלץ פארענדיקן, פונקט ווי ער אליין וואלט דא געווען לחלוטין א פרעמדער מענטש. אף ראַקיטינען (דעם סעמינאריסט), אַליאָשעס אויך א גוטן באקענטן און כמעט ווי נאהנטן, האט אַליאָשאַ אפילו א קוק טאן ניט געקאנט: ער האט געוואוסט זיינע מחשבות (כאטש געוואוסט האט זיי איין אַליאָשאַ אין דעם גאנצן מאָנאַסטיר).

— זייט מוחל ··· — האט אנגעהויבן מיאוסאָווי ווענדנדיק זיך צום סטארעץ׳ — וואס איך זע פאר אייך אפשר אויך אויס ווי אן אנטייל־נעמער אין אט דעם נבֿלהדיקן שפיל· דער גרייז מײַנער איז אט דער׳ וואס איך האב געגלויבט׳ אז אפילו אזוינער׳ ווי פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש׳ וועט זייענדיק בא אזא געאכפערטער פערזאן וועלן פארשטיין זיינע התחיבותן··· ס׳איז מיר ניט איינגעפאלן׳ אז עס וועט אויסקומען בעטן אנטשולדיקונג גראד דערפאר׳ וואס דו גייסט ארײַן מיט אים···

פיאָטר אַלעקסאנדראָוויטש האט ניט דערדערדט׳ און עפעס אינגאנצן א צעטומולטער ט׳ער געוואלט ארויסגיין פון צימער·

— באאומרואיקט זיך ניט׳ איך בעט אייך׳ — האט זיך דער סטארעץ מיטאמאל אויפגעהויבן פון ארט אף זיינע שוואכע פיס און האט אנגענומען פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן פארביידע הענט און ווידער אוועקגעזעצט אים אפן שטול· — זייט רואיק׳ איך בעט אייך׳ דער עיקר בעט איך אייך טאקע צו זיין מיין גאסט׳ — האט ער זיך פארנויגט פאר אים און א קער געטאן זיך און זיך געזעצט צוריק אף זיין קאנאפקאלע·

— גרויסער סטארעץ׳ לאזט וויסן׳ צי איך בין אייך פוגע בכבוד מיט מיין לעבעדיקייט צי ניט ? — האט מיטאמאל אויסגעשריען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש׳ אנכאפנדיק זיך מיט ביידע הענט פאר די הענטלאך פון שטול· עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך געקליבן גלייך מיטן ענטפער געבן א שפרונג־ארויס פון שטול·

— איך בעט אייך אויך זעער באאומרואיקט זיך ניט און שטערט זיך ניט׳ — האט זיך דער סטארעץ אנגערופן צו אים מיט הארץ׳ — שטערט זיך ניט׳ זייט ממש ווי אינדערהיים· און דער עיקר שעמט זיך ניט אזוי מיט זיך אליין׳ ווארים נאר דערפון טאקע קומט אט דאס אלץ ארויס·

— ממש ווי אינדערהיים ? דאס הייסט זיין אט אזוי ווי איך בין נאטירלאך ? אָ׳ דאס איז א סך׳ ס׳איז צופיל׳ אבער — מיט א גער־רירטקייט בין איך דאס מקבל ! איר ווייסט׳ געבענטשטער פאטער׳ אזוי ווי איך בין נאטירלאך׳ דערלאזט מיך ניט׳ שטעלט ניט אין

קאָן··· דערצו, ווי איך בין, וועל איך אליין אויך ניט דערגיין, דאס בין איך מתרה, כדי אייך צו פארהיטן. נו, און אויסער דעם געהערט נאך אַלץ דער טונקעלער פארבארגנקייט, כאטש אפילו אנדערע וואלטן מיך געוואלט צעלייגן אף טעלערלאך, דאס מיין איך אייך טאקע, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, און פאר אייך, גרויסער צדיק, פאר אייך, גיס איך אויס מיין התלהבות, אט וואס! — ער איז אויפגעשטאנען און האט, אויפהייבנדיק די הענט אין דער הויך, א זאג געטאן: — «געבענשט איז די טראכט, וואס האט דיך געטראגן, און די בריסט, וואס האבן דיך געזויגן», דערהויפט די בריסט! איר האט מיך אט ערשט מיט די ווערטער אייערע: „ניט שעמען זיך אזוי מיט זיך אליין, ווארים נאר דערפון קומט אט דאס אלץ ארויס" — איר האט מיך מיט אט די ווערטער ווי א דורכגעשטאכן און איבערגעלייענט בא מיר אלץ אינוויינסיק, אט דאס טאקע דאכט זיך מיר רק, ווען איך גיי אריין צו מענטשן, אז איך בין דער נידעריקסטער פון אלעמען, און אז אלע נעמען מיך אן פאר א לץ, איז אט, „לאמיך טאקע באמת אפשפילן א לץ, איך האב פאר אייך קיין מורא ניט, ווארים איר אלע ביז איינעם זייט נאך חוצפהדיקער פאר מיר!" אט דעריבער טאקע, גרויסער סטארעץ, בין איך א לץ, פאר שאנדע בין איך א לץ, פאר שאנדע, פון דעם שטענדיקן איבערטראכטן אליין ווילדעווע איך, ווארים ווען איך וואלט נאר געווען זיכער, בשעת איך גיי אריין צו מענטשן, אז אלע וועלן מיך די שטעל אננעמען פאר דעם ליבסטן און קליגסטן, — גאטעניו, וואס פאר א גוטער מענטש איך וואלט דעמאלט געווען! רבי! — האט ער זיך מיטאמאל געגעבן א זעץ־אוועק אף די קני, — וואס זאל איך טאן, כדי איך זאל זוכה זיין צו עולם הבא?

ס׳איז איצטער אויך שווער געווען צו זאגן: צי ער האט דאס געטריבן קאטאוועס, צי ער איז טאקע געווען באמת אין אזא התלהבות?

דער סטארעץ האט אויפגעהויבן אף אים די אויגן און אנגערופן זיך מיט א שמייכעלע:

— איר ווייסט אליין שוין פון לאנג, וואס מ׳דארף טאן, שכל

האט איר געגוג: לאזט זיך ניט אריין אין קיין שכרות, אין קיין לשון הרע, גיט זיך ניט איבער קיין תאוות, און דער עיקר דינט ניט דעם גאלדענעם עגל, און פארמאכט אייערע שיינקען, אויב איר קאנט ניט אלע, איז כאטש א צוויי־דריי. און דער עיקר, דער עיקר פון אלע עיקרים איז — לייגט ניט.

— דאס מיינט איר, מיט דידעראטן, מסתמא?

— ניין, ניט נאר דידעראטן, דער עיקר, לייגט ניט זיך גופא. דער וואס לייגט זיך גופא און הערט זיך צו צו זיין אייגענעם שקר דערגייט דערצו, אז ער קלייבט שוין ניט פאנאנדער קיין שום אמת הן אין זיך, הן ארום זיך, און ער הערט אויף דערייבער צו אכטן אי זיך, אי די אנדערע. און וויבאלד אז ער אכט ניט, הערט ער אויף ליב צו האבן אויך, און ניט האבנדיק קיין ליבשאפט, לאזט ער זיך אריין, כדי עפעס צו טאן און צו פארנעמען זיך, אין תאווה און אין מגושמדיקע אויסגעלאסנקייט און ער דערגייט אין זיינע זינד גארניט צו קיין מענטשלאכן פרצוף, און קומען קומט דאס פאר אלץ צוליב דעם, וואס ער לייגט שטענדיק, סיי לייטן, סיי זיך גופא. דער וואס לייגט זיך גופא קאן זיך פריער פאר אלעמען באליידיקן אויך, ווארים באליידיקן זיך איז אפטמאל א גרויסער תענוג, ניט אמת? און כאטש אפילו ער ווייס, אז קיינער האט אים ניט פוגע בכבוד געווען, נאר אז ער גופא האט זיך אויסגעטראכט אט די באליידיקונג און ט'אנ־געלייגט צוליב שיינקייט ווען, האט אליין מגזם געווען, כדי צו שאפן א בילד, האט זיך צוגעבונדן צו א ווארט און געמאכט פון דעם א גאנצן פירוש, — כאטש אפילו ער ווייס דאס אליין, און פונדעסט־וועגן באליידיקט ער זיך דער סאמער ערשטער, באליידיקט זיך ביז צו מתיקות, ביז צו שפירן א גרויסן תענוג, און דורכדעם גופא דער־גייט ער שפעטער צו אמתער שנאה... שטייט דאך אויף, זעצט זיך, איך בעט אייך זער, ווארים אט א דאס אלץ זיינען דאך אויך ניט מער ווי פאלשע העוויות.

— געבענטשטער מאן! גיט מיר אייער הענטעלע א קוש טאן, — איז אונטערגעשפרונגען פיאָדאָר פאַוולאָוויטש און ט'האסטיק א טשמאָקע געטאן דעם סטארעץ זיין דארינקע האנט. — געוויס,

געוויס איז א גרויסער תענוג צו באליידיקן זיך. דאס האט איר אזוי גוט געזאגט, אז איך האב נאך קיינמאל ניט געהערט אזוי. אוודאי, אוודאי פלעג איך טאקע דעם גאנצן לעבן באליידיקן זיך ביז צו מתיקות, צוליב עסטעטיק וועגן פלעג איך זיך באליידיקן, ווארים ס'איז ניט נאר א מתיקות, נאר אפטמאל איז אפילו שיין צו זיין א באליי־דיקטער — אט וואס איר האט פארגעסן צו זאגן, גרויסער סטארעץ: ס'איז שיין! דאס וועל איך אין ביכל פארשרייבן! אוודאי האב איך געלייגט, געלייגט, ממש דעם גאנצן לעבן מיינעם, ווי בא גאט א טאג און ווי בא גאט א שעה. אף מיין הן, אז איך בין א שטיק שקר און כ'בין דער פאטער פון שקר! אגב, דאכט זיך, ניט דער פאטער פון שקר, דאס פלאנטער איך זיך רק אין נוסח, נו, איז כאטש דער זון פון שקר, דאס איז אויך גענוג. נאר ... מלאך מיינער ... וועגן דידעראטן מעג מען א מאל! דידעראט וועט ניט שאַדן, אָן אנדער ווערטל אבער קאן יא שאַדן. נאר אט וואס איך האב אגב פארגעסן, גרויסער סטארעץ, און איך האב נאך דאס פון פאר דריי יארן גענומען אף זיך, פרעגן אט א דא, טאקע קומען אהער און בפירוש דערגיין און דערוויסן זיך: איר וועט אבער, אזוי גוט זיין, הייסן פיאָטר אלעקסאַנדראוויטשן ניט איבערצושלאָגן מיך. אט וואס איך וועל בא אייך פרעגן: צי איז דאס אן אמת, גרויסער פאטער, — אז אין טשעטיע־מינעאי שטייט ערגעץ געשריבן וועגן א צדיק א בעל־מופת, וועמען מ'האט געפייניקט פארן גלויבן, און אז מ'האט אים לסוף אפגעהאקטן דעם קאפ, האט ער זיך אנידערגעשטעלט און אויפגעהויבן אים, און „האט אים מיט אהבה געטאן קושן" און איז א לאנגע צייט ארומ־געגאנגען מיטן קאפ אין האנט און „האט אים מיט אהבה געטאן קושן", איז דאס אמת צי ניט, הייליקע פאטערס?

— ניין, ניט אמת, — האט געזאגט דער סטארעץ.

— אין גאנץ טשעטיע־מינעאי איז קיין זאך ניטא דערפון. וועגן וועלכן צדיק, זאגט איר, שטייט דאס געשריבן? — האט געפרעגט דער היעראמאָנאך, דער פאטער־ביבליאטעקער.

— איך ווייס אליין ניט וועגן וועלכן. ניט איך ווייס און ניט איך האב געוואוסט. מ'האט מיך אפגענארט, כ'ווייס, מ'האט גערעדט, איך

האב געהערט און, ווייסט איר, ווער עס האט דאס דערציילט? טאקע פיאָטר אלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָוו, וואס האט זיך אקארשט וועגן דידעראטן צעכּעסט, אט ער טאקע האט דאס דערציילט.

— איך האב אייך דאס קיינמאל נישט דערציילט, און איך רעד גאר קיינמאל נישט מיט אייך.

— אמת, אז איר האט דערציילט ניט מיר; נאר איר האט דערציילט צווישן אן עולם, וואו איך בין אויך געווען, פארגעקומען איז די מעשה פאר פיר יארן. איך געדיינק דאס דערהפאר, ווארים אט מיט דער לוסטיקער מעשה אייערער האט איר מיין גלויבן צע־טרייסלט, פיאָטר אלעקסאַנדראָוויטש. איר האט ניט געוואוסט דערפון, איר׳ט ניט געוואוסט, און איך בין געקומען צוריק א היים מיט א צע־טרייסלטן גלויבן און פון דעמאלט אן ווערט פון מיר וואס ווייטער און ווייטער א גרעסערער תּל. יאָ, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, איה זייט די סיבה פון מיין גרויסן נכשל ווערן. דאס איז שוין אייך ניט דידעראָט!

פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האט זיך פּאַטעטיש צעהיצט, כאטש אפילו ס׳איז שוין פאר אלעמען געווען קלאר, אז ער מאכט זיך ווידער. מיאוסאָוון האט דאס אבער פונדעסטוועגן געגעבן א שארפן שטאך.

— ס׳ארא שטותערײ, ס׳ארא שטותערײ דאס איז אלץ, — האט ער געמורמלט. — איך האב אפשר יא ווען עס איז געזאגט... אבער ניט אייך. מ׳האט מיר גופא אויך דערציילט. דאס האב איך גע־הערט אין פאריז פון איינעם א פראנצויז, אז מען זאגט דאס כלומרשט בא אונז אין טשעטיע־מינעאי ביים דאוונען... דאס איז א זעער געלערנטער מענטש, וואס האט ספּעציעל שטודירט די סטאטיסטיק פון רוסלאנד... ט׳געלעבט א לאנגע צייט אין רוסלאנד... איך גופא האב דעם טשעטיע־מינעאי ניט געלייענט... און כ׳וועל גאר ניט אנהויבן צו לייענען אויך. ווייס איך וואס מען פּלאַפּלט א מאל ביים עסן?... מיר האבן געגעסן דעמאלט מיטאג...

— יאָ, איר האט אייך דעמאלט געגעסן מיטאג, און איך האב מיין גלויבן פארלאָרן! — האט איבערגעקרימט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש.

— וואס גייט מיך אן אייער גלויבן! — האט געהאט א געשריי

געטאָן מיאוסאָװע, ער האָט זיך אָבער מיטאַמאָל איינגעהאַלטן און אָנגערופֿן זיך מיט פֿאַראַכטונג: — איר באַשמוצט ממש אַלץ, צו וואָס איר זאָלט זיך ניט צורירן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער סטאַרעץ אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

— זייט מיר מוחל, רבותי, וואָס איך לאָז אייך איבער לעת עתּה אַליין, ס׳איז מער ניט אָבער ווי אויף עטלעכע מינוט, — האָט ער זיך אָנגערופֿן, ווענדנדיק זיך צו אַלע אורחים, — וואַרים עס וואַרטן אויף מיר אַזױנע, וואָס זײַנען נאָך פֿריִער געקומען פֿאַר אײַך. איר אָבער לייגט ניט פֿונדעסטוועגן — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און מוסיף געווען מיט אַ פֿריילעך פּנים.

ער איז אַרויס פֿון קעמערל און אַליאָשאַ און דער קלויז־סטער ברודער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן, כּדי אַראָפּפֿירן אים פֿון די טרעפּ. אַליאָשאַ האָט זיך געשטיקט, ער איז געווען צופֿרידן, וואָס ער גייט אַרויס, ער איז אָבער אויך דערפֿון געווען צופֿרידן, וואָס דער סטאַרעץ איז ניט באַליידיקט און איז אויפֿגערוימט. דער סטאַ־רעץ האָט גענומען גיין צום אַלקערל, אויף צו בענטשן די, וואָס וואַרטן אויף אים. פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט אים אָבער פֿאַרט אָפּ־געשטעלט ביים טיר פֿון קעמערל:

— געבענטשטער מאַן! — האָט ער אויסגעשריִען מיט האַרץ, — לאָזט מיר נאָך אַ מאָל אײַער הענטעלע אַ קוש טאָן! ניין, מיט אײַך קאָן מען נאָך רעדן, מ׳קאָן נאָך לעבן! איר מיינט, אַז איך לייג דאָס תּמיד אַזוי און פּראָוו ליצנות? טאָ ווייסט זשע, אַז איך האָב דאָס די גאַנצע צייט מיט אַ כּיוון אַזוי געמאַכט זיך, כּדי אויסצו־פּראָוון אײַך. דאָס האָב איך אײַך די גאַנצע צייט אָנגעטאַפּט, צי מ׳קאָן מיט אײַך לעבן? צי ס׳איז דאָ טאַקע באַ אײַערע גדלות אַן אָרט פֿאַר מײַן הכנעה? אַ ליוב־פּאַפּיר גיב איך אײַך אַרויס: מ׳קאָן מיט אײַך לעבן! און אַצינד שווייג איך, אויף דער גאַנצער צייט וועל איך אַנטשוויגן ווערן. איכ׳ל זיך אָוועקזעצן אויפֿן שטול און כ׳וועל אַנטשוויגן ווערן. איצטער, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, דאַרפֿט איר רעדן, איר זייט איצטער געבליבן די הויפּט־פּערזאָן ... אויף צען מינוט.

## III

## די גלויביקע ווייבער

אונטן לעבן דעם הילצערנעם אלקערל, וואס איז געווען צוגעבויט צו דער דרויסנדיקער זייט פון דעם פארקאן, האבן זיך דאס מאל געשפארט כסדר פרויענצימער, אַן ערך בא א צוואנציק ווייבער. מ׳האט זיי מודיע געווען, אז דער סטארעץ וועט יע ארויסגיין, און זיי האבן זיך צונויפגעקליבן ווארטנדיק אף אים אפן אלקערל. עס זיינען ארויס אויך די פריצטעס כאָכלאַקאָוואס, וואס האבן אויך געווארט אפן סטארעץ, אבער אין א באזונדערן צימערל, וואס איז געווען באשטימט פאר בכבודיקע געסט. זיי זיינען געווען אין צווייען: די מוטער און די טאכטער. די פרוי כאָכלאַקאָוואַ, א דאמע א רייכע און תמיד אנגעטאן מיט געשמאק, איז נאך געווען א גאנץ יונגע און א זעער בנעימותדיקע פערזאן, א בלאסע א ביסל, מיט זעער לעבעדיקע און כמעט אינגאנצן שווארצע אויגן. זי איז סך־הכל אלט געווען ניט מער פון דריי און דרייסיק יאר, און איז שוין בא א יאר פינף ווי געווען אן אלמנה. איר פערצניאריקע טאכטער האט געליטן פון א פאראליזירונג אין די פיס. דאס מיידעלע האט שוין נעבאך ניט געקאנט ארומגיין פון א האלב יאר, און מ׳פלעגט זי ארומפירן אין א לאנגן ראָלשטולי. דאס איז געווען א הערלאך פנימל, א ביסל א בלייכער פון דעם חולאת, אבער א לעבעדיק פנימל. עפעס א שטיפערישקייט אזא פלעגט לויכטן אין אירע טונקעלע גרויסע אויגן מיט די לאנגע ברעמען. די מוטער האט זיך געקליבן נאך פון פרילינג אן צו פירן זי קיין אויסלאנד, מ׳האט אבער זומער ניט באוויזן צוליב די ארבעטן ארום דעם הויף. איצטער האבן זיי שוין בא א וואך ווי פארבראכט אין אונזער שטאט, מער צוליב געשעפטן, ווי צוליבן קומען אין מאנאסטיר, זיי זיינען שוין אבער איינמאל, מיט א דריי טעג צוריק, געוועןביים סטארעץ. איצטער זיינען זיי מיטאמאל ווידער געקומען, הגם זיי האבן געוואוסט, אז דער סטארעץ קאן שוין כמעט לחלוטין ווי קיינעם ניט אויפנעמען, זיי האבן אבער מיט רחמים געבעטן נאך א מאל „האבן דאס גליק א קוק צו טאן אפן גרויסן רופא“, ווארטנדיק אף דעם סטארעץ ארויסגיין,

איז די מוטער געזעסן אף א שטול לעבן איר טאכטער, און בא
א צווייי טריט פון איר איז געשטאנען א זקן־ א מאנאך, וואס איז
געווען ניט קיין היגער, נאר א געקומענער פון עפעס א ווייטן וועניק־
באוואוסטן מאנאסטיר פון צפון. ער האט אויך געוואלט בענטשן זיך ביים
סטארעץ. דער סטארעץ אבער, וואס איז ארויס אפן אלקערל איז צוערשט
א דורך גלייך צום עולם. די מחנה האט זיך אנגעהויבן שפארן צום גאניקל
מיט די דריי טרעפלאך, וואס האט באהעפט דעם נידעריקן אלקערל מיטן
פעלד. דער סטארעץ איז געשטאנען אפן אויבערשטן טרעפל, האט אנגעטאן
זיין ברייטן בגד און אנגעהויבן בענטשן די ווייבער, וואס האבן זיך
געשפארט צו אים. מ׳האט אויך געבראכט צושלעפן צו אים א ווייבל־
א קליקושע פארביידע הענט. ווי נאר די קראנקע האט דערזען דעם
סטארעץ, האט זי פלוצלונג אנגעהויבן עפעס אזוי אומגעלומפערט צו
קוויטשען, צו מאכן קולות און עפעס איינגאנצן צו ווארפן זיך, ווי
א געווינערן. ארויפלייגנדיק איר אפן קאפ א פאלע פון זיין בגד,
האט דער סטארעץ געזאגט א קורצע תפילה, און די ווייבל דער
דיבוק איז תיכף אנטשוויגן געווארן און באַרואיקט זיך. איך ווייס
ניט ווי איצטער, נאר בעת איך בין געווען א קינד פלעגט מיר זעער
אפט אויסקומען צו זען און צו הערן אין די דערפער און אין מאנאס־
טירן אזוינע קליקושעס. אז מ׳פלעגט זיי ברענגען צופירן אין קלויסטער,
פלעגן זיי קוויטשען אדער בילן פונקט ווי הינט אפן גאנצן קלויסטער,
ווי מ׳פלעגט אבער ארויסטראגן דאס ברויט און וויין און זיי צופירן
צו זיי, פלעגט „דאס ווילדעווען" תיכף אויפהערן, און אף א געוויסער
צייט פלעגן די קראנקע באַרואיקן זיך תמיד. אלס קינד פלעגט מיך
אט א דאס זעער פארגאפן און פארחידושן. איך האב אבער דעמאלט־
טאקע באקומען פון אייניגע פריצים און דערהויפט פון מיינע שטאטיקע
לערער א תשובה אף מיינע פראגן, אז דאס איז אלץ נאר געמאכט־
זיך, כדי נישט דארפן צו ארבעטן, און אז מיט א געהעריקער שטרענג־
קייט קאן מען דאס תמיד אויסוואָרצלען, און דערביי פלעגט מען
מיר ברענגען אלס א ראיה טויזנטער מעשיות. שפעטער אבער בין
איך מיט פארוואונדערונג דערגאנגען פון ספעציאליסטן־מעדיצינער,
אז דא איז נישטא קיין שום מאכן־זיך, אז דאס איז א שרעקלאכע

=ייבערשע קראנקייט און וואס קומט, דאכט זיך, דער עיקר פאַר בא אונז אין מדינה־רוסלאנד, וואס זאגט עדות פון דעם שווערן גורל פון אונזער דארפישער פרוי; א קראנקייט, וואס קומט ארויס פון פאר־מאטערנדיקער ארבעט תיכף נאך א שווערן האָבן, א ניט קיין נארמאלן און אָן א שום מעדיצינישער הילף; חוץ דעם פון שטענדיקע צרות, פון קלעפ וכדומה, וואס אנדערע פרויען קאנען פארט ניט אריבער־טראגן, ווי דער רוב פון זיי, וואס איז שייך אבער דעם מאדנעם און באלדיקן געגעזן ווערן פון א טירוף־א פרוי, וואס דאס פלעגט געשען ווי מ׳פלעגט זי נאר צופירן צו דעם ברויט און וויין, און מ׳פלעגט דאס מיר דערקלערן מיט מאכן־זיך און ועל כולם מיט א קונץ־שטיק, וואס דאס איז שיר ניט קיין מלאכה פון די „קלעריקאלן" גופא, פלעגט דאס, אפנים, אויך פארקומען אפן סאמן נאטירלאכסטן אופן: די ווייבער, וואס פלעגן זי צופירן צום הייליקן ברויט און וויין, און דער עיקר דער חולה אליין, פלעגן גלויבן באמונה שלמה, ווי אין א פעסט־געשטעלטן אמת, אז דער דבוק, וואס האט זיך ארייננעקליבן אין דער קראנקער, קאן קיינמאל ניט ביישטיין, אויב מ׳פירט צו די קראנקע צום ברויט און וויין און זי גיט זיך א בוק פאר דעם. און דעריבער טאקע פלעגט בא א נערוועזער, און שוין במילא פסיכיש קראנקער פרוי, אין דעם מאמענט פון שטעלן זיך אף די קני פאר דעם הייליקן ברויט און וויין שטענדיק פּאָרקומען (און עס האט געמוזט פארקומען) א מין צעטרייסלונג פון איר גאנצן ארגאניזם, וואס דאס פלעגט ווערן ארויסגערופן פון דעם ווארטן אף א זיכערן נס פון געהיילט צו ווערן און פון דעם פעסטן בטחון, אז דאס וועט געשען, און עס פלעגט טאקע געשען, ווען אפילו נאר אף איין מינוט. פונקט אזוי איז דאס איצט אויך פארגעקומען, ווי נאר דער סטארעץ האט צוגעדעקט די קראנקע מיט דער פאלע פון זיין בגד.

א סכען פון די ווייבער, וואס האבן זיך געשפארט צו אים, האבן זיך באגאסן מיט טרערן פון רחמים און התלהבות, וואס עס האט ארויסגערופן דער רושם פון דעם מאמענט; א טייל האט זיך גע־ריסן א קוש טאן כאטש די פאלע פון זיין בגד, און א טייל האט עפעס ווי ווייגענדיק געבעטן אין זיך, ער האט אלעמען געבענטשט,

און האט מיט אנדערע פון זיי זיך פאנאנדערגערעדט· די קליקושע האט ער שוין געקענט· מ׳האט זי געבראכט צופירן ניט פון ווייט, פון א דארף עפעס סך־הכל א וויארסט זעקס פון מאָנאַסטיר· און מ׳פלעגט גלאט דעם דיבוק פריער אויך פירן צו אים·

— אט די איז א ווייטיקע! — האט ער אנגעוויזן אף איינער נאך גארניט קיין אלטער פרוי· אבער א זעער חושכדיקער און אפ־געצערטער· דער פנים אירער איז געווען ניט וואס מ׳זאל זאגן א פארברענטער· נאר עפעס אזוי ווי איינגאנצן א שווארץ געווארענער. זי איז געשטאנען אף די קני און מיט אן אומבאוועגלאכן בליק גע־קוקט אפן סטארעץ· אין דעם בליק אירן איז עפעס אזוינס ווי א פארצוקטקייט געווען·

— א ווייטיקע פאטער, א ווייטיקע, דרייהונדערט וויארסט פון דאנעטסאָ· א ווייטיקע פאטער, א ווייטיקע — האט ארויסגערעדט דאס ווייבל מיט א נגינה, עפעס וויגנדיק אזוי פאוואלע פון איין זייט אין דעם אנדערן איר קאפ און אונטערשפארנדיק די באק מיט דער דלאניע· גערעדט האט זי עפעס וויינענדיק און רעדענדיק צוזאמען. ס׳איז דא אין פאלק א צער א שוויגנדיקער און א פיל ליידנדיקער: ער גייט אוועק אין זיך און שוויגט· ס׳איז אבער דא אויך א צער אן אפגעבראכענער: ער רייסט זיך א מאל אדורך דורך טרערן און פון דער מינוט אָן גייט ער אין אן אפגעבראכענעם קלאגן אריבער· דאס איז דערהויפט בא פרויען· אבער ניט לייכטער איז ער פאר א שוויגנדיקן צער· דאס קלאגן שטילט דא בלויז מיט דעם, וואס עס פארסמט נאך מער און עס צערייסט דאס הארץ· אזא צער וויל גאר קיין טרויסט ניט האבן, מיט דעם געפיל פון זיין ניט געטרויסט־ווערן שפייזט ער זיך· דאס קלאגן איז נאר א באדערפעניש אף אויפצורייצן כסדר די וואונד·

— א מעשטשאנקע מסתמא? — האט צוגעגעבן דער סטארעץ, בייגעריקערהייט איינקוקנדיק זיך אין איר·

— מיר זיינען שטאָטיקע, פאטער, שטאָטיקע, שטאמען שטאמען מיר פון דאָרף· נאר מיר זיינען שטאטיקע, אין שטאט וואוינען מיר· דיך אנצוקוקן, פאטער, בין איך געקומען· מיר האבן געהערט פון

דיר פאטערל, מיר האבן געהערט. כ׳האב באגראָבן אן אינגעלע אן עופהלע, בין איך אוועק גאט בעטן. איך בין אין דריי מאנאסטירן געוועז, זאגט מען צו מיר: „גיי אויך אהער אריין, באַסטאַסיושקאַ, צו אייך הייסט דאס, ליבינקער, צו אייך". בין איך דאס געקומען, נעכטן בין איך געוועזן אין קלויסטער, און היינט געקומען צו אייך.

— איז אף וואס זשע וויינסטו?

ס׳איז דעם זונעלע, פאטערל, אן עבירה, ער איז דריי יארעלאך אלט געוועזן, נאך צוויי חדשים און ער וואלט דריי יארעלאך געווען. נאך מיין קינד פלאג איך זיך, פאטער, נאך מיין קינד. ער איז דער לעצטער אינגעלע, געבליבן, פיר האב איך זיי מיט ניקיטושקען געהאט, אבער עס האלטן זיך ניט קיין קינדערלאך בא אונז, האלטן זיך, טייערער, האלטן זיך ניט. כ׳האב די ערשטע דריי באגראבן, און כ׳האב ניט זעער געקלאגט, איך האב אבער אט דעם לעצטן באגראבן און איך קאן זיך אָן אים ניט פארגעסן. אט ווי ער וואלט דא א לעבעדיקער געשטאנען פאר מיר און ניט אפגעטראטן. ער האט מיר די הארץ אויסגעזויגן. איך גיב א קוק אף זיינע זאכעלאך, אף א העמדעלע צי אף די שטיוועלאך און איך הויב אן כליפען. איך לייג פאנאנדער וואס עס איז געבליבן נאך אים, איטלאכן חפצל זיינעם, איך קוק און איך כליפע. זאג איך צו ניקיטושקען, צו מיין מאן הייסט דאס: לאז מיך, באלעבאס, גיין גאט בעטן. א פורמאן איז ער, מיר זיינען נישט ארים, פאטער, נישט ארים, מיר האלטן פערד פון זיך, מיר האבן אלץ אייגענע, סיי די פערד, סיי דעם שפאן. אף וואס זשע אבער דארפן מיר איצטער דאס גוטס? ער האט זיך אן מיר אין שיכרות אריינגעלאזן, מיין ניקיטושקאַ מיין, איך, דאס איז מסתמא געוויס אזוי, און ער פלעגט גלאט פריער אויך שיכורן: איך גיב זיך נאר א קער, און ער ווערט שוין שוואך. איצטער אבער טראכט איך גאר ניט וועגן אים. איך בין שוין אט דער דריטער חדש פון שטוב. איך האב פארגעסן, איך האב אן אלץ פארגעסן און איך וויל גארניט געדיינקען; און וואס זאל איך גלאט איצטער זיין מיט אים? איך האב געענדיקט מיט אים, געענדיקט, כ׳האב מיט אלץ געענדיקט. און איך וואלט גאר

איצטער ניט געקוקט אף מיין שטוב און אף מיין גוטס אויך, און עס וואלט מיר קיין זאך נים געארט!

— הער זשע אויס, אשה, — האט זיך אנגערופן דער סטארעץ, — פארצייטן האט א גרויסער צדיק דערזען אין מקום קדוש א מאמען, וואס האט אויך פונקט אזוי ווי דו געוויינט נאך אירן אן עופהלע, נאכן איינציקן, וואס השם יתברך האט צוגענומען. ״ווייסטו דען ניט, זאגט צו איר דער צדיק, ווי עזותדיק אט די קינדער זייגען פאר דעם כסא הכבוד? ס׳איז גאר אפילו קיין עזותדיקערע פאר זיי אין מלכות שמים ניטא. דו האסט אונז, בורא, געשיינקט דעם לעבן, זאגן זיי צו כביכול, און ווי מיר האבן אים נאר אנגעקוקט, האסטו אים גלייך צוגענומען בא אונז צוריק. און זיי טענהן און בעטן מיט אזא עזות, אז דער אויבערשטער, פאררעכנט זיי גלייך פאר מלאכים, און דארום, האט געזאגט דער צדיק, פריי זיך דו אויך, אשה, און וויין ניט, ווארים דיין עופהלע שטייט אצונד אויך פארן כסא הכבוד אין דעם מספר פון די מלאכים״. אט וואס עס האט פארצייטן געזאגט דער צדיק צו דער אשה, וואס האט געוויינט. און געווען איז ער א גרויסער צדיק און ניט קיין אמת האט ער איר ניט געקאנט זאגן. דעריבער זיי דו אויך וויסן, אשה, אז דיין עופהלע שטייט אצונד אויך פארן כסא הכבוד, און איז זיך משמח, און פרייט זיך, און בעט גאט פאר דיר, און דעריבער זאלסטו אויך ניט וויינען, נאר פרייען זיך.

די פרוי האט אים צוגעהערט, האלטנדיק אונטערגעשפארט מיט דער האנט די באק און איינגעראבן די אויגן. זי האט געגעבן א טיפן זיפץ.

— מיט דעם טאקע פלעגט מיך ניקיטושקא אויך טרויסטן, פלעגט זאגן ווארט אין ווארט ווי דו: ״שוטה דו, זאגט ער, וואס וויינסטו, דער אינגעלע אונזערער זאגט איצטער געוויס אינאיינעם מיט די מלאכים שירה פארן רבונו של עולם״. ער זאגט דאס צו מיר, און ער גופא וויינט, איך זע, אט פונקט ווי איך וויינט ער. ״איך ווייס, זאג איך, ניקיטושקא, וואו זשע דען זאל ער זיין אויב ניט לעבן רבונו של עולם, אבער אט א דא, לעבן

אונז, איז ער איצטער, ניקיטושקא, ניטא, אט א דא, אט וואו ער פלעגט זיצן פריער!" איך וואלט אף אים כאטש נאר איין איינציקן מאל א קוק טאן, נאר איין מאל ווידער א קוק טאן אף אים, און איך וואלט ניט צוגעגאנגען צו אים, ניט ארויסגערעדט קיין ווארט, כ'וואלט זיך צוגעטוליעט אין א ווינקעלע, נאר איין רגעלע א קוק טאן אויף אים, הערן ווי ער שפילט זיך אפן הויף; ער פלעגט קומען און א געשריי טאן מיט זיין קולכעלע: «מאמינקע, וואו ביזטו?» כ'וואלט נאר דערהערן דאכט זיך, ווי ער וועט מיט זיינע פיסעלאך איין מאל דורכלויפן איבערן קאמער, מער ניט ווי איין מאל, מאכן מיט די פיסעלאך טוק־טוק, און עפעס אזוי געדיכט, געדיכט פלעגט ער טופען, איך געדיינק ווי ער פלעגט צולויפן צו מיר, שרייען און קייכן זיך; כ'וואלט דאכט זיך מער ניט ווי זיינע פיסעלאך דערהערן, כ'וואלט נאר דערהערט, כ'וואלט שוין דערקענט! ער איז אבער ניטא, פאטערל, ער איז ניטא, און כ'וועל אים שוין קיינמאל ניט דערהערן! אט איז זיין גארטעלע, און ער אליין איז ניטא, און איך וועל דאס אים שוין מער קיינמאל ניט זען, ניט הערן אים!...

זי האט ארויסגענומען פון בוזים איר אינגעלעס א קליינינקן שמוקלערשן גארטעלע און ווי זי האט נאר א קוק געטאן אף אים, אזוי האט זי זיך גלייך פארצאפלט פון א יאמער, און זי האט פאר־שטעלט די אויגן מיט די פינגער, פון צווישן וועלכע עס האבן גע־נומען פליצן טרערן, וואס האבן זיך מיטאמאל געגעבן א שפאר, ווי פון א קוואל.

— און דאס, — האט זיך אנגערופן דער סטארעץ, — "דאס וויינט די מוטער רחל אף אירע קינדער און קאן קיין טרויסט ניט געפינען, ווייל עס איז ניטא", און אזוי איז דאס אייך, מאמעס, טאקע נגזר געווארן דא אף דער וועלט. און טרויסט זיך ניט, און דו דארפסט זיך ניט טרויסטן, טרויסט זיך ניט און וויין, נאר יעדעס מאל, אז דו וויינסט, דערמאן זיך תמיד, אז דיין אינגעלע — איז איינער פון דעם אויבערשטנס מלאכים, ער קוקט אף דיר פון דארטן און ער זעט דיך און ער פרייט זיך פון דיינע טרערן און ער ווייזט זיי אן דעם רבונו של עולם. און לאנג וועסטו נאך דארפן אזוי

טרויערן, אבער צום סוף וועט זיך דער טרויער אומקערן פאר דיר אין א שטילער פרייד, און דיינע ביטערע טרערן וועלן זיין נאר טרערן פון שטילער דערבארעמונג פון סליחה, מחילה און כפרת עון. און דעם אינגעלע דיינעם וועל איך מזכיר נשמות זיין: ווי ט'מען אים גערופן?

— אלעקסיי, פאטערל.

— א וואוילער נאמען. נאך אלעקסייען דעם גאטספארכטיקן מאן?

— דעם גאטספארכטיקן, פאטערל, דעם גאטספארכטיקן, נאך אלעקסייען דעם גאטספארכטיקן מאן!

— א גרויסער צדיק געוועזן! כ'וועל מזכיר נשמות זיין, אשה, כ'וועל מזכיר נשמות זיין און כ'וועל דיין צער אויך דערמאנען און בעטן פאר דעם געזונט פון דיין מאן. דו טארסט אים אבער ניט אוועקווארפן. גיי אוועק צו דיין מאן און היט אים. ס'וועט דערזען פון דארטן דיין אינגעלע, אז דו האסט זיין טאטן געלאזן, און וועט אנהויבן וויינען צוליב אייך: פארוואס זשע שטערסט דו זיין מנוחה? ווארים ער לעבט דאך, ער לעבט, אויביק לעבט די נשמה, און כאטש עס דאכט זיך, אז ער איז גאר ניטא אין שטוב, ער איז אבער אומבאמערקט לעבן אייך. ווי אזוי זשע וועט ער קומען אין שטוב, ווען דו זאגסט, אז דו האסט דיין שטוב אנגעהויבן צו האסן? צו וועמען זשע וועט ער קומען, אז ער וועט אייך ביידן, דעם טאטן־מאמען, ניט געפינען? איז אט קומט ער דיר צו חלום איצטער, און דו פלאגסט זיך, דעמאלט וועט ער דיר אבער שיקן גוטע חלומות. גיי אוועק צו דיין מאן, אשה, נאך היינט טאקע זאלסטו אוועקגיין.

— כ'וועל גיין, הארציקער, אט ווי דו זאגסט, אזוי וועל איך טאן. דו האסט מיין הארץ געעפנט. ניקיטושקא דו מיינער, ניקיטושקא, דוווארטסט אף מיר, ליבינקער, דו ווארטסט! — האט געהאט אנגעהויבן אין א געוויין און אין א טענהן דאס ווייבל, נאר דער סטארעץ האט זיך שוין געווענדט צו איינער אן אלטינקער באבעלע, וואס איז געווען אנגעטאן ניט ווי א ווייטיקע, נאר אפן שטאטיקן שטייגער. נאך אירע אויגן נאך איז קענטיק געווען, אז זי האט עפעס א זאך און אז זי איז געקומען עפעס מודיע זיין.

אנגערופן האט זי זיך אלס אן אלמנה פון אן אונטער־אפיצער, א ניט קיין ווייטיקע, טאקע פון אונזער שטאט גופא. עס האט אירער א זונעלע וואסיענקא ערגעץ אין א קאמיסאריאט געדינט, און איז קיין סיביר אוועקגעפארן, קיין אירקוטסק. האט צוויי מאל פון דארטן געשריבן, און אט איז שוין א יאר ווי ער האט אויפגעהערט צו שרייבן. זי האט זיך נאכגעפרעגט אף אים, און זי ווייס באמת ניט, וואו נאכצופרעגן זיך אפילו.

— זאגט צו מיר אנומלט סטעפאנידא איליניטשנא בעדריאגינא, א קרעמערקע איז זי א גבירנטע: „נעם, זאגט זי, פראכאראוונא, און פארשרייב, זאגט זי, א קוויטל אף דיין זון, טראג אוועק אין קלויסטער און זאל מען אים מזכיר נשמות זיין, וועט די נשמה זיינע, זאגט זי, אנהויבן בייִנקען, און ער וועט אנשרייבן א בריוול. און דאס איז, זאגט סטעפאנידא איליאינישנא, ריכטיק ווי גאלד, מ'האט א סך מאל אויסגעפראוווט". נאר איך ווייס עפעס ניט!... מלאך דו אונזערער, דאס איז אמת צי ניט, און דאס וועט זיין גוט אזוי?

— טראכט גאר ניט דערפון, ס'איז א חרפה אפילו צו פרעגן דאס, היתּכן, אז מ'זאל נעמען א לעבעדיקע נשמה, און דערצו נאך א לייבלאכע מאמע, און מ'זאל מזכיר נשמות זיין! ס'איז א גרויסע עבירה, ס'איז צו כּישוף געגליכן, מער ניט ווייל דו ווייסט ניט קאן מען דאס דיר מוחל זיין, דו טו בעסער תּפילה צו גאטס־מוטער, דער גוטער בעטערן און דער גיכער העלפערן, אף זיין געזונט, און זי זאל דיר מוחל זיין אויך פאר די פאלשע מחשבות דיינע. און אט וואס איך וועל דיר נאך זאגן, פראכאראוונא: אדער ער וועט אליין בקרוב קומען צו דיר צוריק, דער זון דיינער, אדער ער וועט אף געוויס שיקן א בריוו. זיי דאס טאקע וויסן. גיי און פון היינט אן זיי רואיק, דיין זונעלע לעבט, זאג איך דיר.

— הארציקער אונזערער, זאל דיר דער אויבערשטער באצאלן, דו פאטער אונזערער, א מליץ יושר ביזטו פאר אונז פאר אלעמען און פאר די עבירות אונזערע...

דער סטארעץ האט שוין אבער באמערקט צווישן דעם עולם א פאר ברענענדיקע און זיך צו אים רייסנדיקע בליקן פון אן

געמאַטערטער, אפֿן אנבליק שווינדזוכטיקער דאַרפֿס־פֿרוי, וואָס איז נאָך הגם געווען אַ יונגע. זי האָט געקוקט שווייגנדיק, די אויגן אירע האָבן ווי וועגן עפּעס געבעטן, זי האָט אָבער מורא געהאַט צו דערנענטערן זיך.

— מיט וואָס קומסטו, טײַערינקע?

— דערלויז מײַן נשמה, האַרציקער, — האָט זי שטיל און פֿאַ־מעלאַך אַרויסגערעדט, ט׳זיך געשטעלט אויף די קני און אַ בוק געטאָן זיך אים צו די פֿיס.

— כ׳האָב געזינדיקט, האַרציקער פֿאָטער, איך האָב מורא פֿאַר מײַנע זינד.

דער סטאַרעץ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אונטערשן טרעפּל, און די פֿרוי האָט זיך דערנעהנטערט צו אים, ניט אויפֿ־הייבנדיק זיך פֿון די קני.

— כ׳בין אַן אַלמנה, שוין דעם דריטן יאָר, — האָט זי אָנגעהויבן האַלבשעפּטשענדיק, און עפּעס ווי געציטערט אַליין. — ס׳איז שווער געווען צו לעבן מיטן מאַן, ער איז געווען אַן אַלטער, פֿלעגט מיך שטאַרק שלאָגן. איז ער געלעגן קראַנק; טראַכט איך, קוקנדיק אויף אים: און אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט אויפֿשטיין, וואָס וועט דעמאָלט זײַן? און ס׳איז געקומען צו מיר אָט די דאָזיקע מחשבה ...

— וואַרט, — האָט זיך אָנגערופֿן דער סטאַרעץ און צוגעלייגט זײַן אויער האַרט צו אירע ליפּן. די פֿרוי האָט אָנגעהויבן ווײַטער מיט אַ שטילן שעפּטשען, אַזוי אַז מ׳האָט כּמעט גאָרנישט ניט געקאָנט כאַפּן. זי האָט גיך פֿאַרענדיקט.

— שוין דער דריטער יאָר? — ט׳געפֿרעגט דער סטאַרעץ.

— דער דריטער. אַפֿריער פֿלעג איך ניט טראַכטן, נאָר איצטער בין איך קראַנק, אַ מרה־שחורה לאָזט מיך ניט אָפּ.

— ביזט אַ ווײַטיקע?

— פֿינף הונדערט וויאָרסט פֿון דאַנעטאָ.

— האָסט דאָס ביים מתודה זײַן זיך געזאָגט?

— געזאָגט, צוויי מאָל געזאָגט.

— האָט מען דיך צוגעלאָזן צו דער עווכאַריסטיע?

— מ׳האט צוגעלאזן, כ׳האב מורא; איך האב פארן טויט מורא.

— האב פאר קיין זאך ניט מורא, און דו זאלסט קיינמאל פאר קיין זאך ניט מורא האבן, און טרויער ניט. עס זאל נאר דיין תשובה־טאן ניט פארשוועכט ווערן אין דיר — וועט דער אויבערשטער אלץ מכפר זיין. און ס׳איז גאר סתם ניטא אזא זינד און עס קאן גאר אף דער גאנצער וועלט ניט זיין, וואס דער רבונו של עולם זאל ניט מוחל זיין אט דעם, וואס טוט באמת תשובה. און עס קאן גלאט ניט טאן א מענטש אזא גרויסע זינד, וואס עס זאל אויסשעפן דעם אויבערשטנס רחמים, וואס האט גאר קיין סוף ניט. אדער קאן דען גאר געבן אזא זינד, וואס זאל אריבערוועגן דעם אויבערשטנס רחמים? דאגה נאר, אז דו זאלסט כסדר תשובה טאן, כסדר תשובה טאן, און די מורא פארטרייב אינגאנצן. גלויב, אז דער אויבערשטער האט דיך ליב אזוי, ווי דו טראכסט גאר אפילו ניט וועגן דעם, כאטש אפילו מיט דיין זינד, אויך אין דיין זינד האט ער דיך ליב. און אז פאר איין בעל-תשובה טרעטן אפ אין הימל צען צדיקים, שטייט שוין לאנג געשריבן. גיי זשע און האב ניט מורא. אף קיין מענטשן זאלסטו ניט צארענען, פאר קיין עוולות זאלסטו ניט זיין אין כעס. דעם פארשטארבענעם זיי מוחל אלצדינג אין הארצן, מיט וואס ער האט זיך שלעכט באגאנגען קעגן דיר, זיי אים מוחל אף אן אמת. ווי־באַלד אז דו טוסט תשובה, האסטו ליב אויך, און וויבאלד אז דו וועסט ליב האבן, ביזטו שוין שייך צו גאט . . . דורך ליבשאפט ווערט אלץ אויסגעלייזט, ווערט אלץ דערלייזט. וויבאלד שוין אז איך, אויך אזא זינדיקער בשר ודם ווי דו, האב זיך דערבארעמט איבער דיר און רחמנות געקריגן אף דיר, איז א פשיטא שוין דער אויבערשטער. ליבשאפט דאס איז אזא טייערער אוצר, וואס דו קאנסט פאר איר די גאנצע וועלט קויפן, און ניט נאר דיינע, נאר אפילו פרעמדע עבירות קאנסטו נאך אויך אויסקויפן. גיי און האב קיין מורא ניט.

ער האט זי דריי מאל איבערגעצלמט און האט אראפגענומען פון זיין האלז א צלמל און אנגעטאן אף איר. שוייגנדיק האט זי זיך א בוק געטאן פאר אים ביז צו דער ערד. ער האט זיך אויפגעהויבן

און לוסטיק א קוק געטאן אף איינער א געזונטער ווייבל מיט אן עופהלע בא דער ברוסט.

— כ׳בין פון וישעגאָריע, טייערער.

— פארט זעקס וויארסט פון דאנען, מיטן עופהלע געמאטערט זיך. וואס ווילסטו?

— כ׳בין געקומען אף דיר א קוק טאן. כ׳פלעג דאך זיין בא דיר. האסט אפשר פארגעסן? האסטו טאקע ניט קיין גוטן זכרון, אויב דו האסט שוין אף מיר פארגעסן. מע ט׳זאגט בא אונז, אז דו ביזט קראנק; טראכט איך, לאמיך אקארשט גיין אליין א קוק טאן אף אים: איז אט זע איך טאקע, וואס זשע ביסטו פאר א חולה? וועסט נאך צוואנציק יאר לעבן, בנאמנות, גאט איז מיט דיר! און עס זיינען דען גלאט ווייניק פאראן אזוינע, וואס זאלן בעטן פאר דיר, דו זאלסט דאס זיין קראנק?

— א דאנק דיר פאר אלץ, ליבינקע.

— כ׳וואלט אגב האבן א קליינינקע בקשה צו דיר: אט דא איז זעכציק קאפיקעס, גיב דאס אוועק, הארציקער, א זוינער, וואס איז נויטבאדערפטיקער פאר מיר. כ׳בין געגאנגען אהער, און איך טראכט מיר: כ׳וועל שוין בעסער דורך אים דערלאנגען, ער ווייס שוין, ווער עס נויטיקט זיך.

— א דאנק דיר, טייערע, א דאנק דיר, גוטינקע, איך האב דיך ליב. כ׳וועל דאס געוויס ממלא זיין. וואס, א מיידעלע אף די הענט?

— א מיידעלע, הארציקער, ליזאוועטא הייסט זי.

— זאל דער אויבערשטער אייךביידן בענטשן, אי דיך, אי דעם עופהלע ליזאוועטען. דו האסט דערפרייט מיין הארץ, אשה. זייט געזונט, מיינע ליבע, זייט געזונט, טייערע, ליבהארציקע.

ער האט אלעמען געבענטשט און האט זיך טיף פאר אלעמען א נויג געטאן.

## IV

### די דאמע מיט ספקות.

די אנגעפארענע דאמע די פריצטע האט, אנקוקנדיק די גאנצע סצענע פון דעם שמועסן מיטן פשוטן עולם און דאס בענטשן אים, פארגאסן שטילע טרערן און אויסגעווישט זיי מיט א טיכעלע. דאס איז געווען א פילנדיקע אריסטאקראטישע דאמע און אין א סך זאכן מיט באמת גוטע נטיות. אז דער סטארעץ איז לסוף צוגעגאנגען צו איר אויך, האט זי אים באגעגנט מיט התלהבות:

— איך האב אזוי פיל, אזוי פיל אריבערגעטראגן, צוקוקנדיק זיך צו אט דער גאנצער רירנדיקער סצענע . . . — זי האט נישט דערעדט פאר אויפרעגונג. — אָ, איך פארשטיי, אז אייך האט ליב דאס פאלק, איך אליין האב ליב דאס פאלק, איך וויל אים ליב האבן און ווי אזוי זאל מען נישט ליב האבן אונזער גרויסארטיקן, אין זיין דערהויבנקייט פשוטן רוסישן פאלק.

— וואס מאכט אייער טאכטער? איר האט ווידער געוואלט רעדן מיט מיר?

— א, איך האב אזוי שטארק געבעטן, איך האב זיך געבעטן רחמים, איך בין געווען גרייט צו שטעלן זיך אף די קני און שטיין אף די קני כאטש דריי טעג לעבן אייערע פענצטער, ביז איר וואלט מיך אריינגעלאזן. מיר זיינען געקומען צו אייך, גרויסער רופא, כדי ארויסזאגן אייך אונזער גאנצן התלהבותדיקן דאנק. איר האט דאך מיין ליזען אויסגעהיילט, אויסגעהיילט אינגאנצן, און מיט וואס? — מיט דעם, וואס איר האט דאנערשטיק געבעטן פאר איר, וואס איר האט ארויפגעלייגט אייערע הענט אף איר. אויסקושן אט די דאזיקע הענט זיינען מיר געלאפן, אויסגיסן אונזערע געפילן און אונזער יראת הכבוד!

— וואס הייסט אויסגעהיילט? זי ליגט דאך נאך אלץ אין שטול?

— אבער די ביינאכטיקע ספאזמעס זיינען אינגאנצן פארשוואונדן, שוין אט צוויי טעג, טאקע פון דאנערשטיק אן, — האט נערוועזער־הייט גענומען רעדן אף גיך די דאמע, — אדרבה: די פיס זיינען

בא איר שטאַרקער געוואָרן׳ היינט אינדערפֿרי איז זי אויפֿגעשטאַנען א געזונטע׳ זי האָט געשלאָפֿן א גאַנצע נאַכט׳ גיט א קוק אויף איר רויטינקן פּאַרב׳ אויף אירע לויכטנדיקע אויגעלאַך׳ אַזוי פּלעגט זי דאָך כּסדר וויינען׳ און איצטער לאַכט זי׳ איצטער איז זי לעבעדיק׳ איז פֿריילאַך׳ היינט האָט זי ניט אַנדערש געוואָלט׳ מ׳זאָל זי אַוועקשטעלן אויף די פֿיס און לאָזן שטיין א ביסל׳ און זי איז א גאַנצע מינוט אָפּגעשטאַנען אַליין׳ קיינער האָט זי נישט צוגעהאַלטן׳ זי גייט מיט מיר אין געוועט׳ אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועט זי טאַנצן א וואַלס׳ איך האָב פֿאַררופֿן דעם היגן דאָקטאָר הערצענשטובע; קוועטשט ער מיט די פֿלייצעס און זאָגט: איך וואונדער זיך׳ איך הויב ניט אָן צו פֿאַרשטיין׳ און איר ווילט נאָך׳ אַז מיר זאָלן ניט באַאומרואיקן אייך׳ האָבן מיר געקאָנט ניט פֿליען אַהער׳ ניט דאַנקען? Lise דאַנק זשע׳ דאַנק!

דאָס ליבינקע׳ שמייכלענדיקע פּנימל ליזעס איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט׳ זי האָט זיך א הייב געטאָן אין שטול׳ אויף וויפֿל זי האָט געקאָנט און׳ קוקנדיק אויפֿן סטאַרעץ׳ צונויפֿגעלייגט פֿאַר אים אירע הענטלאַך׳ האָט אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך און זיך מיטאַמאָל צעלאַכט . . .

— דאָס לאַך איך פֿון אים׳ פֿון אים! — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַליאָשען׳ מיט א קינדישן פֿאַרדרוס אויף זיך דערפֿאַר׳ וואָס זי האָט נישט איינגעהאַלטן זיך און זיך צעלאַכט. ווער עס וואָלט א קוק געטאָן אויף אַליאָשען׳ וואָס איז געשטאַנען אויף א טראָט הינטערן סטאַרעץ׳ דער וואָלט באַמערקט אויף זיין פּנים א גיכע פּאַרב׳ וואָס האָט אים אין א כהרף עין באַגאָסן׳ די אויגן זיינע האָבן א גלאַנץ געטאָן און זיך איינגעגראָבן צו דער ערד׳

— זי האָט צו אייך׳ אַלעקסיי פֿיאָדאָראָוויטש׳ א שליחות . . . וואָס מאַכט איר? — האָט זיך אָנגערופֿן די מאַמע׳ ווענדנדיק זיך מיטאַמאָל צו אַליאָשען און דערלאַנגענדיק אים איר גראַציעזע הענטל אין דעם האַנדשוי׳ דער סטאַרעץ האָט זיך א קער געטאָן און ט׳מיטאַמאָל אויפֿמערקזאַם געגעבן אַ קוק אויף אַליאָשען׳ אַליאָשאַ איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו ליזען און׳ געבנדיק עפּעס אַזוי מאָדנע און

ניט געשיקט א שמייכל, האט ער דערלאַנגט איר אויך די האַנט. ליזע האט געמאַכט א זעער וויכטיקן פּנים.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האט מיך געבעטן איבערגעבן אייך דאס, — האט זי אים דערלאַנגט א קליין בריוועלע, — זי בעט זעער, איר זאָלט אַריינקומען צו איר, און וואָס גיכער, וואָס גיכער, און טאַקע ניט אונטערנאַרן, נאר אַף געוויס קומען.

— זי בעט מיך אַריינקומען? מיך צו איר... אַף וואָס אָבער? — האט שטאַרק פאַרוואונדערט א מורמל געטאָן אַליאָשאַ. זיין פּנים איז מיטאַמאָל אינגאַנצן געוואָרן פאַרזאָרגט.

— א, דאָס איז אַלץ וועגן דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן און... וועגן די גאַנצע מעשיות, — האט אַף גיך דערקלערט די מאַמע. — קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ וויל איצטער פאַרנעמען אַזא זאַך... זי מוז אָבער צוליב דעם ניט אַנדערש ווי זען זיך מיט אייך... אַף וואָס? געוויס ווייס איך ניט, נאָר זי האט געבעטן ווי מעגלאַך גיכער און איר וועט דאָס טאָן, איר וועט דאָס טאָן אַף געוויס, דאָס קריסטלאַך געפיל הייסט אפילו אין דעם פּרט אַזוי באַגיין זיך.

— א, דאָס איז אַזא דערהויבענער, אַזא זעלטענער ווען!... שוין צוליב אירעליידן אליין... שטעלט זיך פאָר, וואָס זי האט איבערגעטראָגן, וואָס זי טראָגט איצט איבער, שטעלט זיך פאָר, וואָס עס דערוואַרט זי... דאָס איז אַלץ מוראדיק, מוראדיק!

— גוט, איכ'ל קומען, — האט אַליאָשאַ באַשלאָסן, אַדורכגעמענדיק מיט א בליק דעם קורצן און סודות־פולן צעטעלע, אין וועלכן ס'איז א חוץ אַדרינגלאַכער בקשה ער זאָל קומען, קיין שום דערקלערונג נישט געווען.

— אַך ווי גוט און גרויסאַרטיק דאָס וועט זיין פון אייער זייט, — האט מיטאַמאָל ליזע אויסגעשריען, און ווי עפּעס א נייע נשמה וואָלט אין איר אַריין, — און איך זאָג צו דער מאַמען: ער וועט בשום אופן ניט גיין, ער פאַרוועט דאָך תּקון, אוי, אוי ס'אַרא וואוילער איר זייט! איך האָב דאָך שטענדיק געהאַלטן, אַז איר זייט א וואוילער, אַט וואָס ס'איז מיר איצטער אָנגענעם צו זאָגן אייך!

— Lise! — האט א זאג געטאן מיט הארץ די מאמא, און האט איבעריגנס אליין אויך גלייך א שמייכל געטאן.

— איר האט אן אונז אויך פארגעסן, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, איר ווילט גארנישט קומען צו אונז; און דערביי האט מיר Lise צוויי מאל געזאגט, אז נאר מיט אייך פילט זי זיך גוט. — אַליאָשא האט אויפגעהויבן די איינגעגראבענע אויגן, און איז ווידער מיטאמאל רויט געווארן און האט אבער אמאל, אליין נישט וויסנדיק פאר וואס, א שמייכל געטאן. אגב האט שוין דער סטארעץ נישט געקוקט אף אים. ער האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט דעם געקומענעם מאנאך וואס האט געווארט, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, לעבן ליזעס שטול אף זיין ארויסגיין. דאס איז געווען, אפנים, איינער פון די גאר־גאר פשוטע מאנאכן, דאס הייסט פון די פשוטע כלי־קדש, מיט א קליינינקן, ניט קיין געריירטן קוק אף דער וועלט, אבער א מאמין און אין א געוויסן פרט אן עקשן. ער האט זיך געמאלדן אלס מאנאך פון ווייטן צפון ערגעץ, פון אָבדאָרסק, אויס דעם הייליקן סילוועסטר, פון אן ארימן מאנאסטיר סך־הכל מיט צען מאנאכן. דער סטארעץ האט אים געבענטשט און פארבעטן אים ארייננקומען צו זיך אין קעמערל, ווען ער וועט וועלן.

— ווי אבער דערוועגט איר זיך צו טאן אזוינע מעשים? — האט מיטאמאל געגעבן א פרעג דער מאנאך, מיט הארץ און התלהבות אנווייזנדיק אף ליזען. דאס איז געווען אן אנצוהערעניש אף איר „גענעזן־ווערן".

— אוודאי איז וועגן דעם נאך פרי צו רעדן. בעסער־ווערן איז נאך ניט דער טייטש קיין רפואה שלמה און דאס האט געקאנט פארגעקומען אויך פון אנדערע סיבות. אויב אבער עפעס איז יא געווען, איז דאס ניט דורך עמיצנס גבורה, אחוץ ווי דורך דעם אויבערשטנס חסדי. אלץ איז דעם אויבערשטנס מעשים. קומט אריין צו מיר, פאטער, — האט ער מוסיף געווען, רעדנדיק מיטן מאנאך, — ווארים ניט תמיד בין איך בקו הבריאה; איך בין קראנק און איך ווייס, אז מיינע טעג זיינען געציילטע.

— אָ, ניין, ניין, גאט וועט אייך נישט צונעמען פון אונז, איר

וועט נאך לאנג, לאנג לעבן, — האט אויסגעשריען די מאמא, — און וואס פעלט אייך דען? איר זעט דאך אויס אזוי לוסטיק, געזונט, גליקלאך.

— היינט איז מיר גארניט אין אן ערך גרינגער, אבער איך ווייס שוין, אז דאס איז נאר אף א רגע, איצטער פארשטיי איך מיין קראנקייט אן א טעות. נאר אויב איך זע אייך אויס לוסטיק, וואלט איר מיר מיט קיין שום זאך ניט געקאנט אזוי צופרידן מאכן, ווי מיט אט די ווערטער. ווארים מענטשן זיינען נאר פארן גליק באשאפן געווארן און ווער עס איז אינגאנצן גליקלאך, דער איז גלייך זוכה זאגן צו זיך: „איך האב מקים געווען גאטס געבאט אף דער ערד", אלע רעכטפארטיקע מענטשן, אלע צדיקים, אלע קדושים זיינען געווען גליקלאך.

— א, ווי איר רעדט, וואס פאר א גרויסע און דערהויבענע ווערטער, — האט אויסגעשריען די מאמא, — ווי איר וואלט מיט יעדן ווארט אייערן דאס הארץ דורכגענומען, היינט ווידער גליק, גליק — וואו איז עס? ווער קאן זאגן צו זיך גופא, אז ער איז גליקלאך? א, אויב איר זייט שוין געווען אזוי גוט און צוגעלאזן אונז היינט נאך א מאל צו זען אייך, טא הערט אויס אלצדינג, וואס איך האב פאר אייך יענעם מאל ניט דערזעדט, ניט באוויזן צו זאגן, אלצדינג, פון וואס איך לייד אזוי, און שוין אזוי לאנג, אזוי לאנג! איך לייד, נאר זייט מיר מוחל, איך לייד... — און זי האט עפעס אין א מאדנעם היציקן דראנג אזא צונויפגעלייגט פאר אים די הענט.

— פון וואס דער עיקר?

— איך לייד... פון מיין ניט גלויבן...

— פון ניט גלויבן אין גאט?

— א, ניין, ניין, איך דערוועג זיך אפילו ניט א טראכט צו טאן וועגן דעם, נאר דאס לעבן אף יענער וועלט — דאס איז אזא רע־טעניש! און קיינער, קיינער ענטפערט ניט אף דער פראגע! הערט אויס, איר רופא, איר קענער פון דער מענטשלאכער נשמה; אוודאי האב איך ניט די העזה, צו פארלאנגען, אז איר זאלט מיר אינגאנצן גלויבן, נאר ווי איר זעט מיך לעבן, אז איך רעד ניט איצטער פון

לייכטזין, אז די מחשבה וועגן דעם, וואס דארטן איז, ערגערט מיך ביז צו ליידן, ביז צו אימה און פחד··· און איך ווייס ניט, צו ווענען צו ווענדן זיך, איך האב זיך ניט דערוועגט דעם גאנצן לעבן··· און אט איצטער דערוועג איך זיך צו ווענדן צו אייך··· א, גאטעניו, פאר ווענען וועט איר מיך איצטער האלטן! — זי האט א פאטש געטאן מיט די הענט.

— זאל אייך ניט ארן מיין מיינונג, — האט זיך אנגערופן דער סטארעץ, — איך גלויב לחלוטין אין דעם טיפן אמת פון אייער צער.

— א, ווי איך בין אייך דאנקבאר! איר פארשטייט: איך מאך צו די אויגן און איך טראכט: וויבאלד אז אלע גלויבן, טא פון וואנען האט זיך דאס גענומען? פארזיכערט מען אייך, אז דאס האט זיך אלץ אין אנפאנג גענומען פון דער מורא פאר די אימהדיקע נאטור־ערשיינונגען, און אז אט דאס אלץ איז גאר אינגאנצן ניטא. נו איז וואס, טראכט איך, איך האב דעם גאנצן לעבן געגלויבט — כ׳וועל שטארבן און אינמיטן דרינען איז קיין זאך ניטא, און עס וועט מער ניט ווי „אויסוואקסן ווילדע גראז אפן קבר", ווי ס׳איז מיר אויסגע־קומען צו לייענען בא איינעם א שרייבער. דאס איז א גרויל! מיט וואס, מיט וואס קאן מען אומקערן דעם גלויבן? אגב, איך האב נאר געגלויבט, אז איך בין געווען א קליין קינד, מעכאניש, וועגן קיין זאך ניט טראכטנדיק··· מיט וואס זשע, מיט וואס זשע קאן מען דאס דערווייזן, איך בין איצטער געקומען א ווארף טאן זיך פאר אייך און בעטן אייך וועגן דעם. ווארים טאמער וועל איך דורכלאזן היינטיקן מאל אויך — וועט שוין מיר קיינער אפן גאנצן לעבן ניט ענטפערן. מיט וואס זשע זאל מען דאס דערווייזן, מיט וואס זאל מען זיך איבערצייגן? א, ס׳ארא אומגליקלאכע איך בין! איך שטיי און איך זע ארום־און־ארום, אז פאר אלעמען איז אלץ איינס, פאר אלעמען כמעט, קיינער זארגט איצטער ניט וועגן דעם, מער ניט איך אליין קאן דאס ניט איבערטראגן. דאס איז אן אימה, אן אימה!

— אן א ספק, אן אימה. נאר דערווייזן קאן מען דא מיט מיט קיין זאך ניט, איבערצייגן זיך אבער קאן מען יע.

— ווי ? מיט וואס ?

— מיט שטענדיקע ליבשאפט פון מעשים. זעט ליב צו האבן אייערע נאהנטע בפועל און אן אן אויפהער. וואס ווייטער איר וועט דערגיין אין דער ליבשאפט, וועט איר אלץ מער זען סיי דעם קיום אלקים, סיי די אויביקייט פון אייער נשמה. וויבאלד אבער איר וועט שוין דערגיין ביז אינגאנצן מקריב צו זיין זיך אין דער ליבשאפט צו דעם נאהנטן מענטשן, וועט איר שוין דעמאלט בלתי ספק גלויבן, און קיין שום מחשבות זרות וועלן שוין גאר אפילו ניט קאנען ארייננגנבענען זיך איז אייער נשמה. דאס איז אויסגעפרווט, דאס איז אזוי.

— מיט ליבשאפט פון מעשים ? איז דא ווידער א פראגע, און אזא פראגע, אזא פראגע, איר פארשטייט : איך האב אזוי ליב די מענטשהייט, אז, גלויבט מיר, איך חלום אפטמאל אוועקווארפן אלצדינג, אלצדינג, וואס איך האב, לאזן ליזען און ווערן א בארמהארציקע שוועסטער. איך מאך צו די אויגן, איך טראכט און איך חלום, און אין אט די מינוטן פיל איך אין זיך א קראפט גאר ניט בייצוקומען. קיין שום וואונדן, קיין שום צרעתן וואלטן מיך ניט געקאנט אפשרעקן. איך וואלט איבערגעבונדן און אפגעוואשן די וואונדן מיט די אייגענע הענט, איך וואלט אליין געזעסן לעבן אט די ליידנדיקע, איך בין גרייט צו קושן די וואונדן . . .

— דאס גופא איז שוין א סך און גוט, וואס אייער דעת חלומט וועגן דעם, און ניט וועגן קיין אנדער זאך. אמאל גאר ניט ווילנדיק אפשר און איר וועט אף אן אמת טאן עפעס א דבר צדקי.

— יאָ, צי וואלט איך אבער געקאנט א לאנגע צייט אויסהאלטן אין אזא לעבן ? — האט מיט ברען און ווי מיט א ווילדקייט כמעט צוגעגעבן די דאמע. — אט דאס איז די גרעסטע פראגע ! דאס איז די סאמע פיינלאכסטע פראגע. איך מאך צו די אויגן און פרעג זיך גופא: צי וואלסטו א לאנגע צייט געקאנט אויסהאלטן אף אט דעם וועג ? טאמער וועט דער קראנקער, וועמעס וואונדן דו וואשט ארום, דיר ניט ענטפערן די שטעל מיט קיין דאנק, נאר פארקערט ער וועט דיך אנהויבן פלאגן מיט קאפריזן, און ניט שעצן און ניט אכטן דיין מענטשן איבערגעגעבענעם

דינסט, ער וועט אנהויבן שרייען אף דיר, נעמען מגושמדיק צו פאדערן, באקלאגן זיך אפילו אף דיר פאר דער העכערער מאכט (ווי דאס קומט דאס רוב פאר מיט אזוינע, וואס ליידן זעער) — וואס וועט זיין דעמאלט? וועט נאך דויערן דיין ליבשאפט צי ניט? און אט — שטעלט אייך פאר, איך האב שוין מיט א ציטער געגעבן אן ענטפער: אויב ס'איז נאר דא עפעס אזוינס, וואס עס וואלט געקאנט תיכף אפ־קילן מיין ליבשאפט פון „מעשים" צו דער מענטשהייט, איז דאס נאר די ניט דאנקבארקייט אליין. א קיצור, איך בין א טוערקע פאר גע־געצאלט, איך פאדער תיכף געצאלט, דאס הייסט א שבח פאר זיך און מ'זאל צאלן פאר ליבשאפט מיט ליבשאפט. אנדערש בין איך קיינעם נישט מסוגל ליב צו האבן!

זי האט זיך געפונען אין עפעס א היסטעריע פון זיך אליין אומברחמנותדיק צו שטראפן און, אז זי האט געענדיקט, האט זי ארויס־רופנדיק געגעבן א קוק אפן סטארעץ.

— דאס איז פונקט אזוי ווי עס האט מיר איינמאל דערציילט, ס'איז שוין אגב א שטיק צייט, איינער א דאקטאר, — האט זיך אנגע־רופן דער סטארעץ, — ער איז שוין געווען א מענטש אין יארן און בלתי ספק א קלוגער. אט טאקע גלייך אזוי ווי איר, האט ער גערעדט פון הארצן, כאטש ער פלעגט מאכן אפילו ליצנות, נאר דאס זיינען געווען ליצנות פון א ביטערן געמיט; איך האב ליב, זאגט ער, די מענטשהייט, נאר איך חידוש זיך אף זיך אליין: וואס מער איך האב ליב די מענטשהייט בכלל, אלץ וועניקער האב איך ליב די מענטשען אין פרט, דאס הייסט מענטשן איינציק־ווייז, אלס פערזאנען. אין דמיון, זאגט ער, פלעג איך ניט זעלטן דערגיין ביז צו התלהבותדיקע מחשבות אף צו דינען דער מענטשהייט, און איך וואלט זיך טאקע אפשר געלאזן אומברענגען פאר מענטשן אויך, ווען דאס וואלט פלוצים נויטיק געווען, און דערביי בין איך ניט ביכולת אפצוזיין מיט עמיצן אינאיינעם צוויי טעג אין איין צימער, א זאך, וואס איך ווייס פון לעבן. אט ווי ער איז נאר נאהנט פון מיר, אזוי הויבט שוין אן צו דריקן זיין פערזאן מיין אייגנליבע און ער מאכט מיר ענג מיין פרייקייט. אין איין מעת לעת בין איך מסוגל אפילו דעם

בעסטן מענטשן אנהויבן פיינט צו האבן בתכלית שנאה: איינעם דער־פאר, וואס ער עסט לאנג ביים טיש, א צווייטן דערפאר, וואס ער האט קאטער, און האלט אין איין שנייצן די נאז, איך ווער, זאגט ער, א דם שונא פון מענטשן, אט ווי נאר זיי רירן זיך צו צו מיר, דערפאר אבער פלעגט תמיד אזוי פארקומען, אז וואס מער איך האב פיינט געהאט מענטשן אין פרט, איז אלץ פלאמעדיקער געווארן מיין ליבשאפט צו דער מענטשהייט בכלל.

— איז וואס זשע אבער זאל מען טאן? דא קאן מען דאך משוגע ווערן?

— ניין, ווארים אט דאס גופא איז שוין גענוג, וואס איר זייט זיך מצער דעריבער, טוט דאס, וואס איר זייט ביכולת צו טאן, און דאס וועט אייך פאררעכנט ווערן, א סך האט איר שוין געטאן ווארים איר זייט געווען מסוגל אזוי טיף און מיט אזא אמת צו דער־קענען זיך אליין! אויב אבער איר האט פאר מיר איצטער אויך גערעדט אזוי פון הארצן מער ניט צוליב דעם, כדי צו באקומען נאר א שבח פאר אייער אמת, ווי איר האט איצטער באקומען פון מיר, וועט איר אוודאי צו קיין זאך ניט דערגיין מיט די גרויסע מעשים פון אייער ליבשאפט, און דאס וועט מער ניט בלייבן ווי אין אייער דמיון, און דער גאנצער לעבן וועט אוועקפליען, ווי א חלום, און איר וועט שוין פארגעסן, פארשטייט זיך, אָן דעם עולם האמת אויך, און איר וועט לסוף זיך אליין אויך בארואיקן.

— איר האט געמאכט א תל פון מיר! כ'האב דאס נאר־וואס פארשטאנען, אט אין דער רגע, ווען איר האט גערעדט, אז איך האב באמת נאר געוואָרט, איר זאלט לויבן מיין אפנהארציקייט, בשעת איך האב פאר אייך דערציילט, אז איך קאן ניט סובל זיין אויב מ'זאל מיר ניט אפדאנקען. איר האט מיך גופא אנטפלעקט פאר מיר, איר האט מיך תופס געווען און איר האט מיך גופא געגעבן מיר צו פארשטיין!

— איר זאגט דאס באמת? נו, איז נאך אזא מתודה זיין זיך אייערן גלויב איך איצטער, אז איר פארבאָרגט קיין זיך ניט און איר האט א גוט הארץ. באם איר וועט צו קיין גליק ניט דערגיין, טא

זייט וויסן תמיד׳ אז איר זייט אפן דרך הישר׳ און איר זאלט זען ניט אראפצוגיין פון אים. דער עיקר׳ מיידט אויס דעם שקר׳ וואס פאר א שקר עס זאל ניט זיין׳ און דערהויפט דעם שקר פאר זיך גופא. גיט אכטונג אף אייער שקר און קוקט זיך אין אים אריין איטלאכע שעה׳ איטלאכע מינוט. מיידט אויך אויס דאס מיאוסן זיך סיי בנוגע לייטן׳ סיי בנוגע זיך: דאס׳ וואס עס קומט אייך אויס פאר שלעכט אינווענינק אין זיך׳ ווערט שוין מיט דעם גופא׳ וואס איר האט דאס דערזען אין זיך׳ געלייטערט. מורא מיידט אויכעט אויס׳ כאטש אפילו מורא איז מער ניט ווי דער פועל יוצא פון א יעדן שקר. איר זאלט זיך קיינמאל ניט שרעקן פאר אייער אייגענער קליינמוטיקייט אין פרט פון דערגרייכן ליבשאפט׳ אפילו פאר אייערע שלעכטע מעשים דערביי׳ זאלט איר זיך אויך ניט שטארק שרעקן. עס פארדריסט מיר׳ וואס איך בין ניט ביכולת צו זאגן אייך עפעס פריילאכערס׳ ווארים ליבשאפט פון מעשים איז אין פארגלייך מיט ליבשאפט פון דמיון אן אכזריותדיקע און אפשרעקנדיקע זאך. די ליבשאפט פון דמיון לעכצט נאך א גיכן אויפטו׳ וואס זאל באנוגענען אין א כהרף עין און אז אלע זאלן זיך פארקוקן אף אים. דא דערגייט מען באמת דערצו׳ וואס מ׳איז אפילו מקריב דעם לעבן׳ עס זאל זיך נאר לאנג ניט פארציען׳ און מ׳זאל קאנען אף גיך אויספירן ווי אפן סצענע׳ און אז אלע זאלן קוקן און לויבן. א קעגן זשע ליבשאפט פון מעשים — דאס איז ארבעט און אויסהאלטן׳ און פאר אנדערע איז דאס אפשר א גאנצער לימוד. נאר איך בין אייך מזהיר אפריער׳ אז אפילו אין דער זעל־ביקער מינוט׳ ווען איר וועט מיט מורא א קוק טאן׳ אז איר האט זיך ניט נאר וואס ניט דערנעהנטערט צום ציל׳ ניט קוקנדיק אף אייער גאנצער שווערער ארבעט׳ נאר אז איר האט זיך נאך אפילו ווי דערווייטערט פון אים׳ — איז אין אט דער זעלביקער מינוט׳ דאס בין איך אייך מזהיר א פריער׳ וועט איר טאקע מיטאמאל דערגרייכן דעם ציל און איר וועט קלאר דערזען איבער זיך דעם כוח הפלא פון דעם בורא׳ וואס האט אייך תמיד ליב געהאט און וואס איז תמיד פארבארגענער־הייט געווען אייער וועגווייזער׳ זייט מוחל׳ וואס איך קאן ניט פארבלייבן לייגגער מיט אייך׳ מ׳ווארט אף מיר׳ א גוטן.

די דאמע האט געוויינט.

— Lise, Lise, בענטשט זי אבער, בענטשט זי! — האט זי זיך מיטאמאל די גאנצע געגעבן א כאפ.

— אז מ׳דארף זי גארניט האָלט האבן אויך. איך האב געזען, ווי זי האט די גאנצע צייט געשטיפט. — האט מיט א שמייכל אנגערופן זיך דער סטארעץ, — פאר וואס האט איר די גאנצע צייט אפגעלאכט פון אַלעקסייען?

און Lise האט זיך טאקע באמת די גאנצע צייט מתעסק געווען מיט אט דער דאזיקער מלאכה. זי האט שוין לאנג, נאך פון יענעם מאל, באמערקט, אז אַליאָשאַ שעמט זיך פאר איר און ער פלייסט זיך ניט צו קוקן אף איר, און דאס אלץ האט איר גוואלטיק הנאה געטאן. אָנגעצילטערהייט האט זי געווארט און פלעגט כאפן זיין בליק: ניט אויסהאלטנדיק דעם עקשנותדיקן בליק, וואס איז געווען געווענדט אף אים, פלעגט אַליאָשאַ, דאכט זיך גאר ניט ווילנדיק, נאר מיטאמאל, מיט א כוח ניט בייצושטיין, אליין געבן א קוק אף איר, און זי פלעגט די רגע נעמען שמייכלען מיט א שמייכל פון נצחון גלייך אים אין די אויגן אריין. אַליאָשא פלעגט זיך שעמען און עס פלעגט אים נאך מער פארדריסן. צום סוף האט ער זיך אינגאנצן אפגעדרייט אָן א זייט און באהאלטן זיך הינטער דעם סטארעצס פלייצע. אין עטלאכע מינוט ארום האט ער ווידער, געצויגן פון אט דעם זעלביקן שטארקן כוח, א קער געטאן זיך געבן א קוק, צי מ׳קוקט אף אים צי ניט, און האט דערזען, אז ליזע הענגט כמעט די גאנצע ארויס פון שטול, און קוקט אף אים פון דער זייט און ווארט מיט די גאנצע כחות, ווען ער וועט א קוק טאן; כאפנדיק דאס מאל זיין בליק, האט זי זיך אזוי צעלאכט, אז אפילו דער סטארעץ גופא האט זיך שוין אויך ניט איינגעהאלטן:

— שטיפערקע איר איינע, פארוואס שטעלט איר אים אזוי אין בזיונות?

Lise איז עפעס מיטאמאל, אינגאנצן אומגעריכטערהייט, רויט געווארן, ט׳א פינקל געטאן מיט די אויגעלאך, איר פנים איז געווארן גוואלטיק ערנסט, און זי ט׳גענומען מיט ברען און אויפגעבראכטקייט צו טענהן אף גיך און אויפגערעגט:

— טא פאר וואס האט ער אן אלץ פארגעסן? ער פלעגט מיך טראגן א קליי־ינקע אף די הענט, איך פלעג שפילן מיט אים, ער פלעגט דאך קומען מיך לערנען לייענען, ווייסט איר דאס? אז ער האט זיך, מיט צוויי יאר צוריק, געזעגנט מיט מיר, ט׳ער זאגט, אז ער וועט קיינמאל ניט פארגעסן, אז מיר זיינען חברים אף אויביק, אף אויביק, אף אויביק! און איצטער האט ער שוין גאר מורא פאר מיר, איך וועל אים אויפעסן, וואס? פארוואס וויל ער ניט צו גיין צו מיר, פארוואס רעדט ער ניט? פארוואס וויל ער ניט קומען צו אונז? וואס, איר לאזט אים ניט? מיר ווייסן דאך, אז ער גייט אומעטום. מיר פאסט ניט צו רופן אים, ער האט צוערשט געדארפט דערמאנען זיך, אויב ער האט זיך ניט פארגעסן. א יא, ער פראווועט תיקון איצטער! פארוואס האט איר דאס טאקע אנגעטאן אף אים אט די לאנגע ריזע ... ער וועט געבן א לאף, וועט ער אנידערפאלן ...

און זי האט מיטאמאל ניט איינגעהאלטן זיך, און פארשטעלט דעם פנים מיט דער האנט און זיך מוראדיק צעלאכט, ניט קענענדיק זיך איינהאלטן, ט׳זיך צעלאכט מיט איר לאנגן, נערוועזן, פארצאפלטן און שטילן געלעכטער, דער סטארעץ האט אויסגעהערט מיט א שמייכל און געבענטשט זי מיט א צארטקייט; אז זי האט אבער אנגעהויבן קושן זיין האנט, האט זי זי צוגעדריקט מיטאמאל צו אירע אויגן און זיך פאנאנדערגעוויינט:

— זייט ניט אין כעס אף מיר, איך בין א נאר, איך בין קיין זאך ניט ווערט ... און אַליאָשא איז טאקע אפשר גערעכט, איז זעער גערעכט, וואס ער וויל ניט קומען צו אזא קאמישער, ווי איך בין

— כ׳וועל אים בלי נדר שיקן צו דיר, — האט איר צוגעזאגט דער סטאַרעץ,

## V

## יהי, עס זאל זיין!

דעם סטארעצס זוימען זיך האט געדויערט בא א פינף און צוואנציק מינוט, ס׳איז שוין געווען נאך האלב איינס דעם זייגער, און דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, צוליב וועמען אלע האבן זיך צונויפ־

געקליבן, איז נאָך אַלץ ניט געקומען. מ׳האָט אָבער אָן אים גאָר כמעט ווי פאַרגעסן אויך, און בשעת דער סטאַרעץ איז צוריק אַריינ־געגאַנגען אין קעמערל, האָט ער געטראַפן אַ זעער לעבעדיקן שמועס צווישן זיינע געסט. געפירט האָבן דעם שמועס קודם כל איוואַן פיאָדאָראָוויטש און די ביידע היעראָמאָנאַכן. אַריינגעמישט האָט זיך מיאוסאָוו אויך, און, אַפּנים, מיט גרויס ברען, ס׳איז אים אָבער ווידער ניט געגאַנגען; ער איז, משמעות, געווען אַפּן צווייטן פּלאַן און מ׳האָט אים גאָר אַפילו וועניק וואָס געענטפערט אויך. אַזוי אַז אַט דער נייער צושטאַנד האָט נאָר שטאַרקער געמאַכט די אויפגערייצטקייט, וואָס עס האָט זיך אין אים אַלץ געקליבן. די מעשה איז די, וואָס ער פלעגט נאָך פריער אויך אַ ביסל פּיקירן זיך מיט איוואַן פיאָדאָ־ראָוויטשן אין זייערע קענטענישן, און ער פלעגט קאַלטבלוטיק ניט קאָנען אַריבערטראָגן עפּעס זיין געוויסע גלייכגילטיקייט אין דער באַציאונג צו אים: „ביז איצט, בין איך לכל הפחות געשטאַנען אויבנאָן, פון דעם אַלעמען, וואָס עס האָט זיך גערעכנט פאַר פּראָגרעסיוו אין אייראָפּע, און דער נייער דור איגנאָרירט אונדז לחלוטין״, אַזוי פלעגט ער טראַכטן ביי זיך. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, וואָס האָט אַליין געגעבן אַ וואָרט אָוועקצוזעצן זיך אַפּן שטול און זיין שטיל, האָט טאַקע באמת אַ געוויסע צייט געשוויגן, אָבער מיט אַ שמייכעלע פון געשפּעט אַכטונג געגעבן אויף זיין שכן פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן און האָט אַפּנים, געקליבן נחת פון זיין אויפגערייצטקייט. ער האָט זיך שוין פון לאַנג געקליבן אָפּצוצאָלן אים פאַר עפּעס און ער׳ט איצטער ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט. צום סוף טאַקע האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, האָט אָנגעהויבן זיך צו זיין שכנס אַקסל און אינדערשטיל זיך נאָך אַ מאָל אַ רייץ געטאָן מיט אים.

— פאַרוואָס זייט איר דאָס פריער ניט אָוועקגעגאַנגען, בעת כ׳האָב געזאָגט, ער האָט אים מיט אהבה געטאָן קושן״ און איר זייט געבליבן צווישן אַזאַ ניט קיין לייטישן עולם? אַט דערפאַר טאַקע, ווייל איר האָט זיך געשפּירט דערנידעריקט און באַליידיקט זייט איר דאָס געבליבן, כדי צוליב נקמה וועגן אַרויסווייזן אייער פּקחות. איצטער וועט איר שוין ניט אָוועקגיין, ביז איר וועט ניט אַרויסווייזן אייער פּקחות.

— איר הויבט ווידער אן? תיכף גיי איך אוועק, אף להכעיס.

— נישקשה, נישקשה, איר וועט אוועקגיין שפעטער פאר אלעמען! — האט אים נאך א מאל א שטאך געטאן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש. דאס איז פארגעקומען כמעט אין דער זעלביקער רגע, בעת דער סטארעץ איז אריינגעגאנגען צוריק.

דער ויכוח איז אף א ווײַלע שטיל געווארן, נאר דער סטארעץ האט, אוועקזעצנדיק זיך אף זײַן פריערדיקן ארט, אלעמען באקוקט, און ווי ער וואלט עפּעס פרײַנדלאך געבעטן מ׳זאל ממשיך זײַן. אַליאָשאַ, וואס האט שוין געקענט כמעט יעדע תנועה פון זײַן פּנים, האט געזען קלאר, אז ער איז מוראדיק פארמאטערט און אז ער איז זיך אליין גובר. פאר דער לעצטער צײַט פון זײַן קראנקייט פלעגט ער פון אפּגעשוואכקייט אנהויבן חלשן. און טאקע כמעט אזא בלייכקייט ווי פארן חלשן האט זיך איצטער אויך באצויגן איבער זײַן פּנים, די ליפּן זײַנען זײַנען ווײַס געווארן. ער האט אבער קענטיק ניט געוואלט פאנאנדערלאזן די אסיפה; עס האט אויסגעזען, ווי ער וואלט עפּעס דערבײַ געהאט אן אייגענעם ציל, — נאר וואס פאר א? אַליאָשאַ האט מיט א שארפקייט נאכגעקוקט אף אים.

— מיר שמועסן וועגן זייער חריפותדיקן מאמר, — האט זיך אנגערופן דער היעראָמאנאך יאָסיף דער ביבליאטעקער, ווענדנדיק זיך צום סטארעץ און אנווײַזנדיק אף איוואן פיאָדאָראָוויטשן. — זיי זאגן ארויס א סך נײַע געדאנקען, מ׳קאן זיי אבער, דאכט זיך, פארשטיין ווי מ׳וויל. זיי האבן מיט א מאמר אין א זשורנאל געענטפערט א גײַסטלאכן מכוח דעם קירכלאך־ציווילן געריכט און ווי גרויס עס דארפן זײַן זײַנע רעכט. דער גײַסטלאכער האט אנגעשריבן מכוח אט דער דאזיקער פראגע א גאנצן ספר...

— איך האב צום פארדרוס אײַער מאמר ניט געלייענט, כ׳האב אבער געהערט וועגן אים, — האט געענטפערט דער סטארעץ, שארף אנקוקנדיק איוואן פיאָדאראָוויטשן.

— זיי גייען ארויס גאר פון א מאדנעם געדאנק, — האט ממשיך געווען דער פאטער־ביבליאטעקער, — אין דער פראגע פון דעם

קירכלאך־ציווילן געריכט ווארפן זיי, אפנים, לחלוטין אפּ די אפּטיי־לונג פון דער קירכע פון דער מלוכה.

— דאס איז זעער אינטערעסאנט, אין וואס פאר א זין אבער מיינט איר? — האט דער סטארעץ געפרעגט איוואַן פיאָדאָראָוויטשן.

ער האט אים געענטפערט, אבער ניט וואס מ׳זאָל זאגן מיט אַן אויבנאויפיקער העפלאכקייט, ווי עס האט נאך פאר דעם מורא געהאט אַליאָשאַ, נאר באשיידן און איינגעהאלטענערהייט, מיט א בולטן ווילן קומען אנטקעגן, און, דאכט זיך, אָן דעם מינדסטן שפּור פון הינטערגעדאנקען.

— איך האלט, אז דער פארבייטן די עיקרים, דאס הייסט דעם תּוך פון דער קירכע און פון דער מלוכה אלס אזוינע וועט, פארשטייט זיך, פארקומען אויביק, ניט קוקנדיק דערויף, אז דאס איז ניט מעגלאך און אז מ׳וועט דאס קיינמאל ניט זיין ביכולת צו ברענגען, ווער רעדט אין א נארמאלן, נאר אפילו אף וויפיל עס איז אין א הסכּמדיקן צושטאנד, ווארים דער שקר ליגט אין דעם יסוד פון דער זאך גופא. א פשרה צווישן דער מלוכה און דער קירכע אין א זוינע פראגן, למשל, ווי דאס געריכט, קומט בא מיר אויס, אז לויט דעם גאנצן אמתן תּוך קאן דאס ניט געמאלט זיין. דער גייסטלאכער, וועמען איך האב געענטפערט מיט מיין מאמר, האלט, אז די קירכע פארנעמט א גענויען און באשטימטן ארט אין דער מלוכה. איך אקעגן זשע מיין פארקערט, אז די קירכע גופא דארף כּולל זיין אין זיך די גאנצע מלוכה, און ניט נאר פארנעמען אין איר א געוויסן ווינקל, און אויב אז דאס איז איצטער צוליב געוויסע סיבּות ניט מעגלאך, מוז דאס ווערן צוליב דעם תּוך פון דער זאך גופא, אַן ספק דער ערשטער און וויכטיקסטער ציל פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער קריסטלאכער געזעלשאפט.

— זעער ריכטיק, — האט פעסט און נערוועז אנגערופן זיך פאטער פּאַאיסי, א שווייגער און א גרויסער למדן א היעראָמאנאך.

— אמתער אולטראַמאָנטאַניזם! — האט אויסגעשריען מיאוסאָוו, אריבערלייגנדיק אין אומגעדולד א פוס אף א פוס.

— ווייס איך, מיר האבן דאך גאר קיין בערג ניט אפילו! — האט

אויסגערופן פאטער יאָסיף און, ווענדנדיק זיך צום סטארעץ, ממשיך געווען: — זיי ענטפערן אגב זייער געגנער, וואס איז א גייסטלאַכער, דארפט איר וויסן, אף די דאזיקע גרונד־יסודודות זיינע. ראשית: אז „קיין שום עדה קאן ניט און טאר ניט ארייננעמען צו זיך די ממשלה — אף צו באלעבאטעווען מיט די בירגערלאכע און פאליטישע רעכט פון אירע מיטגלידער". שנית: אז די מאכט פון דעם קרימינאל און ציוויל־געריכט טאר ניט געהערן צו דער קירכע און אז דאס איז ניט אין הסכם מיט איר מהות סיי אלס מוסד פון גאט, סיי אלס אן עדה פון מענטשן פאר רעליגיעזע ענינים, און צום סוף נאך: אז „די קירכע איז ניט קיין קיניגרייך פון אט דער וועלט"...

— א בזיון פאר א גייסטלאכן! — האט זיך ניט איינגעהאלטן פאטער פאאיסי און האט ווידער איבערגעשלאגן — איך האב געלייענט דעם ספר, אף וועלכן איר האט געענטפערט, — האט ער זיך געווענדט צו איוואן פיאָדאָראָוויטשן, — און איך האב זיך געחידושט ווי אזוי א גייסטלאכער קאן זאגן, אז „די קירכע איז ניט קיין קיניגרייך פון אט דער וועלט". וויבאלד אז ניט פון אט דער וועלט, איז דאך געדרונגען, אז זי קאָן דאך גאר לחלוטין ניט זיין אף דער ערד. אין דעם הייליקן עוואנגעליום מיינט מען די ווערטער: „ניט פון אט דער וועלט" ניט אין דעם זינען, שפילן זיך מיט אזוינע ווערטער טאר מען ניט. אונזער האַר קריסטוס איז געקומען דווקא, כדי איינצושטעלן די קירכע אף דער ערד. אוודאי איז דער מלכות שמים, ניט אט אף דער וועלט, נאר אין הימל, צו אים אבער קומט מען ניט אנדערש ווי דורך דער קירכע וואס מ'האט אויפגעבויט און איינגעשטעלט אף דער ערד. דעריבער טאקע קאנען די היינטוועלטיקע פלפולים אין דעם פרט ניט געמאלט זיין און זיי זיינען אומווערדיק. די קירכע איז אבער באמיתת א קיניגרייך, און זי וועט דארפן קיניגן, און זי וועט שפעטער ווערן אָן א ספק א מלוכה אף דער גאנצער וועלט, — ווי דאס איז צוגעזאגט געווארן...

ער איז מיטאמאל געבליבן שטיל, עפעס ווי ער וואלט זיך גופא איינגעהאלטן. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט אים אויסגעהערט מיט דרך ארץ און מיט קאפ, און האט זעער רואיק, אבער ווי פריער מיט א גרייטקייט

און פשוטקייט ווייטער גערעדט, ווענדנדיק זיך צום סטארעץ:

— דער גאנצער געדאנק פון מיין מאמר איז אט דער, וואס פארציייטן, אין די ערשטע דרייהונדערט יאר פונ׳ם קריסטנטום, איז דאס קריסטנטום געקומען אף דער ערד מער ניט אלס קירכע און איז טאקע געווען נאר א קירכע. בשעת אבער די רוימיש־געצנדינערישע מלוכה האט געוואלט ווערן א קריסטלאכע, איז דאס פארגעקומען גראד אזוי, אז, ווערנדיק א קריסטלאכע מלוכה, האט זי נאר ארייגענו־מען אין זיך די קירכע, אבער זי גופא איז געבליבן אף ווייטער א געצנדינערישע מלוכה ווי פריער, לויט זעער א סך מנהגים נאך. אין תוך האט טאקע אן ספק אויך געדארפט אזוי זיין. אבער אין רוים איז, אלס מלוכה, איבערגעבליבן זעער פיל פון דער געצנדינערישער ציוויליזאציע און חכמה, שוין דאס אליין, למשל, ווי דער תוך און די יסודות פון דער מלוכה גופא. פון דער אנדער זייט ווידער האט די קירכע פון קריסטוס, אריינטרעטנדיק אין דער מלוכה, בלתי ספק אף קיין זאך פון אירע יסודות ניט געקאנט מוותר זיין, זי האט ניט גע־קאנט אפטרעטן פון דעם שטיין, אף וועלכן זי איז געשטאנען, און האט ניט אנדערש ווי נאר געמוזט פארפאלגן איר תכלית, וואס דער האר אליין האט שוין איינמאל פעסט אוועקגעשטעלט און אנגעוויזן, ווי למשל: פארוואנדלען די גאנצע וועלט, און שוין במילא אויך די גאנצע געצנדינערישע מלוכה, אין א קירכע. אף אזא אופן (דאס הייסט צוליב דעם ציל פון דעם עתיד) דארף ניט די קירכע זוכן פאר זיך א באשטימטן ארט אין דער מלוכה, ווי „יעדער אנדער עדה" אדער ווי „אן עדה פאר רעליגיעזע ענינים", ווי עס דריקט זיך אויס וועגן דער קירכע אט דער מחבר, מיט וועמען איך גיי זיך פאנאנדער, נאר פאר־קערט, יעטווידע וועלטלאכע מלוכה וואלט באדארפט לסוף פאר־וואנדלט ווערן לחלוטין אין א קירכע, און קיין אנדער זאך ניט ווערן ווי טאקע נאר א קירכע און שוין אפזאגן זיך פון יעדן אייגענעם ציל, וואס איז ניט בהסכם מיט דעם ציל פון דער קירכע. און דאס וועט ווידער מיט קיין זאך ניט דערנידעריקן די מלוכה, זי וועט ניט פארלירן ניט איר כבוד, ניט איר שם, אלס א גרויסע מלוכה, ניט דעם רום פון אירע מושלים, מער ניט זי וועט אראפגיין פון דעם פאלשן, נאך דעם

געצנדינעריש און טועהדיקן וועג אפן דרך הישר, וואס נאר ער אליין פירט צו דעם אויביקן ציל. אט פארוואס דער מחבר פון דעם ספר „די יסודות פון דעם קירכלאך־ציווילן געריכט" וואלט געמשפט ריכטיק, ווען ער וואלט ביים אויסזוכן און פאַרלייגן אט א די יסודות, געקוקט אף זיי מער ניט ווי אף א צייטווייליקער פשרה, וואס איז נאך נויטיק אין אונזער זינדיקער און נאך ניט פארענדיקטער צייט, אבער ניט מער. וויבאלד אבער דער מחבר פון אט די יסודות דערוועגט זיך צו זאגן, אז די יסודות, וועלכע ער לייגט איצטער פאָר און וואס א טייל האט אקארשט אויסגערעכנט פאטער יאָסיף, — זיינען יסודות, וואס ס'איז ניט בייצוקומען זיי, סטיכישע און אויביקע, דערגייט ער מיט דעם פשוט, אז ער איז קעגן דער קירכע און קעגן איר הייליקן און אויביקן גורל. אט דאס איז דער גאנצער תוך פון מיין מאמר, א פולשטענדיקער קאנספעקט.

— דאס איז הייסט עס, אז מ'זאל זאגן אין צוויי ווערטער, — האט, באטאנענדיק איטלאך ווארט, ווידער אנגערופן זיך פאטער פּאַאיסי, — איז לויט געוויסע טעאָריעס, וואס זיינען שטארק בולט געווארן אין אונזער ניינצעטן יארהונדערט, דארף די קירכע מגולגל ווערן אין א מלוכה, עפעס ווי פון א מין נידעריקערן און א העכערן, כּדי דערנאך איינגאנצן בטול צו ווערן אין איר, נאכגעבנדיק דער ווי־סענשאפט, דעם גייסט פון דער צייט און דער ציוויליזאציע. טאמער אבער וויל זי דאס ניט און זי שטעלט זיך אנטקעגן, לאזט מען איר אפּ דערפאר אין דער מלוכה עפעס מער ניט ווי א ווינקעלע, אבער אויך אונטער א השגחה. אזוי איז דאס טאקע איצטער אומעטום אין די מאדערנע אייראפעאישע לענדער. אבער על פי דער רוסישן השגה און דעם רוסישן בטחון נאך דארף זיין אזוי, אז ניט די קירכע זאל מגולגל ווערן אין א מלוכה, ווי פון א נידעריקערן אין אַ העכערן מהות, נאר פארקערט, די מלוכה דארף דערגיין דערצו, אז זי זאל זיין מסוגל צו ווערן מער ניט ווי א קירכע און טאקע קיין אנדער זאך ניט. כּה יהיה, אזוי זאל דאס זיין!

— נו, רבותי, איך מוז אייך זאגן דעם אמת, אז איך בין איצטער געווארן א ביסל תקיפער בא זיך, — האט א שמייכל געטאן מיאוסאוו

און אריבערגעלייגט א פוס אף א פוס, — אף וויפל איך פארשטיי, רעדט זיך דאס, הייסט עס, אז עס זאל מקוים ווערן א אידעאל, וואס איז נאך לעת עתה א זעער זעער ווייטער, ערשט צום צווייטן קומען פון גואל צדקי. מאכטייסע, ס'איז א גרויסארטיקער חלום, אז עס זאלן מער ניט זיין קיין מלחמות, קיין דיפלאמאטן, קיין ביינק וכדומה, ס'איז כמעט אפילו ענלאך אף סאציאליזם. אבי איך האב גערעכנט, אז דאס מיינט מען אלץ ערנסט, און אז די קירכע וועט, למשל, שוין איצטער אנהויבן משפטן קרימינעלע פארברעכנס און צופסקענען שמיץ, קאַטאָרגע און אמאל אפשר טויט־שטראף אויך.

— איך זאג אבער, אז ווען עס וואלט איצטער כאטש געווען איין קירכלאך־ציווילער געריכט, וואלט איצטער אויך די קירכע ניט פארשיקט אף קאַטאָרגע און ניט געמשפט מיט קיין טויט־שטראף. דער מין פארברעכן און דער קוק אפן פארברעכן וואלט דעמאלט זיך בלי ספק געדארפט בייטן, פארשטייט זיך, ביסלאכווייז, ניט מיטאמאל, און די שטעל, אבער גאנץ גיך פונדעסטוועגן... — האט רואיקערהייט, ניט א ווינקטאנדיק מיט קיין אויג, אנגערופן זיך איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

— איר מיינט דאס באמת? האט אף אים געגעבן א שארפן קוק מיאוסאָווי.

— אז אלץ וואלט געווארן א קירכע, וואלט די קירכע אפגעשיידט פון זיך דעם זינדיקן און דעם ווידערשפעניקן, און וואלט ניט געהאקט דעמאלט קיין קעפ, — האט ממשיך געווען איוואַן פיאָדאָראָוויטש. — איך פרעג אייך, וואו וואלט אהינגעקומען דער אפגעשטויסענער? ער וואלט דאך דעמאלט געמוזט ניט נאר אוועקגיין פון די מענטשן, ווי איצטער, נאר פון קריסטוסן אויך. ער וואלט דאך מיט זיין פארברעך שטעלן זיך ניט נאר אנטקעגן די מענטשן, נאר אפילו אנטקעגן די קירכע פון קריסטוס. אז מ'זאל נעמען שטרענג, פארשטייט זיך, איז דאס איצטער אויך אזוי, מ'האט דאך דאס אבער פאַרט ניט מבשר געווען, און דאס געוויסן פון א היינטיקן פארברעכער קאן זעער און זעער אפט מאכן מיט זיך א פשרה: „כ'האב, אמת, געגנבט, אבער איך גיי ניט קעגן דער קירכע, איך בין קריסטוסן ניט קיין שונא“. אט וואס עס זאגט צו זיך א היינטיקער פאַרברעכער אָן א יוצא מן הכלל,

אבער דעמאלט, אז די קירכע וועט ווערן אנשטאט דער מלוכה, דעמאלט וואָלט דאס אים שווער געווען צו זאגן, סיידן ער זאל אפּלייקענען די גאנצע קירכע פון דער וועלט: „אלע, הייסט עס, לעבן אין טעות, אלע האבן זיך אפּגעקערט פון רעכטן וועג, אלע — זיינען א פאלשע קירכע", נאר איך אליין גנב און גזלן — בין די אמתע קריסטלאכע קירכע". דאס איז דאך אבער זעער שווער צו זאגן צו זיך, דאס פאדערט דאך מוראדיקע תנאים, תנאים, וואס עס טרעפן זיך ניט אפט. איצטער, פון דער אנדער זייט, באטראכט דעם קוק פון דער קירכע גופא אפן פארברעכער: דארף ער זיך דען ניט בייטן לגבי דעם איצטיקן, דעם כּמעט געצנדינדרישן קוק, און פון דעם מעכאנישן אפּהאקן דעם קראנקן אבר, ווי דאס ווערט איצטער געטאן אף אפּצוהיטן דעם כּלל, דארף ער שוין דען ניט לחלוטין און באמתפארוואנדלט ווערן אין דער אידעע פון דעם מענטשנס ניי געבוירן ווערן, וועגן דעם תּחית המתים זיינעם און דעם תּיקון זיינעם...

— וואָרט, איז וואס זשע איז דאס? איך הער ווידער אויף צו פארשטיין, — האט איבערגעשלאגן מיאוסאָוו, — איז דאך דאס עפּעס ווייטער א חלום, עפּעס מטושטשדיקס, וואס מ'קאָן גאר סתם ניט פארשטיין. וואס הייסט אפּשיידן, וואס פאר אן אפּשיידן? איך בין חושד, אז איר מאכט פּשוט חוזק, איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

— אין פלוג אבער איז דאך דאס איצטער אויך אזוי, — האט פלוצים אנגעהויבן רעדן דער סטארעץ, און אלע האבן זיך מיטאמאל געגעבן א קער צו אים; — ווארים ווען עס וואלט איצטער ניט געווען די קירכע פון קריסטוסן, וואלט גאר דער פארברעכער קיין שום ברעג ניט געהאט אין גנבה און אין גזלה, און פונקט אזוי בעת מ'שטראפט אים אפילו שפּעטער דערפאר, איך מיין דא די אמתע שטראף, ניט די מעכאנישע, ווי זיי האבן אקארשט געזאגט, וואס עס רייצט מער ניט אויף דאס רוב דאס הארץ, נאר די אמתע שטראף, וואס איז נאר אליין בנמצא, וואס זי נאר אליין שרעקט אפּ און שטילט איין, די שטראף, וואס עס געפינט זיך אין דעם דעת פון דעם אייגענעם געוויסן.

— איך בעט אייך, ווי מיינט איר דאס? — האט מיאוסאָוו מיט דער גרעסטער נייגעריקייט א פרעג געטאן.

— איך מיין דאס אט ווי, — האט אנגעהויבן דער סטארעץ, —
דער גאנצער פארשיקן אף שווערע ארבעט, און פריער פלעגט מען
נאך שלאגן דערצו, בעסערט קיינעם ניט אויס, און די צאל פון פאר־
ברעכנס ווערן ניט נאר קלענער, נאר וואס ווייטער, אלץ גרעסער און
גרעסער. מיט דעם מוזט איר דאך מסכים זיין. און דער פועל יוצא
איז, אז דער כלל איז אף אזא אופן גארניט אפגעהיט, ווארים טאמער
האקט מען יע אפ מעכאניש דעם שעדלאכן אבר, און מ׳פארשיקט
אים ווייט פון די אויגן, קומט אף זיין ארט די רגע אן אנדער פאר־
ברעכער, און אפשר נאך צוויי אנדערע. אויב אבער עפעס פארהיט
יע דעם כלל אפילו אין אונזער צייט, און בעסערט אויס אפילו דעם
פארברעכער גופא און מאכט אים געבוירן אין אן אנדער מענטשן,
איז דאס ווידער טאקע מער ניט ווי קריסטוסעס חוק אליין, וואס ווערט
אנטפלעקט אין דער הכרה פון דעם אייגענעם געוויסן. מכיר
זיינדיק אבער די אייגענע שולד אלס א זון פון קריסטוסעס עדה, איך
מיין פון דער קירכע, איז ער שוין מכיר זיין שולד פאר דער עדה גופא,
איך מיין פאר דער קירכע. אף אַזא אופן, איז טאקע נאר פאר דער
קירכע אליין א היינטיקער פארברעכער מסוגל מודה צו זיין זיין
שולד, און ניט וואס מ׳זאל זאגן פאר דער מלוכה. אט אז דער געריכט
וואלט געהערט דעם כלל אלס קירכע וואלט ער דעמאלט געוואוסט,
פון וועמען אראפנעמען דעם הרם און וועמען אריינברענגען צוריק אין דער
עדה. איצט אבער, ניט האבנדיק קיין שום בפירושדיקן געריכט און
קאנענדיק נאר מאראליש משפטן, האלט זיך די קירכע אליין אויך
אפ פון בפירוש צו שטראפן דעם פארברעכער. זי שיידט אים ניט
אפ פון זיך, נאר זי פארלאזט אים ניט מיט קיין ווארט פון א פאטער.
אדרבה, זי זעט אפצוהיטן אפילו מיט דעם פארברעכער די גאנצע
מגע ומשא פון דער קריסטלאכער קירכע: זי לאזט אים צו צו עבודת
הבורא, צום הייליקן ברויט און ווין, זי גיט אים א נדבה און באגייט
זיך מיט אים גיכער ווי מיט א פארבלענדעטן ווי מיט א בעל עברה.
און וואס וואלט טאקע געווארן פון דעם פארברעכער, אָ גאטעניו!
ווען אפילו די קריסטלאכע עדה, איך מיין די קירכע, וואלט אים אויך
אזוי אפגעשטויסן פון זיך, ווי עס שטויסט אים אפ און עס פארווארפט

אים דער געזעץ פון דער מלוכה? וואס וואלט געווען, ווען די קירכע וואלט אים אויך געשטראפט מיט ארייגלייגן אין חרם תּיכּף און איטלאך מאל גלייך נאך דער שטראף פון דעם געזעץ פון דער מלוכה? עס וואלט טאקע גארניט געקאנט זיין קיין גרעסערער יאוש פאר אים, לכל הפּחות, פאר א רוסישן פארברעכער, ווארים די רוסישע פארברעכער גלויבן נאך, נאר ווער ווייס, אגב: אפשר וואלט גאר דעמאלט פארגעקומען א מוראדיקע זאך, — אפשר וואלט גאר דער פארברעכער פארלארן די אמונה פון זיין הארצן, און וואס וואלט דעמאלט זיין? אבער די קירכע, ווי א הארציקע מאמע און וואס האט ליב, האלט זיך אליין אפּ פון א בפירושדיקער שטראף, ווארים אן איר שטראף איז שוין דער שולדיקער אויך געגוג באשטראפט מיט דעם משפט פון דער מלוכה, און כאטש עמיצער דארף זיך דאך מרחם זיין אף אים. דער עיקר אבער האלט זי זיך אפּ דערפאר, ווארים נאר דער משפט פון דער קירכע איז דער איינציקער משפט, וואס איז אין זיך כולל דעם אמת, און דעריבער קאן ער ניט ארייגגייין מיט קיין שום אנדער משפט סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות אף קיין פשרה, כאטשבי נאר אף א צייט. פשרות קאנען שוין דא ניט געמאלט זיין, אין אויסלאנד, זאגט מען, האט א פארברעכער זעלטן חרטה, ווארים אפילו די נייע תּורות גופא מאכן שטארקער זיינע מחשבות, אז זיין פארברעכן איז גאר קיין פארברעכן ניט, נאר מער ניט ווי א שטעלן זיך אנטקעגן דער מאכט, וואס באדריקט אים מיט אן אומ־גערעכטקייט. דער כּלל שטויסט אים אפּ פון זיך לחלוטין אף א מעכאנישן אופן מיט א כּוח, וואס טריאומפירט איבער זיין נצחון, און אט די דאזיקע פארשטויסונג באגלייט דער כּלל מיט שנאה (אזוי, לכל הפּחות, דערציילן זיי גופא וועגן זיך אין אייראפּע), — מיט שנאה און לחלוטין קאלטבלוטיק וועגן זיין ווייטערדיקן גורל, אלס אן אייגענעם ברודער. אף אזא אופן קומט דאס אלץ פאר אן דעם קלענסטן דערבארעמען זיך מצד דער קירכע, ווארים דאס רוב זיינען שוין דארטן גאר קיין קירכעס אינגאנצן ניטא, נאר עס זיינען מער ניט געבליבן ווי די משרתים פון די קלויסטערס און די פּרעכטיקע בנינים פון די קירכעס, די קירכעס גופא אבער רייסן זיך שוין לאנג

דארטן אריבערצוגיין פון דעם נידעריקערן מהות, אלס קירכע, אין דעם העכערן, אלס מלוכה, כדי אינגאנצן בטול צו ווערן אין איר. אזוי איז דאס, דאכט זיך, לכל הפחות, אין לוטערס לענדער. אין רוים ווידער איז שוין פון טויזנט יאר ווי ס׳איז אנשטאט דער קירכע אויסגערופן געווארן די מלוכה. דעריבער האלט זיך שוין דער פאר־ברעכער גופא ניט ווי קיין אבר פון דער קירכע און א פארשטויסענער לעבט ער אין פארצווייפלונג. אויב אבער ער קומט יע צוריק צום כלל, איז ניט זעלטן מיט אזא שנאה, אז דער כלל אליין שטויסט אים שוין אפ פון זיך, עפעס ווי גאר ניט ווילנדיק. וואס עס וועט זיין דער סוף, קאנט איר אליין משפטן. אין א סך פאלן קאן אויסקומען, אז בא אונז איז אויך אזוי; די מעשה איז אבער די, וואס א חוץ דעם משפט פון דער מלוכה, האבן מיר נאך אויסער דעם אויך דעם קלויסטער, וואס פארלירט קיינמאל ניט די מגע ומשא מיטן פאר־ברעכער, ווי מיט זיינעם א ליבן און נאך אלץ טייערן קינד; היינט איז נאך פאראן אויך און עס ווערט אפגעהיט, כאטש אפילו מער ניט ווי במחשבה, דער משפט פון דעם קלויסטער, וואס איז איצטער הגם ניט קיין בפירושדיקער, וואס לעבט נאך אבער אלץ פאר יענער וועלט, כאטשבי אפילו נאר אין דמיון, אבער אין וועלכן עס גלויבט אויך בלתי ספק, מיט דעם אינסטינקט פון זיין נשמה, דער פארברעכער גופא. אמת איז דאס אויך, וואס מ׳האט דא איצטער נאר־וואס געזאגט, אז ווען עס וואלט טאקע אנשטיין דער געריכט פון דער קירכע, אין זיין גאנצן כוח, דאס הייסט ווען דער גאנצער כלל וואלט פארוואנדלט געווארן אין א קירכע, וואלט ניט נאר דער געריכט פון דער קירכע אזוי גוט משפיע געווען אפן פארברעכער, ווי דאס איז ניט מסוגל דער איצטיקער געריכט. נאר אפשר וואלטן באמת די פארברעכנס גופא פארקלענערט געווארן אין אזא מאס, וואס איז גאר ניט צו גלויבן. און א חוץ דעם וואלט גאר די קירכע סתם, אן ספק, אין א סך פאלן גאר אנדערש משיג געווען א שפעטערדיקן פארברעכער, און א שפעטערדיקן פארברעך, ווי זי איז דאס איצטער משיג, און זי וואלט געווען ביכולת אומצוקערן דעם פארשטויסענעם, מתרה צו זיין דעם, וואס פארטראכט בייז און אויפצוריכטן דעם געפאלענעם. אמת, — האט

א שמייכל געטאן דער סטאַרעץ, — לעת עתּה איז נאך דער קריסט־לאכער ציבור ניט ראוי דערצו און ער האלט זיך נאר אף זיבן צדיקים; היות אבער ווי זיי ווערן ניט אויסגעשעפּט, שטייט ער נאך אלץ פעסט און ווארט אף דעם בפירושדיקן פארוואנדלט ווערן פון א ציבור, וואס איז נאך כמעט א געצנדינערישער, אין דער איינציקער קירכע, וואס איז כולל און באהערשט די גאנצע וועלט. כּה יהיה, אזוי זאל זיין, כאטש אפילו בסוף כּל הדורות. ווארים נאר אט א דאס מוז מקוים ווערן! און עס דארפן ניט ארן ניט די צייטן, ניט די זמנים, ווארים דער סוד פון די צייטן און פון די זמנים ליגט אין גאטס חכמה, אין זיין השגחה און אין דער ליבשאפט זיינער. דאס וואס עס קאן אפשר אויסקומען, על פּי דעם חשבון פון א בשר ודם, אז ס'איז נאך זעער ווייט, איז דאס שוין אפשר, על פּי דעם אויבערשטנס באשטימען פארויס, ביים ערב מקוים ווערן. כּה יהיה, אזוי זאל זיין!

— יהיה, עס זאל זיין! — האט שטרענג און מיט יראת הכּבוד א זאג געטאן פאטער פּאַאיסי אויך.

— מאדנע, גאר, גאר מאדנע! — האט זיך אנגערופן מיאוסאָוו ניט וואס מ'זאל זאגן מיט ברען, נאר אזוי ווי מיט עפּעס א מין פארבארגענעם כּעס.

— וואס זשע קומט בא אייך אויס אזוי מאדנע? — האט פאר־זיכטיקערהייט געגעבן א פרעג פאטער יאסיף?

— וואס זאל דאס אבער באמת באטייטן — האט מיאוסאָוו אויסגערופן, ווי ער וואלט זיך עפּעס מיטאמאל געגעבן א ריס א דורך — עס ווערט בטול די מלוכה אף דער וועלט, נאר די קירכע ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון א מלוכה! דאס איז ניט נאר אולטראמאנטאניזם, דאס איז אפילו ארכי־אולטראמאנטאניזם! דאס האט זיך דעם פּויפּסט גרעגאר דעם זיבעטן ניט געחלומט!

— איר פארשטייט דאס, נעמט ניט פאר אומגוט, לחלוטין פאר־קערט! — האט שטרענג א זאג געטאן פאטער פּאַאיסי, — ניט די קירכע ווערט פארוואנדלט אין א מלוכה, אט א דאס נעמט אין רעיון, דאס איז די שיטה פון רוים און זיין אידעאל. דאס איז דעם שטנס דריטער נסיון, ניט די קירכע ווערט פארוואנדלט אין א מלוכה נאר

פארקערט, די מלוכה ווערט פארוואנדלט אין א קירכע, זי ווערט נתעלה ביז צו א קירכע און זי ווערט א קירכע אף דער גאנצער וועלט, — וואס דאס איז שוין לחלוטין דער היפך סיי צו אולטראמאנטאניזם, סיי צו רוים, סיי צו אייער פשט, מער ניט דאס איז דער גרויסער גורל פון דער רעכטגלויביקער אמונה אף דער ערד, פון מזרח־זייט וועט דער דאזיקער שטערן אויפגיין.

מיאוסאָוו איז מיט א וויכטיקייט אנטשוויגן געווארן, דער גאנצער אנבליק זיינער האט אויסגעדריקט א ניט קיין געוויינטלאכע חשיבות פון זיך גופא, און א שמייכעלע פון עפעס א טובה־טאן האט זיך באוויזן אף זיינע ליפן. אַליאָשא האט דאס אלץ צוגעזען מיט א שטארקן קלאפן אין הארצן. אט דער גאנצער שמועס האט אים אויפגערעגט ביזן גרונט. ער האט צופעליק געגעבן א קוק אף ראקיטינען; יענער איז געשטאנען אומבאוועגטערהייט אף זיין פריערדיקן ארט לעבן טיר, און האט מיט חשק זיך צוגעהערט און צוגעקוקט זיך, כאטש אפילו ער האט געהאלטן אראפגעלאזן די אויגן. אבער אן דער לעבעדיקער פארב פון זיין געזיכט, האט אַליאָשאַ פארשטאנען, אז ראקיטין איז, דאכט זיך, אויך אויפגערעגט, ניט ווייניקער פאר אים; אַליאָשאַ האט געוואוסט, פון וואס ער איז אויפגערעגט.

— איך וואלט אייך וועלן דערציילן, מיינע הערן, א קורצע מעשה, — האט זיך פלוצלונג אנגערופן מיאוסאָוו מיט א טאן פון צו ווירקן און מיט א גאר שטארקער חשיבות. — באלד נאך דער דעצעמבער־איבערקערעניש, דאס איז שוין א מעשה פון עטלאכע יאר, איז מיר איינמאל אויסגעקומען אין פאריז, זייענדיק על פי באקאנט־שאפט אף א וויזיט בא איינער א גאר וויכטיקער און צו יענער צייט זעער אנגענומענער פערזאן, צו טרעפן זיך דארטן מיט א גוואלטיק טשיקאוון הער. געווען איז דער דאזיקער מענטש ניט וואס מ׳זאל זאגן א געהיים־אגענט, נאר עפעס א מין אנפירער פון א גאנצער קאמאנדע פון פאליטישע געהיים־אגענטן, — אלזא אין א געוויסן פרט א וויכטיקער אמט. איך האב זיך צוגעכאפט צו דער געלעגנהייט און איך האב, פון זעער גרויס נייגעריקייט, זיך פאנאנדערגערעדט מיט אים; און היות ווי מ׳האט אים אויפגענומען אין הויז ניט ווי

א באקענטן, נאר ווי א נידעריקערן באאמטן, וואס איז געקומען מיט עפעס א ראפּארט, האב איך געהאט דעם כּבוד, ער זאל רעדן פאר מיר אָפן, -ווארים ער האט געזען, ווי זיין שעף נעמט מיך אויף, פארשטייט זיך, מ׳קאן נאר זאגן געריעדט אָפן אין א געוויסער מאס. דאס הייסט ער איז געווען גיכער העפלאך, ווי אפן, אזוי טאקע ווי די פראנצויזן קאנען זיין העפלאך, בפרט ער האט געזען, אז איך בין אן אויסלענדער, איך האב אים זעער גוט פארשטאנען, די טעמע איז געווען וועגן די סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, וועלכע מ׳האט דעמאלט אגב רודף געווען, איכ׳ל איבערלאזן דעם גאנצן תּוך פון דעם שמועס און איכ׳ל נאר איבערגעבן א גאר מאדנע באמערקונג, וואס עס האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן בא אט דעם דאזיקן נפשל: „מיר האבן, — זאגט ער, — אין פלוג פאר אלע סאציאליסטן-אנארכיסטן, אפּיקורסים און רעוואלוציאנערן קיין מורא ניט; מיר גיבן אכטונג אף זיי, און אלע זייערע גיינג זיינען אונז באוואוסט. עס זיינען אבער פאראן צווישן זיי, הגם ניט קיין סך, עטלאכע גאר אנדערע מענטשן: דאס זיינען אט די, וואס גלויבן אין גאט און זיינען קריסטן, און אין דער זעלביקער צייט זיינען זיי סאציאליסטן אויך. אט פאר זיי האבן מיר טאקע מורא מער ווי פאר אלעמען, דאס איז אַ מוראדיקע אומה! א סאציאליסט-א קריסט איז מוראדיקער פאר א סאציאליסט אן אפּיקורס״. איך בין דעמאלט אויך נשתּומם געווארן פון אט די ווערטער, נאר איצטער, מיינע הערן, זיינען זיי מיר בא אייך ווידער איינגעפאלן ...

— דאס הייסט איר גלייכט זיי צו צו אונז און איר האלט אונז פאר סאַציאליסטן? — האט פראסט און פשוט געגעבן א פרעג פּאטער פּאַאיסי. נאר איידער פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש האט אויסגעפונען א געהעריקע תּשובה, האט זיך אופגעעפנט די טיר און ס׳איז אריין דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, וואס האט אזוי שטארק פארשפעטיקט. מ׳האט טאקע אף אן אמת ווי אויפגעהערט צו ווארטן אף אים, און זיין פּלוצלונגדיקער באווייזן זיך האט, אין דער ערשטער רגע, ארויסגערופן כּמעט ווי א פארוואונדערונג.

# VI

## נאכסאל לעבט אזא מענטש!

דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, א יונגער מאן פון אכט און צוואנציק יאר, פון מיטעלן וואוקס און מיט אן אנגענעם געזיכט, האט אויס־געזען פונדעסטוועגן א סך עלטער פאר זיינע יארן. געווען איז ער א מוסקולדיקער און עס האט זיך געשפירט אין אים א באדייטנדיקע פיזישע קראפט, און דאך האט ווי עפעס קריינקלאכעס אויסגעדריקט זיין פנים. ער האט געהאט א מאגערע געזיכט מיט איינגעפאלענע באקן און זייער פארב האט אפגעגעבן עפעס אזא ניט קיין געזונטע געלקייט פון זיך. זיינע גרויסע אויסגעשטארצטע טונקעלע אויגן האבן כאטש אפילו געקוקט מיט א פעסטער עקשנות, אבער עפעס ווי אומ־באשטימט. אפילו ווען ער פלעגט זיין אויפגערעגט און רעדן מיט א צערייצטקייט, פלעגט דער קוק זיינער ווי גארניט אונטערגעבן זיך דעם אינערלאכן צושטאנד, נאר אויסדריקן גאר עפעס אנדערש, אפטמאל גארניט אין הסכם מיט דעם, וואס ער לעבט דורך אין דער איצטיקער מינוט. „ס׳איז שווער צו זאגן, וועגן וואס ער טראכט״, פלעגן זיך מענטשן טיילמאל אפרופן, וואס פלעגן רעדן מיט אים, אנדערע, וואס פלעגן זען אין זיינע אויגן עפעס א פארטראכטקייט און א פארפינצטערקייט, פלעגט זיך צומאל טרעפן, אז זיי פלעגן נשתומם ווערן פון זיינעם א פלוצלונגדיקן געלעכטער, וואס פלעגט זאגן עדות פון זיינע לוסטיקע און שפילנדיקע געדאנקען, וועלכע ער האט גראד אין דעם מאמענט, בעת ער זעט אויס אזוי פארפינצטערט. אגב האט מען די געוויסע קריינקלאכקייט פון זיין געזיכט געקאנט זעער גוט פארשטיין: אלע האבן געוואוסט אדער האבן געהערט פון זיין גוואַלטיק צעווארפענעם און „אויסגעלאסענעם״ לעבן, וואס ער האט די לעצטע צייט געפירט בא אונז, פונקט ווי אלע האבן אויך געוואוסט פון דער ניט־געוויינטלאכער אויפרייצונג, צו וועלכער ער פלעגט דערגייןָ אין די סכסוכים מיט זיין טאטן צוליב די געלטער, וואס ער האָט געמאנט. גאנצע מעשיות האבן זיך שוין ארומגעטראגן וועגן דעם איבערן שטאט. אמת, אז ער איָז אויך בטבע געווען א כעסן, מיט

„א קרומען און ניט קיין געשטעלטן מוח״ ווי עס האט זיך בא אונז איינמאל אין א געזעלשאפט געלונגען אויסגעדריקט וועגן אים דער מיראוואי סודיא, סעמיאן איוואנאָוויטש קאַטשאַלניקאָוו. אריין איז מיטיא אנגעטאן עלעגאנט און ווי פון נאדל, אין א פארשפּילעטן סורדוט, אין שווארצע האנטשן און מיט א צילינדער אין האנט. אלס א מיליטער־מאן, וואס איז ניט פון לאנג אין דעמיסיע, האט ער גע־טראגן וואנצן און נאך געגאלט די בארד. די טונקל־בלאנדע האר זיינע זיינען געווען קורץ געשארן און פארקעמט אף די שלייפן עטוואס אף פארנט. זיין טראט איז געווען א פעסטער, א ברייטער, טאקע ווי בא א סאלדאט. א ווײַלע איז ער געבליבן שטיין אף דער שוועל און, א ווארפטאָנדיק אף אלעמען א בליק, האט ער זיך גלייך א קער געטאן צום סטארעץ, פארשטייענדיק, אז ער איז דער באלעבאס. ער האט זיך טיף פארנויגט פאר אים און געבעטן ער זאל אים בענטשן. דער סטארעץ האט זיך אויפגעהויבן און האט אים געבענטשט; דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האט מיט דרך־ארץ א קוש געטאן זיין האנט און האט מיט אן אומגעווייינטלאכער אויפרעגונג, שיר ניט מיט קיין אויפ־רייצונג, אנגערופן זיך:

— זייט מיר מוחל, וואס איך האב אייך געלאזן אזוי לאנגווארטן. אבער דער דינער סמערדיאקאָוו, ווען דער פאטער האט געשיקט צו מיר, האט מיר אף מיין אויסדריקלאכער פראגע וועגן דער צייט צוויי מאל געענטפערט בפירוש און באשטימט, אז מ׳האט אפגערעדט אף איינס. איצטער דערוויס איך זיך מיט אמאל . . .

— ס׳א דאגה, — האט איבערגעשלאגן דער סטארעץ, — נישקשה, א ביסל פארהאלטן זיך, קיין אומגליק ניט . . .

— מיין גרעסטן דאנק אייך, און איך האב זיך גארניט געריכט אף וועניקער פון אייער חסדי — אפגעשניטן אט א דאס, האט זיך דמיטרי פיאָדאָראָוויטש נאך א מאל א נויג געטאן, נאך דעם האט ער זיך מיטאמאל געגעבן א קער צו זיין „טאטינקע״ און האט זיך פאר אים אויך פונקט אזוי טיף און מיט דעם זעלביקן דרך־ארץ פאר־נויגט. ס׳איז קענטיק געווען, אז ער האט נאך א פריער באקלערט אט דעם דאזיקן נויג און האט דאס באקלערט פון גאנצן הארצן,

האלטנדיק דאס פאר זיין חוב אויסצודריקן מיט דעם זיין כבוד אב און זיינע גוטע כוונות. פיאָדאָר פּאוולאָוויטש האט תיכף, כאטש דאס איז אפילו פארגעקומען פאר אים אומגעריכטערהייט, אף זיין שטייגער נאך פונדעסטוועגן ארויסגעראטעוועט זיך: אלס א תשובה אף דמיטרי פיאָדאָראָוויטשעס פארנויגן זיך, האט ער געגעבן א שפרונג פון שטול און פארנויגט זיך פאר זיין זון פונקט אזוי טיף, ווי דער זון פאר אים. זיין פנים איז מיטאמאל געווארן זעער ווירטיק און ערנסט, וואס עס האט אים פונדעסטוועגן צוגעגעבן א לחלוטין רשעות־דיקן אויסזען. א נויגטאנדיק זיך דערנאך שווייגנדיקערהייט פאר אלעמען מיט איין מאל, וואס זיינען געווען אין קאמער, איז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש צוגעגאנגען מיט זיינע גרויסע און פעסטע טריט צום פענצטער, ט'זיך אוועקגעזעצט אף דעם איינציקן שטול, וואס איז איבערגעבליבן, ניט ווייט פון פאטער פאַאיסי, און, אויסגעצויגן זיך דער גאנצער אף אים, האט ער די שטעל מכין געווען זיך צו צו־הערן דעם המשך פון דעם שמועס, וואס ער האט איבערגעריסן.

דמיטרי פיאָדאָראָוויטשעס באווייזן זיך האט געדויערט ניט מער פון עפעס א צוויי מינוט, און דעם שמועס האט מען ניט געקאנט ניט ממשיך זיין. דאס מאל האט אבער פיאָטר אלעקסאַנדראָוויטש אף פאטער פאַאיסיס באשטימטער און כמעט אויפגערייצטער פראגע נישט געפונען פאר נויטיק צו ענטפערן.

— דערלויבט מיר צו לאזן די טעמע אן א זייט, — האט ער זיך אנגערופן מיט א געוויסער גלייכגילטיקייט פון א וועלטלאכן מענטשן, — דער צו איז נאך די טעמע א פארוויקלטע אויך. אט איוואַן פיאָדאָראָוויטש שמייכלט עפעס; מסתמא האט ער אויך וועגן דעם וואס צו זאגן. פרעגט אים.

— קיין שום זאך ניט, — האט די שטעל געענטפערט איוואַן פיאָדאָראָוויטש, — נאר א פאר ווערטער וועגן דעם, אז דער אייראפּע־אישער ליבעראליזם בכלל, און אפילו אונזער רוסישער ליבעראלער דילעטאנטיזם אויך, מישט דאס רוב צונויף, און דאס איז שוין פון לאנג אָן, די אנטגילטיקע רעזולטאטן פון דעם סאציאליזם מיט דעם קריסטנ־טום, אט דער דאזיקער ווילדער אויספיר איז, פארשטייט זיך,

א כאראקטעריסטישער שטריך. אגב, ווי עס לאזט זיך אויס, מישן צונויף דעם סאציאליזם מיטן קריסטנטום ניט נאר די ליבעראלן און דילעטאנטן, נאר צוזאמען מיט זיי, אין אסך פאלן, די זשאנדארמען אויך. איך מיין די אויסלענדישע, פארשטייט זיך. אייער פאריזער מעשה איז גאנץ כאראקטעריסטיש, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש.

— איך בעט נאך אמאל מ׳זאל בכלל לאזן אט די טעמע, — האט איבערגעחזרט פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, — און אנשטאט דעם וועל איך אייך דערציילן, מיינע הערן, א צווייטע מעשה טאקע וועגן איוואַן פיאָדאָראָוויטשן גופא, א גאר־גאר אינטערעסאנטע און כאראקטעריסטישע מעשה. ניט לענגער ווי מיט עפעס א פינף טעג צוריק, האט ער אַין א ויכוח פון א היגער געזעלשאפט, דער עיקר פון דאמען, אנגערופן זיך, אז אף דער גאנצער וועלט איז לחלוטין נישטא עפעס אזוינס, וואס זאל צווינגען די מענטשן ליב צו האבן זייער גלייכן, אז אזא מין געזעץ פון דער נאַטור: אז דער מענטש זאל ליב האבן די מענטשהײַט — עקזיסטירט לחלוטין נישט, און אויב עס איז יע דא און עס איז געווען ליבשאפט אף דער וועלט, איז דאס ניט צוליב דעם נאטירלאכן געזעץ, נאר מער ניט דערפאר, ווייל די מענטשהייט האט געגלויבט אין איר אומשטערבלאכקייט. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט בדרך אגב צוגעגעבן, אז אין דעם טאקע באשטייט דער גאנצער נאטירלאכער געזעץ, אזוי אז ווען מ׳זאל אויסלעשן אין דער מענטשהײַט דעם גלויבן אין איר אומשטערבלאכקייט, וועט אין איר תיכף אויסגעוועפט ווערן ניט נאר די ליבשאפט, נאר אפילו יעטווידער לעבעדיקער כוח, כדי צו לעבן נאך ווייטער אף דער וועלט. אדרבה: דעמאלט וועט קיין שום זאך ניט זיין קיין עבירה, אלץ וועט מען מעגן, עסן מענטשן אפילו. דאס איז נאך אבער אלץ גארנישט, ער האט פארענדיקט מיט די ווערטער, אז פאר יעדן יחיד, אט ווי איך, למשל, וואס גלויבט ניט איצטער ניט אין גאָט, ניט אין דער אומשטערבלאכקייט, דארף די השגה וועגן דעם מאראלן געזעץ פון דער נאטור תיכף ווערן דער היפך פון דעם פריערדיקן, דעם רעליגיעזן, און אז עגאָאיזם ביז צו גנבה און גזלה אפילו דארף מען ניט נאר וואס דערלאזן דעם מענטשן, נאר דאס דארף מען אפילו האלטן ווי פארן סאמן נויטיקסטן, ווי פארן

סאמן קליגסטן און שיר ניט ווי פארן איידלסטן אויסוועג אין זיין צושטאנד׳ פון אזא מין פאראדאקס׳ מיינע הערן׳ קאנט איר שוין דרינגען אליך׳ וואס עס דרשנט׳ און וואס עס האט נאך אפשר בדעה צו דרשענען׳ אונזער ליבער פאראדאקסאלער עקסצענטריקער׳ איוואן פיאָדאָראָוויטש׳

— וואַרט א ווײַלע׳ — האט אומגעריכטערהייט אַ געשריי געטאן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש׳ — כאטשבי ניט פארהערן: „גנבה און גזלה דארף מען ניט נאר וואס דערלאזן׳ נאר מ׳דארף אפילו האלטן דאס ווי פארן סאמן נויטיקסטן און פארן סאמן קליגסטן אויסוועג פון דעם צושטאנד פון א יעדן אפיקורס!״ אזוי׳ צי ניט אזוי?

— יא׳ אזוי׳ — האט זיך אנגערופן פאטער פּאַאיסי׳

— דאס וועל איך באהאלטן אין זכרון׳

אפזעזאגט אט א דאס׳ איז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש פונקט אזוי פלוצלונג אנטשוויגן געווארן׳ ווי ער איז פלוצלונג אריינגעפלויגן אין דעם שמועס. אלע האבן טשיקאווע א קוק געטאן אף אים׳

— נישיים זע האלט איר באמת פון אזא סוף׳ ווען עס וועט אין דעם מענטשן אויסגעלאשן ווערן די אמונה אין השאָרת הנפש? — האט מיטאמאל א פרעג געטאן דער סטארעץ איוואן פיאָדאָראָוויטשן׳

— יאָ׳ כ׳האב אזוי געזאגט׳ עס קאן ניט געמאלט זיין קיין מעשים טובים׳ אויב ס׳איז ניטא קיין אומשטערבלאַכקייט׳ קיין השארת הנפש׳

— געבענטשט זייט איר׳ אויב איר גלויבט אזוי׳ אדער איר זייט שוין זעער אומגליקלאך!

— פארוואס אומגליקלאך? — האט א שמייכל געטאן איוואן פיאָדאָראָוויטש׳

— ווארים אף אזא אופן גלויבט איר גופא ניט סיי אין השארת־הנפש׳ סיי אפילו אין דעם׳ וואס איר האט אנגעשריבן וועגן דער קירכע און וועגן דער קירכלאכער פראגע׳

— אפשר זייט איר גערעכט!... איך האב אבער פארט ניט געמאכט אינגאנצן קיין ליצנות אויך... — האט זיך מיטאמאל מאדנע מודה געווען איוואן פיאָדאָראָוויטש און איז איבעריגנס דער גאנצער רויט געווארן׳

— ניט געמאכט אינגאַנצן קיין ליצנות, דאס איז אמת, די דאַזיקע מחשבה איז נאָך ניט קלאָר אין אייער הארצן און זי פּלאָגט אייך, אָבער אַ געפּלאָגטער האט אַפּטמאָל אויך ליב צו שפּילן זיך מיט זיין יאוש, עפּעס ווי דאס גופא וואָלט אויך געווען פון יאוש, לעת עתה שפּילט איר זיך פון יאוש — סיי מיט מאמרים, סיי מיט וועלטלאַכע ויכּוחים, אַליין ניט גלויבנדיק אין די אייגענע רייד און מיט אַ וואָויטאַגדיקן הארצן לאַכט איר דערפון אין זיך . . . די דאַזיקע פראַגע האט נאָך ניט קיין ענטפער בא אייך, און דאס איז אייער גרויסער אומגליק, ווארים עס פאָדערט שטאַרק אַן ענטפער? . . .

— און צי קאָן איך אָבער געבן אויף דעם אַן ענטפער? צי קאָן איך געבן אויף דעם אַן ענטפער מיט הן, — האט נאָך אַלץ מאָדנע געפרעגט איוואַן פיאָדאָראָוויטש, קוקנדיק כּסדר מיט עפּעס אַן אומ־פאַרשטענדלאַכן שמייכל אויפן סטאַרעץ.

— אויב אַז איר וועט ניט געבן קיין ענטפער מיט הן, וועט איר אָבער קיינמאָל אויך ניט געבן קיין ענטפער מיט לאַו, איר קענט אַליין אין דעם פּרט אייער הארץ; און דאס איז טאַקע איר גאַנצע פּלאָג. דאַנקט אָבער השם יתברך, וואס ער האט אייך געגעבן אַ הארץ אַ דערהויבענע, וואס איז מסוגל צו פּלאָגן זיך מיט אַזאַ פּלאָג, „אין דער חכמת אלקות צו פאַרטיפן זיך און די עולמות האצילות משיג צו זיין, ווארים אונזער היים איז אויף די הימלען". זאָל אייך דער אויבערשטער געבן, אַז אייער הארץ זאָל נאָך האָבן די תשובה אויף אָט דער וועלט, און זאָל גאָט מצליח זיין אייער וועג!

דער סטאַרעץ האט אויפגעהויבן די האַנט און שוין געוואָלט איבערצלמען איוואַן פיאָדאָראָוויטשן פון אָרט, יענער אָבער האט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב פון שטול, איז צוגעגאַנגען צו אים, האט מקבל געווען די ברכה, אַ קוש געטאָן זיין האַנט און איז שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען צוריק אויף זיין אָרט. דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַ פעסטער און אַ שטרענגער. דער דאַזיקער טראַט זיינער און סתּם דער גאַנצער פריערדיקער שמועס מיטן סטאַרעץ, וואס מ'האט זיך ניט געריכט פון איוואַן פיאָדאָראָוויטשן, האט עפּעס אַלעמען שטאַרק פאַרחידושט מיט דער סודותפולקייט און אַפילו מיט דעם מין

פייערלאַכקייט, אַזוי אַז אַלע זיינען אַף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, און אַליאָשעס פּנים האָט אויסגעדריקט כּמעט ווי שרעק. מיאוסאָוו האָט אָבער מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן די אַקסלען, און אין דער זעלביקער רגע האָט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש געגעבן אַ שפּרונג־אויף פון שטול.

— געטלאַכער און הייליקסטער סטאַרעץ! — האָט ער אויסגעשריען, אָנווייזנדיק אַף איוואַן פיאָדאָראָוויטשן — דאָס איז מיין זון, פלייש פון מיין פלייש, דאָס איז דאָס טייער קינד מיינס! דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, מיין איידעלער קאַרל מאָאָר, און אָט דער, אָט דער זון, וואָס איז אַקאָרשט אַריינגעגאַנגען, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, און קעגן וועמען איך זוך בא אייך אַ משפט, — דאָס איז שוין טאַקע דער ווידערשפּעניקער פראַנץ מאָאָר, — ביידע פון שילערס „רויבער", און איך, איך גופא, בין שוין אויב אַזוי דער regierender Graf von Moor! משפּט און ראַטעוועט! מיר נויטיקן זיך ניט נאָר אין אייערע תּפילות, נאָר אויך אין אייער נבואה.

— רעדט אָן העוויות און הייבט ניט אָן מיט קיין זלזולים אַף אייערע בני בית, — האָט געענטפערט דער סטאַרעץ מיט אַ שוואַכן אויסגעמאַטערטן קול. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער ווערט מיד, און וואָס ווייטער פאַרלירט ער אַלץ מער און מער די כּוחות.

— אַ מיאוסע קאָמעדיע, וואָס איך האָב געשפּירט פאַרויס נאָך גייענדיק אַהער! — האָט אויסגערופן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש אויפגעבראַכטערהייט און איז אויך אויפגעשפּרונגען פון אָרט. — זייט מוחל, געאַכפּערטער פאָטער, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום סטאַרעץ, — איך בין אַ מענטש ניט קיין געבילדעטער און איך ווייס אפילו ניט, ווי צו רופן אייך, נאָר מ'האָט אייך אָפּגענאַרט, און איר זייט געווען צו גוט, אַז איר האָט אונז דערלויבט צונויפצוקומען זיך צו אייך. דער טאַטע דאַרף נאָר האָבן אַ סקאַנדאַל, צוליב וואָס — דאָס איז שוין זיין חשבון. ער האָט תּמיד זיין אייגענעם חשבון. נאָר, דאַכט זיך, איך ווייס איצטער צוליב וואָס...

— אַלע באַשולדיקן מיך, אַלע זיינען קעגן מיר! — האָט געשריען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש פון זיין זייט, — אָט פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש באַשולדיקט אויך. איר'ט באַשולדיקט, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש,

איר׳ט באשולדיקט! — האט ער זיך אקער געטאן מיטאמאל צו מיאוסאוון״ הגם יענער האט גארניט געטראכט אפילו איבערצושלאגן אים׳ — מ׳באשולדיקט׳ אז איך האב באהאלטן קינדערשע געלט און געמאכט א מחק; נאר לאזט זשע׳ וואס׳ ס׳איז דען לית דין ולית דיין? דארטן וועט מען אייך אויפרעכענען׳ דמיטרי פיאדאראוויטשי׳ טאקע לויט אייערע אייגענע קבלה־צעטעלאך׳ לויט די בריוו און לויט די קאנטראקטן׳ וויפל איר האט געהאט׳ וויפל איר האט געפטרט און וויפל עס בלייבט אייך נאך איבער! הלמאי וויל פיאָטר אלעקסאנדראוויטש ניט מאכן קיין טאלק? דמיטרי פיאדא־ראוויטש איז אים ניט קיין פרעמדער׳ דערפאר טאקע ווייל אלע זיי־נען קעגן מיר׳ און ביים סך הכל איז נאך דמיטרי פיאדאראוויטש מיר א בעל חוב׳ און ניט עפעס ווייס איך וויפל דארטן׳ נאר שיינע עטלאכע טויזנטער׳ אף וואס איך האב אלע דאקומענטן! די שטאט רודערט דאך און דונערט פון זיין הולטעווען! און דארטן׳ וואו ער האט פריִער געדינט׳ דארטן פלעגט ער צאלן צו טויזנטער און צו צוויי פאר פארפירן אומשולדיקע מיידלאך; דאס איז אונז׳ דמיטרי פיאדאראָ־וויטש׳ באוואוסט׳ מיט די סאמע קלענסטע פרטים׳ און איכ׳ל דאס דערווייזן ... הייליקסטער פאטער׳ צי וועט איר גלויבן: ער האט פארליבט אין זיך א זעלטן איידעלע מיידל׳ פון א פיינעם הויז׳ מיט א פארמעגן׳ די טאכטער פון זיין פריערדיקן נאטשאלניק׳ פון א העלדישן פאלקאווניק׳ וואס האט זיך דערדינט און געטראגן דעם אננא ארדען אפן האלז׳ האט ער קאמפראמעטירט דאס מיידל מיט פארלייגן איר חתונה האבן; איצטער איז זי דא׳ א יתומה איז זי׳ זיין כלה׳ און איר אף די אויגן גייט ער צו א היגער פארפירערקע׳ און כאטש אפילו אט די פארפירערקע האט׳ אזוי צו זאגן׳ געלעבט מיט א זעער פיינעם מאן על פי קאנטראקט׳ האט זי אבער געהאט א שטארקן כאראקטער׳ און איז געווען א ניט קיין צוטריטלאכע פעסטונג פאר יעדערן׳ אט טאקע גאר ווי אן אמתע פרוי זיינע׳ ווארים זי איז א צדקת׳ — יאָ׳ יאָ! הייליקע פאטערס׳ זי איז א צדקת! און דמיטרי פיאדאראוויטש וויל דאס אויפמאכן אט די פעסטונג מיט א גאלדענעם שליסל׳ אט צוליב וואס ער מאכט איצטער אן אנשטעל קעגן מיר׳ ער וויל בא מיר געלט ארויסצאפן׳ און האט

שוין לעת עתּה טויזנטער געפּטרט אף אט דער פאַרפּירערקע; אף דערויף לייט ער דאָס טאַקע כּסדר גמילות־חסדימלאַך, און אַגב באַ וועמען ווי מיינט איר? זאָל איך זאָגן, מיטיאַ, צי ניט?

– שווייגט! – האָט אַ געשריי געטאָן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, – ‚, וואַרט, ביז איכ'ל אַרויסגיין, אָבער פאַר מיר אין די אויגן זאָלט איר זיך ניט דערוועגן צו באַשמוצן קיין ערלאַך קינד... שוין דאָס גופא, וואָס איר דערוועגט זיך צו זאָגן אַ וואָרט וועגן איר, איז אַ בזיון פאַר איר... כ'וועל ניט דערלאָזן!

דער אָטעם איז אים פאַרכאַפּט געוואָרן.

– מיטיאַ! מיטיאַ! – האָט ווי נערוועז און אַרויסשטיקנדיק טרערן פון זיך אויסגעשריִען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, – און אַ טאַטנס ברכה איז וואָס? און אַז איך וועל אַרויסרעדן אַ קללה, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

– צבועק איינער, פאַלשער! – האָט ווילד אַ ברום געטאָן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש.

– דאָס איז אַפן טאַטן, אַפן טאַטן! היינט ווי איז שוין אַף אַנדערע! רבותי, שטעלט זיך פאָר: דאָ איז דאָ נעבאַך אַן אביון, אַ גרויסער בעל מטופל, אָבער אַ וואוילער מענטש, אַ געוועזענער קאַ־פּיטאַן; עס האָט אים געטראָפן אַן אומגליק און מ'האָט אים אָפּגעזאָגט פון דינסט, אָבער ניט עפנטלאַך, מיטן געריכט, נאָר ער האָט נאָך זיין פריערדיקן טשין אַף ווייטער, מיט אַ דריי וואָכן צוריק נעמט אים אָן אונזער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש אין שיינק פאַר דער באָרד, און טאַקע פאַר דער באָרד גופא שלעפּט ער אים אַרויס אַפן גאַס און האָט אים אין מיטן גאַס פאַר אַלעמען און די אויגן געשלאָגן מכּות רצח, און דאָס איז געווען אַלץ דערפאַר, ווייל יענער איז בסוד מיינער אַ באַ־פולמעכטיקטער אין עפּעס אַן עסקל.

– אַלץ כּיזוב ושקר! פון אויבן אויף דאַכט זיך אמת, נאָר דער תּוך איז פאַלש! – האָט דמיטרי פיאָדאָראָוויטש געציטערט דער גאַנצער פאַר צאָרן, – טאַטע, איך וויל ניט רעכטפאַרטיקן מיינע מעשׂים; יאָ, איך בין זיך פאַר אַלעמען מודה, אַז איך בין זיך באַגאַנגען ווי אַ חיה מיטן קאַפּיטאַן און עס פאַרדריסט מיר איצטער אַף דעם און איך

פאראכט זיך אליין פארן ווילדן כעס· אבער דער דאזיקער קאפּיטאן אייע־ רער· אייער באַפּולמעכטיקטער· איז אוועקגעגאַנגען צו אַט דער זעל־ ביקער פרוי· וואס איר זאגט· אז זי איז א פארפירערקע· און האט איר אנגעהויבן פארלייגן אין אייער נאמען· אז זי זאל צונעמען מיינע וועקסלען· וואס זיינען בא אייך דא· און זי זאל אנגעבן אף מיר· כדי מ׳זאל מיך אפּן סמך פון אַט די וועקסלען אריינזעצן· אויב איך וועל צו שטארק צושטיין צו אייך וועגן א חשבון· היינט ווארפט איר מיר נאך איצטער אויף· אז איך האב א שוואכקייט צו אַט דער פרוי· אין דער צייט ווען איר גופא האט זי געלערנט אף צו פארפירן מיך! זי דערציילט דאך דאס ממש אין די אויגן· זי האט דאס מיר אליין דערציילט און האט געלאכט פון אייך! אריינזעצן אבער ווילט איר מיך נאר דערפאר· ווייל איר אייפערט מיך אַט טאקע צו איר גופא ווארים איר האט אליין אנגעהויבן צוצושטיין צו אַט דער פרוי מיט אייער ליבע· און דאס ווייס איך ווידער· און זי האט ווידער טאקע גע־ לאכט פון אייך· — איר הערט· — לאכנדיק פון אייך האט זי דאס איבערדערציילט· אַט האט איר· הייליקע מענער· דעם דאזיקן מענטשן· דעם דאזיקן פאטער· וואס ווארפט אויף דעם אויסגעלאסענעם זון! איך בעט אייך· עדות· זייט מיר מוחל מיין כעס· איך האב דאס אבער געשפּירט פאַרויס· אז אַט דער צבועק דער אלטער האט אייך אלעמען צונויפגערופן אהערצו אף א סקאנדאל· איך בין געגאנגען· כדי מוחל צו זיין· ווען ער וואלט דערלאנגט א האנט· מוחל צו זיין און מחילה בעטן! נאר אזוי ווי ער האט אין אַט דער מינוט באליידיקט ניט נאר מיך· נאר אויך אן איידעלסטע קינד· וועמעס נאמען איך דערוועג זיך אפילו ניט ארויסצורעדן אומזיסט פון יראת הכבוד צו איר· האב איך זיך טאקע אנטשלאסן ארויסצוווייזן אָפן זיין גאנצן שפּיל פאר אלעמען· כאטש אפילו ער איז מיין פאטער · · ·

ער האט ווייטער נישט געקאנט רעדן· זיינע אויגן האבן גע־ פינקלט· ער האט געעטעמט שווער· אבער אויך די איבעריקע אין קע־ מערל אויסער אים זיינען געווען אויפגערעגט· אלע· א חוץ דעם סטא־ רעץ· האבן עפּעס צעטומולטערהייט אויפגעהויבן זיך פון זייערע ערטער· די פאטערס־היעראָמאָנאַכן האבן געקוקט שטרענג· נאר האבן געוואַרט

פונדעסטוועגן אפן רצון פון דעם סטארעץ. דער סטארעץ איז אבער געזעסן שוין איינגאנצן א בלייכער, אבער ניט פאר אויפרעגונג, נאר פאר שוואכקייט. א שמייכל, וואס האט געבעטן רחמים, האט געלויכטן אף זיינע ליפן; פון מאל צו מאל פלעגט ער אויפהייבן די האנט, עפעס ווי ער וואלט וועלן אפשטעלן די ווילדע, און עס וואלט פארשטייט זיך, געווען גענוג איין וואונק זיינעם, אז די סצענע זאל אויפהערן; נאר ער גופא האט נאך אויך ווי אפגעווארט אף עפעס און ט׳שארף צוגעקוקט זיך, ווי ער וואלט נאך וועלן עפעס משיג זיין, עפעס ווי ער וואלט נאך ניט אלץ תופס געווען. דא אבער האט זיך פיאָטר אַלעקסאנדראוויטש דערפילט, אז מ׳האט אים לחלוטין דערנידעריקט און מביש געווען.

— אין דעם פארגעקומענעם סקאנדאל זיינען מיר אלע שולדיק! — האט ער געגעבן א זאג מיט היץ, — איך האב אבער פארט ניט גערע־כענט, בעת איך בין געגאנגען אהער, כאטש אפילו איך האב געוואוסט, מיט וועמען איך האב צו טאן ... מ׳מוז די רגע מאכן א סוף! גע־ע־כ־פעטער פאטער, גלויבט מיר, אז איך האב די גאנצע פרטים, וואס זיינען דא אויפגעדעקט געווארן, גענוי ניט געוואוסט, איך האב דאס ניט געוואלט גלויבן און ערשט איצטער דערוויס איך זיך צום ערשטן מאל... א פאטער אייפערט זיין זון צו אן אפגעקערטער פרוי, און אליין רעדט ער זיך צונויף מיט דער זעלביקער בריאה ארייננזעצן דעם זון אין טורמע... און אט צווישן אזא עולם האט מען מיך דאס געצוואונ־גען צו קומען אהער... מ׳האט מיך אפגענארט, איך בין מודיע פאר אלעמען, אז מ׳האט מיך אפגענארט ניט ווייניקער פון אנדערע...

— דמיטרי פיאדאראוויטש! — האט עפעס מיטאמאל א בריל געטאן ניט מיט זיין קול פיאדאר פאוולאָוויטש, — ווען איר וואלט ניט געווען מיין זון, וואלט איך אייך די רגע ארויסגערופן אף א דועל... אף פיסטאלעטן, אף א שטח פון דריי טריט... דורך א טאשן־טוך, דורך א טאשן־טוך! — האט ער פארענדיקט טופענדיק מיטביידע פיס.

בא אלטע ליגנער, וואס האבן זייער גאנץ לעבן אפגעשפילט, זיינען דא אזוינע מינוטן, ווען זיי מאַכן אן אנשטעל אף אזוי פיל, אז זיי ציטערן שוין באמת און וויינען פאר אויפרעגונג, ניט קוקנדיק, וואס

אפילו אין דער זעלביקער רגע (אדער נאר א ווײַלע שפּעטער) וואלטן זיי אליין געקאנט געבן א שעפּטשע צו זיך: „דו לייגסט דאך, אל־טער חוצפּהניק, דו ביזט דאך איצטער אויך אן אקטיאר, ניט קוקנדיק אף דײַן גאנצן „הייליקן" צארן און אף דער „הייליקער" מינוט פון דײַן צארן".

דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האט זיך שרעקלאך אנגעכמורעט און ט'מיט א פאראכטונג, וואס איז ניט איבערצוגעבן, געגעבן א קוק אפן פאטער.

— איך האב געמיינט... איך האב געמיינט, — האט ער עפּעס שטיל און אײַנגעהאלטן גערעדט, — אז איך וועל קומען אהיים מיטן מלאך פון מײַן נשמה, מיט מײַן כּלה, כּדי אפּצוהיטן זײַן עלטער, איך זע אבער פאר זיך נאר אן אויסגעלאסענעם בעל־תּאוהניק און א געמיינעם קאָמעדיאנט!

— אף א דועל! — האט ווײַטער א בריל געטאן דער אלטעטש־קער מיט א פארכאפּטן אטעם און בא איטלאך ווארט געשפּריצט זיך מיט סליונע, — און איר, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָוו, זײַט וויסן, מײַן הער, אז אין אײַער גאנצער משפּחה איז אפשר ניטא און ס'איז אפשר ניט געווען קיין דערהויבענערע און קיין ערלאכערע — איר הערט קיין ערלאכערע — פרוי פאר אט דער בריאה, ווי ער האט זיך אקארשט דערוועגט אנצורופן זי! און איר, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, האָט טאקע אף אט א דער „בריאה" אויסגעביטן אײַער כּלה, הייסט דאס, אז איר'ט אליין געפּסקנט, אז אײַער כּלה איז איר נאגל ניט ווערט, אט וואס פאר א בריאה דאס איז!

— א חרפּה! — האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן ביים פאטער יאסיף.

— א חרפּה און א בושה — האט מיטאמאל א געשריי געגעבן מיט זײַן בחורשן קולכעלע, ציטערנדיק פאר אויפרעגונג און אינגאנצן רויט ווערנדיק, קאלגאנאָוו, וואס האט די גאנצע צײַט געשוויגן.

— נאַכסאָל לעבט אזא מענטש! — האט טעמפּ געגעבן א בריל ארויס דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, כּמעט שוין ווילד פאר כּעס, עפּעס אזוי שטארק א הייבטאנדיק די אקסלען, אז ער האט זיך כּמעט ווי

איינגעהויקערט דערפון, — ניין, זאגט מיר, צי טאר מען אים נאך דערלאזן צו פארמיאוסן די ערד מיט זיין נפש, — האט ער אלעמען באקוקט, אנווייזנדיק מיט דער האנט אפן אלטן. ער האט גערעדט נישט געאיילט און גלייכמאָסיק.

— הערט נאר, הערט נאר, מאנאכן, דעם בן סורר ומורה, — האט זיך ארויפגעווארפן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אפן פאטער יאסיף. — אט האט איר א תשובה אף אייער „חרפה!" וואס איז א חרפה? אט די „בריאה", אט די „אפגעקערטע פרוי", איז אפשר הייליקער פאר אייך גופא, מיינע הערן היעראמאנאכן, וואס איר ריכט אפּ תיקון דא! זי האט אפשר אלס יונגע מיידל געזינדיקט, די סביבה האט זי איבערגעפירט, איר „ליבשאפט איז אבער גרויס געווען" און יענער, וועמעס ליבשאפט עס איז געווען גרויס, האט קריסטוס אויך מוחל געווען...

— קריסטוס האט ניט פאר אזא ליבשאפט מוחל געווען... — האט זיך ארויסגעריסן ביים בנעימותדיקן פאטער יאסיף, וואס האט שוין ניט געקאנט אויסהאלטן.

— ניין, פאר אט דער, פאר אט א דער ליבשאפט, מאנאכן, פאר אט א דער! איר פראוועט אייך תיקון דא אף זויער קרויט און איר מיינט, אז איר זייט צדיקים! איר עסט אלע טאג א פישל, און איר מיינט גאט אפצוקויפן מיט די פישעלאך!

— מ'קאן שוין ניט, מ'קאן שוין ניט! — האט זיך געטראגן אין קעמערל פון אלע זייטן.

די גאנצע סצענע אבער, וואס איז דערגאנגען ביז צו נבלה, האט זיך פארענדיקט אף א גאר אומגעריכטן אופן. מיטאמאל האט זיך אויפגעהויבן דער סטארעץ פון ארט. אַליאָשא, וואס האט זיך שוין כמעט דער גאנצער פארלארן פאר שרעק פאר סיי צוליבן סטארעץ סיי צוליב אלעמען, האט פונדעסטוועגן באוויזן אונטערהאלטן אים פאר דער האנט. דער סטארעץ האט א טראט געטאן צו דער זייט, וואו דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז געזעסן, און, צוגייענדיק הארט צו אים, האט ער זיך אראפגעלאזן פאר אים אף די קני. אַליאָשאַ האט פריער געמיינט, אז ער איז געפאלן פון שוואכקייט, ס'איז אבער ניט

דאס געווען, שטעלנדיק זיך אף די קני, האט דער סטארעץ א בוק געטאן זיך דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן צו די פיס. א בוק געטאן זיך דער גאנצער און מיט כּוונה, און האט אפילו מיטן שטערן אנגערירט דעם באדן. אַליאָשאַ איז אזוי נשתּומם געווארן, אז ער האט אפילו ניט באוויזן אונטערצוהאלטן אים, בעת ער האט זיך אויפגעהויבן. א שוואכער שמייכעלע האט קוים־קוים וואס געשיינט אף זיינע ליפּן.

— זייט מוחל! זייט אלע מוחל! — האט ער זיך אנגערופן, פארנויגנדיק זיך פאר זיינע געסט אף אלע זייטן.

דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז געשטאנען א ווייַלע ווי א גע־פּלעפטער: אים בוקן זיך צו די פיס — וואס איז דאס אזוינס? שפּעטער האט ער מיטאמאל געגעבן א געשריי־אויס: „אָ גאט מיינער!" און האט, פארשטעלנדיק דעם פּנים מיט די הענט, ארויסגעריסן זיך פון קאמער. נאך אים האבן זיך א לאז געטאן אין א גאנצער מחנה אויך די איבעריקע געסט, וואס האבן פאר צעטומלטקייט ניט געזעגענט זיך אפילו מיטן באלעבאס. נאר די היעראָמאנאכן אליין זיינען ווידער צוגעגאנגען בענטשן זיך.

— וואס האט דאס דער בוקן זיך זיינער באטייט, דאס זאל עפּעס זיין אן עמבלעם? — האט געפּרוווט צו פארפירן א שמועס פיאָדאָר פּאוולאָוויטש, וואס איז מיטאמאל עפּעס שטיל געווארן, האט אבער ניט דערוועגט זיך אגב זאגן דאס צו עמיצן פערזענלאך. אין דער ווייַלע האבן זיי געהאלטן ביים ארויסגיין פון הינטערן פארקאן פון סקיט.

— פאר א משוגעים־הויז און פאר משוגעים בין איך ניט שול־דיק, — האט תּוך כּדי דבור אפּגערופן זיך מיאוסאוו מיט כּעס, — דער־פאר אבער וועל איך דערלייזט ווערן פון אייער געזעלשאפט, פיאדאר פּאוולאוויטש, און איר מעגט גלויבן, אז דאס איז אף אויביק. וואו זאל דאס זיין דער מאָנאַך?...

אבער „דער מאָנאַך", אט יענער, וואס האט זיי ניט לאנג פאר־בעטן אף מיטאג צום איהומען, האט ניט געלאזן ווארטן אף זיך. ער האט די שטעל מקבל פּנים געווען די אורחים, ווי נאר זיי זיינען אראָפּ פון גאניקל, פּונקט ווי ער וואלט אף זיי געווארט די גאנצע צייט.

— זייט אזוי גוט, געערטער פאטער, גיט איבער דעם פאטער

איהומען מיין טיפסטע אכפערונג און בעט פאר מיר פערזענלאך, פאר מיאוסאוון, אז דער געאכפערטער פאטער זאל מיר מוחל זיין, וואס צוליב די פלוצלונגדיקע סיבות, וועלכע מ'האט ניט פאררויסגעזען, קאן איך בשום אופן ניט האבן דעם כבוד צו זיין אף זיין מאלצייט. ניט קוקנדיק וואס איך וויל זיין פון גאנצן הארצן — האט פיאָטר אלעקסאנדראוויטש אנגערופן זיך צום מאנאך אויפגערעגטערהייט.

— און די ניט פאררויסגעזעענע סיבות — דאס בין איך דאך דאס! — האט די שטעל אונטערגעכאפט פיאָדאָר פאַוולאָוויטש. — איר הערט, פאטער, דאס וויל פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש ניט בלייבן אינ־איינעם מיט מיר, א ניט וואלט ער תיכף געגאנגען. און איר'ט גיין, פיאטער אלעקסאנדראוויטש, לאזט זיך אקארשט צום פאטער איהומען, און — האט אייך א גוטן אפעטיט! ווייסט זשע, אז דאס וועל איך ניט זיין צום מאלצייט, ניט איר. אינדערהיים, אינדערהיים וועל איך עסן, דא אבער שפיר איך, אז איך קאן ניט, פיאטער אלעקסאנדראוויטש, מיין ליבהארציקסטער קרוב.

— איך בין אייערער ניט קיין קרוב, און איך בין קיינמאל אייער קרוב ניט געוועזן, נידעריקער נפש איר איינער!

— כ'האב דאס טאקע מיט א כיוון געזאגט, כדי אויפצורייצן אייך א ביסל, ווארים רק איר לייקנט אפ, אז מיר זיינען קרובים, כאטש איר זייט פארט א קרוב, ווי איר זאלט זיך ניט דרייען, איכ'ל דאס אייך אפילו לויטן פנקס דערווייזן; נאך דיר, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, וועל איך שפעטער צושיקן א פור, בלייב אויך, אויב דו ווילסט. אבער אייך, פיאטער אלעקסאנדראוויטש, הייסט אפילו דער רעספעקט צו קומען איצטער צום פאטער איהומען, מ'דארף בעטן מ'זאל מוחל זיין פאר דאס, וואס מיר האבן דארטןביידע אנגעמאכט...

— ס'איז אבער אמת, אז איר פארט אוועק? צי לייגט איר אקארשט ניט?

— פיאטער אלעקסאנדאוויטש, ווי וואלט איך זיך דאס גאר גע־קאנט דערוועגן אפילו נאך דעם, וואס עס איז פארגעקומען, איך בין פארכאפט געווארן, זייט מיר מוחל, מענטשן, איך בין פארכאפט גע־ווארן! און א חוץ דעם בין איך צוטרויסלט דער גאנצער! און ס'איז

גלאט א בזיון, איינער האט א הארץ פון אלכסנדר מוקדון, און א צווייטער פון א הינטל פידעלקא. באַ מיר איז א הארץ פון א הינטל פידעלקא. איך ציטער, ווי א בלאט! פרעג איך אייך, ווי קאָן מען טאקע נאך אזא מין חתונה נאך גיין אף ווארמעס, און זופּן די יויכן פון מאָנאַסטיר? ס׳איז א בזיון, איך קאָן ניט, נעמט ניט פאר אומגוט!

„שדים ווייסן אים, טאמער אבער נארט ער אפ!״ — איז גע־בליבן שטיין מיאוסאָוו פארטראכט און ט׳נאכגעקוקט מיט א מטושטשדיקן בליק אפן לץ, וואס האט געגומען גיין ווייטער. יענער האט זיך א קער געטאן און, באמערקענדיק, אז פיאטר אלעקסאנדראוויטש קוקט אים נאך, האט ער אים געשיקט א קוש מיט דער האנט.

— איר גייט אויך צום איהומען? — האט מיאוסאָוו א פרעג געטאן איוואַן פיאָדאָראָוויטשן אפגעהאקטערהייט.

— פארוואס ניט? צו דערצו האט מיך דער איהומען נאך נעכטן באזונדערס פארבעטן.

— צום אומגליק, שפיר איך באמת, אז איך מוז כמעט חי קומען אף אט דעם פארשאלטענעם מאָלצייט, — האט נאך אלץ מיט א פארביסענער אויפגערייצטקייט מיאוסאָוו געריידט, און עס האט אים אפילו ניט געארט, וואס דער מאָנאַכל הערט. — מ׳דארף כאטש דארטן אנטשולדיקן זיך פאר דאס, וואס מיר האבן דא אנגעמאכט, און קלאר מאכן, אז דאס זיינען ניט מיר... ווי מיינט איר?

— אוודאי דארף מען קלאר מאכן, אז דאס זיינען ניט מיר. אגב וועט דער טאטע אויך ניט זיין, — האט זיך איוואַן פיאָדאָראָוויטש אנגערופן.

— מער פעלט שוין ניט, אז אייער טאַטינקע זאל נאך אויך זיין! ס׳ארא פארשאלטענער מיטאג דאס איז!

און פונדעסטוועגן זיינען זיי זיך אלע געגאנגען. דער מאָנאַכל האט געשוויגן און זיך צוגעהערט. נישטמער, וואס גייענדיק דורכן וועלדל האט ער איינמאל א זאג געטאן, אז דער פאטער איהומען ווארטן שוין פון לאנג און אז מ׳האט פארשפעטיקט מער ווי אף א האלבער שעה. מ׳האט אים ניט געענטפערט. מיאוסאָוו האט מיט האס געגעבן א קוק אף איוואַן פיאָדאָראָוויטשן:

„און גייט פונדעסטוועגן צום עסן, ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט געווען!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „אַ קופּערנער שטערן און אַ קאַראַמאַזאָווס געוויסן".

## VII

## דער סעמינאַריסט אַלס קאַריעריסט

אַליאָשאַ האט דערפירט זיין סטאַרעץ אין שלאף־קעמערל און געמאכט פאר אים אן ארט אפן בעט. דאס איז געווען א זעער קליין צימערל מעבלירט מיט דעם סאמן נויטיקסטן; דאס בעטל איז געווען א שמאלינקע, אן אייזערנע, און אנשטאט א מאטראץ איז געלעגן אף איר נאר א פשוטע דיקע טוך. אין ווינקעלע, לעבן די הייליקע בילדער, איז געשטאנען א שטענדער, און אפן שטענדער איז געשטאנען א צלם און געלעגן דאס עוואנגעליום. דער סטאַרעץ האט זיך אראפגעלאזן אפן בעט אן כוחות; די אויגן זיינע האבן געגלאנצט און ער האט שווער געעטעמט. אז ער האט זיך אוועקגעזעצט, האט ער שארף און ווי עפּעס טראכטנדיק א קוק געטאן אף אַליאָשאַן.

— גיי זיך, מיין ליבינקער, גיי. פאר מיר איז פאַרפירי אויך גענוג, און דו אייל זיך. מ'דארף דיך דארטן, גיי צום פאטער איהומען און העלף דארטןביים טיש.

— לאזט מיר זוכה זיין צו בלייבן דא, — האט אַליאָשאַ ארויסגערעדט מיט א בעטנדיקן קול.

— מ'דארף דיך דארטן מערער. דארטן איז קיין שלום ניטא. וועסט העלפן און דו וועסט צוניץ קומען. וועט קומען דער שטן, טאָ טו תּפילה. און זיי וויסן, זונעניו (דער סטאַרעץ האט ליב גע־האט אזוי צו רופן אים), אז אויך אף להבא איז ניט דא פאר דיר קיין ארט. באהאלט דאס אין זכרון, בחורל. ווי נאר איך וועל זוכה זיין צו קומען פארן השם יתברך — זאלסטו אוועקגיין פון מאַ־נאסטיר. זאלסט אוועקגיין אינגאנצן.

אַליאָשאַ האט זיך פארצאפּלט.

— וואס איז מיט דיר? ניט דא איז דיין ארט לעת עתּה. איך בענטש דיך אף א גרויסער עבודה אין דער וועלט. דו דארפסט

נאך א סך ארומוואגלען, חתונה האבן וועסטו אויך דארפן, אלץ וועסטו דארפן אריבערטראגן, ביז דו וועסט ווידער אנקומען אהער, און טאן וואס וועט זיין אסך. נאר אין דיר בין איך ניט מסופק, דערפאר שיק איך דיך טאקע. מיט דיר איז קריסטוס. היט דו אים וועט ער דיך היטן. גרויסע ליידן וועסטו דערזען און אין אט די ליידן וועסטו גליקלאך זיין. דאס איז א צוואה פאר דיר: אין ליידן זוך גליק. ארבעט, ארבעט אָן אַן אויפהער. באהאלט אין זכרון מיינע ווערטער פון אצונד, ווארים כאטש איך וועל נאך שמועסן מיט דיר, אבער ניט נאר וואס די טעג, נאר אפילו די שעהן מיינע זיינען געציילט.

אף אַליאָשעס פנים האט זיך ווידער אויסגעדריקט א שטארקע באוועגונג.

— וואס זשע איז ווייטער מיט דיר? — האט רואיק א שמייכל געטאן דער סטאַרעץ. — זאלן די מענטשן דארטן פון דער וועלט מלוה זיין מיט טרערן זייערע פארשטארבענע, אבער מיר דא פרייען זיך פון א פאטער, וואס גייט אוועק אהין. מיר פרייען זיך און מיר טוען תפילה פאר אים. גיי זשע אוועק פון מיר. מ׳דארף תפילה טאָן. גיי און אייל זיך. זײַ לעבן די ברידער. און ניט וואס לעבן איינעם, נאר לעבןביידע.

דער סטאַרעץ האט אויפגעהויבן די האנט צו בענטשן אים. זאגן עפעס האט מען ניט געקאנט, הגם אַליאָשאַ האט זעער געוואלט בלייבן. ער האט נאך געוואלט פרעגן, און עס האט זיך אפילו ווי געריסן פון צונג די פראגע, וואס ס׳האט דאס באטייט אט דער בוקן זיך צו דער ערד פאר זיין ברודער דמיטרי, ער האט זיך אבער ניט דערוועגט צו פרעגן. ער האט געוואוסט, אז דער סטאַרעץ וואלט אליין אויך, ניט פרעגנדיק אים, דערקלערט, ווען מ׳וואלט געקאנט, נאר זיין רצון הייסט עס איז ניט געוועזן דערצו. אבער דער דאזיקער בוקן זיך האט אַליאָשאן מוראדיק פארגאפט; ער האט בלינד געגלויבט, אז ס׳איז געווען אין דעם א פארבארגענער רעיון. א פארבארגענער, און אפשר טאקע א שרעקלאכער. אז ער איז ארויס פון גדר פון סקיט, כדי באווייזן צו קומען אין מאנאסטיר צו דעם איהומען צום עסן (פארשטייט זיך, כדי נאר צו העלפן באדינען ביים טיש), האט זיך בא אים מיטאמאל שטארק פארקלעמט דאס הארץ, און ער איז געבליבן שטיין אפן ארט: פאר אים האבן ווי פונדאסניי אדורכ־

געקלונגען די ווערטער פון דעם סטאַרעץ, וואס האט פאראויסגעזאגט דעם אזוי נאהנטן סוף זיינעם. און דאס, וואס עס האט פאראויס־געזאגט דער סטאַרעץ, און דערצו נאך אזוי באשטימט, דאס האט געמוזט געשען אן ספק, אין דעם האט אַליאָשאַ הייליק געגלויבט. ווי אזוי זשע אבער וועט ער זיך אפשטעלן אָן אים, ווי אזוי זשע אבער וועט ער קאנען אים ניט זען מער, ניט הערן אים? און וואוהין וועט ער גיין? ר'הייסט ניט וויינען און אוועקגיין פון מאנאסטיר, גאטעניו! לאנג האט שוין אַליאָשא ניט געשפירט אזא נאגעניש. ער איז אוועק אף גיך דורכן וואלד, וואס האט אפגעטיילט דעם סקיט פון מאנאסטיר, און, ניט זייענדיק אימשטאנד אפילו אריבערצוטראגן זיינע געדאנקען, אף אזוי פיל האבן זיי געשטיקט אים, האט ער אנ־געהויבן קוקן אף די הונדערטיאריקע טענענ־בוימער, וואס אף ביידע זייטן פון דער סטעזשקעלע פון וואלד. ניט ווייט האט מען גע־דארפט גיין, בא א פינף הונדערט טריט, ניט מער; אין דער צייט האט מען, אין פלוג, קיינעם ניט געדארפט באגעגענען, מיטאמאל אבער האט ער אף דעם ערשטן אויסבויג פון וועג באמערקט ראַקיטינען. יענער האט געווארט אף עמיצן.

— צי ווארטסטו נישט אף מיר? — האט אים געפרעגט אַליאָשא, בעת ער איז שוין געווען לעבן אים.

— טאקע אף דיר, — האט א שמייכל געטאן ראַקיטין. — דו איילסט זיך צום פאטער איהומען. איך ווייס; בא אים איז א מאל־צייט. זינט ער האט אויפגענומען דעם ארכיעריי מיט דעם גענעראל פאַכאַטאָוון, דו געדיינקסט, פון דעמאלט אן איז אזא מאלצייט נישט געווען. איך וועל ניט זיין דארטן, נאר דו גיי, יאָיכן דערלאנגען. זאג מיר אבער, אַלעקסיי, איין זאך: וואס איז דער פותר פון אט דעם חלום? אט וואס איך האב דיך געוואלט פרעגן.

— פון וועלכן חלום?

— איך מיין אט דעם טיפן בוקן זיך פאר דיין ברודערל דמיטרי פיאָדאָראוויטשן. היינט ווי ער האט זיך דאס נאך א זעץ געטאן מיטן קאפ!

— דאס מיינסטו דעם פאטער זאָסימאַ?

— יע, דעם פאטער זאָסימאַ.

— מיטן קאפ?

— הא, ניט פיין אויסגעדריקט זיך! ס'א דאגה, זאל זיין ניט פיין, הכלל, וואס זשע באטייט אט דער דאזיקער חלום?

— איך ווייס ניט, מישאַ, וואס ער באטייט!

— איך האב תיכף געוואוסט, אז ער וועט דאס דיר ניט דער־קלערן. קיין סתרי־תורה, פארשטייט זיך, איז דא ניטא, אחוץ נאר די שטענדיקע תמעוואטע צדקות. די קונץ האט מען אבער מיט א כיוון אפגעמאכט. וועלן טאקע אלע גאטס־סטראפטשעס נעמען רעדן אין שטאט און מ'וועט צעטראגן איבער דער גאנצער גובערניע: "וואס זשע באטייט פארט אט דער דאזיקער חלום?" נאך מיין שכל נאך, האט דער סטאַרעץ באמת א שארף אויג: האט דערשמעקט א קרימינעלע מעשה. עס שטינקט בא אייך.

— וואס פאר א קרימינעלע מעשה?

ראַקיטין האט קענטיק געוואלט עפעס ארויסזאגן.

— אין אייער משפחהלע וועט זי פארקומען, אט די קרימינעלע מעשה. פארקומען וועט זי צווישן דיינע ברידערלאך און דיין רייכן טאטינקען. איז אט האט טאקע פאטער זאָסימאַ געגעבן א קלאפ מיטן קאפ: כ'ווייס, אל תפתח פה לשטן, שפעטער, וואס עס זאל זיך ניט טרעפן, וועט מען זאגן: דאס האט דאך דער הייליקער סטאַרעץ מבשר געווען, דאס האט ער דאך נבואה געזאגט" — כאטש וואס איז דארטן פאר א נבואה מ'שטיינס געזאגט, וואס ער האט מיטן קאפ א קלאפ געטאן אין דער ערד? ניין, דאס איז אן עמב־לעם געווען, א משל, און שדים ווייסן וואס נאך! דער שם זיינער וועט וואקסן, מ'וועט רעדן פון אים: האט געשפירט דעם פארברעך, וועט מען זאגן, האט דעם פארברעכער אנגעוויזן. בא גאטס תמען איז רק אזוי: פאר דעם שענקל צלמט מען זיך, און אפן קלויסטער ווארפט מען שטיינער. אזוי איז אויך מיט דיין סטאַרעץ: דעם צדיק מיטן שטעקן איבערן רוקן, און פארן גזלן בוקן זיך צו די פוס.

— וואס פאר א פארברעך? וואס פאר א גזלן? וואס איז מיט דיר? — אַליאָשאַ איז געבליבן שטיין ווי אן איינגעגראבענער,

ראַקיטין האט זיך אויך אפגעשטעלט.

— וואס פאר אַ? דו ווייסט כלומרשט ניט? איך גיי אין געוועט, אז דו גופא האסט שוין געטראכט וועגן דעם. אגב, ס'איז אינטערע־סאנט צו וויסן: הערי, אַליאָשאַ, דו זאגסט שטענדיק דעם אמת, כאטש אפילו דו זעסט תמיד זיך ארויסצודרייען, זאג: דו האסט גע־טראכט וועגן דעם, צי דו האסט ניט געטראכט, זאג?

— געטראכט, — האט שטיל געענטפערט אַליאָשאַ. אפילו ראַקיטין איז צעמישט געווארן.

— ווי? נישיים זשע האסטו שוין אויך געטראכט? — האט ער אויסגעשריען.

— איך האב . . . ניט וואס מ'זאל זאגן איך האב געטראכט, — האט אַליאָשאַ ארויסגעמורמלט, — נאר אז דו האסט אקארשט גענומען רעדן וועגן דעם אזוי מאדנע, האט זיך מיר אויך אויסגעדוכט, אז איך איך האב וועגן דעם אליין געטראכט.

— דו זעסט (און ווי קלאר דו האסט דאס אויסגעדריקט), דו זעסט? קוקנדיק היינט אפן טאטן און אפן ברודערל דמיטרין, האסטו וועגן פארברעך א טראכט געטאן? הייסט עס, אז איך האב דאך קיין טעות ניט?

— וואַרט אקארשט, וואַרט, — האט מיט א ציטער איבער־געריסן אַליאָשאַ, — פון וואס דרינגסטו אט דאס אלץ? . . . פארוואס אינטערעסירט דאס דיך אזוי, אט דאס קודם כל.

— צוויי באזונדערע פראגעס, אבער נאטירלאכע. כ'וועל ענטפערן על ראשון — ראשון, פון וואס איך דרינג דאס? איך וואלט קיין זאך ניט געדרונגען, ווען איך וואלט היינט דעם ברודער דיינעם, דמיטרי פיאָדאָראוויטשן, ניט פארשטאנען מיטאמאל דעם גאנצן, אט ווי ער שטייט און גייט. אָן איין שטריך עפעס האב איך אים מיטאמאל געפאקט דעם גאנצן. בא אט די סאמע ארנטלאכסטע, אבער ליידנשאפטלאכע מענטשן איז דא א פונקט, וועלכן מ'טאר ניט אריבערגיין איבער אים. אניט — אניט איז ער מסוגל דעם טאטינקע גופא א מעסער ארייַנשטעכן. און דער טאטינקע איז א שכורער און ניט קיין איינגעהאלטענער בעל־תאוהניק, האט

קיינמאל אין גארנישט ניט געוואוסט פון קיין מאס — וועלן זיי זיך ניט איינהאלטן ביידע און מ׳וועט געבן א בענק זאלבעצווייט אין בלאטע אריין.

— ניין, מישאַ, ניין, אויב ס׳איז מער ניט ווי דאס, האסטו מיך מונטערער געמאכט. דערצו וועט נישט דערגיין.

— וואס ציטערסטו אבער דער גאנצער? דו פארשטייסט דעם קונץ? ער מעג זיך זיין אפילו אן ארנטלאכער מענטש, מיטיענקאַ מיין איך (ער איז א נאַר, אבער אַן ארנטלאכער); איז ער אבער — א בעל תאוהניק. אט דאס איז ער און דאס איז זיין גאנצער תוך. דאס האט אים דער פאטער איבערגעגעבן זיין העסלאכע תאוה. איך וואונדער זיך דאך מער ניט פון דיר, אַליאָשאַ: ווי אזוי ביזטו דאס אומבאפלעקט? דו ביזט דאך אויך א קאַראַמאַזאָוו! און אין אייער פאמיליע איז דאך דערגאנגען די תאוה ביז צו אנצינדונג. איז אט ליגן זיי איינער אפן אנדערן די דריי בעל־תוהניקעס ... מיט מעסערס אין די כאלעוועס. האבן זיך דרײַען געגעבן א זעץ מיט די שטערנס, און דו וועסט נאך א סברה זיין דער פערטער.

— דו האסט א טעות וועגן אט דער דאזיקער פרוי, דמיטרי...

האַסט זי, — האט עפעס ווי ציטערנדיק אַליאָשאַ א זאג געטאן.

— גרושענקען מיינסטו? ניין, ברודער, ער האַסט ניט. ווי־באלד ער האט שוין די כלה זיינע פראנק־און־פריי פארביטן אף איר, האַסט ער זי שוין ניט. דא איז ... דא איז, ברודער, עפעס אזוינס, וואס דו וועסט איצטער ניט באגרייפן. פארליבט זיך א מענטש אין עפעס א שיינקייט, אין א קערפער פון א פרוי, אדער אפילו נאר אין א טייל פון איר קערפער (דאס קאן א בעל־תאוהניק פארשטיין), וועט ער אוועקגעבן פאר איר די אייגענע קינדער, וועט פארקויפן טאטע־מאמע, רוסלאנד און דאס פאטערלאנד; איז ער אן ארנטלאכער, וועט ער אוועקגיין און וועט גנבענען; איז ער א רך־לב — וועט ער קוילענען א מענטשן, איז ער טריי — וועט ער ווערן אומטריי. דער זינגער פון די פרויען־פיסלאך, פושקין, האט די פיסלאך אין לידער באזונגען; אנדערע באזינגען נישט, קאנען זיי אבער ניט קוקן אף די פיסלאך אָן א ציטער. אבער ס׳איז דאך ניט די פיסלאך

אליין . . . דא, ברודער, העלפט נישט קיין האס, ווען ער וואלט אפילו געהאַסט גרושענקען, אי ער האַסט, אבער אפרייסן זיך קאן ער ניט.

— איך פארשטיי דאס, — האט מיטאמאל א פויק געטאן אַליאָשאַ.

— אזוי? אפנים אז דו פארשטייסט טאקע, וויבאלד דו האסט שוין ביים ערשטן ווארט א פויק געטאן, אז דו פארשטייסט, — האט מיט א פרייד פון נקמה א זאג געטאן ראַקיטין. — דו האסט דאס ניט־ווילנדיק ארויסגעפויקט, דאס האט זיך ארויסגעריסן בא דיר. איז נאך טייערער אזא מין מודה זיין זיך: הייסט עס, דיר איז שוין דאס א באקאנטע זאך, האסט שוין געטראכט וועגן דעם, וועגן תאוה הייסט עס! אָ דו, אומבאַפלעקט אינגעלע! דו ביזט, אַליאָשקאַ, א שטילינקער, ביזט א הייליקער, כ'בין מסכים, דו ביזט אבער א שטי־לינקער און שדים ווייסן פון וואס דו האסט שוין ניט איבערגעטראכט, דער טייוול ווייס וואס דיר איז שוין באקאנט! אן אומשולדיקער, און איז שוין דורך אזא טיפעניש אדורך, איך ווארף שוין לאנג אף דיר אן אויג. דו גופא ביזט א קאַראַמאַזאָווו, ביזט א קאַראַמאַזאָווו דורך און דורך — הייסט דאס, אז עס באטייט דאך עפעס דער שרש און דער אפקלייב. נאך דעם טאטן נאך ביזטו א בעל־תאוהניק, נאך דער מאמען נאך א תם. וואס טרייסלט זיך? כ'זאג מסתמא אמת? הער: גרושענקאַ האט מיך געבעטן „ברענג אים צופירן (דיך, הייסט עס), איך וועל פון אים זיין ריזע אראפשלעפן". הייבט ווי זי איז צוגעשטאנען: ברענג אים, למען השם ברענג אים! איך האב נאר א טראכט געטאן: מיט וואס האסטו דאס איר אזוי פאראינטערעסירט? דו ווייסט, א ניט קיין געוויינלאכע פרוי איז זי אויך!

— גריס איר, זאג, אז איך וועל ניט קומען, — האט קרום א שמייכל געטאן אַליאָשאַ. — רעד ווייטער, מיכאַאיל, פון וואס דו האסט אנגעהויבן, איך וועל דיר דערנאך זאגן, וואס איך טראכט.

— וואס איז דא צו רעדן, ס'איז אלץ קלאר. דאַס איז אלץ אן אלטער מזמור, ברודער. וויבאלד שוין אַז דו ביזט אויך כולל אין זיך א בעל־תאוהניק, הייבט וואס זשע איז שוין מיט דיין ברודער

איוואנען, דעם לייבלאַכן ברודער? ער איז דאך אויך א קאַראַמאַזאָווי־
אט אין דעם באשטייט אייער גאַנצער קאַראַמאַזאָוושער יש: בעל־תאוה־
ניקעס, גייציקע און גאטס תמען זייט איר! דער ברודער דיינער
איוואַן דרוקט לעת עתה אף א שפאס, צוליב עפעס א נארישער אומ־
באוואוסטער אויסרעכענונג, טעאלאגישע מאמרימלאך, זייענדיק אליין
אן אפיקורס, און איז זיך אליין מודה אין אט דער נְבֵלָה — אט דער
דאזיקער ברודער דיינער, איוואַן. א חוץ דעם, רעדט ער אפ פאר
זיך פון דעם ברודערל מיטיען זיין כלה, און וועט, דאכט זיך, דער־
גרייכן זיין ציל. היינט ווי נאך: מיטן הסכם פון מיטינקען גופא,
ווארים מיטיענקאַ אליין לאזט אים אפ זיין כלה, כדי נאר אפ־
צובינדן זיך פון איר, און וואס גיכער אוועקגיין צו גרושענקען,
און איזן איז דאס אלץ בא זיין גאַנצער איידלקייט און אומ־
אייגענניץ, פארגעס דאס ניט. אט די דאזיקע מענטשן זיינען טאקע
די סאמע געפערלאכסטע! שדים קאנען אייך פארשטיין נאך אט דעם
אלעמען: איז אליין מודה זיין נְבֵלָה און קריכט אליין אין דער נְבֵלָה!
הער זשע ווייטער: מיטינקען שטייט איצטער אין וועג דער אלטער
— דער טאטע. ער האט דאך צוליב גרושענקען מיטאמאל אנ־
געהויבן משוגע צו ווערן, עס לויפט בא אים סליונע, ווען ער קוקט
נאר אף איר. דאס האט ער דאך מער ניט ווי צוליב איר אליין
געמאכט איצטער אזא סקאנדאל אין קעמערל, מער ניט ווי דערפאר,
וואס מיאוסאָוו האט זיך דערוועגט אנצורופן זי מיאוסע בריאה. האט
זיך פארליבט ערגער פון א קאץ. פריער איז זי נאר געווען בא
אים פאר געצאלט בא עפעס טונקעלע געשעפטלאך און שיינק־
ענינים, איצט אבער האט ער זיך מיטאמאל געכאפט און האט
זיך ארומגעקוקט, איז ווילד געווארן, קריכט צו איר און רעדט איר
איין, פארשטייט זיך, ניט אפן ארנטלאכן אופן. איז אט וועלן זיי
זיך צוזאמענשטויסן, דער טאטינקע מיטן בענאָק, אף אט דער דאזיקער
סטעזשקעלע. גרושענקאַ האלט זיך אבער אפ אי פון דעם אי פון
יענעם און דרייט נאך מיטן עקל דערווייל, רייצט זיך נאך מיט
ביידן, קוקט אויס, ווער עס לוינט בעסער, ווארים כאטש מיקאן יע
ביים טאטינקען פאקן א מטבעהלע, וועט ער דאך אבער דערפאר ניט

חתונה האבן, און ס׳איז אַ סברה, אַז ער קאָן שפּעטער מעשה־אידלאַק צומאַכן דעם טייסטער אויך. אַף אַזאַ אופן האָט מיטיענקאַ אויך אַ מקח, קיין געלט האָט ער ניט. דערפאַר אָבער איז ער מסוגל צו חתונה האָבן. יאָ, יאָ, ברודערל, מסוגל צו חתונה האָבן! לאָזן די כּלה: קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, אַ שיינקייט, וואָס האָט קיין גלייכן ניט, אַ רייכע, אַ קינד פון דעם אַדל, אַ פּאָלקאָווניקס אַ טאָכטער, און חתונה האָבן מיט גרושענקען, מיט אַ געוועזענער נקבה פון אַן אַלטן סוחרל, דעם אויסגעלאַסענעם פּויער און שטאָט גאָלאָוואַ סאַמסאָנאָוון. פון אַט דעם אַלעמען קאָן באמת אַרויסקומען אַ קרימינעלע מעשה. און אַף דאָס טאַקע וואַרט דער ברודער דיינער איוואַן, דאָ איז אים ווי בּיים טאַטן אין ווייִנגאָרטן: אי ער וועט באַקומען קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, נאָך וועמען ער גייט אויס, אי ער וועט פּאַקן איר נדן די זעכציק טויזנט קאַרבן. פאַר אַ קליין מענטשעלע, וואָס איז הייל ווי פּיסטויל, ווי ער, איז דאָס זעער אַ צוציענדיקע זאַך פאַרן אָנהייב. הייִנט פאַרגעס ניט: ניט נאָר וואָס ער וועט מיטיען ניט באַליידיקן, נאָר מיטיאַ וועט אים בּיזן קבר זיין שולדיק. איך ווייס דאָך געניו, אַז נאָך פאַראַכטאָגן האָט מיטיענקאַ אליין געשריען אין שיינק אַ שכּורער מיט די ציגיינערנס, אַז ער איז ניט ווערט די כּלה זיינע, קאַטינקען, אַז ווערט איז זי דער ברודער זיינער, איוואַן. און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ גופא, וועט נאָך אַלעמען אויך ניט אָפּוואַרפן אַזאַ באַצויבערער, ווי איוואַן פיאָדאָראָוויטש; זי וואַקלט זיך דאָך שוין איצטער צווישן זיי בּיידן. און מיט וואָס אַן ערך האָט דאָס אייך אַלעמען איוואַן אַזוי באַצויבערט, וואָס איר האָט אַזאַ יראת הכּבוד פאַר אים? ער לאַכט דאָך אָבער אָפּ פון אייך: איך זיץ מיר בּיים טאַטן אין ווייִנגאָרטן און לעב אַ טאָג אַף אייער חשבון.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? פאַר וואָס רעדסטו אַזוי זיכער? — האָט שאַרף און אַנגעכמורעטערהייט מיטאָמאָל אַ פרעג געטאָן אַליאָשאַ.

— פאַרוואָס אָבער פרעגסטו איצטער און האָסט שוין פאַראויס מורא פאַר מיין ענטפער? הייסט דאָס, דו בּיזט אַליין מסכּים, אַז איך האָב געזאָגט אַן אמת.

— דו האסט איוואַנען פיינט. איוואַן וועט זיך ניט קוואַפּען אַף קיין געלט.

— אַזוי גאָר? און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס שיינקייט? דאָ איז דאָך ניט נאָר קיין געלט אַליין, כאָטש זעכציק טויזנט קאַרבן איז אַפילו אויך אַ יש.

— איוואַן קוקט העכער. איוואַן וועט זיך אַף קיין טויזנטער אויך ניט קוואַפּען. איוואַן זוכט ניט קיין געלט און ניט קיין רו. ליידן אפשר זוכט ער.

— וואָס איז דאָס נאָך פאַר אַן אויסטראַכטעניש? אַך, איר... אַדל־לייט!

— עך, מישאַ, דאָס האַרץ זיינע איז אַ שטורמדיקע. דער דעת זיינער איז אין געפאַנגענשאַפט. ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסער און ניט קיין פאַרענטפערטער פראַגע. ער איז פון די, וואָס דאַרפן נישט קיין מיליאָנען, נאָר וואָס דאַרפן די פראַגע פאַרענטפערן.

— ס׳איז אַ ליטעראַרישע גנבה, אַליאָשקאַ. דו זאָגסט נאָך גרעסערע פראַזן פאַר דיין סטאַרעץ. אָט האָט דאָס אייך איוואַן פאַרגעבן אַ רעטעניש! — האָט מיט אַ בולטער רשעות אויסגערופן ראַקיטין. ער האָט זיך אַפילו אין פּנים פאַרענדערט און זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט. — און גלאַט עס איז אַ נאַרישע רעטעניש, ס׳איז ניטאָ וואָס צו טרעפן. גיב אַ דריי מיטן קאָפּ — וועסטו פאַרשטיין. דער מאמר זיינער איז אַ לעכערלעכער און אַן אומגעלומפּערטער. הייַנט האָסטו געהערט פריער זיין נאַרישע טעאָריע: „וויבאַלד ס׳איז ניטאָ קיין אומשטערבלעכקייט, זיינען קיין מעשים טובים אויך ניטאָ, מעג מען הייסט עס אַלץ”. (דאַן געדיינקסטו, אַגבֿ, ווי דער ברודערל מיטיענקאַ האָט אַ געשריי געטאָן: „איך וועל דאָס באַהאַלטן אין זכרון!”) דאָס איז אַ טייערע טעאָריע פאַר אַזוינע אויסוואָרפן . . . איך זידל זיך, ס׳איז נאַריש . . . ניט פאַר קיין אויסוואָרפן, נאָר פאַר פּלאַפּלער שול־אינגלאַך מיט „אַ טיפעניש פון געדאַנקען גאָר ניט צו פאַרענטפערן”. אַ בערימער איז ער, און דער גאַנצער תּוך איז אָט דער: „פון איין זייט איז אוממעגלאַך ניט מסכּים צו זיין, און פון דער אַנדער זייט — אוממעגלאַך ניט זאָגן דעם

אמת!״ זיין גאנצע טעאריע איז א געמיינע! די מענטשהייט וועט אין זיך גופא געפינען קראפט, כדי צו לעבן צוליב מעשים טובים, ניט גלויבנדיק אפילו אין קיין אומשטערבלאַכקייט! אין דער ליבע צו פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט וועט זי עס געפינען...

ראַקיטין האט זיך צוהיצט, האט כמעט אליין נישט געקאנט איינהאַלטן זיך. מיטאמאל אבער האט ער זיך אפגעשטעלט, ווי ער וואלט זיך אן עפּעס דערמאָנט.

— הכלל, עס וועט זיין געַנוג, — האט ער געגעבן אַ שמייכל און די ליפּן האבן זיך אויסגעקרימט נאך מער, ווי פריער, — וואס לאכסטו? דו מיינסט, איך בין אַ ניבזיק?

— ניין, איך האב גאר אפילו ניט געטראכט צו מיינען, אז דו ביזט אַ ניבזיק. דו ביזט אַ קלוגער, אבער... לאז, דאס האב איך אויס נארישקייט אַ שמייכל געטאן. איך פארשטיי, אז דו קאנסט זיך צוהיצן, מישאַ. נאך דיין אויפגערעגטקייט האב איך זיך אנגעטשטויסן, אַז דו ביזט אליין ניט גלייכגילטיק צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, איך האָב דאס, ברודער, פון לאנג אָן חושד געווען, און דעריבער טאַקע האסטו פיינט דעם ברודער איוואַנען. דו אייפערסט צו אים?

— און אפשר צו די געלט אירע אייפער איך אויך? זאג ווייטער, ניט אזוי?

— ניין, איך וועל וועגן געלט גארנישט ניט צוגעבן, איך וויל דיך נישט באליידיקן.

— איך גלויב, ווייל דו האסט דאס געזאגט. דער רוח אבער זאל אייך פונדעסטוועגן פארט נעמען מיט דיין ברודער איוואַנען אינאיינעם! איר קאנט קיינער ניט משיג זיין, אז מ׳קאן אים אָן קאטערינא איוואַנאָוונען אויך שטארק פיינט האבן. און פאר וואס אַן ערך זאל איך דאס אים האלט האבן, צו אלדי רוחות! ער גופא טוט דאך מיר אן דעם כבוד אף צו זידלען מיך. פארוואס זשע האב איך ניט דאס רעכט צו זידלען אים?

— איך האב קיין איין מאל נישט געהערט, ער זאל כאטש עפּעס זאגן וועגן דיר, סיי גוטס סיי שלעכטס; ער רעדט אינגאנצן ניט וועגן דיר.

— און איך האָב געהערט, אַז אײַערנעכטן האָט ער זיך בײַ קאַטערינאַ איוואַנאָוונען געגומען צו מיר אַף וואָס די וועלט שטייט, — אַט אַף וויפֿל ער האָט זיך דאָס אינטערעסירט מיט דעם אונטער־טעניקן דײַנער אײַערן, נו איז נאָך דעם, ווער אײַפֿערט צו וועמען, ברודער — איך ווייס ניט! ער איז געווען אַזוי גוט אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, אַז אויב איך וועל גאָר בקרוב ניט מסכּים זײַן אַף דער קאַריערע פֿון אַן אַרכימאַנדריט, און כ'וועל ניט באַשליסן צו ווערן אַ מאָנאַך, וועל איך, בלי ספֿק, אַוועקפֿאָרן קיין פּעטערבורג און וועל זיך צושאַרן צו אַ דיקן זשורנאַל, אומבאַדינגט אין דער אָפּטיילונג פֿאַר קריטיק, וועל מיר שרײַבן אַ צענדליק יאָר און וועל סוף־כּל־סוף אַריבערנעמען דעם זשורנאַל אַף מײַן נאָמען. דערנאָך וועל איך אים ווײַטער אַרויסגעבן און טאַקע ניט אַנדערש ווי אין אַ ליבעראַלער און אַטעאיסטישער ריכטונג, מיט אַ סאָציאַליסטישער באַפֿאַרבונג, אַפֿילו מיט אַ קליינעם גלאַנץ פֿון סאָציאַליזם, אָבער האַלטנדיק דעם אויער שאַרף, דאָס הייסט האַלטן אין תּוך אי פֿאַר דעם אי פֿאַר יענעם און נאַראָנים אויסשטעלן אַ פֿײַג. דער סוף פֿון מײַן קאַריערע איז, לויטן פּירוש פֿון דײַן ברודערל, אַט דער, אַז די באַפֿאַרבונג פֿונ'ם סאָציאַ־ליזם וועט מיר כּלל ניט שטערן אָפּצולייגן קיין אָבאָנעמענטן־געלטער אַפֿן לויפֿנדיקן חשבון און אַוועקגעבן דאָס בײַ אַ געלעגנהייט אין מסחר, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון עפּעס אַ אידלאַק, אַזוי לאַנג, ביז איך וועל ניט אַוועקשטעלן קיין גרויסע שטוב אין פּעטערבורג, אַריבער־פֿירן אַהין די רעדאַקציע, און אין די איבעריקע עטאַזשן אַרײַנלאָזן שכנים. ער האָט שוין אַפֿילו באַשטימט אַן אָרט פֿאַרן הויז: לעבן דער נײַער שטיין־בריק, וואָס מ'פּראָיעקטירט צו מאַכן אין פּעטערבורג אַף דער נעווע פֿון דער ליטײַנער גאַס ביז וויבאָרגער . . .

— אוי, מישאַ, ס'איז דאָך באמת מעגלאַך, אַז דאָס זאָל אַלץ מקוים ווערן, וואָרט אין וואָרט! — האָט אַליאָשאַ מיטאַמאָל אויס־געשריִען, ניט אײַנהאַלטנדיק זיך, און האָט לוסטיק אָנגעהויבן צו־שמייכלען.

— איר הייבט שוין אויך אָן אָפּצולאַכן, אַלעקסיי פֿיאָ־דאָראָוויטש?

— ניין, ניין, איך מאך שפאס, האב קיין פאראיבל ניט. עס ליגט מיר גאר עפּעס אַן אנדער זאַך אין זינען. זאג מיר אגב: ווער האט דאס דיר געקאנט איבערגעבן אזוינע פּרטים, און פון וועמען האסטו דאס געקאנט הערן וועגן דעם? דו גופא האסט דאך בעת מעשה נישט געקאנט זיין בא קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, בשעת ער האט גערעדט וועגן דיר?

— איך גופא בין נישט געווען, דערפאר איז געווען דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, און איך האב דאס געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן טאקע פון דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן. אין פלוג אויב דו ווילסט, האט ער דאס ניט מיר דערציילט, נאר איך האב אונטערגעהערט, ניט ווילנדיג, פארשטייט זיך, ווארים איך בין געזעסן בא גרושענקען אין איר שלאף־צימער און האב ניט געקאנט ארויסגיין די גאנצע צייט, כל זמן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז געווען אינ'ם דערבייאיקן צימער.

— אוודאי, איך האב גאר פארגעסן, אז זי איז דאך דיינע א קרובה . . .

— א קרובה? דאס איז גרושענקאַ הייסט דאס מיינע א קרובה?

— האט מיטאמאל אויסגעשריען ראַקיטין, דער גאנצער רויט ווערנדיק.

— ביזט מסתמא פון זינען אראפ, וואס? דער מוח איז בא דיר ניט ווי ס'געהער צו זיין.

— וואס? זי איז דען דיינע ניט קיין קרובה? איך האב אזוי געהערט . . .

— וואו האסטו דאס אן ערך געהערט? ניין, איר הערן קאַראַמאַזאָווס, איר מאכט פון זיך עפּעס אזוינע גרויסע און פארצייטיקע אַדל־לייט, בעת אין דער אמתן איז דיין פאטער נאר ארומגעלאפן ווי א לץ איבער פרעמדע טישן, און פון רחמים האט מען אים געהאלטן אין קיך. לאמיר זאגן אפילו, אז איך בין ניט מער ווי א גלחס א זון און בין א גארנישט לגבי אייך, אבער באליידיקט מיך ניט אזוי לוסטיק און חוצפּהדיק. איך האב אויך ערע, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש. איך קאן ניט זיין גרושענקעס קיין קרוב, פון א גאסן־מיידל, איך בעט דאס צו פארשטיין!

ראַקיטין איז געווען שטארק אויפגערעגט.

— זיי מיר מוחל, ווי גאט איז דיר ליב, איך האב בשום אופן ניט געקאנט משער זיין, און דערצו וואס פאר א גאסן־מיידל איז זי? וואסי זי איז דען · · · טאקע אזא? — איז מיטאמאל אַליאָשאַ רויט געווארן — איך זאג דיר נאך א מאל, איך האב אזוי געהערט, אז זי איז דיינע א קרובה. דו גייסט צו איר אפט, און דו האסט מיר אליין געזאגט, אז קיין באציאונגען פון ליבע האסטו ניט מיט איר... אט האב איך דאס גאר קיינמאל ניט גערעכנט, אז דווקא דו זאלסט זי אזוי האסן! איז זי דען דאס טאקע ווערט?

— אויב איך גיי יע צו איר, קאן איך האבן דערצו א גרונט, און דאס איז גענוג פאר דיר. הייגט מכוח דעם, וואס זי איז מיינע א קרובה, וועט זי גיכער, דאכט זיך, דיין ברודערל, אדער אפילו דער טאטינקע גופא, מהנאה זיין זי דיר פאר א קרובה, ניט מיר. אט זיינען מיר שוין דערגאנגען. גיי אקארשט בעסער אריין אין קיך. אַי! וואס איז דאס אזוינס, וואס איז דאס? פארשפעטיקט מסתמא? זיי האבן דאך אזוי גיך ניט געקאנט אפעסן? אדער די קאַראַמאַזאָווס האבן דא עפעס ווייטער אנגעמאכט? בנאמנות. אט איז דיין טאטע אויך, און איוואַן פיאָדאָראָוויטש הינטער אים. דאס האבן זיי זיך פון דעם איהומען ארויסגעריסן. פאטער איסידאר שרייט עפעס צו זיי פון גאניק, און דער טאטע דיינער שרייט אויך און מאכט מיט די הענט, זידלט זיך געוויס. שאַ, און אָן איז מיאוסאָוו אויך אוועקגעפארן אין דער בריטשקע, דו זעסט, ער פארט. און אט לויפט מאַקסימאָוו אויך — א סקאנדאל איז דא פארגעקומען; הייסט עס, ניט געוועזן קיין מאלצייט! צי האבן זיי אקארשט דעם איהומען ניט געגעממיתט? אדער מ׳האט זיי גופא געהרגעט? אט וואלט געווען א יושר...

ראַקיטין האט ניט סתם געשריען. א סקאנדאל איז באמת פארגעקומען, אזא, וואָס איז גאר ניט געהערט געווארן. פארגעקומען איז אלץ „על פי רוח הנבואה“.

# VIII

## דער סקאַנדאַל

בשעת מיאוסאָוו און איוואַן פיאָדאָראָוויטש זיינען שוין אריין צום איהומען איז בא פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן, ווי בא אן אמת פיינעם און לייטעשן מענטשן פארגעקומען א מין איידעלע איבערלעבעניש: ער האט זיך אנגעהויבן שעמען צו זיין אין כעס. ער האט דערפילט אין זיך, אז דעם נמאוסדיקן פיאָדאָר פאוולאָוויטשן וואלט ער, אין תוך, באדארפט אזוי פיל ניט אכטן, אז ער זאל גאר ניט באדארפן פארלירן זיין קאלטבלוטיקייט בא דעם סטארעץ אין קעמערל און פארלירן זיך אזוי, ווי דאס איז ארויסגעקומען. „די מאָנאַכן זיינען דא, לכל הדעות, אין קיין איין פרט ניט שולדיק" — האט ער מיטאמאל באשלאסן אפן איהומענס גאניק, — „און אויב דא איז אויך אן אנשטענדיקער עולם (דער פאטער ניקאָליי, דער איהומען, שטאמט, דאכט זיך, אויך אפ פון אדל), טא פארוואס טאקע זאל מען ניט זיין מיט זיי ליב, פריינדלאך און העפלאך?... „שטרייטן וועל איך ניט, כ'וועל אפילו זיין מסכים מיט זיי, כ'וועל זיי נעמען מיט מיין פריינדלאכקייט און... און... כ'וועל זיי סוף־כל־סוף דערווייזן, אז איך בין ניט קיין חבר פון אט דעם דאזיקן עזאָפּ, פון אט דעם לץ, פון אט דעם דאזיקן פיעראָ און אז איך בין פונקט אזוי מיאוס אריינגעפאלן, ווי זיי אלע"...

וואס איז שייך ווידער צו די תביעות וועגן האקן דעם וואלד און דעם כאפן די פיש (וואו דאס איז אלץ — האט ער אליין אויך ניט געוואוסט) האט ער באשלאסן נאכצוגעבן זיי אינגאנצן, איין מאל פאר אלע מאל, טאקע היינט, בפרט, אז אט דאס אלץ איז גאר ניט ווערט קיין סך, און מאכן א סוף מיט אלע זיינע תביעות צו דעם מאָנאַסטירי.

אט די אלע גוטע כוונות זיינען נאך שטארקער געווארן, בשעת זיי זיינען אריין אין דעם פאטער איהומענס עסצימער. קיין עסצימער האט ער אגב ניט געהאט, ווארים, אין פלוג, האט ער סך הכל געהאט צוויי חדרים אין דעם גאנצן בנין, אמת, א סך גרעסערע און באקווע־

מערע, ווי דעם סטארעצס. צוגעקליבן זיינען אבער געווען די חדרים אויך ניט מיט קיין באזונדערן קאמפארט: מעבל פון רויטן האלץ, באצויגן מיט לעדער, פון דער אלטער מאדע פון די צוואַנציקער יארן: די דילן אפילו זיינען ניט געווען געפארבט; דערפאר האט פון אלץ געבליצט א זויבערקייט, אף די פענסטער זיינען געווען א סך טייערע בלומען; אבער דער גאנצער איצטיקער רחבות איז געווען, פארשטייט זיך, דער זעער פיין געגרייטער טיש, הגם דער באגריף פיין איז דא אויך א רעלאטיווער: די טישטאך איז געווען א ריינע, די געשיר האט געבלאנקט; א זעער גוט אויסגעבאקענער ברויט פון דריי סארטן, צוויי פלאש ווייך, צוויי פלאש טייערע מאנאסטיר־מעד און א גרויסער גלעזערנער קרוג מיט מאנאסטיר־ראָסל, וואס האט געהאט א שם אין דער סביבה. קיין בראנפן איז לחלוטין ניט געווען. ראקיטין האט שפעטער דערציילט, אז דער מאלצייט איז דאן באשטאנען פון פינף געריכטן: ס'איז געווען יאיך מיט סטערלעט און מיט פאסטעטן מיט פיש; דאן געקאכטע פיש, זעער גוט געמאכט; קאטלעטן פון רויטע פיש, אייז און קאמפאט, און ענדלאך פודינג געמאכט ווי בלאנמאנזשע. דאס אלץ האט דורכגעשמעקט ראַקיטין, וואס האט זיך ניט איינגעהאלטן און מיט א כיוון געכאפט א קוק אין דעם איהומענס קיך, וואו ער איז אויך געווען א מחותן. אומעטום איז ער געווען א מחותן און אומעטום האט ער אריינגעשטעקט די נאָז. א הארץ האט ער געהאט א זעער ניט קיין רואיקע און פול מיט קנאה. זיינע באדייטנדיקע פעאיקייטן זיינען אים געווען גוט באוואוסט, ער פלעגט זיי אבער נערוועז מגזם זיין אין זיין כוח הדמיון. ער האט געוואוסט אף זיכער, אז ער וועט זיין א געוויסער טוער, אבער אליאָשאַן, וואס איז געווען צו אים זעער צוגעבונדן, האט געפייניקט אט דאס, וואס זיין פריינד ראַקיטין איז ניט קיין ארנטלאכער און וואס ער גופא פארשטייט דאס ממש ניט, אדרבה, וויסנדיק ביי־זיך, אז ער וועט נישט אראפגנבענען, א שטייגער, קיין געלט פון א טיש, האט ער זיך לחלוטין געהאלטן פאר דעם העכסטן ארנטלאכן מענטשן. דא איז שוין ניט נאר וואס אַליאָשאַ, נאר קיינער אפילו וואלט שוין אין דעם פרט גארנישט ניט געקאנט טאן.

ראַקיטינען, אלס א קליין מענטשעלע, האט מען ניט געקאנט פארבעטן צום וואַרמעס, דערפאר אבער האט מען פארבעטן פאטער יאָסיף און פאטער פּאַאיסי און מיט זיי נאך איינעם א היעראָמאָנאַך, זיי האבן שוין געווארט אין דעם איהומענס עסצימער, בשעת עס זיינען אריין פּיאטר אַלעקסאַנדראָוויטש, קאַלגאַנאָוו און איוואַן פיאָדאָראָוויטש. עס האט נאך געווארט, אַזוי זיך אָן א זייט, דער פריץ מאַקסימאָוו אויך. פאטער איהומען איז ארויס, כדי צו מקבל פנים זיין די געסט, אפן מיטן קאמער. דאס איז געווען א הויכער מאגע־רער, אבער נאך אלץ פעסטער אלטער מאן, מיט שטארק גרויגעוואָ־רענע שווארצע האר, מיט א לאנגן וויכטיקן געזיכט פון א בעל־תענית. שווייגנדיק האט ער געגריסט די געסט, דאָס מאל אבער זיינען זיי צוגעגאנגען בענטשן זיך. מיאוסאָוו האט שוין געהאט ריזיקירט אפילו א קוש טאן די האנט, אבער דער איהומען האט זי צו דער צייט עפּעס מאדנע געגעבן א צי, און די נשיקה איז ניט באשערט געווען. דערפאר אבער האבן זיך דאָס מאל איוואַן פיאָדאָראָוויטש און קאַלגאַנאָוו געבענטשט בדיוק, דאס הייסט מיט א פשוטן און תמימותדיקן קוש אין האנט.

— מיר מוזן אייך שטארק בעטן מוחל זיין אונז, געאכפּערטער פאטער, — האט אנגעהויבן פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, שמייכלענדיק מיט א פריינדלאכקייט, אבער נאך אלץ פונדעסטוועגן מיט א וויכטיקן און איידעלן טאָן, — מוחל זיין אונז, וואס מיר קומען אליין, אָן אונזער באלייטער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, וועמען איר האט פארבעטן: ער איז געווען געצוואונגען אפּצוזאָגן זיך פון אייער מאלצייט און עס איז געווען א סיבה. בא דעם געאכפּערטען פאטער זאָסימאַ אין קעמערל האט ער, בשעת ער האט זיך אריינגעריסן פון זיינע אומ־גליקלאכע מחלוקת מיטן לייבלאכן זון, א זאג געטאן א פּאר ווערטער, וואס זיינען גאר ניט געווען צום דרך ... מיט איין ווארט, לחלוטין ניט קיין פיינע ... וואס איר, דאכט זיך, הייליקע פאטערס (ער האט א קוק געטאן אף די היעראָמאָנאכן), ווייסט שוין אויך. דעריבער טאקע, ווייל ער איז אליין מודה זיין שולד און ער האט חרטה פון טיפן הארצן, האט ער דערשפּירט א בושה, און נישט קאנענדיק בייקומען

זי׳ האט ער געבעטן אונז׳ מיך מיט זיין זון׳ איוואַן פּיאָדאָראָוויטשן׳ מודיע זיין אייך פון זיין גרויסן פארדרוס און פון זיין שטארקער חרטה . . . א קיצור׳ ער האפט׳ אז ער וועט דאס אלץ שפּעטער פארריכטן׳ אָבער איצטער בעט ער אייער ברכה׳ און ער בעט איר זאלט פארגעסן אן דעם׳ וואס עס האט זיך געטראפן׳

מיאוסאָוו איז אנטשוויגן געווארן׳ אז ער האט ארויסגעזאגט די לעצטע ווערטער פון זיין טיראדע׳ איז ער געבליבן אינגאנצן צו־פרידן מיט זיך׳ אף אזוי פיל׳ אז פון דער אקארשטיקער אויפרעגונג איז אפילו קיין שפור ניט געבליבן אין זיין האַרצן׳ ער האט ווידער אויפריכטיק און אינגאנצן ליב געהאט די מענטשהייט׳ דער איהומען׳ וואס האט אים מיושבדיק אויסגעהערט׳ האט לייכט אנגעבויגן דעם קאפּ און אנגערופן זיך:

— עס פארדריסט מיר פון טיפן האַרצן׳ וואס ער האט זיך אפּגעשיידט׳ עס קאן גריילאך זיין׳ אז ער וואלט בא אונזער מאלצייט אונז ליב געקראגן׳ אזוי ווי מיר אים׳ איך בעט אייך׳ רבותי׳ זעצן זיך צום טיש׳

ער האט זיך אוועקגעשטעלט פארן היליקן בילד און אנגע־הויבן אינדערהויך צו זאָגן א תּפילה׳ אלע האבן מיט אכפערונג אנגעבויגן די קעפּ׳ דער פּריץ מאַקסימאָוו האט זיך אזש ארויסגערוקט פאָרויס׳ האט צונויפגעלייגט די הענט איינע צו די אנדערע פאר גרויס יראת הכבוד׳

און אט דא־טאקע האט נאך פיאָדאָר פאַוולאָוויטש באַוויזן וואס ער קאן׳ מ׳דארף צוגעבן אז ער האט שוין בפירוש געוואלט אוועק־פארן און ער האט באמת דערשפּירט׳ אז נאך די מיאוסע מעשים זיינע ביים סטארעץ אין קעמערל׳ איז ניט מעגלאך צו גיין צום איהומען אף ווארמעס׳ גלייך ווי עס וואלט גאר קיין זאך ניט געווען׳ ניט וואס מ׳זאל זאגן׳ אז ער זאל זיך טאקע האבן געשעמט פאר זיך אזוי שטארק און האט באשולדיקט זיך גופא; עס קאן גאר זיין׳ אז פארקערט אפילו; ער האט אבער דאך געשפּירט׳ אז וואס־וואס׳ נאר גיין עסן ווארמעס איז פארט ניט פיין׳ קוים אבער איז מען צוגע־פארן מיט זיין וועגל דעם סקראבע צום גאניק פון אכסניה׳ ווי ער איז׳

שוין נאכן ארײַנקריכן אין װעגל, מיטאמאל געבליבן שטיין. ער האט זיך דערמאנט אן זײַנע אײגענע װערטער בײַם סטארעץ: „אט אזוי טאקע דאכט זיך מיר רק, בעת איך גײ ארײַן צו עמיצן, אז איך בין נידעריקער פאר אלעמען און אז אלע נעמען מיך אן פאר א לץ, — טא לאמיך טאקע, באמת, אפשפילן א לץ, װארים איר אלע ביז אײנעם זײַט נארישער און נידעריקער פאר מיר". עס האט זיך אים פאר־װאלט נוקם זײַן זיך אן אלעמען פאר זײַנע אײגענע מיאוסע מעשים. אגב האט ער זיך איצט טאקע מיטאמאל דערמאנט, װי אמאל, דאס איז שוין א מעשה פון כמה־יארן, האט מען אים געפרעגט: „פאר װאס האט איר יענעם אזוי פײַנט בתכלית שנאה?" און װי ער האט גע־ענטפערט דעמאלט, אין דעם שגעון פון זײַן ליצנישער חוצפה: „אט פאר װאס: ער האט מיר, אמת, קײן זאך ניט געטאן, דערפאר אבער האב איך אים אנגעמאכט די גרעסטע נבלה, און װי איך בין זי בא־באגאנגען, האב איך אים תיכף אנגעהויבן האסן דערפאר". דערמא־נענדיק זיך איצטער אן דעם, האט ער שטיל און פארביסענערהײט א שמײכל געטאן אין א מאמענטאלן ישוב־הדעת. די אויגן זײַנע האבן א פינקל געטאן, און די ליפן אפילו האבן זיך אנגעהויבן צו טרײסלען. „װיבאלד אבער אנגעהויבן, דארף מען ענדיקן", האט ער באשלאסן מיטאמאל. זײַן פארבארגנסטן געפיל פון דער דאזיקער רגע װאלט מען געקאנט אויסדריקן מיט אט די װערטער: „איצטער װעסטו דאך שוין סײַ־װי־סײַ זיך ניט רעהאביליטירן, טא לאמיר זײַ אָקאָרשט נאך אנשפײַען ביז צו אומפארשעמטקײט: איך שעם זיך ניט פאר אײַך, און װײַטער גארנישט!" דעם קוטשער האט ער גע־הײסן װארטן, און אלײן האט ער זיך אומגעקערט אף גיך צוריק אין מאנסטיר און איז אװעק גלײַך צום איהומען. ער האט ניט געװאוסט גוט, װאס ער װעט טאן, האט אבער געװאוסט, אז ער איז שוין ניט קײן באלעבאס איבער זיך און — א ליאדע ריר — װעט ער אין א כהרף עין איצטער דערגײן צו דער העכסטער מדרגה פון נבלה, — אגב מער ניט װי צו נבלה, אבער בשום אופן ניט צו עפעס א פאר־ברעך אדער צו אזא מין אקט, פאר װעלכן עס קאן באשטראפן דאס געריכט. אין דעם לעצטן פאל האט ער זיך תמיד געקאנט אײַנהאלטן

און אפטמאל פלעגט ער זיך וועגן דעם אפילו אליין חידושן פון זיך. ער האט זיך באוויזן אין דעם איהומענס עסצימעד גראד אין דעם מאמענט, בשעת מ׳האט פארענדיקט די תפילה, און אלע האבן זיך א קער געטאן צום טיש. בלייבנדיק שטיין אף דער שוועל, האט ער באטראכט דעם עולם און פאנאנדערגעלאכט זיך מיט א לאנגן, חוצפהדיקן און פארביסענעם געלעכטערל, קוקנדיק מיט העזה אלעמען אין די אויגן.

— און זיי האבן זיך דאס געמיינט, אז איך בין אוועקגעפארן, א נעכטיקער טאג! — האט ער אויסגעשריען איבערן גאצן זאל.

בא א רגע האבן אלע געקוקט אף אים אנגעשטרענגטערהייט און האבן געשוויגן, נאר מיטמאל האבן אלע דערשפירט, אז עס וועט באלד ארויסקומען עפעס העסלאכעס, עפעס אומגעלומפערטעס, און אָן ספק א סקאנדאל. פיאָטר אלעקסאַנדראָוויטש איז כהרף עין אריבער פון זיין גוטמוטיקער שטימונג אין דער סאמער ווילדסטער. אלץ, וואס איז שוין געווען איינגעלאשן אין זיין הארצן און ס׳איז שטיל געווארן, האט מיטאמאל ווייטער אויפגעהויבן זיך און זיך פאנאנדערגעפלאקערט.

— ניין, דאס קאן איך ניט אריבערטראגן! — האט ער א געשריי געטאן, — איך קאן לחלוטין ניט און ... כ׳קאן בשום אופן ניט!

דאס בלוט האט זיך אים א שפאר געטאן אין פנים. ער האט זיך אפילו פארפלאנטערט אין די רייד, אבער די שיינקייט פון דער שפראך איז שוין אים ניט געלעגן אין זינען, ער האט א כאפ געטאן זיין הוט.

— וואס אזוינס קאן ער דאס נישט? — האט אויסגעשריען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, — „קאן לחלוטין ניט און בשום אופן ניט?״ געאכפערטער פאטער, זאל איך אריינגיין צי ניט? איר נעמט אויף אן אורח צום טיש?

— מיר בעטן אייך פון גאנצן הארצן, — האט געענטפערט דער איהומען, — רבותי! איך וויל אייך בעטן — האט ער מיטאמאל מוסיף געווען — איך וויל אייך בעטן פון גאנצן הארצן, לאזנדיק די צופעליקע מחלוקת אייערע, צונויפקומען זיך אין ליבשאפט און אין אחדות פון אן אייגענער משפחה, מיט א תפילה פארן אויבערשטן, צו אונזער ארימן טיש.

— ניין, ניין, ס'איז ניט מעגלאך, — האט אויסגעשריען פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, ווי ניט ביי־זיך.

— און ווײַבאַלד פאַר פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן איז ניט מעגלאך, איז פאַר מיר אויך ניט מעגלאך, בלייב איך אויך ניט. מיט דעם טאקע בין איך געגאנגען אהער, כ'וועל איצטער אומעטום זיין מיט פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן: איר'ט אוועקגיין, פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש, וועל איך אויך אוועקגיין, איר'ט בלייבן — וועל איך אויך בלייבן. אט מיט דעם אחדות פון אן אייגענער משפּחה האט איר אים דערהויפּט א שטאך געטאן, פּאטער איהומען: ער האלט זיך ניט פאַר מיינעם קיין קרובֿ, ניט אמת, פאָן־זאָן? אט איז דאך פאָן־זאָן אויך, א שלום עליכם, פאָן זאָן!

— איר ... זאגט דאס צו מיר? — האט א מורמל געטאן דער פּריץ מאַקסימאָוו א געפּלעפּטער.

— פאַרשטייט זיך, צו דיר, — האט אויסגערופן פיאָדאָר פּאוולאָוויטש. — צו וועמען דען? דער פּאטער איהומען זאל אפשר זיין א פאָן־זאָן?

— איך בין דאך אבער אויך ניט קיין פאָן־זאָן, איך הייס — מאַקסימאָוו.

— ניין, דו הייסט — פאָן־זאָן, געאכפּערטער פּאטער, ווייסט איר וואס דאס איז אזוינס פאָן־זאָן? ס'איז אמאל פאַרגעקומען אזא קרימינעלער פּראצעס: מ'האט אים דערהרגעט אין אן אפּגעקערט הויז — אזוי, דאכט זיך, רופט מען בא אייך אט די ערטער — דער־הרגעט און באגזלט אים, און ניט קוקנדיק אף זיין עלטער, האט מען אים אריינגעשפּארט אין א קאסטן, פאַרחתמעט, און אוועקגעשיקט אין א פראכט־וואגאן, מיט א נומער, פון פעטערבורג קיין מאסקווע. און בשעת מ'האט פאַרקלאפּט דעם קאסטן, האבן די אפּגעקערטע טענצערנס געזונגען לידער און האבן געשפּילט אף די פידלען, איך האב געוואלט זאגן, אף די פאַרטעפּיאַנאָס. איז אט דאס איז דאס דער זעלביקער פאָן־זאָן. ער איז אויפגעשטאנען תּחית המתים, ניט אמת, פאָן־זאָן?

— היתּכן? היתּכן? — האבן זיך דערהערט שטימען צווישן די היעראָמאָנאַכן.

— קומט! — האט ווענדנדיק זיך צו קאַלגאַנאָוון א געשריי געטאן פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש.

— ניין, ניין, לאזט מיך! — האט קוויטשענדיק איבערגעשלאגן פיאָדאָר פאַוולאָוויטש און א שטעל געטאן נאך א טראט אין קאמער אריין — לאזט מיר פארענדיקן. דארטן, אין קעמערל, האט מען מיך בארעדט, אז איך האב זיך, כלומרשט, ניט פיין אויפגעפירט, אט מיט דעם, וואס איך האב א געשריי געטאן וועגן די פישלאך. פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש מיאוסאָוו, דער קרוב מיינער, האט האלט, אז ביים רעדן זאל זיין plus de noblesse que de sincérité, און איך האב פארקערט האלט, אז אין מיין רעדן זאל זיין plus de sincérité que de noblesse, און — איך שפיי אף דאס noblesse! ניט אמת, פאָן־זאָן? לאזט מיך, פאטער איהומען, הגם איך בין א ליץ, און איך מאך זיך פאר א ליץ, בין איך אבער דער ריטער פון ערע און איך וויל ארויסזאגן, וואס איך מיין. יא, יא, איך בין דער ריטער פון ערע, און אין פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן — איז באהאלטן א פאר־קוועטשטע אייגנליבע און ווייטער גארנישט. איך בין אפשר טאקע געקומען אהער צו פארן, כדי א קוק צו טאן און זאגן, וואס איך מיין. מיינער א זון אַלעקסיי ריכט דא אפ תיקון; איך בין דער טאטע, איך דאגה פאר זיין גורל און איך מוז דאגהנען. איך האב די גאנצע צייט צוגעהערט און געמאכט ליצנות, און דערביי צוגע־קוקט זיך אין דער שטיל, איצטער אבער וועל איך אפשפילן פאר אייך אויך דעם לעצטן אקט פון דער פא־שטעלונג. ווי איז בא אונז דער מנהג? בא אונז איז וואס עס פאלט, דאס בלייבט שוין ליגן, בא אונז איז וואס עס איז איינמאל געפאלן, וועט שוין בלייבן ליגן אף אייביק. איר הערט א ביסל! איך וויל אבער אויפשטיין. הייליקע פאטערס, איך בין מלא רציחה אף אייך. מתודה זיין זיך איז א הייליקער סוד, פאר וועלכן איך האב אויך אפשיי און און איך בין גרייט א ווארפ־טאן זיך מיטן פנים צו דער ערד, און דא שט־יען זיך אלע דארטן אין קעמערל אף די קני און מ׳איז זיך מתודה אפן קול. טאר מען דען מתודה זיין זיך אפן קול? די הייליקע פאטערס האבן גיזר געווען, אז מ׳זאל זיך מתודה זיין אינדערשטיל, ערשט דעמאלט וועט דער

וידוי אייערער זיין א הייליקער סוד. און דאס איז שוין א מנהג פון פארצייטן אן. ווארים ווי קאן איך דען א שטייגער זאגן אים: בעת אלע הערן, אז איך האב, למשל, געזינדיקט אין דאס און דאס... נו, א קיצור, אט אין דאס און דאס, איר פארשטייט? אפטמאל איז דאך אפילו גאר ניט פיין צו זאגן. איז דאך דאס טאקע א סקאנדאל! ניין, פאטערס, ס'איז א סברה, אז מ'קאן דא מיט אייך אינאיינעם פארגיין צו די אפיקורסים... בא דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אנשרייבן וועגן דעם אין סינאד, און דעם זון מיינעם אלעקסייען וועל איך צונעמען אהיים...

דא דארף מען א הערה. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האט געהערט ערגעץ קלינגענדיק. עס האבן זיך א מאל ארומגעטראגן רכילות, וואס זיינען דערגאנגען אפילו צום ארכיערײ (ניט נאר וועגן אונזער מאָ־נאסטיר, נאר וועגן אנדערע אויך, וואו סטארצעס זיינען געווען), אז מ'אכפערט זיי כלומרשט צופיל, וואס דאס שעדיקט אפילו דעם איהומען גופא, און, אגב אורחא, אז די סטארצעס פארשוועכן די הייליקייט פון דעם מתודה זיין זיך און אזוי ווייטער, א. א. וו. אומגעלומפּערטע באשולדיקונגען, וואס זיינען דעמאלט פון זיך גופא געווארן צו גארנישט סיי בא אונז, סיי אומעטום. אבער דער שטן מקטרג, וואס האט אונטערגעכאפּט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און געטראגן אים אף זיינע אייגענע נערוועז אלץ ווייטער און ווייטער צום שענדלאכן אפּגרונט, האט אים אונטערגעזאגט אט די אמאליקע באשולדיקונג, אין וועלכער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אליין האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט אפילו. און ער האט סתם גארניט געקאנט אויסרעדן דאס אפילו ריכטיק, בפרט אז דעם מאל איז בא דעם סטארעץ אין קעמערל קיין איינער ניט געשטאנען אף די קני און האט זיך ניט מתודה געווען אפן קול, אזוי אז פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש גופא האט עפּעס ענלאכס אזוינס גאר ניט געקאנט זען און האט נאר גערעדט פון אלטע קלאנגען און רכילות, אָן וועלכע ער האט זיך מיטאמאל דערמאנט. ווי אבער ער העט נאר ארויסגערעדט די דאזיקע שטותערײ, האט ער דערשפּירט, אז ער האט אנגעבראכט א מיאוסן ליגן, און עס האט זיך אים מיט־אמאל פארוואלט די שטעל דערווייזן די צוהערער, אבער מער פאר

אלץ זיך גופא, אז ער האט גארניט געזאגט קיין ליגן. און הגם ער האט קלאר געוואוסט, אז ער וועט מיט יעדן ווייטערדיקן ווארט אלץ מער און אומגעלומפערטער נאך צוגעבן צו דעם ערשטן שקר פונקט נאך אזא שקר, — איינהאלטן זיך אבער האט ער שוין ניט געקאנט און איז געפלויגן ווייטער ווי פון א בארג.

— ס׳ארא נידערטרעכטיקייט! — האט א געשריי געטאן פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש.

— זייט מוחל, — האט זיך מיטאמאל אנגערופן דער איהומען. — עס שטייט פון לאנג געשריבן: „און מ׳וועט רעדן אף מיר אלדאס בייז און אפילו פון מוטוויליקע מעשים אויך. איך אבער, אז איך וועל דאס הערן, וועל איך זאגן צו זיך: א רפואה איז דאס פון קריסטוסן און ער האט זי אראפגעשיקט אף צו היילן מיין גאוהדיקע הארץ״, דעריבער דאנקען מיר אייך אונטערטעניקסט, טייערסטער אורח!

און ער האט זיך א נויג געטאן פאר פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן ביזן גארטל.

— עט-טע-טע! געמאכטע צדקות און אלטע פראזן! אלטע פראזן און אלטע העויות! אלטער שקר און סקארבאוועער בוקן זיך צו דער ערד! מיר קענען אט דעם בוקן זיך! „ א קוש אין די ליפּן און א מעסער אין הארצן״ ווי אין שיללערס „רויבער״. איך האב פיינט, פאטערס, פאלשקייט, און איך וויל האבן דעם ריינעם אמת! אבער ניט אין די קליינע פישלאך איז דער אמת, און איך האב דאס געזאגט! פאטערס מאנאכן, פאר וואס פאסט איר? פאר וואס ווארט איר צו באקומען דער פאר שכר אפן הימל? פאר אזא שכר וואלט איך אויך געפאסט! ניין, הייליקער מאנאך, טו אקארשט מעשים טובים אין לעבן, ברענג א נוץ דעם כלל ניט פארשפארנדיק זיך אין מאנאסטיר אף פארטיקן ברויט און ניט ווארטנדיק אף קיין שכר דארטן, אויבן, — וועט אט דאס זיין שווערער. איך קאן אויך, פאטער איהומען, זאגן א גוט ווארט. וואס איז דא בא זיי צוגעגרייט? — איז ער צוגעגאנגען צום טיש. — אלטער פארטוויין, מעד פון די ברידער יעליסייעוו, טאטינקעס! ס׳איז דאך גארניט ענלאך אף קיין פישלאַך. הערסטו וואס פלעשעלאך האבן דאס די פאטערס אנגעשטעלט, כע־כע־כע!

און ווער האט דאס אלץ געבראכט אהער? דאס טראגט אהער דער רוסישער פויער, דער הארעפּאשניק, זיין פארהארעוועטן גראשן מיט די מאזאליעס, און רייסט אים אפּ פון זיין פאמיליע און פון דער מלוכה! איר זויגט דאך, הייליקע פאטערס, דאס פאלק זויגט איר דאך!

— דאס איז שוין אומווערדיק פון אייער זייט, — האט א זאג געטאן פאטער יאָסיף. פאטער פּאַאיסי אבער האט עקשנותדיק גע־שוויגן. מיאוסאָוו האט זיך א לאז געטאן לויפן פון צימער, און נאך אים קאַלגאַנאָוו אויך.

— איר הערט, פאטערס, איך גיי אויך מיט פּיאָטר אַלעק־סאַנדראָוויטשן! מער וועל איך ניט קומען צו אייך, אף די קני וועט איר זיך בעטן, און כ'וועל ניט קומען. טויזנט קאַרבן האב איך אייך גע־שיקט, האט איר ווידער אויסגעשטעלט די אויגלאך, כע־כע־כע. ניין, מער וועל איך ניט דערלייגן. איך בין זיך נוקם פאר מיין פאר־גאנגענער יוגנט, פאר דער גאנצער דערנידעריקונג מיינער! — האט ער אנגעהויבן קלאפּן מיט דער פויסט איבערן טיש אין אן אויסברוך פון געמאכטער אויפרעגונג. — פיל האט באטייט אט דער דאזיקער מאנאסטירל אין מיין לעבן! א סך ביטערע טרערן האב איך פארגאסן צוליב אים! איר פלעגט די ווייב מיינע, די קליקושע, אויפרייצן קעגן מיר. איר האט מיך אין זיבן קלויסטערס מחרים געווען און צעטראגן דאס איבערן גאנצן ארום! גענוג, פאטערס, איצטער איז א צייט א ליבעראלע, א צייט פון דאמפער און פון אייזנבאנען. ניט וואס קיין טויזנט רובל, ניט וואס קיין הונדערט רובל, נאר קיין הונדערט קאפּיקעס, קיין צעבראכענע פרוטה וועט איר בא מיר ניט קריגן!

דא דארף מען ווידער א הערה. אונזער מאנאסטיר האט קיין איין מאל און מיט קיין איין שום באזונדערער זאך ניט אפּגעצייכנט זיך אין זיין לעבן, און קיין שום ביטערע טרערן האט ער ניט פאר־גאסן צוליב אים. ער האט זיך אבער אזוי פיל פארכאפּט פון זיינע געמאכטע טרערן, אז ער האט א קורצע ווײַלע שיר אליין ניט אנ־געהויבן גלויבן אין דעם; האט שוין אפילו אנגעהויבן וויינען פון גערירטקייט; האט אבער אין דער זעלביקער רגע דערשפּירט, אז ס'איז צייט צו געבן א קער דעם וואגן אף צוריק. דער איהומען

האט אף דעם בייזן ליגן זיינעם אנגעבויגן דעם קאפ און האט ווידער אנגערופן זיך מיט גרויס כוונה:

— עס שטייט נאך געשריבן: „מיט פרייד זאלסטו אריבער־טראגן אלע זינד, וואס מ׳ווארפט דיר אויף און וואס דו האסט ניט געטאן, און דו זאלסט ניט געשטרויכלט ווערן און ניט אויפהערן ליב צו האבן דעם, ווער עס האט דיך פוגע בכבוד געווען״. אזוי וועלן מיר אויך טאן.

— עט־טע־טע, פוגע בכבוד געווען! און נאך וואס אזוינע מיני שטות! האט אייך פאראיבל, פאטערס, אבער איך וועל אוועקגיין. דעם זון מיינעם אַלעקסייען נעם איך אוועק פון דאנען מיט דעם רשות פון א פאטער אף אויביק. איוואַן פיאָדאָראָטיטש, טייערסטער זון מיינער, זייט אזוי גוט און קומט נאך מיר! פאָן־זאָן, וואס האסטו דא צו בלייבן! קום תיכף צו מיר אין שטאט, בא מיר איז פריילאך. סך־הכל איין ווערסט עפעס, אנשטאט פארעווען בוימל וועל איך דערלאנגען א חזרל מיט קאשע; מירן אפעסן; נעמען א גלעזעלע קאניאק, דערנאך ליקער; מאלינעס־זאַפט איז דא ... עי, פאָן־זאָן, לאז ניט דורך קיין גליק!

ער איז ארויס שרייענדיק און ווארפנדיק זיך. אט אין דעם דאזיקן מאמענט האט דאס אים ראקיטין דערזען ארויסגייענדיק און געוויזן אַליאָשאַן.

— אַלעקסיי! האט צו אים א געשריי געטאן פונדערווייטנס דער פאטער, בשעת ער האט אים דערזען, — נאך היינט זאלסטו זיך מיר איבערקלייבן צו מיר, ברענג צו שלעפן די קיסן און די פערינקע, און עס זאל מיר דא דיין גייסט מער ניט זיין.

אַליאָשאַ איז געבליבן שטיין, ווי אן איינגעגראבענער, האט שווייגנדיק און אויפמערקזאם צוגעקוקט די סצענע. דערווייל איז פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אריינגעקראכן אין וואגן, און נאך אים, ניט אקערטאנדיק זיך אפילו צו אַליאָשען געזעגענען זיך, האט, שווייגנדיק און פינסטער, געוואלט שוין זעצן זיך איוואַן פיאָדאָראָוויטש. דא איז אבער פארגעקומען נאך א קאמישע סצענע, כמעט אן אומגליקלאכע, וואס האט שוין אינגאנצן פארפולט די חתונה. מיטאמאל האט זיך

ביים בענקעלע פון וועגל באוויזן דער פריץ מאַקסימאָווי. ער איז געקומען צו לויפן א פארסאפעטער, כדי ניט צו פארשפעטיקן, ראקיטין און אַליאָשאַ האבן געזען, ווי ער איז געלאפן. ער האט זיך אזוי געאיילט, אז ער האט האסטיק געגעבן א שטעל די פוס אפן בענקעלע, וואו ס'איז נאך געשטאנען איוואַן פיאָדאָראָוויטשעס לינקע פוס, און האט זיך אנגעכאפט אן דעם קאשיק, און שוין גע־וואלט ארייַנשפרינגען אין וועגל.

— איך וויל אויך, איך וויל אויך פארן מיט אייך! — האט ער, אונטערשפרינגענדיק, אויסגעשריען און געלאכט מיט אזא דראבנינקן פריילאכן געלעכטערל, מיט א גליקלאך פנים און א גרייטער אף אלץ, — נעמט מיך אויך מיט!

— נו, איז האב איך דען ניט געזאגט, — האט אויסגעשריען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש מיט התפעלות, — אז דאס איז פאָן־זאָן! אז דאס איז דער אמתער פאָן־זאָן, וואס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים! ווי האסטו זיך דאס אבער ארויסגעריסן פון דארטן? וואס האסטי דארטן אנגעפאנזאנעט אזוינס און ווי האסטו דאס געקאנט אוועקגייַן פון ווארמעס? מ'דארף דאך האבן פארשטאכענע אויגן! איך האב שוין אויך נישקשהדיקע, נאר וואס זאל איך דיר זאגן, ברודער, איך חידוש זיך שוין פון דיינע! שפרינג ארייַן, שפרינג ארייַן אף גיך! לאז אים, וואַניאַ, ס'וועט זייַן פריילאך. ער וועט דא ווי־עס־איז ליגן צופוסן, וועסט ליגן פאָן־זאָן? אדער אוועקזעצן דיך אף די קאזלעס מיטן קוטשער? שפרינג אַרויף אף די קאזלעס, פאָן־זאָן!

נאר איוואַן פיאָדאָראָוויטש, וואס האט זיך שוין ארייַנגעזעצט אין וואגן, האט שווייַגנדיקערהייט און מיט די גאנצע כוחות געגעבן א זעץ מאַקסימאָוון אין הארצן, אז יענער איז אפגעפלויגן אף א קלאפטער. אויב ער איז ניט אנידער געפאלן, איז דאס מער ניט ווי א צופאל.

— פאָר! — האט מיט רוגזה א געשריי געטאן איוואַן פיאָ־דאָראָוויטש צום קוטשער.

— נו, וואס איז דאס מיט דיר? וואס איז דאס מיט דיר? פאר וואס האסטו זיך דאס מיט אים אזוי באגאנגען? — האט זיך ארויפ־

געוואָרפן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, אָבער די פּורל איז שוין געווען אוועקגעפאָרן. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט נישט געענטפערט.

— אַן אַקט אַ ביסל! — האָט, שווייגנדיק באַ אַ צוויי מינוט, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש ווידער אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק קרום אַפן בּנאַק — האָסט דאָך אַליין אַט דעם גאַנצן מאַנאַסטיר אויסגעטראַכט, האָסט דאָך אַליין געבּרענט, האָסט דאָך דאָס אַליין געהאַלטן פאַר גוט, איז וואָס זשע כּעסנסט זיך איצטער?

— גענוג שוין אייך צו פּראָווען שטותערייען, רוט אַפּ כאָטש איצטער אַ ביסל, — האָט שטרענג אָפּגעהאַקט איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט ווידער געשוויגן באַ אַ צוויי מינוט.

— אַ גלעזעלע קאָניאַק וואָלט גאָר איצטער גוט געווען, — האָט ער סענטענציעז אַ זאָג געטאָן. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט אָבער ניט געענטפערט.

— מירן קומען, וועסטו אויך אויסטרינקען.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט אָבער אַלץ געשוויגן.

פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט אָפּגעוואַרט נאָך באַ אַ צוויי מינוט:

— אַליאָשקען וועל איך אָבער פאָרט אַוועקנעמען פון מאַנאַסטיר, ניט קוקנדיק, וואָס דאָס וועט פאַר אייך זיין זייער אומאָנגענעם, זייער געערטער קאַרל פאָן מאָר.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט מיט פאַראַכטונג געגעבן אַ צוק מיט די אַקסלען, האָט זיך אָפּגעקערט, און האָט אָנגעהויבן קוקן אַפן וועג. דערנאָך האָט מען שוין ניט גערעדט ביז צו דער סאַמע שטוב.

# דריטער בוך

## די בעל־תאוהניקעס

### I

### בא די משרתים אין שטיבל

פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוס הויז איז געשטאַנען אמת ניט אין סאמן צענטער פון שטאָט, אָבער אויך ניט אפן סאמן עק. דאס איז געווען א גאַנץ אַלט הויז, האָט אָבער געהאַט אַן אָנגענעמען אויסזען: אַן איין שטאָקיקע מיט א סאַלקע, געפאַרבן אַף גרוי און מיט א רויטן בלעכענעם דאַך. אגבֿ, האָט זי נאָך געקאָנט שטיין א זעער לאַנגע צייט, איז געווען א גערוימע און א געמיטלאַכע. האָט געהאַט א סך פאַרשיידענע קאַמערלאַך, כלערליי פאַרבאָרגענע ווינקלען און געהיימע טרעפּלאַך. מייז האָבן זיך דאָרטן אויך געהאָדעוועט, אָבער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש פלעגט זיך ניט שטאַרק בייזערן אַף זיי: „ס'איז פאָרט ניט אַזוי אומעטיק אין אָוונט, בעת מ'בלייבט אַליין". און ער האָט באמת געהאַט אַזאַ רגילות אַוועקצושיקן די דינער אַף דער נאַכט אין דעם פליגל, און אַליין פלעגט ער פאַרשפּאַרן זיך אין שטובֿ אַף דער גאַנצער נאַכט. דער דאָזיקער פליגל איז געשטאַנען אפן הויף, איז געווען א גערוימיקער און א שטאַרקער; דאָרטן טאַקע האָט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש באַשטימט, עס זאָל זיין די קיך אויך, כאָטש א קיך איז געווען אויך אין דער שטובֿ, וואָס צום גאַס; ער האָט פיינט געהאַט דעם ריח פון קיך, און מ'פלעגט אים טראָגן דאָס עסן איבערן הויף ווינטער און זומער. בכלל איז געווען אויסגעבויט דאָס הויז פאַר א גרויסער פאַמיליע, סיי באַלעבאַטים סיי דינער וואָלטן געקאָנט דאָרטן זיין אין פינף מאָל מערער. אָבער אין דעם מאָמענט

פון אונזער דערציילונג האבן אין הויז געוואוינט מער ניט ווי פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש מיט איוואַן פיאָדראָוויטשן, און אין דעם פליגל פאר די שטוב מענטשן סך הכּל דריי דינער: דער אלטער גריגארי, די אלטע מאַרפאַ זיין ווייב, און דער דינער סמערדיאַקאָוו, א יונגער מענטש נאך. מ׳דארף זאגן עפּעס געגויער וועגן אט די דאזיקע דריי שטוב־מענטשן. וועגן דעם אלטן גריגאָרי וואַסילעוויטש קוטוזאָוון האבן מיר שוין, אגב, גערעדט גענוג. דאס איז געווען א פעסטער און זיכערער מענטש, וואס איז הארטנעקיג און גראַד געגאנגען צו זיין ציל, אויב נאר דאס דאזיקע ציל האט צוליב וועלכע עס איז טעמים (דאס רוב זעער ניט קיין לאגישע) אויסגעזען אים, אלס א זי־כערער אמת. רעדנדיק בכלל, איז ער געווען אן ארנטלאכער און מ׳האט אים נישט געקאנט אונטערקויפן. די ווייב זיינע, מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ, כאטש אפילו זי האט דעם גאנצן לעבן, ניט איבער־צורעדן קיין ווארט, געטאן דעם רצון פון איר מאן, איז פונדעסטוועגן תיכף נאך דער פויערים־באפרייאונג שטארק צוגעשטאנען צו אים, מ׳זאל אוועקגיין, למשל, פון פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און אריבערקלייבן זיך קיין מאסקווע און מאכן דארטן א וועלכע עס איז קרעמל (א ביסל געלט האבן זיי עפּעס יע געהאט); גריגאָרי האט אבער דעמאלט טאקע באשלאסן און שוין איין מאל פאר אלע מאל, אז דאס ווייב רעדט שטות "ווארים יעטווידע ווייב איז א שוטה "און אז אוועקגיין פון זייער פריערדיקן פּריץ לוינט ניט, ווער ער זאל ניט זיין אפילו, "ווארים דאס איז זייער איצטיקער חוב".

— דו פארשטייסט אפּנים וואס א חוב איז? — האט ער זיך א קער געטאן צו מאַרפאַ איגנאַטיעוונען.

— וואס א חוב איז פארשטיי איך, גריגאָרי וואסילעוויטש, אבער וואס פאר א חוב עס איז, אז מיר זאלן דא פארבלייבן, דאס קאן איך, זעסטו, גראד ניט פארשטיין, — האט געענטפערט מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַע מיט א זיכערקייט.

— פארשטיי ניט, אבער אזוי בלייבט דאס. און אף להבא האלט דעם מויל.

איז טאקע אזוי געווען: זיי זיינען ניט אוועקגעגאנגען, און

פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האָט באַשטימט פאַר זיי שכירות, ניט קיין גרויסע, און די שכירות פלעגט ער זיי צאָלן. גריגאָרי האָט א חוץ דעם געוואוסט, אז ער האָט אפן פריץ בפירוש א השפּעה. ער האָט דאָס געשפּירט, און דאָס איז געווען אמת: דער כיטרער און אייג־געשפּאַרטער לץ, פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, וואָס האָט געהאַט א זייער פעסטן כאַראַקטער „אין געוויסע פאַלן פון לעבן", ווי ער פלעגט אליין זאָגן, האָט געהאַט, צו זיין אייגענער פאַרוואונדערונג, אין געוויסע אַנדערע „פאַלן פון לעבן" אפילו א גאַר שוואַכינקן כאַראַקטער. און ער האָט גופא געוואוסט וואו־און־וואָס, האָט געוואוסט און האָט מורא געהאַט פאַר א סך זאַכן. אין געוויסע פאַלן פון לעבן האָט מען געדאַרפט האַלטן אָנגעשטרענגט דעם אויער, און דערביי איז שווער געווען אויסצוקומען אָן א טרייען מענטשן, און גריגאָרי ווידער איז געווען דער טרייסטער מענטש. ס'איז אפילו אזוי פאָרגעקומען, אַז פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האָט א סך מאָל אין משך פון זיין קאַריערע געקאָנט קריגן קלעפּ, און טאַקע שטאַרקע קלעפּ, און תמיד פלעגט ארויסהעלפן גריגאָרי, כאָטש יעדעס מאָל פלעגט ער אים דערנאָך זאָגן מוסר. אָבער די קלעפּ אליין וואָלטן פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן נישט אָפּגעשראָקן: עס זיינען געווען העכערע פאַלן און אפילו זייער שאַרפע און האַרבע, ווען פיאָדאָר פאַוולאָוויטש גופא וואָלט אפשר נישט געווען ביכולת צו באַשטימען אָט יענע ניט־געוואוינלאַכע באַ־דערפעניש נאָך א טרייען און נאָהנטן מענטשן, וואָס ער פלעגט אָפּטמאָל מאָמענטאַל און אומבאַגרייפלאַך אַנהויבן פּלוצלונג צו שפּירן אין זיך. דאָס זיינען כמעט געווען קרייַנקלאַכע פאַלן: דער גרעס־טער אויסוואורף און אין דער תאווה זיינער ווי א זלידנע פליג גרויזאַמער פיאָדאָר פאַוולאָוויטש, פלעגט אָפּטמאָל, אין מינוטן פון שכּרות, פּלוצלונג אַנהויבן שפּירן אין זיך א גייסטיקן שרעק און א מאָראַלע צעטרויסלונג, וואָס פלעגט כמעט, אזוי צו זאָגן, אָפּרופן זיך אפילו פיזיש אף זיין נשמה. „פונקט ווי די נשמה צאַפּלט זיך באַ מיר אין האַלז אין אזוינע מאָמענטן", פלעגט ער זאָגן אָפּטמאָל. אָט אין די מאָמענטן טאַקע פלעגט ער האָלט האָבן, אז עס זאָל זיין דערביי, נאָהנט, ס'איז רעכט אפילו ניט אין דער זעלביקער שטוב,

נאר אין פליגל, אזא מענטש, אן איבערגעגעבענער, א פעסטער, אינ־גאנצן ניט אזא, ווי ער, ניט קיין אויסוואורף, וואס זאל אפילו צוזען אט די אלע נִבָלוּת, און זאל וויסן אלע סודות, וואס זאל אבער אויס טרייקייט צולאָזן אט דאס אלץ, זאל ניט שטעלן זיך אנטקעגן, דער־הויפט — זאל ניט שטראפן און זאל מיט קיין זאך ניט שרעקן סיי אָף דער וועלט, סיי אָף יענער; און בשעת א נויט איינשטעלן זיך פאר אים אויך, — קעגן וועמען? קעגן עפעס אן אומבאוואוסטן, אבער א שרעקלאכן און געפערלאכן. די זאך איז באשטאנען גראד אין דעם, אז עס זאל זיין ניט אנדערש א צ ו וו יי ט ע ר מענטש, וואס איז שוין פון לאנג אָן, א נאהנטער, כדי אין א שווערער מינוט זאל מען אים קאנען א רוף טאָן, מער ניט צוליב דעם, כדי איינ־קוקן זיך אין זיין פנים, א מאל אפשר בייטן זיך מיט א ווארט אויך, וואס האט גאר ניט צו דער זאך אפילו, און אויב ער איז נישקשה, בייזערט זיך ניט, איז עפעס טאקע ווי גרינגער אפן הארצן אויך, און אויב ער בייזערט זיך, נו, דעמאלט איז נאך טרויע־ריקער. עס פלעגט זיך אפילו טרעפן (נאר זעער זעלטן, אגב) אז פיאָדאָר פאַוולאָוויטש פלעגט אפילו גיין ביינאכט אין פליגל וועקן גריגאָריען, אז ער זאל אף א ווייליקע קומען צו אים. יענער פלעגט קומען, און פיאָדאָר פאוולאָוויטש פלעגט אנהויבן רעדן פון די גרעס־טע נארישקייטן און באלד אוועקשיקן אים צוריק, א מאל אפילו נאך מיט א געשפעט און א ליצנות, און, געבנדיק א שפיי, אליין לייגן זיך שלאפן און שלאפן רואיק, ווי א צדיק. עפעס ענלאכס איז פאר־געקומען מיט פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן אויך נאך אַליאָשעס קומען. אַליאָשאַ האָט דורכגעשטאכן זיין הארץ „מיט דעם, וואס ער האט געלעבט אין שטוב, אלץ צוגעזען און קיין זאך ניט דן געווען". נישט נאר וואס דאס, ער האט געבראכט מיט זיך א ניט קיין געוועזענע זאך: קיין שום שפור פון פאראכטונג צו אים, דעם אלטן, אדרבה, א שטענדיקע נאהנטקייט און דורכאויס א נאטירלאך־אפנהארציקע צוגעבונדנקייט צו אים, וואס האט דאס אזוי ווייניק פארדינט. דאס אלץ איז געווען פאר דעם אלטן נואף, וואס האט ניט געהאט קיין קרוב און קיין גואל, אינגאנצן א סורפריז, לחלוטין אומגעריכט פאר אים,

וואס האט האָלט געהאט עד היום מער ניט ווי זנות און נבָלות. נאך דעם ווי אַליאָשאַ איז אוועקגעגאנגען, האט ער זיך מודה געווען פאר זיך, אז ער האט עפּעס אזוינס תּופס געווען, וואס ער האט ביז איצטער ניט געוואלט תּופס זיין.

איך האב שוין דערמאנט, אין אנהויב פון מיין דערציילונג, ווי גריגאָרי האט פיינט געהאט בתּכלית שנאה אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונען, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס ערשטע ווייב און די מוטער פון זיין ערשטן זון, דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן, און ווי ער פלעגט זיך, פארקערט, איינ־שטעלן פאר זיין צווייטער ווייב, פאר דער קליקושע, סאָפיאַ איוואַנאָוונען, אנטקעגן דעם פריץ זיינעם אליין און אנטקעגן יעדערן, וועמען עס פלעגט נאר איינפאלן צו זאגן אף איר א שלעכטן אדער לייכטזיניקן ווארט. עס האט זיך אין אים די סימפּאטיע צו איר פארוואנדלט אין א מין קדושה, אזוי אז אין צוואנציק יאר ארום וואלט ער ניט אריבערגעטראגן, פון וועמען עס זאל ניט זיין, אפילו קיין שלעכטן וואונק אף איר און וואלט תּיכּף זיך געשטעלט אנטקעגן דעם בא־ליידיקער. לויט זיין אנבליק נאך איז גריגאָרי געווען א מענטש א קאלטער און א מיושבדיקער, ניט קיין פּלאפּלער, וואס פלעגט ארויסרעדן וואגיקע ווערטער, ניט סתּם געדעדט. גראד אזוי וואלט געווען אוממעגלאך צו דערקענען אף אים מיטן ערשטן קוק: צי ער האט האָלט געהאט זיין שווייגעוודיקע, אונטערטעניקע ווייב צי ניט, און דערביי האט ער זי בפירוש האָלט געהאט, און זי פלעגט דאס, געוויינטלאך, פארשטיין. די דאזיקע מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ איז געווען א פרוי ניט נאר וואס מ׳זאל זאגן ניט קיין נארישע, נאר אפשר נאך א קליגערע פאר איר מאן, לכל הפּחות, קליגער פאר אים אין פראגן פון טאג־טעגלאכן לעבן, און פונדעסטוועגן פלעגט זי טאן זיין רצון שטיל און אן טענות, פון דעם ערשטן טאג אן פון דער חתונה, און האט אים בלתּי ספק געאַכט פאר זיין מאנסביִלשן קאפּ־מערקווירדיקי. וואס דעם גאנצן לעבן זייערן, האבן ביידע זעער ווייניק גערעדט צווישן זיך, סיידן מכּוח די סאמע נויטיקסטע און לויפנדיקע זאכן. דער מיושבדיקער און מאיעסטעטישער גריגאָרי פלעגט בא־קלערן אלע זיינע ענינים און דאגות שטענדיק אליין, אזוי אז מאַרפאַ

איגנאַטיעווגאַ האט שוין פון לאנג אן איין מאל פאר אלעמאל פארשטאנען, אז אין אירע עצות נויטיקט ער זיך כלל ניט. זי האט געשפירט, אז דער מאן שעצט איר שווייגן און האלט זי דעריבער פאר בעל א שכל. שלאגן האט ער זי קיינמאל נישט געשלאגן, נאר עפעס איין מאל סך הכל, און דאס אויך ניט שטארק. דעם ערשטן יאר נאך אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונעס חתונה מיט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, האט מען איין מאל צונויפגעקליבן אפן דארף מיידלאך און ווייבער, וואס זיינען דעמאלט נאך געווען לייבאייגענע, צו טאנצן און זינגען ביים פריץ אפן הויף. מ׳האט אנגעהויבן מיט "וואָ לוזיאַך" און מאַרפאַ איגנאַטיעווגאַ, דעמאלט נאך א יונגע ווייבל, איז מיטאמאל ארויסגעשפרונגען פארן כאר און איז אדורך א "רוסישע" גאר אף אן אנדער שטייגער, ניט אזוי ווי מ׳טאנצט אפן ישוב, ווי "באָבעס", נאר ווי זי פלעגט טאנצן, בשעת זי איז געווען בא די רייכע מיאוסאָווס א הויפישע מיידל אין זייער פריצישן טעאטער, וואו עס האט גע־לערנט טאנצן די אקטיארן א טאנצמייסטער, וואס מ׳האט אויסגע־שריבן פון מאסקווע. גריגאָרי האט זיך צוגעקוקט, ווי זיין ווייבל האט דאס א ביסל געטאנצט, און האט איר אינדערהיים, בא זיך אין שטוב, אין א שעה ארום געגעבן צו פארשטיין מיט א צי פאר די האר. אבער מיט דעם האט זיך דאס שלאגן געענדיקט איינמאל פאר אלעמאל און עס האט זיך מער קיין מאל ניט איבערגעחזרט אפן גאנצן לעבן, און טאקע גלאט מאַרפאַ איגנאַטיעווגאַ האט שוין פארזאגט א צענטן נאך א מאל צו טאנצן.

מיט קיין קינדער האט זיי דער אויבערשטער נישט מזכה געווען, ס׳איז יע געווען איין עופהלע, איז ער אויך אוועקגעשטארבן. און גריגאָרי האט קענטיק האָלט געהאַט קינדער, ער פלעגט דאס אפילו גארניט באהאלטן, דאס הייסט, ער פלעגט זיך ניט שעמען זיך דאס ארויס צו זאגן. דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן האט ער צוגענומען צו זיך אף די הענט, בשעת אַדעלאַאידאַ איוואַנאָוונאַ איז אנטלאפן, אלס א דריי יאריקן קינד, און האט זיך אפגעהאלטן מיט אים כמעט א יאר צייט, פלעגט אים אליין קעמען מיטן קעמעלע, פלעגט אפילו אליין וואשן אים אין מולטער. שפעטער האט ער אויך געהאט צו

טאָן אי מיט איוואַן פּיאָדאָראָוויטשן אי מיט אַליאָשען, פֿאַר וואָס ער האָט טאַקע געלייזט אַ פּאַטש אויך; אָבער וועגן דעם אַלץ האָב איך שוין דערציילט. דאָס אייגענע קינד, אַ קעגן זשע, האָט אים דערפֿרייט מער ניט ווי מיט איין בטחון, בשעת מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַ האָט נאָך געטראָגן מיט אים. אַז ער איז אָבער געבוירן געוואָרן, האָט ער פֿול געמאַכט זיין האַרץ מיט טרויער און מיט שרעק. די מעשה איז די, וואָס געבוירן געוואָרן איז דאָס דאָזיק אינגעלע מיט זעקס פֿינגערלאַך. דערזען אַט אַ דאָס, איז גריגאָרי אַף אַזוי פֿיל דערשלאָגן געוואָרן, אַז ער האָט ניט נאָר וואָס געשוויגן ביזן סאַמן טאָג פֿונ׳ם טויפֿן, נאָר ער פֿלעגט מיט אַ כּיוון אַוועקגיין אין סאָד אַריין אַף צו שווייגן. ס׳איז געווען פֿרילינג און ער האָט די גאַנצע דריי טעג געגראָבן די בייטן אַפֿן גאָרטן, אין סאָד. אַפֿן דריטן טאָג האָט מען שוין געדאַרפֿט טויפֿן דאָס קינד; גריגאָרי האָט צו דער דאָזיקער צייט שוין עפּעס מוציא לדעת געווען. אַריינגעגאַנגען אין שטוב, וואו ס׳האָבן זיך שוין צונויפֿגעקליבן די כּלי־קודש און געסט און, לסוף, פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש גופֿא, וואָס איז געקומען בכבודו ובעצמו אַלס טויף־פֿאָטער, האָט ער מיטאָמאָל געגעבן אַ זאָג, "אַז דעם קינד וואָלט מען גאָר אינגאַנצן נישט געדאַרפֿט טויפֿן" — אַ זאָג געטאָן אַט דאָס ניט אַפֿן קול, מיט קיין ווערטער זיך ניט געוואָרפֿן, קוים אַרויסגערעדט וואָרט פֿאַר וואָרט, מער ניט טעמפּ אויסגעשטעלט דערביי די אויגן אַפֿן גלח.

— פֿאַר וואָס עפּעס? — האָט אַ פֿרעג געטאָן דער גלח מיט אַ לוסטיקער פֿאַרוואונדערונג.

— דערפֿאַר וואָס . . . דאָס איז . . . אַ דראַקאָן . . . — האָט אַ מורמל געטאָן גריגאָרי.

— וואָס הייסט אַ דראַקאָן, וואָס פֿאַר אַ דראַקאָן?

גריגאָרי האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— ס׳איז אַן אויסמישונג פֿון דער נאַטור פֿאַרגעקומען... — האָט ער אַ מורמל געטאָן, הגם זעער ניט דייטלאַך, אָבער זעער זיכער, און קענטיק נישט וועלנדיק זיך אַריינלאָזן אין קיין לאַנגע דרכים.

מ׳האָט געלאַכט אַ ביסל, און געטויפֿט, פֿאַרשטייט זיך, דאָס

עופהלע נעבאך· גריגאָרי האט ביים בעקן מתפלל געווען פון טיפן הארצן׳ אבער זיין מיינונג וועגן דעם נייגעבוירענעם האט ער נישט געביטן· איבעריגנס האט ער אין קיין שום זאך נישט געשטערט׳ נישט מער וואס די גאנצע צוויי וואכן׳ וואס עס האט געלעבט דער קראנקינקער אינגעלע׳ האט ער כמעט נישט געקוקט אף אים׳ און אפילו ניט געוואלט א ווארף טאן מיט קיין אויג אין זיין זייט און פלעגט מערסטנטייל אוועקגיין פון שטוב· בשעת אבער דער אינגעלע איז אין צוויי וואכן ארום געשטארבן פון פיבער׳ האט ער אים אליין אריינגעלייגט אין ארונדל׳ האט מיט א טיפן צער געקוקט אף אים׳ און אז מ׳האט פארשאטן דעם ניט־טיפן קליינינקן קברל זיינעם׳ האט ער זיך געשטעלט אף די קני און א בוק געטאן זיך פארן קברל ביז צו דער ערד· פון דעמאלט אן׳ האט ער א סך יארן נאכאנאנד קיין איינמאל נישט דערמאנט מיט קייןווארט וועגן דעם קינד׳ און מאַרפא איגנאַטיעווּנאַ האט אויך קיין איין מאל ניט גערעדט פאר אים וועגן דעם׳ און אז עס פלעגט אויסקומען א מאל צו רעדן מיט עמיצן וועגן איר „עופהטשקע״ פלעגט זי רעדן שעפּטשענדיק׳ כאטש אפילו גריגאָרי וואַסילעוויטש פלעגט גאר ניט זיין דערביי· ווי מאַרפאַ איגנאַטיעווּנאַ פלעגט איבערגעבן׳ האט ער פון אט דעם סאמן קברל אן׳ אנגעהויבן צו פארנעמען זיך מיט „געטלאכע־זאכן״׳ זאגן דעם „טשעטיע מינייע״ דאס רוב אינדערשטיל׳ פאר זיך׳ און פלעגט יעדעס מאל אנטאן זיינע גרויסע קיילעכדיקע זילבערנע שפּאקולן· זעלטן ווען ער פלעגט זאגן אפן קול׳ סיידן אמאל בעת די גרויסע תּעניתים· האט האָלט געהאט דעם תּנך איוב׳ האט ארויסגעגראבן פון ערגעץ א צעטל מיט הייליקע ווערטער און דרשות פון „אונזער הייליקן פּאטער איסאק סירין״ האט דאס געלייענט הארטנעקיק און א סך יארן נאכאנאנד, און כמעט ניט פאשטאנען אין דעם קיין ווארט׳ נאר דערפאר טאקע אפשר האט ער זעער געשעצט און האָלט געהאט אט דעם דאזיקן ספר· אין דער סאמער לעצטער צייט האט ער זיך אנגעהויבן צוהערן און אריינדרינגען אין דער שיטה פון די „כליסטן״ צו וואס עס איז דערביי אין שכנות געווען א געלעגנהייט; קענטיק איז געווען פארכאפּט פון דער דאזיקער שיטה׳ אבער אנ־

נעמען א נייע אמונה ניט געהאלטן פאר ריכטיק. דאס אנלייענען זיך מיט די „געטלאכע זאכן" האט, פארשטייט זיך, צוגעגעבן זיין פיזאנאמיע נאך א גרעסערע חשיבות.

עס קאן געמאלט זיין, אז ער האט געהאט א נטיה צו מיסטי־ציזם. און דא איז, ווי אף להכעיס, דאס באווייזן זיך אף דער וועלט פון זיין זעקספינגערדיקן קינד און זיין שטארבן צוניפגעפאלן גראד מיט נאך א זעער מאדנעם, אומגעריכטן און אריגינעלן צופאל, וואס האט געלאזן אף זיין נשמה, ווי ער גופא האט זיך שפעטער אויסגעדריקט, א „חותם". עס איז אזוי פארגעקומען, אז דעם זעלביקן טאג, ווען מ'האט מקבר געווען דעם זעקספינגערדיקן עופל, האט מאַרפאַ איגנאַטיעווונאַ, אויפכאפנדיק זיך ביינאכט, דערהערט עפעס אזוי ווי א געוויין פון אן ערשט געבוירענעם קינד. זי האט זיך דערשראקן און אויפגעוועקט דעם מאן. ער האט זיך צוגעהערט און אנגערופן זיך, אז גיכער קרעכצעט דאס עמיצער, „איך וואלט שווערן, א פרוי". ער איז אויפגעשטאנען און אנגעטאן זיך; ס'איז געווען א גאנץ ווארעמע מאי־נאכט. ארויס אפן גאניק, האט ער זיך דייטלאך צוגעהערט, אז דאס קרעכצט מען אין סאָד. דער סאָד אבער פלעגט זיין אף דער נאכט פארשלאסן פון הויף מיט א שלאס, און אריינגיין אין סאד אויסער ווי דורך דעם אריינגאנג האט מען ניט געקאנט, ווארים ארום־און־ארום סאד איז געווען א הויכער און שטארקער פארקאן. אומגעקערט זיך אין שטוב, האט גריגאָרי אנגעצונדן די לאמטערנע, גענומען דעם שליסל פון סאד, און, ניט נעמענדיק אין אכט דעם היסטערישן שרעק פון זיין ווייב, וואס האט נאך אלץ געטענהט, אז זי הערט א געוויין פון א קינד און אז דאס ווײנט זיכער איר אינגעלע און ער רופט זי, איז ער שווייגנדיק אוועק אין סאד. דא האט ער קלאר באנומען, אז דאס קרעכצן הערט מען פון זייער קליינער בעדל, וואס איז געשטאנען אין סאד, ניט ווייט פון דער טירל, און אז דאס קרעכצעט באמת א פרוי. אויפגעעפנט די באד, האט ער דערזען א בילד, פאר וועלכן ער איז פארגליווערט געווארן: די משוגענע פון שטעטל, וואס פלעגט זיך ארומשלעפן איבער די גאסן און גאנץ שטאט האט זי געקענט נאך איר צו־

נעמעניש ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע, האט זיך פארקליבן אין זייער באד, און האט נאר־וואס געהאט א קינד. דאס קינד איז געלעגן לעבן איר, און זי איז אויסגעגאנגען לעבן אים. רעדן האט זי גאר־נישט ניט גערעדט, שוין דערפאר אליין, ווייל זי האט נישט געקאנט רעדן. אבער אט דאס אלץ וואלט מען גאָר געדארפט דערקלערן באזונדער . . .

## II

## ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע

דא איז געווען אזא מין זאך, וואס האט טיף צעטרייסלט גריגאָריען, און לחלוטין פארשטארקט זיינעם א פריערדיקן אומאנגע־נעמען און עקלדיקן חשד. די דאזיקע ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע איז געווען א זעער קליין־וויקסיק מיידל, „צווי ארשין מיט עפעס", ווי א סך גאטספארכטיקע אלטע ווייבער פון אונזער שטעטל פלעגן זיך מיט רחמים דערמאנען אן איר נאך איר טויט. איר צוואנציקיאריקער פנים, דער ברייטער, געזונטער, און רויטער איז געווען לחלוטין א פנים פון אן אידיאט; דער בליק פון די אויגן אן אומבאוועגלאכער און אן אומאנגענעמער, הגם א רואיקער אפילו. גיין פלעגט זי דעם גאנצן לעבן, סיי זומער, סיי ווינטער, א בארוועסע און אין איין לייוונטענעם העמדי. די כמעט שווארצע האר אירע, די זעער געדיכטע און געקרויזטע, ווי בא א שעפס, האבן זיך געהאלטן בא איר אפן קאפ ווי עפעס א מין מוראדיקע היטל אזא. א חוץ דעם, זיינען די האר תמיד געווען איינגעריכט אין זאמד און אין קויט, מיט צוגעקלעפטע בלעטלאך, שפענדלאך, סטרוזשקעס, ווארים שלאפן פלעגט זי תמיד אף דער ערד און אין בלאטע. דער טאטע אירער, איליאַ, איז געווען א יורד, אָן א הויז, א קראנקער מעשטשאנין, וואס פלעגט זיך שטארק ארייַנלאזן אין שכּרות און שוין כּמה יארן אפ־געלעבט ווי א מין ארבעטער בא פארמעגלאכע באלעבאטים, אויך מעשטשאנעס פון אונזער שטעטל. די מאמע ליזאַוועטאַס איז א קעגן־

זשע שוין פון לאנג געשטארבן. דער אויביק קריינקלאכער און דער בעל כעסן איליאַ פלעגט שלאגן ליזאַוועטען. ווען זי פלעגט קומען אהיים, מכות רוצח. קומען אבער פלעגט זי זעלטן, ווארים זי פלעגט זיך אפוואלגערן איבער דער גאנצער שטאט, ווי עפעס א נעבאך א צעדרייטע. סיי די באלעבאטים איליאַס סיי איליאַ גופא, סיי אפילו א סך גוטהארציקע מענטשן פון שטאט, דערהויפט קרעמער און קרעמערקעס, האבן ניט איין מאל געפרווט אנטאן ליזאַוועטען לייטישער ווי אין איין העמד, און צו ווינטער־צו פלעגט מען זי תמיד אנטאן אין א פעלץ און א פאר שטיוול; זי פלעגט אבער שטענדיק לאזנדיק אלצדינג אנטאן אף זיך ניט איבערצושפארן קיין ווארט, אוועקגיין און ערגעץ אין א ווינקל דער עיקר ביים ארייננגאַנג פון קלויסטער, אראפנעמען פון זיך אלצדינג, וואס מ׳האט איר מנדב געווען, ביז א שנירל, — עס מעג זיין א טיכל, א קליידל, א פעלץ, א פאר שטיוול, — אלצדינג לאזן אפן ארט און אוועקגיין א באר־וועסע און אין איין העמד, ווי פריער. איין מאל האט זיך אזוי געטראפן, אז אונזער נייער גובערנאטאר, באקוקנדיק אף זיינער א נסיעה אונזער שטעטל אויך, איז שטארק פארלעצט געווארן אין זיינע בעסטע געפילן, ווען ער האט דערזען ליזאַוועטען, און הגם ער האט פארשטאנען, אז דאס איז א ״צעדרייטע״, ווי מ׳האט אים איבער־געגעבן, האט ער אבער פארט געמאכט אויפמערקזאם, אז א יונגע מיידל, וואס שלעפט זיך ארום אין איין העמד, רירט אן די אנשטענ־דיקייט, און דאס זאל דעריבער אף להבא מער ניט פארקומען. אבער דער גובערנאטאר איז אוועקגעפארן, און ליזאַוועטען האט מען געלאזן, אזוי ווי זי איז געווען. שפעטער איז געשטארבן איר טאטע אויך, און מיט דעם גופא איז זי אלס יתומה געווארן בא אלע גאטס־פארכטיקע מענטשן אין שטאט נאך טייערער. און באמת, אלע האבן זי אפילו עפעס ווי האָלט געהאט, אפילו די אינגלאך פלעגן זיך ניט רייצן מיט איר און ניט באעוולן זי, און די אינגלאך אונזערע, דערהויפט די שול־אינגלאך, איז א חברה, וואס קאן זיך אנזעצן. זי פלעגט אריינקומען אין פרעמדע הייזער, און קיינער פלעגט זי ניט ארויסטרייבן, אדרבה, יעדערער פלעגט זאגן א גוט

ווארט און דערלאנגען א גראשן, און דערלאנגט מען איר א גראשן, נעמט זי און טראגט אים אן שהיות אוועק און ווארפט אים אריין אין א פושקע, צי פון קלויסטער, צי פון טורמע, און גיט מען איר אפן מארק א בייגל אדער א בולקעלע, גייט זי ניט אנדערש אוועק און גיט אפ דעם ערשטן בעסטן קינד דעם בייגל אדער דאס בולקעלע, און אז ניט שטעלט זי אפ אייגע פון אונזערע רייכסטע פריצהס און גיט דאס איר אוועק; און די פריצהס פלעגן דאס צונעמען מיט שמחה אפילו, זי גופא ווידער האט זיך געשפייזט ניט אנדערש ווי מיט שווארצן ברויט מיט וואסער, פלעגט אריין אין א רייכע קראם, אנידערזעצן זיך, דא דערביי ליגט סחורה, געלט, די קרעמער היטן זיך קיינמאל ניט פאר איר, זיי ווייסן, אז לייג כאטש אויס טויזנטער פאר איר און פארגעס, וועט זי דאס ניט אנרירן, אין קלויסטער פלעגט זי זעלטן גיין, שלאפן פלעגט זי אדער ביים אריינגאנג פון קלויסטער, אדער, אריבערקריכנדיק איבער עפּעס א פלייט (בא אונז זיינען נאך דא אפילו עד היום א סך פלייטן אנשטאט פאר־קאנס), בא עמיצן אין גארטן, אהיים, דאס הייסט צו די געוועזענע באלעבאטים פון איר טאטן עליו השלום, פלעגט זי קומען, א שטייגער, איין מאל אין וואך, און ווינטער אפילו יעדן טאג, אבער מער ניט ווי אף דער נאכט, און פלעגט שלאפן אדער אין פירהויז, אדער אין שטאל פון די בהמות, מ׳פלעגט זיך חידושן פון איר, וואס זי האלט אויס אזא לעבן, אבער אזוי איז זי שוין געוואוינט געווען; כאטש אפילו אפן וואוקס איז זי געווען קליין, אבער זעער שטארק געבויט, א טייל פון אונזערע יחוס־לייט פלעגט אפילו זאגן, אז זי מאכט אט דאס אלץ מער ניט ווי פון גאוה וועגן, אבער דאס פלעגט זיך עפּעס ניט קלעפּן: זי האט גאר אפילו ניט געקאנט רעדן קיין ווארט און נאר ווען־ניט־ווען באוועגן מיט דער צונג און געבן א בריל, — טא וואס פאר א גאוה קאן שוין דא, מ׳שטיינס געזאגט, זיין? און אט איז פארגעקומען, אז א מאל (דאס איז שוין א מעשה פון יארן), אין א ליכטיקער, וואַ־רעמער לבנה־נאכט פון סעפטעמבער, נאך אונזער השגה נאך שוין שפּעט אין דער נאכט, איז אן אנגעטרונקענע לוסטיקע חברה פון אונזערע הוליענדיקע פיינע בריות, א מאן פינף־זעקס געגאנגען פון

קלוב דורך די הינטערגעסלאך א היים. אףביידע זייטן פון געסל איז געווען א פלייט, הינטער וועלכן עס האבן זיך געצויגן די גערטנער פון די דערבייאיקע הייזער; די געסל גופא גייט ארויס צו די בריק־לאך פון אונזער עיפושדיקער לאנגער בלאטע, וואס מ׳איז זיך אפט־מאל נוהג בא אונז צו רופן טייכל. ביים פלייט, אין די קראפעווע און אין דעם חויכן גראז, האט אונזער חברה דערזען ליזאַוועטען שלאפנ־דיקערהייט. דער לוסטיקער עולם האט זיך אפגעשטעלט לעבן איר מיט א געלעכטער און אנגעהויבן צו חכמענען זיך גאר ניט אף קיין פיינעם אופן. איין תנא ברא איז מיטאמאל איינגעפאלן אן עקס־צענטרישע פראגע וועגן א זאך, וואס פארלויפט זיך גאר ניט: „צי קאן ווער עס איז האלטן אזא מין חיה פאר א ווייבס־פערזאן, לאמיר זאגן כאטש בי׳ אט אין דער רגע א. א.: וו׳." אלע האבן מיט שטאלצן עקל באשלאסן, אז מ׳קאן ניט. נאר צווישן דעם דאזיקן עולם איז געווען פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אויך, און ער איז כהרף עין ארויס־געשפרונגען און א זאג געטאן, אז מ׳קען יע האלטן פאר א ווייבס־פערזאן, נאך ווי, און אז אין דעם איז אפילו דא עפעס פיקאנטעס אזוינס, און אזוי ווייטער, א. א. וו. אמת, צו יענער צייט האט ער בא אונז שוין אפילו צו שטארק אנגעווארפן זיך מיט א כיוון אין זיין ראל אלס לץ, האט האָלט געהאט ארויסצוווייזן זיך און לוסטיק מאכן די פריצים, האלטנדיק זיך, נאטירלאך, פאר זייער גלייכן, אין דער אמתן אבער זייענדיק מער ניט ווי א בור לגבי זיי. דאס איז געווען גראד אין יענער צייט, ווען ער האט באקומען פון פעטערבורג די בשורה וועגן דעם טויט פון זיין ערשטער ווייב, אַדעלאַאידאַ פעטראָוונאַ, און בעת ער האט מיטן קרעפ אפן הוט געשיכורט און געפראוועט אזוי פיל מיאוסקייטן, אז עס פלעגט אנדערע אין שטאט, אפילו שוין די גרעסטע אויסוואורפן, נעמען קערן, ווען זיי פלעגן נאר געבן א קוק אף אים. חברה האט זיך, כדרך הטבע, צעקייכט פון דער אומגעריכטער מיינונג; איינער עפעס פון דעם עולם האט אפילו ווי אנגעהויבן אונטערצוגעבן חשק פיאָדאָר פאוולאָוויטשן, נאָר די איבעריקע האבן נאך מער אנגעהויבן צו שפייען, הגם נאך זייענדיק אלץ צו־שטארק בגילופן, אבער צום סוף זיינען זיך אלע צעגאנגען איטלאכער וואוהין

ער האט געדארפט. שפעטער האט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש געשוואָרן זיך בהן שלו, אז ער איז דעמאלט אויך אוועקגעגאנגען מיט אלעמען גלייך; עס קאן זיין, אז ס׳איז טאקע אזוי געווען אויך, קיינער ווייס דאס ניט בפירוש און מ׳האט דאס קיינמאל ניט געוואוסט, אבער אין א חדשים פינף־זעקס ארום האבן אלע אנגעהויבן רעדן אין שטאט מיט א שטאר־קער און אמתער רציחה, אז ליזאַוועטאַ גייט ארום א טראגעדיקע. מ׳האט געזוכט, געפארשט: ווער איז דער בעל־עבירה, ווערמס מעשה־נורא איז דאס? אט דא טאקע האט זיך פאנאנדערגעטראגן איבער גאנץ שטאט א מאדנער קלאנג, אז דער בעל דבר איז אט דער זעל־ביקער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש. פון וואנען עס האט זיך גענומען דער דאזיקער קלאנג? פון אט יענער חברה לוסטיקע פארשוינען איז דע־מאלט נאך פארבליבן אין שטאט סך הכל מער ניט ווי איינער, און דאס אויך א באיארנטער און בכבודיקער מלוכה־ראַטמאַן, א מענטש מיט א פאמיליע און מיט דערוואקסענע טעכטער, ווער עס וואלט דעריבער קיין שום זאך ניט פאנאנדערגעטראגן, ווען עס וואלט שוין אפילו עפעס וואס יע געווען; ווייטער די איבעריקע לייט, א מאן פינף, זיינען זיך דעמאלט צופארן. אבער פון דעם קלאנג האט מען פשוט געטייט מיט די פינגער אף פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און מ׳האט געהאלטן אין איין רעדן. פארשטייט זיך, ער האט גאר אפילו ניט איינגעלייגט אזוי שטארק זיין לעבן דערפאר: אבי וועלכע קרעמער צי מענטשן פון שטאט וואלט ער גאר אפילו ניט אנהייבן צו ענטפערן. דעמאלט איז ער געווען תקיף בא זיך און פלעגט רעדן ניט אנדערש, ווי אין זיין אייגענער מסיבה פון אדל־לייט און באאמטע, ווערמען ער פלעגט זעער לוסטיק מאכן. אט אין דער צייט טאקע האט גריגאָרי שטארק, מיט זיינע אלע כחות, איינגעשטעלט זיך פאר זיין פריץ, און לא די, וואס ער פלעגט זיך איינשטעלן פאר אים קעגן אט די אלע מיני רייד, נאר ער פלעגט זיך נאך קריגן פאר אים און פלעגט איבערשפארן יעדערן, און א סך האבן טאקע אויפגעהערט צו גלויבן. „זי אליין, דער אויסוואורף, איז שולדיק", פלעגט ער זאגן מיט א פעסטקייט, און געטאן האט דאס ניט קיין אנדערער, ווי „קארפ די שרויף" (אזוי האט מען גערופן א מאוימ־דיקן ארעסטאנט, וואס איז דעמאלט געווען באוואוסט אין גאנץ שטאט

און צו יענער צייט אנטלאפן פון דער טורמע, וואס אין דער גובער־
ניע, און באהאלטענערהייט געלעבט בא א גז), אט דאס האט
זיך געלייגט אפן שכל. ווארים קאַרפּן האט מען געדיינקט, אוודאי
האט מען געדיינקט, אז טאקע אין יענע נעכט, יעסען־צייט, האט
ער זיך ארומגעשלעפּט איבער דער שטאט און האט דרייַען באגזלט.
אבער אט דער גאנצער פאל און די אלע מיני רייד האבן ניט נאר וואס
ניט אפּגעקערט אלעמעס רחמנות צו אט דער צעדרייטער נעבאך, נאר,
פארקערט, מ׳האט זי נאך מער אנגעהויבן אפּצוהיטן און מקרב צו זיין.
קאָנדראַטיעוונאַ די סוחרטע, איינע א פארמעגלאכע אלמנה, האט אפילו
אזוי איינגעארדנט, אז נאך צום סוף אפּריל האט זי אריינגעבראכט
ליזאוועטען צו זיך און געזען, אז מ׳זאל זי שוין ניט ארויסלאזן ביזן
סאמן האבן. געהיט האט מען אָן אן אויפהער; נאר ס׳איז אזוי אויס־
געקומען, אז ניט קוקנדיק אף דער גאנצער שמירה, איז זי דעם סאמן
לעצטן טאג, פארנאכט, מיטאמאל בשתיקה אוועקגעגאנגען פון
קאָנדראטיעוונען און איז מגולגל געווארן אין פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס
סאד. ווי אזוי זי איז, זייענדיק אף־דער־צייט, אריבערגעקראכן איבערן
הויכן שטארקן פּארקאַן פון סאד, איז געבליבן ווי א מין רעטעניש.
אנדערע זאגן, אז „מ׳האט זי אריבערגעטראגן“, אנדערע, פארקערט, אז
„עס האט זי אריבערגעטראגן“. דער שכל איז מחיב, אז פארגעקומען
איז דאס אלץ כאטש אפילו אף א זעער מאדנעם, אבער נאטירלאכן
אופן, און ליזאַוועטאַ, וואס האט געקאנט קריכן איבער פלייטן אין
פרעמדע גערטענער, כדי צו נעכטיקן דארטן, האט ארויפגעקלעטערט
אויך אף פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס פּארקאַן, און פון דארטן איז זי, הגם
מיט א סכנה פאר זיך, אראפּגעשפּרונגען אין סאד, ניט קוקנדיק, וואס
זי איז געווען אין אזא צושטאנד. גריגאָרי האט זיך א לאז געטאן צו
מאַרפאַ איגנאַטיעוונען און אוועקגעשיקט זי צו ליזאַוועטען העלפן, און
אליין איז ער אוועקגעלאפן נאך דער אלטעטשקער הויבאם, א מעשטשאנ־
קע, וואס האט אגב געוואוינט ניט ווייט. דאס עופהלע האט מען אפּ־
געראטעוועט, אבער ליזאַוועטאַ איז באגינען־צו געשטארבן. גריגאָרי
האט גענומען דאס קינד, אריינגעטראגן אין שטוב, האט אוועקגעזעצט
דאס ווייב און אוועקגעלייגט אים צו איר אף די קני האַרט צו איר

סאמער ברוסט, „א גאטס קינד — א יתומל איז אלעמעס קינד", און אונזער ביידנס אוודאי און אוודאי. דאס האט אים אונזער עופהלע עליו השלום געשיקט, און ארויסגעקומען איז ער פון דעם טייוולס זון און פון א צדקת. האָדעווע און קלאג ניט אף להבא". האט טאקע מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ געהאדעוועט דאס עופהלע. מ'האט אים געטויפט, א נאמען געגעבן פאַוועל, און נאכן טאטן נאך האבן אים אלע פון זיך אליין, פון קיינעם נישט הערנדיק, אנגעהויבן רופן פיאָדאָרטוויטש. פיאָדאָר פאַוולאָוויטש האט אין קיין זאך ניט געשטעלט זיך אנטקעגן און האט אפילו אויסגעפונען אט דאס אלצדינג פאר אינטערעסאנט, הגם ער האט מיט אלע כוחות געהאלטן אין איין אפלייקענען אלץ. אין שטאט איז געפעלן געווארן, וואס ער האט צוגענומען דעם ממזר. שפּעטער האט פיאָדאָר פאַוולאָוויטש נאך פארפאסט פאר אים א פאמיליע אויך: ער האט אים אנגערופן סמערדיאַקאָוו נאך דעם צונעמעניש פון זיין מאמען, ליזאַוועטא די שטינקעדיקע. דער דאזיקער סמער־ דיאַקאָוו איז דאס שפּעטער געווארן פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס צווייטער דינער און האט געלעבט, בא דעם אנהייב פון אונזער דערציילונג, אין פליגל, אינאיינעם מיט דעם אלטן גריגאָריען און מיט דער אלטער מאַרפען. געמאכט האט מען אים פאר א קעכער. מ'וואלט נויטיק געדארפט זאגן עפּעס וועגן אים אויך, עס איז מיר אבער א חרפה אזוי לאנג אויסצוניצן די אויפמערקזאמקייט פון מיין לעזער אף אזוינע איינפאכע לאקייען, דערפאר גיי איך טאקע אריבער צו מיין דערציילונג, האפנדיק, אז מיט סמערדיאַקאָוון וועט שוין ווי־עס־איז אין דעם ווייטערדיקן פארלויף פון דעם ספור פון זיך גופא ווערן רעכט.

## III

## אַ וידוי פון אַ פלאַמיק האַרץ. אין פערזן

אויסגעהערט דעם טאטנס פארזאג, וואס ער האט צו אים ארויס־ געשריען פון וואגן, אוועקפארנדיק פון מאנאסטיר, איז אַליאָשאַ גע־

בליבן שטיין אַ ווײַלע אין א שטארקער פארלעגנהייט. מ׳קאן ניט זאגן, ער זאל האבן געשטאנען ווי א געפּלעפּטער, אזוינס פּלעגט זיך מיט אים ניט טרעפן. אדרבה, ער האט, בא דער גאנצער צעטראגנקייט באוויזן תּיכּף ארייננגיין צום איהומען אין קיך און דערוויסן זיך, וואס עס האט אנגעמאכט דארטן אויבן זיין פאטער. דערנאך האט ער זיך פונדעסטוועגן געלאזן אין וועג ארײַן, מיטן בטחון, אז אפן וועג אין שטאט, וועט ער קאנען ווי־עס־איז פארענטפערן די פראגע, וואס האט אים געמאטערט. איך זאג אפריִער: פארן טאטנס געשרייען און פאר זיין פארזאגן אריבערקלייבן זיך אהיים, „מיט דער פּערינקע און קיסן” האט ער קיין האָר נישט מורא געהאט. ער האט צו־גוט פארשטאנען, אז דער הייסן אריבערקלייבן זיך, וואס איז ארויסגעזאגט געווארן אפן קול און מיט אזא געשריי כּלומרשט, איז ארויסגעקומען, אזוי צו זאגן, פון זיין „בגילופנדיקן” צושטאנד און אמאל נאך פון שיינקייט וועגן, — פּונקט אזוי, ווי עס האט זיך ניט לאנג צוהוליעט בא זיי אין שטעטל א מעשטשאנין, אף זיין אייגענעם געבורטסטאג, און, ווערענדיק אין כּעס, וואס מ׳גיט אים מער ניט קיין בראנפן, האט ער פאר די געסט אין די אויגן אנגעהויבן ברעכן מיטאמאל די אייגענע געשיר, רייסן סיי זיינע סיי דער ווייבס מלבושים, ברעכן די מעבל, און ואחר המעשה, די פענסטער אין שטוב, און אפגעטאן דאס אלץ נאר פון שיינקייט וועגן, אף אזא מין אופן, פארשטייט זיך, איז דאס פארגעקומען איצטער מיטן טאטן אויך. אף מארגן, כּדרך הטבע, אז דער בגילופנדיקער מעשטשאַנין האט זיך אויסגעניכטערט, האט אים פארדראסן אף די צעבראכענע טעסלאך מיט די טעלער. אַליאָשאַ האט געוואוסט, אז אף מארגן וועט אים דער אלטער אויך, בלתּי ספק, אוועקלאזן צוריק אַין מאנאסטיר, עס קאן נאך אפילו געמאלט זיין, אז היינט. און ער איז געווען זיכער, אז דער טאטע וועט עמיצן אנדערש, אבער ניט אים וועלן באעוולען. אַליאָשאַ איז געווען זיכער, אז אים וועט אויך אף דער גאנצער וועלט קיינער נישט און קיינמאל ניט וועלן באעוולען, ניט נאר אפילו ניט וועלן, נאר גאר ניט קאנען. דאס איז געווען פאר אים א כּלל גדול, א באשטימטער איינמאל פאר אלע מאל, וועגן וועלכן מ׳דארף ניט טראכטן מער, און מיט

 

אט דעם דאזיקן געדאנק איז ער געגאנגען ווייטער זיין וועג ניט צו קווינקלען קיין איין האר.

אבער אין אט דער מינוט האט אים גענאגט עפעס אן אנדער מורא, גאר אינגאנצן אן אנדערע, און דעריבער נאך א פיינלאכערע, וואס ער גופא וואלט זי אויך ניט געקאנט באשטימען, דהיינו א מורא פאר א פרוי, און דווקא פאר קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, וואס האט זיך בא אים אזוי שטארק געבעטן אין דעם פריערדיקן צעטעלע, וואס פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט אים איבערגעגעבן, ער זאל קומען צו איר וועגן עפעס א זאך. אט די דאזיקע פאדערונג און די נויטיקייט ניט אנדערש קומען האט מיטאמאל אריינגעגעבן עפעס א פיינלאך געפיל אין זיין הארץ, און דעם גאנצן פרימארגן, וואס ווייטער אלץ מער און מער, אלץ פיינלאכער און פיינלאכער האט זיך צעשפילט אט דאס געפיל אין אים, ניט קוקנדיק אף די גאנצע מעשיות און סצענעס, וואס עס זיינען דערנאך פארגעקומען אין מאנאסטיר און איצטער בא דעם איהומען. מורא געהאט האט ער נישט דערפאר, ווייל ער האט נישט געוואוסט וועגן וואס זי וועט רעדן מיט אים און וואס ער וועט איר ענטפערן, און ניט פאר דער פרוי בכלל, האט ער מורא געהאט אין איר פערזאן: פרויען האט ער געקענט, פארשטייט זיך, ווייניק, נאר פונדעסטוועגן האט ער דעם גאנצן לעבן, פון קינדווייז אן ביז צום סאמן מאנאסטיר, מער ניט ווי מיט פרויען אליין געלעבט. ער האט מורא געהאט פאר אט דער דאזיקער פרוי, דווקא פאר קאַטערינאַ איוואַנאָוונען גופא. ער האט מורא געהאט פאר איר פון יענעם מאמענט אן, בשעת ער האט זי צום ערשטן מאל דערזען, און געזען האט ער זי סך הכל מער ניט ווי איינמאל אדער צוויי, עס קאן אפשר זיין אז דריי מאל, האט עפעס א מאל אפילו על פי סיבה אויסגערעדט מיט איר א פאר ווערטער. האט ער זי געדיינקט אלס א שיינע, שטאלצע און הער־שערישע מיידל, אבער ניט דאס שיינקייט אירע האט געפייניקט אים, נאר עפעס אַנדערש. אט דווקא די אומבאשטימטקייט פון זיין מורא האט דאס איצטער נאך שטארקער געמאכט די דאזיקע מורא אין אים. די צילן פון דער דאזיקער מיידל זיינען געווען די סאמע איידלסטע, ער האט דאס געוואוסט: זי האט געשטרעבט צו ראטעווען דעם

ברודער זיינעם דמיטרי, וואס איז שוין געווען שולדיק קעגן איר, און האט געשטערבט מער ניט ווי נאר פון ריינער גרויסמוטיקייט, און אט נישט קוקנדיק וואס ער האט דאס געוואוסט, און נישט קוקנדיק אף דער גערעכטיקייט, וואס ער האט דאך געמוזט מודה זיין בנוגע אירע אלע דערהויבענע און גרויסמוטיקע געפילן, איז פונדעסטוועגן איבער זיין רוקן דורכגעגאנגען א קעלט, וואס נעהנטער ער איז צו־געגאַנגען צו איר שטוב.

ער האט פארשטאנען, אז דעם ברודער איוואַן פיאָדאָראָוויטשן, וואס איז געווען אזוי נאהנט מיט איר, וועט ער ניט טרעפן בא איר: דער ברודער איוואַן איז איצטער אף געוויס ביים טאטן. און דמיטרין וועט ער נאך זיכערער ניט טרעפן בא איר, און ער האט געשפירט פאר וואס, הייסט עס, אז דער שמועס זייערער וועט פארקומען אונטער פיר אויגן. עס וואלט זיך אים זעער געוואלט נאך פאר אט דעם דאזיקן גורל־שווערן שמועס זען זיך מיטן ברודער דמיטרין און ארייגכאפן זיך צו אים. נים באווייזנדיק דעם בריוו, וואלט ער זיך געקאנט אדורכרעדן מיט אים וועגן א פאר זאכן. דער ברודער דמיטרי האט אבער געוואוינט ווייט און איז איצטער אויך אף געוויס ניטא אינדערהיים. געשטאנען בא א מינוט אף איין ארט, האט ער, לסוף, זיך פעסט אנטשלאסן, איבערגעצלמט זיך אף זיין שטייגער בחפזון, און די שטעל סתם עפעס א שמייכל טאָנדיק, איז ער אוועק מיט א פעסטן טראט צו זיין שרעקלאכער דאמע.

די שטוב אירע האט ער געקענט. נאר ווען עס וואלט אויסגע־קומען צו גיין דורך דער גרויסער גאס, און דערנאך דורכן פלאץ א. א. וו., וואלט געווען גאר ניט נאהנט. אונזער קליין שטעטעלע איז זעער צעווארפן, און פון איין ארט צום צווייטן אפטמאל א שטיק וועג. דערצו האט נאך געווארט אף אים דער טאטע, וואס האט אפשר נאך ניט באוויזן צו פארגעסן זיין פארזאג, וואס קאן זיך דעריבער פארקאפריזען, האט מען זיך געדארפט איילן, כדי צו בא־ווייזן אי דא אי דארטן. צוליב אט די אלע טעמים, האט ער בא־שלאסן צו פארקירצן דעם וועג און גיין דורך די הינטער־געסלאך, און אט די אלע וועגן האט ער געוואוסט אין שטעטל, ווי זיינע פינף

פינגער. גיין דורך הינטן־ארום, האט געהייסן, גיין אָן א וועג כמעט, פארביי פוסטע פארקאנס, אפטמאל אריבערצוקריכן אפילו איבער פרעמדע פלייטן, אויסמיידנדיק פרעמדע הויפן, וואו יעדערער האט אים אגב געקענט און יעדערער פלעגט אים גריסן. מיט אט דעם וועג וואלט ער געקאנט ארויסקומען אף דער גרויסער גאס אין צוויי מאל גיכער. דא, אין איין ארט, איז אים אויסגעקומען אפילו צו פארבייגיין זעער נאהנט פארביי דעם טאטנס שטוב, טאקע פארביי דעם שכנישן סאד, וואס האט זיך געגרעניצט מיטן טאטנס און וואס האט געהערט צו אן אלטער, קלייניקער און אויסגעקרימטער שטי־בעלע מיט פיר פענסטערלאך. געהערט האט די דאזיקע שטיבעלע, ווי אַליאָשען איז געווען באוואוסט, איינער א מעשטשאנקע פון שטעטל, אן אלטעטשקער אָן פיס, וואס האט געלעבט אינאיינעם מיט איר טאכטער, א געוועזענער ציוויליזירטער שטובמיידל אין דער הויפט־שטאט, וואס איז נאך גאר ניט לאנג געווען אף ערטער כסדר בא גענעראלן, און איז איצטער, צוליב דער אלטעטשקעס קראנקייט, שוין בא א יאָר צייט ווי געווען אינדערהיים און געלעבט א טאג אין אירע פיינע קליידער. אט די אלטעטשקע מיט איר טאכטער זיינען, בדרך אגב, געווארן ארים און וואוינענדיק דערביי פלעגן זיי אפילו גיין יעדן טאג צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן אין קיך נאך זופ און נאך ברויט. מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ פלעגט זיי געבן מיט שמחה. אבער די טאכ־טער, וואס פלעגט גיין נאך די זופ, האט פון אירע קליידער קיין איינע ניט פארקויפט, און איין קלייד איז אפילו געווען מיט א גוואל־טיק לאנגן עק. די דאזיקע מעשה האט זיך אַליאָשאַ דערוואוסט גאר צופעליק, פארשטייט זיך, פון זיין פריינד ראַקיטינען, ווער עס האט געוואוסט ממש אלץ, וואס עס טוט זיך אין זייער שטעטל, האט זיך דערוואוסט, און גלייך, נאטירלאך, פארגעסן אן דעם. נאר איצטער, אדורכגייענדיק האַרט פארביי דער שכנהס סאד, האט ער זיך מיטא־מאל גראד דערמאנט אן דעם דאזיקן עק, האט האסטיק געגעבן א הויב דעם איינגעבויגענעם און פארטראכטן קאפ און . . . האט זיך פלוצים אָנגעשטויסן אף אַ סאמער אומגעריכטער באגעגעניש.

הינטערן פלייט בא די שכנים אין סאד איז, ארויפקריכנדיק אף

עפעס, געשטאנען, ארויסגעשטעלט די גאנצע ברוסט, דער ברודער זיינער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש און מיט די גאנצע כּחות געמאכט צו אים מיט די הענט, גערופן אים און געוואונקען, אפּנים מורא האבנדיק ניט נאר וואס א געשריי טאן, נאר זאגן אפילו א ווארט אינדערהויך, כּדי מ'זאל ניט דערהערן. אַליאָשאַ איז די רגע צוגעלאפן צום פּלייט.

— גוט וואס דו האסט זיך אליין ארומגעקוקט, איך האב שוין שיר ניט געוואלט א געשריי טאן צו דיר, — האט מיט שמחה און אימפּעט א שעפּטשע געטאן צו אים דמיטרי פיאָדאָראָוויטש. — קריך אהער! געשווינט! אך, ס'ארא גליק, וואס דו ביזט געקומען. איך האב נאר־וואס געטראכט וועגן דיר...

אַליאָשאַ איז אליין אויך געווען צופרידן און ס'איז אים נאר געווען קשיאדיק, ווי אזוי ער זאל אריבערקריכן איבערן פּלייט. נאר „מיטיאַ" האט מיט א האנט פון אן איש חיל א כאפּ געטאן אים אונטערן עלנבויגן און געהאלפן געבן דעם שפּרונג. ארויפגעקאשערט זיין לאנגע ריזע, האט אַליאָשאַ אזוי קונציק געגעבן א שפּרונג אט ווי א קונדס אן אינגל פון שטאט.

— נו, איז הוליע טאקע, קום! — האט זיך מיט א התפּעלותדיקן שעפּטשען ארויסגעריסן בא מיטיען.

— וואוהין דען? — האט אַליאָשאַ אויך געשעפּטשעט, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן און דערזען פאר זיך א לחלוטין פּוסטן סאד, וואו אויסער זיי ביידן איז קיינער נישט געווען. דער סאד איז געווען א קליינינקער, נאר דאס שטיבל, צו וועמען ער האט געהערט, איז פונדעסטוועגן געשטאנען פון זיי ניט נעהנטער, ווי בא א פופציק טריט. — דא איז דאך קיינער נישטא, טא וואס זשע שעפּטשעסטו?

— וואס איך שעפּטשע? אך, צו אלדי רוחות, — האט מיטאמאל ארויסגערופן דמיטרי פיאָדאָ־אָוויטש מיט א פולער שטים, — איז וואס זשע שעפּטשע איך? נו, אט, דו זעסט אליין, וואס פאר א פלאנטער עס קאן מיטאמאל ארויסקומען. איך בין געקומען אהער על פּי סוד און איך היט דא אפּ א סוד. איכ'ל דיר באלד דערקלערן, איז פארשטייענדיק, אז ס'איז א סוד, האב איך אנגעהויבן צו רעדן אויך ווי בא א סוד, און איך שעפּטשע ווי א שוטה, בשעת מ'דארף דאס גאר ניט. קום! אט

אהינצו! אָבער ביז דארטן שווייג׳ א קוש טאן וויל איך דיך!
געלויבט דער אויבערשטער אין הימלען׳
געלויב דער אויבערשטער אין מיר!..

איך האב דאס אקארשט׳ איידער דו ביזט געקומען׳ געזאגט דאס פאר זיך זיצנדיק דא...

דער סאד איז געווען די גרויס בא א דעסיאַטינע אדער עפעס מער׳ נאר באפלאנצט מיט ביימער מער ניט ווי ארום און ארום׳ פאזע די פיר פארקאנס׳ — מיט עפלביימער׳ קליאן׳ לינדנביימער׳ בעראזעס׳ דער מיטן פון סאד איז געווען פוסט — א לאנקעלע׳ וואו מ׳פלעגט זומער אפשניידן עטלאכע פוד היי׳ דעם סאד פלעגט די באלעבאסטע שוין אין פרילינג פארדינגען פאר עטלאכע רובל׳ עס זיינען געווען בייטן מיט מאלינעס אויך׳ מיט אגרעסן׳ ווײמפּערלאך׳ אלץ ארום די פארקאנס; בייטלאך מיט גרינס לעבן סאמע שטוב׳ אגב ערשט ניט לאנג געמאכט׳ דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האט געפירט דעם גאסט אין אן עק סאד׳ וואו איז דער סאמער ווייטסטער פון שטוב. דארטן׳ צווישן געדיכטע לינדנביימער און אלטע קוסטעס פון ווײמפּערלאך׳ בוזינעס, קאלינעס און סירען׳ האט זיך מיטאמאל ארויסגעזען ווי עפעס אן איבערבלייבס פון א פארצייטיקן גרינעם זומער־ביידל׳ וואס איז שוין געווארן שווארץ און אויסגעקרימט׳ מיט געפלאכטענע ווענטלאך׳ מיט א דעכל׳ וואו מ׳האט נאך געקאנט אויסבאהאלטן זיך פון א רעגן׳ דאס ביידל האט מען געבויט דער לעבעדיקער ווייס ווען׳ ווי מ׳גיט איבער׳ מיט א פופציק יאר צוריק׳ עפעס א געוויסער אַלעקסאַנדער קאַרלאָוויטש פאָן־שמידט׳ א געוועזענער פאדפּאָלקאווניק. וועמען עס האט דעמאלט געהערט דאס דאזיקע שטיבל׳ נאר אלץ איז שוין פארפוילט געווארן׳ דער בריק צעפוילט׳ די אונטערשטע ברעטער האבן זיך געשאקלט׳ און פונ׳ם האלץ האט זיך געהערט פייכטקייט׳ אין דעם ביידל איז געשטאנען א הילצערנער גרינער טיש׳ איינגעגראבן אין דער ערד׳ און אַרום אים זיינען געשטאנען בענקלאך׳ אויך גרינע׳ אף וועלכע מ׳האט נאך געקאנט זיצן. אַליאָשאַ האט תיכף באמערקט דעם ברודערס געהויבענע שטימונג׳ נאר ארייננגייענדיק אין ביידל׳ האט ער דערזען אפן טישל א האלבע קווארט קאניאק און א גלעזל.

— דאס איז קאניאק! — האט זיך פאנאנדערגעלאכט מיטיאַ — און דו טראכסט שוין: „ער שיכּורט ווייטער?‟ נישט גלויב קיין פאנטאמען.

נישט גלויב דעם פוסטן פאלשן עולם,
דיינע צווייפלונגען פארגעס.

איך שיכּור נישט, נאר „איך נאש‟, ווי עס זאגט דער חזר דיינער ראַקיטין, וואס וועט זיין א מלוכה־ראָטמאן און וועט אלץ זאגן „איך נאש‟. זעץ זיך. איך וואלט דיך גענומען, אַליאָשקאַ, און צוגעדריקט צום הארצן, אבער אזוי, אז צום דערשטיקן, ווארים אף דער גאנצער וועלט ... אף צו־נ־אמת ... אף־צו־נ־א־מת ... (הער זיך צו! הער זיך צו!) האב איך ליב נאר דיך אליין!

ער האט ארויסגערעדט אָט די לעצטע שורהלע ווי אין עפּעס א ווילדקייט כּמעט.

— דיך אליין, און נאך איינע א „נידערטרעכטיקע‟, אין וועמען איך האב זיך פארליבּט, און דערמיט בין איך פארלארן. נאר פארליבּן זיך הייסט נאך ניט ליב האבן, פארליבּן זיך קאן מען אויך האַסנדיק. געדיינק! לעת עתּה רעד איך לעבּעדיק! זעץ זיך אט א דא לעבּן טיש, און איך אט א דא בּיים זייט, איכ׳ל קוקן אף דיר, און וועל כּסדר רעדן. דו וועסט כּסדר שווייגן, און איך כּסדר רעדן, ווארים ס׳איז געקומען דער זמן. נאר דו ווייסט, כ׳האב זיך איבּעריגנס באטראכט, אז מ׳דארף בּאמת רעדן שטיל, ווארים אט דא ... אט דא ... קאנען ארויסוואקסן גאר אומגעריכטע אויערן. איכ׳ל אלץ קלאר מאכן, כ׳האב געזאגט, אז דער המשך קומט. פארוואס איך האב זיך געריסן צו דיר, פארוואס איך האב אויסגעקוקט איצטער אף דיר, אט די גאנצע טעג, און איצטער אויך? (איך האב שוין דא פון פינף טעג ווי פארווארפן מיין אַנקער). אט די גאנצע טעג? ווייל איכ׳ל פאר דיר אליין אלץ זאגן, ווייל מ׳דארף, ווייל מ׳דארף דיך האבן, ווייל מארגן פלי איך פון די וואלקנס, ווייל מארגן וועט זיך דאס לעבּן ענדיקן און אנהייבּן. האסטו ווען־עס־איז געשפּירט, האסטו געזען אין חלום, ווי מ׳פאלט פון א בּארג אין א גרוב? איז אט פלי איך איצטער ניט אין חלום. און כ׳האב ניט מורא, און דו האב אויך ניט מורא. דאס הייסט איך

האב מורא, אבער ס'איז א מתיקות. דאס הייסט ניט קיין מתיקות, נאר א התלהבות . . . ס'א דאגה, צו אלדי רוחות, אלץ איינס, וואס עס זאל ניט זיין. א שטארקער גײַסט, א שוואכער גײַסט, א ווייבערשער גײַסט, — וואס עס זאל ניט זיין! לאמיר לויבן די נאטור: זעסט זון וויפל עס איז, ס'ארא הימל א קלארער, אלע בלעטער זיינען גרין, נאך גאר זומער, די פערטע שעה נאך האלבן טאג, א שטילקייט! וואוהין ביזטו געגאנגען?

— איך בין געגאנגען צום טאטן, נאר פריער האב איך געוואלט פארגיין צו קאטערינא איוואַנאָווגען.

— צו איר און צום טאטן! אוי! א צופאל! ווארים צוליב וואס האב איך דען דיך גערופן, צוליב וואס האב איך געוואלט, צוליב וואס האב איך געלעכצט און געגארט מיט אלע קנייטשן פון מיין נשמה און מיט דעם גאנצן לייב און לעבן? כדי איך זאל דיך שיקן טאקע צום טאטן, און דערנאך צו איר אויך, צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, און דערמיט פארענדיקן סײַ מיט איר סיי מיטן טאטן. שיקן א מלאך. איך וואלט געקאנט יעדן איינציקן שיקן, איך האב אבער געדארפט שיקן א מלאך. און אט גייסטו דאס צו איר אליין און צום טאטן אויך.

— נישיים זע האסטו מיך טאקע געוואלט שיקן? — האט זיך בא א קריינקלאכן אויסדרוק אפן פנים ארויסגעריסן בא אליאָשן.

—ווארט, דו האסט דאס געוואוסט. און איך זע, אז דו האסט אלצדינג מיט איין מאל פארשטאנען. נאר שווייג, דערווייילע שווייג, בא־קלאג ניט און וויין ניט!

דמיטרי האט זיך אויפגעהויבן, האט זיך פארטראכט, און צו־געלייגט א פינגער צום שטערן.

— זי האט דיך אליין גערופן, האט דיר געשיקט א בריוו, צי וואס, דערפאר ביזטו דאס צו איר געגאנגען, ווארים א ניט וואלסטו דען געגאנגען?

— אט איז א צעטעלע, — האט אַליאָשאַ ארויסגענומען פון קעשענע, מיטיאַ האט אים האסטיק דורכגעלייענט.

— און דו ביזט דאס געגאנגען דורך די הינטער־געסלאך! אָ, גאט! איך דאנק דיר, וואס דו האָסט אים געהייסן גיין הינטן־ארום

און ער איז צו מיר אריינגעפאלן, ווי דאס גאלדענע פישעלע יענעם אלטן נאַר דעם פישער אין דער מעשהלע. הער, אַליאָשאַ, הער, ברודער, איצטער בין איך שוין גרייט אלצדינג צו זאגן. ווארים כאטש פאר וועמען עס איז דארף מען דאך זאגן. פאר דעם מלאך אפן הימל האב איך שוין געזאגט, דארף מען נאך זאגן פאר דעם מלאך אף דער ערד. דו ביזט דער מלאך אף דער ערד. דו וועסט אויסהערן, דו וועסט אפ־וועגן און דו וועסט מוחל זיין . . . און אט דאס טאקע דארף איך, אז עס זאל מיר עמיצער א העכערער מוחל זיין. הער: ווען צוויי מענטשן רייסן זיך מיטאמאל אוועק פון דעם גאנצן ערדישן לעבן און פליען אוועק אין דאס אומגעוואוינלאכע, אדער איינער פון זיי וועניקסטנס, און פאר דעם, פארן אוועקפליען אדער פאר דעם אונטערגיין, קומט ער צו גיין צום צווייטן און זאגט צו אים: טו מיר דאס און דאס, אזוינס, וואס מ׳בעט בא קיינעם ניט, קיינמאל אין לעבן, נאר וואס מ׳קאן מער ניט בעטן ליגנדיק אפן גסיסה-בעט, — נישיים זע וועט דאס יענער ניט טאן! ווען ער איז א פריינד, ווען ער איז א ברודער?

— איך וועל טאן, זאג נאר וואס דאס איז, און זאג אף גיכער, — האט זיך אנגערופן אליאָשאַ.

— אף גיך . . . המ. אייל זיך נישט אַליאָשאַ; דו איילסט זיך און דו האסט מורא. איצטער איז נישטא וואס צו איילן זיך. איצטער איז די וועלט ארויס אף א נייער גאס. אך, אליאָשאַ, א שאָד, וואס דו ביזט ניט דערגאנגען אין דיינע רעיונות ביז צו התלהבות! נאר איבעריגנס וואס זאג איך דאס אים? דו ביזט דאס ניט דערגאנגען! וואס פאר א פרא אדם איך בין, אז איך זאג:

„זיי אידל, מענטש!"

ווערס פערז איז דאס?

אַליאָשאַ האט באשלאסן צו בלייבן. ער האט פארשטאנען, אז אלץ וואס ער האט צו טאן איז טאקע באמת, אפשר זיין נאר אט דא איצט. מיטיאַ האט אף א ווײלע זיך פארטראכט, אנשפארנדיק דעם עלנ־בויגן אן טיש און אראפהענגענדיק דעם קאפ אף דער דלאניע. ביידע האבן געשוויגן א ווײלע.

— ליאָשאַ, — האט זיך אנגערופן מיטיא, — דו נאר אליין וועסט

נישט לאכן! איך וואלט געוואלט אנהייבן . . . מיין וידוי . . . מיט א הימן צו שיללערס An die Freude! נאר אף דייטש קען איך נישט, איך ווייס מער ניט, אז עס הייסט An die Freude. מיין ניט אויך, אז דאס פלאפּל איך פון שיכּרות, אינגאנצן ניט פון שיכּרות, קאניאק איך זיך קאניאק, איך דארף אבער האבן צוויי קווארט, אף שיכּור צו ווערן, —

און סילען דער רויטער גבור
אַף דעם אייזעלע, וואָס פאלט,

און איך האב אפילו קיין פערטל קווארט נישט אויסגעטרונקען און איך בין ניט סילען, איך בין נישט סילען, נאר איך בין סיליאָן,*) ווארים איך האב זיך פארגענומען א זאך אף אויביק, זיי מיר מוחל דעם פלאפלען, דו דארפסט מיר היינט א סך זאכן מוחל זיין, ניט נאר וואס דעם פלאפלען, האב קיין מורא ניט, איך רעד ניט סתם, איך רעד צו דער זאך און איך גיי תיכּף צו צו דער זאך. כ'וועל נישט מאכן קיין אידישע שטיק, וואָרט, ווי איז דאס דארטן . . .

ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ, זיך פארטראכט און האט מיט־אמאל אנגעהויבן מיט התלהבות:

„ציטערדיק אין פעלזנהוילן
איז געקראכן טראגלאדיט,
און עס בלייבן דאר די פעלדער,
וואו ער שטעלט זיין וואנדער־טריט.
מיטן ווארף־שפּיז, מיטן בויגן
שפּרייזט דער יעגער דורכן לאנד;
ווי צום פרעמדן, וואס די כוואליעס ברענגען
צו א פרעמדן שטראנד!

זוכנדיק איר פראזערפינען
בלאנדזשעט מוטער צערעס אום,
קומט צו די פארלאזטע ברעגעס,
אך, זיי ליגן ליידיק, שטום!

*) „סיליאָן" אַף רוסיש „שטאַרק".

און קיין ווינקל אויסצורוען,
קיין שטיל אבדאך איז ניטא,
עס באווייזט קיין איינציק היכל,
אז מ'הייליקט געטער דא.

און קיין פירות, זיסע זאנגען
זיינען ניט צום מאלצייט גרייט,
נאר אף שרעקלאכע מזבחות
ביינער מענטשלאכע צעשפרייט.
און א וואו זי איז געגאנגען
האט זי טרויעריק געזען,
ווי דער מענטש איז טיף געפאלן
אין זיין עלנדקייט געוועז".

א שטארקער יאמער האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן פון מיטיעס ברוסט. ער האט א כאפ געטאן אַליאָשען פאר דער האנט.

— פריינד, פריינד, געפאלן, געפאלן איצט אויך. זעער פיל דארף אויסשטיין דער מענטש אף דער וועלט, זעער פיל צרות האט ער! ניט מיין, אז איך בין מער ניט ווי א חמור מיטן טשין פון אן אפיצער, וואס טרינקט קאניאק און איז אן אויסוואורף. איך טראכט, ברודער, כמעט נאר וועגן דעם, וועגן דעם געפאלענעם מענטשן, אויב איך זאג נאר ניט קיין ליגן. איך וואלט נאר וועלן איצט נישט צו זאָגן קיין ליגן און זיך אליין נישט צו באַרימען. איך טראכט דעריבער וועגן אָט דעם מענטשן, איך אליין בין אַזאַ.

„אז דער מענטש זאָל פון זיין שפלות
זיך דערהייבן קאָנען פריי,
גיט ער זיך דער ערד מאַמען
איבער אויביק און געטריי".

נאר אט וואס: ווי אזוי וועל איך זיך איבערגעבן דער ערד אף אויביק? איך קוש ניט די ערד, און שנייד ניט אויף איר די ברוסט; זאל איך ווערן א פויער אדער א פאסטאך? איך גיי און איך ווייס ניט, צי ב ן איך ארייגעפאלן אין עיפוש און אין שמוץ, צי אין ליכט

און אין פריידי אט וואו עס איז דאס אומגליקי ווארים אלץ אף דער וועלט איז א רעטעניש! און אז עס פלעגט מיר אויסקומען אראפלאזן זיך אין דעם סאמןי אין דעם סאמן טיפסטן שמוץ פון אויסגעלאסנקייט (און נאר דאס פלעגט דאך מיר אויסקומען)י פלעג איך תמיד לייענען אט דעם שיר וועגן צערערען און וועגן דעם מענטשןי פלעגט דאס מיך אויסבעסערן? קיינמאל ניט! ווארים איך בין א קאראמאזאָווי ווארים קוים פלי איך שוין צום אפגרונטי פלי איך שוין גלייךי מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויףי און איך האב אפילו הנאהי וואס איך פאל דווקא אין אזא דערנידערנדיקער לאגע און איך האַלט דאס פאר א שיינקייט פאר זיךי און גראד אינמיטן פון דעם דאזיקן שמוץ הייב איך אן א הימןי לאז זיין איך בין א פארשאלטענערי לאז זיין איך בין א נידעריקער און א נידערטרעכטיקערי נאר לאמיך אויך קושן דעם זוים פון יענעם בגדי אין וועלכן עס הילט זיך איין מיין גאט; לאז זיין אפילוי אז איך גיי נאך אין דער זעלביקער שעה מיטן טייוול, אבער איך בין פארט דיין זון אויךי גאטעניוי און איך האב דיך ליב, און איך שפיר א פריידי אָן וועלכער די וועלט וואלט נישט געהאט קיין קיום.

„פרייד דאָס איז די שטאַרקע פעדער
אין דער אויביקער נאַטור;
פרייד נאָרי פרייד נאָר דרייט די רעדער
אין דער גרויסער וועלטן־אורי
בלומען וועקט זי פון די שפּראָצןי
צינט אין הימלען זונען אָן;
און צעוואַרפט אין חלול וועלטןי
וואָס קיין אויג דערגרייכן קאָןי

אַלץי וואָס עטעמטי טרינקט די חדוה
פון די ברוסטן פון נאַטור;
און דאָס גוטעי און דאָס בייזע
ציט זיך צו איר רויזיק־שפורי
קושן האָט זי אונז געגעבןי
פריינדי דערהויבנקייט און ווײַן;

האָט געגעבן ווערים תּאוה׳
און געלאָזט דעם מלאך ריין״.

אבער זאל זיין געגוג פערזן! איך האב פארגאסן טרערן׳ און לאז מיך וויינען א ביסל. זאל דאס זיין א נארישקייט. פון וועלכער אלע וועלן לאכן׳ אבער דו ניט. אט ברענען בא דיר אויך די אויגעלאך. זיין גענוג פערזן׳ איך וויל דיר איצט זאגן וועגן די „ווערים״׳ אט וועגן יענע׳ וואס גאט האט זיי ארייגגעגעבן תּאוה:

„האָט געגעבן ווערים תּאוה!״

איך בין דאס׳ ברודער׳ אט דער וואָרים׳ און דאס האט מען מיך דער עיקר געמיינט. מיר אלע קאַראַמאַזאָווס זיינען אזוינע׳ און אין דיר׳ דעם מלאך, לעבט אויך אט דער דאזיקער וואָרים׳ און הייבט אויף שטורימס אין דיינע בלוטן! דאס זיינען — שטורימס׳ ווארים תּאוה׳ — איז א שטורים׳ נאך מער ווי א שטורים! שיינ־קייט — דאס איז א מורא און א שרעק! א מורא׳ ווארים ס׳איז אומבאשטימט׳ און באשטימען קאן מען ניט׳ ווארים גאט האט פאר־געבן איינע רעטענישן׳ דא גייען זיך צונויף די ברעגעס׳ דא הויזן אלע סתירות. איך בין׳ ברודער׳ גאר ניט קיין געבילדעטער׳ נאָר איך האב שוין א סך וועגן דעם געטראכט. גוואלטיק פיל סודות! צופיל רעטענישן דריקן אונטער דעם מענטשן אף דער ערד. טרעף א רע־טעניש׳ אז דו זאלסט ארויסקריכן א טרוקענער פון וואסער. שיינ־קייט! דערביי קאן איך נישט אריבערטראגן׳ וואס אן אנדער מענטש׳ אפילו מיט א העכערן הארצן און א בעל שכל הייבט אן מיטן אידעאל פון דער מאדאנע׳ און ענדיקט מיטן אידעאל פון סדום. נאר שרעק־לאַכער איז אבער׳ אז ווער עס האט שוין דעם אידעאל פון סדום אין הארצן און ווארפט אויך ניט אפּ דעם אידעאל פון דער מאדאנע׳ און עס ברענט פון דעם זיין הארץ׳ ברענט אויפריכטיק׳ אויפריכטיק׳ ווי אין די יונגע אומבאפלעקטע יארן׳ ניין׳ דער מענטש איז ברייט׳ שוין אפילו צו ברייט׳ איך וואלט אים פארשמעלערט. ווייס דער טייוול׳ וואס דאס איז אזוינס׳ אט וואס! וואס עס קומט אויס פאַרן שכל הישר פאר א שאנדע׳ דאס איז פארן הארצן תּמיד א שיינקייט. באשטייט אין סדום די שיינקייט? גלויב׳ אז גראָד אין סדום

איז זי פאר דעם גרעסטן רוב מענטשן, — האסטו געוואוסט אט דעם סוד צי ניט? מוראדיק איז דאס, וואס די שיינקייט איז ניט נאר א שרעקלאכע, נאר אויך א סודות־פולע זאך. דארט ראנגלט זיך דער שטן מיט גאט, און דאס שלאכט־פעלד — זיינען די מענטשנס הערצער. נאר איבעריגנס וואס וועמען עס טוט וויי פון דאס רעדט ער. הער, איצט קום איך צו דער זאך גופא.

## IV

## א וידוי פון א פלאַמיק הארץ. אין אַנעקאָדאטן

— איך האב דארטן געהוליעט. פריער האט דער טאטע געזאגט, אז איך פלעג צאלן צו עטלאכע טויזנטער פאר פארפירן מיידלאך. דאס איז א חזירשער שקר און קיינמאל איז דאס ניט געווען, וואס עס איז אבער יע געווען, האט מען אייגנטלאך „אף דעם" קיין געלט נישט גע־דארפט. בא מיר איז געלט — א נעבן־זאך, דער ברען פון דער נשמה, די סביבה, דאס איז דער עיקר. היינט איז זי מיין דאמע, מארגן איז אף איר ארט א גאסן מיידעלע. סיי די סיי יענע מאך איך לוסטיק, געלט ווארף איך הויפנווייז, מיט מוזיק, מיט א ליארם, מיט ציגיינערס. אז מ'דארף, גיב איך איר געלט אויך, ווארים מ'נעמט מיט חשק, דאס דארף מען מודה זיין, און זיי זיינען צופרידן, זיי זיינען דאנקבאר. דאמאטשקעס האבן מיך האלט געהאט, ניט אלע, נאר ס'איז געווען, גע־ווען; איך האב אבער שטענדיק האלט געהאט די געסעלאך, די טויטע און פינסטערע ווינקעלאך, הינטערן פלאץ, — אט דארטן קאן זיך עפעס מאכן, אט דארטן איז אן ארט פאר אן אומגעריכטער זאך, דארטן ליגן אוצרות אין בלאטע. איך רעד, ברודער, אַלעגאָריש. בא אונז אין שטעטל זיינען אזוינע גשמיותדיקע געסעלאך נישט געווען, אבער רוחניותדיקע זיינען יע געווען. נאר ווען דו וואלסט געווען דער איי־גענער וואס איך, וואלסטו פארשטאנען, וואס זיי באטייטן. איך האב האלט געהאט אויסגעלאסנקייט, איך האב האלט געהאט אויך די שאנדע

פון דער אויסגעלאסנקייט. איך האב האלט געהאט די אכזריות: בין איך דען ניט קיין וואנץ, קיין בייזע אונפלייט? אז מ'זאגט — א קאַראַמאַזאָוו! איין מאל האט גאנץ שטעטל געמאכט א פיקניק, מ'איז אוועקגעפארן אף זיבן טראיקעס; אין דער פינצטער — ווינטער איז דאס געווען — זיצנ־דיק אין שליטן, האב איך אנגעהויבן צו דריקן א הענטעלע פון א מיידעלע, וואס איז געזעסן לעבן מיר, און געגנויט אט דאס מיידעלע נעבאך צו קושן זיך, זי איז א טשינאווניקס א טאכטער, א ליבינקע, א מילדע, א שטילע. זי האט דערלויבט, זי האט א סך זאכן דערלויבט אין דער פינצטער. האט געמיינט, נעבאך, אז איך וועל קומען אף מארגן און וועל אנבאטן די האנט (ווארים מ'פלעגט דאך מיך דער עיקר האלטן פאר א חתן); און איך האב מיר נאכדעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט מיט איר, פינף חדשים ניט אויסגערעדט קיין האלבן ווארט. איך פלעג זען, ווי מ'קוקט אף מיר פון עק זאל, ווען מ'פלעגט טאנצן (און בא אונז האלט מען דאך אין איין טאנצן), פלעג זען די אויגעלאך אירע, געזען ווי זיי פלעגן ברענען מיט א פייערל — מיט א פייערל פון א מילדן האס. דאס דאזיקע שפיל פלעגט נאר הנאה טאן די תאוה פון דער בייזע אונפלייט, וואס איך האב געהאדעוועט אין זיך אין פינף חדשים ארום האט זי חתונה געהאט מיט א טשינאווניק און איז אוועקגעפארן.. מיט כעס און נאך אפשר אלץ ליב האבנדיק. איצט לעבן זיי גליקלאך. דו דארפסט וויסן זיין, אז איך האב קיינעם גארנישט ניט געזאגט, איך האב קיינעם נישט בארעדט; כאטש אפילו איך בין נידעריק לויט די פארלאנגען מיינע און איך האב ליב די נידעריקייט, אבער אומארנטלאך בין איך נישט. דו ווערסט רויט, בא דיר האבן א גלאנץ געטאן די אויגעלאך. זיין גענוג פאר דיר אט די שמוץ. דאס איז דאך אבער נאך אלץ מער ניט אזוי צו זאגן די פאל־דע־קאק־בלימעלאך, הגם די בייזע אונפלייט איז שוין געוואקסן, איז שוין פאנאנדערגעוואקסן זיך אין נשמה. דא, ברודער, איז א גאנצער אלבאם זכרונות. זאל זיי דער אויבערשטער, די ליבינקע, געבן געזונט. איך האב האלט געהאט, ביים איבעררייסן, ניט צו קריגן זיך. און האב קיינמאל נישט ארויסגעגעבן, קיין מאל קיין איינע נישט בארעדט. נאר זיין גענוג. נישיים זע האסטו געמיינט, אז איך האב דיך נאר אף אט דעם שמוץ פאררופן

אהער? ניין, איך וועל דיר א שענערע מעשה דערציילן; נאר וואונדער זיך ניט, וואס איך שעם זיך נישט פאר דיר, און וואס איך בין אפילו אזוי ווי צופרידן.

— דאס זאגסטו דערפאר, ווייל איך בין רויט געווארן, — האט פלוצים אנגערופן זיך אַליאָשאַ. — איך בין נישט געווארן רויט פון דיינע ווערטער און נישט פון דיינע מעשים, נאר דערפון, וואס איך בין אויך דער זעלביקער וואס דו.

— דו? נו, האסט א ביסל צו ווייט א כאפ געטאן.

— ניין, ניט צו ווייט, — האט א זאג געטאן מיט היץ אַליאָשאַ (קענטיק, אז ער האט זיך שוין פון לאנג ארומגעטראגן מיט דעם דאזיקן געדאנק), — דאס זיינען אלץ די אייגענע און די זעלביקע טרעפלאך. איך בין אף דער סאמער נידעריקסטער, און דו ביזט אינדערהויך, ערגעץ אף דער דרייצנטער. איך קוק אזוי אף אט דער זאך, אבער דאס איז איין און דאס זעלביקע, לחלוטין גלייך. ווער עס איז ארויף אף דעם אונטערשטן טרעפל, דער וועט שוין אלץ איינס ארויף זיכער אף דעם אויבערשטן אויך.

— דארף מען, אף אזא אופן, אינגאנצן ניט ארויפגיין?

— ווער עס קאן — אינגאנצן ניט ארויפגיין.

— און דו קאנסט?

— דאכט זיך, ניט.

— שוויג אַליאָשאַ, שוויג, טייערער, עס ווילט זיך מיר דאס הענטעלע דיינס א קוש טאן, אזוי, פאר התלהבות. אט דער גנב גרושענקאַ קען זיך גוט אף מענטשן, זי האט מיר אנומלט געזאגט, אז זי וועט דיך וועט עס איז אויפעסן... נאר איך שוויג, איך שוויג! פון די נבלות, פון דעם פעלד, וואס איז פארשמוצט מיט פליגן, וועלן מיר איבערגיין צו מיין טראגעדיע, אויך אף א פעלד, וואס איז פארשמוצט מיט פליגן, דאס הייסט מיט כל האומווירדיקייט. די מעשה איז די, וואס כאטש אפילו דער אלטער האט געלייגט, אז איך האב פארפירט אומשולדיקע, אבער אין תוך, איז אין דער טראגעדיע מיינער, דאס טאקע געווען, כאטש ס'איז מער ניט ווי איין מאל געווען, און דאס אויך ניט צושטאנד געקומען. דער אלטער, וואס האט מיר אויפגעווארפן אזעלכע

זאכן, וואס זיינען קיינמאל ניט געווען, ווייס ניט פון אט דער מעשה: איך האב דאס פאר קיין איינעם קיינמאל ניט דערציילט, פאר דיר וועל איך דאס איצטער דערציילן פאר דעם ערשטן, א חוץ איוואַנען, פארשטייט זיך, איוואַן ווייס פון אלץ. ער ווייס שוין פון לאנג נאך פריער פאר דיר. איוואַן אבער — איז אן אייזערנע קאסטן.

— איוואַן — איז אן אייזערנע קאסטן?

— יע.

אַליאָשאַ האט געהערט מיט קאפ.

— כאטש איך בין געווען אפילו אין דעם ליניי־באטאליאן א פראפארשטשיק, בין איך אבער געווען אלץ אײנס ווי אונטער א שמירה, ווי א מין א פארשיקטער. אבער שטעטל פלעגט מיך אויפנעמען מוראדיק גוט. מיט געלט האב איך זיך געווארפן, מ׳האט געגלויבט, אז איך בין רייך, איך גופא האב דאס אויך געגלויבט. נאר איבעריגנס האב איך מסתמא בא זיי מיט נאך עפעס אויך אויסגע־נומען. מ׳פלעגט אפילו צו־שאקלען מיט די קעפ, אבער מ׳האט מיך באמת האלט געהאט. דער פאדפאלקאווניק מיינער, שוין אן אלטער מאן, האט מיך מיטאמאל פיינט געקראגן. רק ער פלעגט זיך בינדן צו מיר, נאר איך האב געהאט א צד, דערצו האט נאך גאנץ שטאט געהאלטן פאר מיר, האט מען זיך צו שטארק נישט געקאנט בינדן. שולדיק בין איך אליין אויך געווען, איך פלעג אליין מיט א כיוון ניט אפגעבן דעם געהעריקן דרך ארץ. זיך גרויס געהאלטן. דער דא־זיקער אלטער עקשן, וואס איז געווען גאר ניט קיין נארישער מענטשל און אן אמתער גוטער ברודער, האט געהאט אמאל צוויי ווייבער, ביידע זיינען געשטארבן. די ערשטע חייב איז געווען עפעס פון פראסטן יחוס און איבערגעלאזן אים א טאכטער, אויך א פראסטע. געווען איז זי שוין אין מיין צייט א מויד פון א יאר פיר און צוואנציק און האט אינאיינעם מיט אירער א מומען, דער מאמעס א שוועסטער, געלעבט ביים טאטן. די מומע — דאס איז געווען די שהייגעוודיקע פשוטקייט אליין, און איר פלימעניצע, אלזא דעם פאד־פאלקאווניקס עלטערע טאכטער, — די לעבנס־פולע פשוטקייט. אז איך דערמאן זיך, האב איך ליב צו זאגן א גוט ווארט: איך האב

קיינמאָל׳ מיין ליבינקער׳ נישט געקענט קיין פיינערן כאראקטער פון א פרוי׳ ווי אט דער מיידלס׳ אַגאַפּיאַ האט מען זי גערופן׳ שטעל זיך פאר׳ ווי אַגאַפּיאַ איוואַנאָוונעס כאראקטער׳ און זי איז גאר ניט געווען קיין נארישע אויך׳ אין רוסישן גוסט — א הויכע׳ א שטארקע׳ מיט א פולן קערפער׳ מיט שיינע אויגן׳ דאס פנים׳ אמת׳ א ביסל א גראבלאכער׳ זי האט נישט חתונה געהאט׳ הגם צווייען האבן זיך פאר איר געשדכנט׳ האט אבער אפגעזאגט און ניט פארלארן די יוגנט. צונויפגעקומען בין איך זיך מיט איר — ניט אף דעם באַשטימטן אופן׳ ניין׳ דא איז געווען ריין׳ נאר אזוי׳ ווי חברים. איך פלעג דאך אפט צונופקומען זיך מיט פרויען לחלוטין אומשולדיק׳ ווי חברים. פלאפל איך מיט איר פשוט פון אסך זאכן׳ אז א שרעק! און זי לאכט נאר! אסך פרויען האבן האלט׳ אז מ׳זאל זיין מיט זיי אָפן׳ האב דאס אין זינען׳ און זי איז נאך דערצו געווען א מיידל׳ וואס עס פלעגט מיר זעער שטארק הנאה טאן׳ און נאך אָט וואס: פריילן וואלט מען זי בשום אופן נישט געקאנט רופן׳ געלעבט האט זי׳ ווי איך האב שוין געזאגט׳ מיט דער מומען ביים טאטן. עפעס מיטן אייגענעם ווילן זיך אליין קלענער געמאכט׳ ניט געגליכן זיך צו דעם גאנצן ארומיקן עולם. אלע האבן זי האלט געהאט און מ׳פלעגט זיך נויטיקן אין איר׳ ווארים א שניידערן איז זי געווען א קענערקע: א טאלאַנט געהאט׳ קיין געלט פאר דער ארבעט האט זי ניט פארלאנגט׳ פלעגט דאס מאכן פון פריינדשאפט וועגן׳ נאר אז מ׳פלעגט געבן — פלעגט זי זיך ניט אפזאגן פון צו נעמען אויך. דער פאדפאלקאווניק אבער אליין — איז גאר קיין קלייניקייט ניט! דער פאדפאלקאווניק איז געווען איינער פון די סאמע ערשטע אין שטאט. האט געלעבט ברייט׳ פלעגט אויפנעמען די גאנצע שטאט׳ מיט מאלצייטן׳ מיט טענץ׳ אז איך בין געקומען צופארן און בין אנגעקומען אין באטאליאן׳ האט גאנץ שטעטל אנגעהויבן רעדן׳ אז אינגיכן קומט אראפ צו אונז׳ פון דער הויפט־שטאט׳ דעם פאדפאלקאווניקס צווייטע טאכטער׳ א שיינקייט׳ וואס די וועלט האט ניט געזען׳ און וואס איז נאר־וואס ארויס פון אן אריסטאקראטישן אינסטיטוט אין דער הויפטשטאט. די צווייטע טאכטער — דאס איז טאקע אָט די קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ׳

דעם פאדפאלקאווניקס טאכטער פון דער צווייטער ווײַב· די צווייטע ווײַב·
זי איז שוין אויך געשטארבן· האט געשטאמט פון א יחוסדיקער· עפּעס פון
א הויכער פאמיליע פון א גענעראל· הגם קיין נדן· ווי איך ווייס
דאס בפירוש· האט זי דעם פאדפאלקאווניק אויך נישט געגעבן·
הייסט עס· זי איז געווען פון א שיינער משפחה· און ווייטער גארנישט·
סיידן עפּעס אן אויסקוק אף שפּעטער· קיין גרייטע געלט אבער
גארניט· און· פונדעסטוועגן· אז ס׳איז געקומען דאס מיידל פון אינ־
סטיטוט (זי איז געקומען צו גאסט· ניט אף אלע מאל)· האט זיך בא
אונז גאנץ שטעטל תיכּף באנייט· אונזערע העכסטע דאמען· — צוויי
גענעראלשעס· דעם פאלקאווניקס פרוי· היינט גלאט אלע· אלע נאך
זיי· האבן די שטעל אנגעהויבן מתעסק צו זיין זיך· מ׳פלעגט זי צע־
רייסן· אנגעהויבן זי צו קיכלען· זי איז געווארן די קיניגן פון די
בעלער· פון יעדן פיקניק· מ׳האט מיט צרות צונויפגעשטוקעוועט
לעבעדיקע בילדער עפּעס לטובת גובערנאנטקעס· און איך שווײַג
מיר· איך הוליע· איך האב אפגעטאן דעמאלט טאקע אזא מין מעשה,
וואס גאנץ שטאט האט אנגעהויבן צו רעדן· איך זע, זי מעסט מיך
אפּ איינמאל מיט א קוק· ביים באטאריי־קאמאנדיר איז דאס גע־
ווען· און איך בין דעמאלט ניט צוגעגאנגען צו איר: איך וויל ניט·
הייסט עס· שליסן קיין באקאנטשאפטן· צוגעגאנגען בין איך צו איר
ערשט אין א קורצע צייט ארום· אויך אף אן אוונט· כ׳האב אנגע־
הויבן רעדן· קוים וואס זי גיט א קוק· האט געמאכט א פאר־
אכטנדיקע ליפּעלאך· ווארט, טראכט איך זיך· איך וועל שוין נעמען
נקמה! א גראביאן בין איך דעמאלט דאס רוב געווען א שרעקלאכער·
און איך האב דאס אליין געשפּירט· דער עיקר אבער האב איך דאס
דערשפּירט· אז „קאטערינא" איז ניט וואס מ׳זאל זאגן, אזא אומשול־
דיקע אינסטיטוטקע· נאר איז א מענטש מיט א כאראקטער, א
שטאלצע און באמת א גוטהארציקע, אבער מער פאר אלץ א מענטש
מיט א קאפּ און א געבילדעטע· און איך בין ניט דאס· ניט יענץ·
דו מיינסט· איך האב איר געוואלט אנבאטן די האנט? קיין אנהייב
ניט· איך האב פשוט געוואלט נעמען נקמה דערפאר· וואס איך בין
אזא העלדישער יונג· און זי שפּירט דאס ניט· אבער לעת עתה הוליע

איך מיר און איך קער וועלטן. דער סוף איז געווען, אז דער פאדפאלקאווניק האט מיך אריינגעזעצט אף דריי טעג ארעסט. צו דער צייט טאקע האט מיר געשיקט דער טאטע די זעקס טויזנט רובל, נאכדעם ווי איך האב זיך פארמעל אפגעזאגט פון הכל־בכל, מיר זיינען, הייסט עס, "קוויט" און איך וועל מער גארנישט ניט פארלאנגען. איך האב דעמאלט קיין זאך ניט פארשטאנען; איך האב, ברודער, ביזן סאמע קומען אהער, ביז די לעצטע טעג אפילו, אפשר נאך ביז היינט אפילו, קיין זאך ניט פארשטאנען וועגן אט די גאנצע געלט־מחלוקת מיטן טאטן. נאר נעמט דאס דער טייוול דאס אלץ, וועגן דעם שפעטער. דעמאלט, בעת איך האב באקומען אט די זעקס טויזנט רובל, האב איך זיך מיטאמאל באצייטנס דערוואוסט פון א פריינדס א בריוו וועגן א זעער אינטעראסאנטע זאך פאר מיר, דהינו, אז מ'איז ניט צופרידן מיט אונזער פאדפאלקאווניק, אז מ'איז חושד, אז ער פירט ניט אין ארדענונג, מיט אייןווארט, אז די שונאים זיינע ווילן אים צודינען. און באלד איז טאקע אראפגעקומען דער נאַטשאלניק פון דער דיוויזיע און האט זיך גענומען אף וואס די וועלט שטייט. דערנאך, אין א קורצער צייט ארום, האט מען אים געהייסן, ער זאל זיך אנגעבן אין דעמיסיע. איך וועל דיר ניט מאריך זיין, ווי דאס איז אלץ פארגעקומען, צי ער האט באמת געהאט שונאים, נאר אין שטאט איז מען מיטאמאל געווארן זעער קאלט סיי צו אים סיי צו דער גאנצער פאמיליע, עפעס ווי אלע האבן זיי אנגעהויבן ווייכן מיטאמאל. דעמאלט האב איך דאס טאקע אפגעטאן דעם ערשטן שפיצל: איך טרעף אן אגאפיא איוואנאוונען, מיט וועמען איך בין תמיד געווען א גוטער חבר, און איך רוף זיך אן צו איר: "בא אייער פאטער פעלט דאך אבער פיר טויזנט פינף הונדערט רובל מלוכה־געלטער". "וואס איז מיט אייך, וואס רעדט איר? ניט לאנג איז געווען דער גענעראל און ס'איז געווען ביז א קאפיקע"... "דעמאלט, זאג איך, איז געווען, און איצט איז ניטא". זי האט זיך גוואלטיק דערשראקן: "שרעקט מיך ניט, איך בעט אייך, פון וועמען האט איר דאס געהערט?" "האט קיין מורא ניט, זאג איך, איך וועל דאס קיינעם ניט דערציילן, און איר ווייסט, אז אין דעם פרט קאן איך זיין שטיל, ווי א קבר, איך

האב אייך אבער געוואלט וועגן דעם מער נישט אט וואס זאגן, איך ווייס, „אף יעדן פאל״: אז מ׳וועט פאדערן בא אייער פאטער דאס געלט, די פיר טויזנט פינף הונדערט רובל, הייסט עס, און ער וועט ניט האבן, איז איידער צום געריכט, און דערנאך וועט זיך אנהייבן א מעשה מיט אוועקגיין אין סאלדאטן אף די עלטערע יארן, טא שיקט בעסער צו צו מיר דעמאלט אייער אינסטיטוטקע, אז קיינער זאל ניט וויסן, מ׳האט מיר גראד ארויסגעשיקט געלט, און איך וועל איר, א סברה, אט די פיר טויזנט קערבלאך אפקנאקן און וועל הייליק היטן דעם סוד״. „אך, זאגט זי, ס׳ארא פארך איר זייט! (אט טאקע מיט די ווערטער), — ס׳ארא מין מיאוסער פארך איר זייט! זאגט זי, און ווי אזוי דערוועגט איר זיך דאס גארן!״ זי איז אוועק מלא רציחה, און איך האב איר נאכגעשריען נאך א מאל, אז דער סוד וועט זיין אפגעהיט הייליק און טריי. אט דיביידע פרויען, איך מיין אגאפיען און די מומען אירע, דאס זאג איך פריער פאר אלץ, זיינען אין דער גאנצער מעשה געווען ריין, ווי מלאכים, און איבער דער שוועסטער, דער גרויסהאלטערקע, קאטיען, האבן זיי באמת געציטערט, זיי פלעגן זיך דערנידעריקן פאר איר, זיינען געווען אירע דינסטן . . . נישט מער, אגאפיא האט דעמאלט איבערגעגעבן די מעשה, דאס הייסט אונזער שמועס. איך האב זיך דאס שפעטער אלץ קלאר דערוואוסט. זי האט דאס נישט געהאלטן בסוד, נו, און איך האב מער ניט ווי דאס, פארשטייט זיך, געדארפט.

מיטאמאל קומט צו פארן דער מאיאר אף איבערנעמען דעם באטאליאן. איז נעמט ער אים איבער. דער אלטער פאדפאלקאווניק ווערט פלוצלונג קראנק, קאן זיך נישט א ריר טאן, זיצט צוויי טעג אין שטוב און גיט נאך אלץ ניט איבער די מלוכה־געלטער. דער דאקטאר אונזערער קראווטשענקא האט פארזיכערט, אז ער איז טאקע באמת געווען קראנק. נאר איך האב אט וואס געוואוסט אלס א סוד־זאך אף זיכער, און דאס איז א מעשה שוין פון לאנג. אז נאכדעם ווי די נאטשאלסטווע פלעגט דורכזען די געלט, פלעגט עס יעדעס מאל פארשווינדן אף א צייט, און דאס איז שוין געווען א מעשה פון פיר יאר נאכאנאנד. פארלייען פלעגט דער פאדפאלקאווניק דאס געלט איינעם אן ארנטלאכסטן

מענטשן׳ אונזערן אַ סוחר׳ דעם אלטן אלמן׳ טריפּאָנאָוון׳ וואס מיט דער גרויסער באָרד און מיט די גאלדענע שפּאקולן׳ יענער פלעגט פארן אפן יריד׳ מאכן געשעפט און פלעגט תּיכּף אפּגעבן צוריק דעם פּאדפּאלקאווניק די געלט ביז א גראשן׳ און פארייַנס פלעגט ער שוין ברענגען פון יריד א מתּנה׳ און מיט דער מתּנה טאקע פּראָצענט אויך׳ נאר דאס מאל (איך האב זיך דאס דעמאלט דערוואוסט לחלוטין צופעליק פון זייַן אינגל׳ פון טריפּאָנאָווס סליונעוואַטן זונדל׳ דעם יורש זייַנעם, אזא תּנא־ברא וואס די וועלט האט נאר געזען)׳ איז דאס מאל׳ זאג איך׳ האט טריפּאָנאָווו׳ קומענדיק פון יריד׳ גארנישט ניט געבראכט׳ דער פּאדפּאלקאווניק האט זיך א לאז געטאן צו אים׳ און יענער ענטפערט אים: „איך האב באַ אייך אפּן לעבן קיין זאך ניט גענומען׳ און האב גאר גלאט נישט געקאנט נעמען״׳ נו׳ זיצט טאקע אונזער פּאדפּאלקאווניק אינדערהיים׳ האט זיך ארומגעבונדן דעם קאפּ מיט א האנטאך און אלע דרייען לייגן אים אייז צום קאפּ; מיטאמאל קומט אן א שליח מיט א בוך און מיט א באפעל: „איבערגעבן די מלוכה־געלטער׳ אבער די שטעל׳ למען השם׳ אין צוויי שעה צייט״׳ ער האט זיך געחתמעט׳ איך האב שפּעטער געזען די חתימה אין בוך׳ — אויפגעהויבן זיך און געזאגט׳ אז ער גייט אנטאן די אוניפארם׳ איז אריינגעלאפן צו זיך אין שלאפצימער׳ גענומען זייַן ביקס׳ אנגעשטעלט אים׳ אריינגעטאן א קויל׳ האט אויסגעטאן דעם שטיוול פון דער רעכטער פוס׳ די ביקס אריינגעשפּארט אין ברוסט׳ און מיט דער פוס אנגעהויבן זוכן דעם שליסל פון ביקס׳ אַגאַפיאַ אבער האט שוין עפּעס חושד געווען׳ זי האט געדיינקט וואס איך האב איר דעמאלט געזאגט און זי האט זיך אונטערגעגנבעט און פארכאפּט צו דער צייט; זי האט זיך אריינגעריסן׳ אווארף געטאן זיך אף אים פון הינטן׳ ארומגעכאפּט אים און די ביקס האט אויסגעשאסן אין סטעליע; קייַנעם ניט פארוואונדעט; עס זייַנען אריינגעלאפן די איבעריקע פון שטוב׳ מ׳האט אים אנגעכאפּט׳ אפּגענומען די ביקס און געהאלטן אים פאר די הענט.. דאס אלץ בין איך שפּעטער דערגאנגען ביז א האר׳ געזעסן בין איך דעמאלט אין שטוב׳ ס׳איז געווען אוונט־צייט׳ און איך האב נאר־וואס געוואלט אוועקגיין׳ אנגעטאן זיך׳ פארקעמט׳ באגאסן מיט פּארפום דאס

טאשנטיכל, געגומען דאס היטל, ערשט מיטאמאל עפנט זיך אויף די טיר און — איך זע פאר זיך, בא מיר אין צימער, קאַטערינאַ איוואַנאָוונען.

עס קומען דאך פאר חדושים: קיין לעבעדיקער מענטש האט דעמאלט נישט באמערקט, ווי זי איז געגאנגען צו מיר, אזוי אז אין שטאט איז דאס געבליבן, ווי א שטיין אין וואסער. איך ווידער האב דעמאלט געוואוינט בא צוויי טשינאווניטשיכעס, א פאר אלטעטשקעס, זיי פלעגן מיך באַדינען אויך, וואוילע זקנות זיינען דאס געווען, פלעגן מיר אלץ פאלגן, און אזוי ווי איך האב זיי פארזאגט, אזוי האבן זיי ביידע שפעטער געשוויגן וועגן דעם, אט ווי שטומע. פארשטייט זיך, אז איך האב אלץ גלייך פארשטאנען. זי איז אריינגעגאַנגען און קוקט גראַד אף מיר, די טונקעלע אויגן קוקן מיט אן אנט־שלאסנקייט, מיט העזה אפילו, נאר אף די ליפן און ארום די ליפן, זע איך, איז פארט דא אן אומאנטשלאסקייט אַזאַ.

— מיר האט געזאגט די שוועסטער, אז איר וועט געבן פיר טויזנט פינף הונדערט רובל, אויב איך וועל ... אליין קומען צו אייך נאך דעם. איך בין געקומען ... גיט דאס געלט! .... — האט זי ניט אויסגעהאלטן, זיך פארשטיקט, דערשראקן זיך, די שטים האט זיך איבערגעהאקט, און די ווינקלען פון די ליפן און די ליניעס ארום די ליפן האבן אנגעהויבן ציטערן. — אַליאָשקאַ, דו הערסט, צי דו שלאפסט?

— מיטיאַ, איך ווייס, אז דו וועסט זאגן דעם גאנצן אמת, — האט זיך אנגערופן אין אויפרעגונג אַליאָשאַ.

— פארשטייט זיך, דעם גאנצן אמת. אויב דעם גאנצן אמת, איז אט ווי ס׳איז געווען, איך וועל ניט קוקן אף זיך. דער ערשטער געדאנק איז געווען — א קאַראַמאַזאָווס. איינמאל, ברודער, האט מיך א בייזע פליג געגעבן א ביס, בין איך צוויי וואכן צייט געלעגן אין היץ; נו, האט מיר איצט אויך, הער איך, מיטאמאל געגעבן א ביס אין הארצן א בייזע פליג אזא, פארשטייסט? איך האב זי אפגעמאסטן מיטן אויג. דו האסט זי געזען? זי איז דאך א בילד. אבער ניט מיט דעם איז זי דעמאלט געווען שיין, שיין איז זי דעמאלט, אין יענער

מינוט, געווען מיט דעם, וואס זי איז א דערהויבענע, און איך בין אן אויסוואורף, וואס זי שטייט אין דער דערהויבנקייט פון איר גרויסמוט און אין דעם מקריב זיין זיך פארן פאטער, און איך בין א וואנץ, און אט פון מיר, פון דער וואנץ און דעם אויסוואורף, הענגט זי אינגאנצן אפ, אינגאנצן, ארום און ארום, אי מיט דער נשמה אי מיטן גוף, פון אלע זייטן. וואס זאל איך דיר זאגן, דער דאזיקער געדאנק, אט דער געדאנק פון דער בייזער אונפלייט, האט אף אזוי פיל מיך אנגענומען פארן הארצן, אז איך האב שיר ניט געחלשט פון מאטערניש. דאכט זיך, אז ס׳האט שוין קיין שום ראנגלען זיך נישט געדארפט זיין: טאקע באגיין זיך ווי א וואנץ, ווי א בייזע טאראנטל, אָן קיין שום רחמנות... ס׳איז אפילו בא מיר דער אטעם פארכאפט געווארן. הער: איך וואלט דאך, כדרך הטבע, טאקע אף מארגן געקומען בעטן די האנט, כדי צו פארענדיקן דאס, אזוי צו זאגן, אפן פיינסטן אופן און אז קיין איינער, הייסט עס, זאל ניט וויסן דערפון און ניט קאנען וויסן. ווארים כאטש איך בין אפילו א מענטש מיט נידעריקע פארלאנגען, אבער איך בין אן ארנטלאכער. און אט גיט מיר דעמאלט עפעס מיטאמאל א שעפ־טשע אין אויער: „מארגן וועט דאך אזא איינע, אז דו וועסט קומען פאָרלייגן די האנט, אפילו ניט ארויסגיין צו דיר, און וועט הייסן דעם קוטשער ארויסווארפן דיך פון הויף. גיי באררייד, הייסט עס, איבער גאנץ שטאט, איך האב קיין מורא ניט פאר דיר!" איך גיב א קוק אף דאס מיידל, די שטים האט מיך ניט אפגענארט, אזוי, אוודאי אזוי וועט דאס טאקע זיין. מ׳וועט מיר געבן האלז אין נאקן, אן דעם איצ־טיקן פנים קאן מען שוין זען. עס האט אויפגעקאכט אין מיר דאס בלוט, און עס האט זיך פארוואלט אפטאן א חזירשן, שמוציקן, קרעמערשן שפיצל: געבן א קוק אף איר אזוי זיך מיט א געשפעט, און גלייך טאקע, כל זמן זי שטייט נאך פאר מיר, מבולבל מאכן זי מיט אזא נגונדל, א וועלכן עס קאן נאר ארויסזאגן א קרעמערל:

— דאס מיינט איר פיר טויזנט קארבן! איך האב דאך דאס געזאגט אף אַ געלעכטער, וואס איז מיט אייך? צו גרינג, פריצה־לעב, ציילט איר. א מאהלאך צוויי, זעט איר, וואלט איך געגעבן אפשר אפילו מיטן גרעסטן חשק און פארגעניגן, אבער פיר טויזנט דאס איז

ניט אזא מטבעה, פריילן, אז מ׳זאל דאס ווארפן אף אזא לייכטזיני־קייט. אומזיסט האט איר זיך מטריח געווען.

דו פארשטייסט, איך וואלט געוויטלאך אלץ פארלארן, זי וואלט אנטלאפן, דערפאר אבער וואלט דאס געווען א טייוולאנישע נקמה, און דאס וואלט ווערט געווען מער פאר אלץ. איך וואלט דערנאך געיאמערט דעם גאנצן לעבן פאר חרטה, כדי נאר דעם שפיצל פאר־ריכטן! דו וועסט גלויבן, דאס איז בא מיר קיין איין מאל מיט קיין איינער ניט פארגעקומען, מיט קיין שום פרווי ניט, אז אין אזא מינוט זאל איך קוקן אף איר מיט האס, — און אט צלם איך זיך פאר דיר: אף אט דער האב איך געקוקט דעמאלט בא א דריי אדער בא א פינף רגעס מיט מוראדיקן האס, — מיט אט דעם האס, פון וועלכן עס איז דא ביז צו ליבע, ביז צו ווילדער ליבע, — איין האָר! איך בין צו־געגאנגען צום פענסטער, צוגעלעגט די שטערן צו דער פארפרארענער שויב און איך געדיינק, אז פון דעם אייז האט מיר געגעבן א ברען די שטערן, ווי פון פייער. לאנג האב איך זי נישט פארהאלטן, האב קיין מורא ניט, איך האב זיך א קער געטאן, צוגעגאנגען צום טיש, אויפגעעפנט די טישקעסטל און ארויסגענומען א פינפטויזנדיקן פינפפראצענטיקן בילעט, וואס איז ניט געווען אויסגעשטעלט אף קיין נאמען (אין דעם פראנצויזישן לעקסיקאן איז ער געלעגן בא מיר). דערנאך האב איך אים שווייגנדיק באוויזן איר, צונויפגעלייגט, אפגעגעבן, אליין אויפ־געעפנט איר די טיר אין הויז און, געבנדיק א טראט צוריק, האב איך פון טיפן הארצן און מיטן גרעסטן דרך־ארץ פארנויגט זיך פאר איר ביזן גארטל, גלויב מיר דאס! זי האט זיך די גאנצע פארצאפלט, האָט מיך א ווײלע שארף אנגעקוקט, איז מוראדיק בלייך געווארן, נו, ווי א טישטאך, און מיטאמאל, אויך ניט זאגנדיק קיין ווארט, האט זי זיך די גאנצע מיר געגעבן א בוק צו די פיס — מיט דער שטערן צו דער ערד, ניט מעשה אינסטיטוטקע, נאר מעשה רוסישע מיידל! דערנאך האט זי זיך געגעבן א הויב־אויף און איז אוועקגעלאפן. בעת זי איז ארויסגעלאפן, האב איך געהאט די סאבליע אויף זיך; איך האב ארויס־גענומען די סאַבליע און געוואלט גלייך דערשטעכן זיך, צוליב וואס — איך ווייס ניט, א נארישקייט וואלט דאס געווען פארשטייט זיך א גרויסע,

נאר דאס וואלט א פנים פארגעקומען פון התפעלות. פארשטייסטו דאס, אז פון אן אנדער התפעלות קאן מען זיך טויטן? איך האב זיך אבער ניט דערשטאכן, נאר מער ניט א קוש געטאן די סאבליע און אריינגעלעגט זי צוריק אין שיידל אריין, — וואס עס וואלט, אגב, געווען רעכט, אז איך וואלט דיר ניט דערציילט. און עס דאכט זיך מיר אפילו, אז איך האב אט איצטער, דערציילנדיק פאר דיר וועגן אט די אלע גערעגנלען, פאנאנדערגעשמירט א ביסעלע, כדי זיך א לויב צו טאן. אבער לאז זיין, לאז זיך זיין אזוי און זאל נעמען דער רוח אלע שפיאנען פון דעם מענטשנס הארץ! דאס איז דער גאנצער געוועזענער „צופאל" מיינער מיט קאטערינא איוואנאוונען. איצטער, הייסט עס, ווייס דער ברודער איוואן וועגן אים, און דו — און מער קיינער ניט.

דמיטרי פיאדאראוויטש איז אויפגעשטאנען, האט אין אויפרעגונג געגעבן א טראט איין מאל און דעם אנדערן, ארויסגענומען דאס טיכל, אפגעווישט דעם שווייס פון שטערן, דערנאך ווייטער געזעצט זיך, אבער ניט אף דעם ארט, וואו ער איז פריער געזעסן, נאר אף א צווייטן, אנטקעגן אף דער באנק, לעבן דער אנדער וואנט, אזוי אז אליאשא האט זיך געדארפט דער גאנצער געבן א דריי צו אים.

## V

### א ווידוי פון א פלאמיק הארץ.
### „מיט די פיס ארויף"

— איצטער, — האט זיך אנגערופן אַליאָשאַ, — ווייס איך די ערשטע העלפט פון דער מעשה.

— די ערשטע העלפט פארשטייסטו: דאס איז א דראמע, און פארגעקומען איז זי דארטן. די אנדער העלפט ווידער איז א טראגעדיע און פארקומען וועט זי דא.

— פון דער צווייטער העלפט פארשטיי איך נאך לעת עתּה גארנישט, — האט געזאגט אַליאָשאַ?

— און איך מיינסטו יע? איך פארשטיי דען אפנים?

— ווארט, דמיטרי, דא איז דא איין וויכטיקסטע זאך, זאג מיר: דו ביזט דאך א חתן, דו ביזט דאך א חתן איצטער אויך?

— א חתן בין איך געווארן ניט תיכף, נאר ערשט אין דריי חדשים ארום נאך יענער מעשה. אף מארגן אבער, ווען דאס איז פארגעקומען, האב איך געזאגט צו זיך, אז די מעשה איז אויסגעשעפּט און פארענדיקט, פארלייגן די האנט וועל איך ניט. קומען און פאַר־לייגן די האנט האט מיר אויסגעזען א נידערטרעכטיקייט. זי פון איר זייט האט אויך די גאנצע זעקס וואכן דערנאך, וואס זי האט פארבראכט בא אונז אין שטאט — מיט קיין איין ווארט ניט געגעבן צו וויסן פון זיך. א חוץ אמת איין פאל: אף מארגן ווי זי איז געווען בא מיר האט זיך ארייגעכאפּט צו מיר זייער שטוב מיידל, און, קיין ווארט ניט זאגנדיק, איבערגעגעבן מיר א פאקעט. אפן פאקעט אנגעשריבן אן אדרעס: פאר דעם און דעם. איך עפן אויף — אויסגאַב פון דעם פינפטויזנט־רובלדיקן בילעט. געדארפט האט מען אינגאנצן פיר טויזנט פינף הונדערט, און אפן פארקויפן דעם פינפטויזנט־רובלדיקן בילעט האט מען אנגעווארן עפּעס מער פון צוויי הונדערט. האט זי מיר אפגעשיקט סך הכל צוויי הונדערט מיט זעכציק רובל, דאכט זיך, איך געדיינק נישט גוט, אבער מער קיין זאך ניט ווי דאס געלט — ניט קיין צעטעלע, ניט קיין ווארט, ניט קיין דערקלערונג. איך האב געזוכט אין קאנווערט א ווערלכן עס איז צייכן מיט א בלייפעדער — ג־גארנישט! א קיצור, איך האב מיר דערווייל אנגעהויבן הוליען פאר די איבערגעבליבענע עטלאכע קארבן, אזוי אז סוף־כל־סוף איז אויך דער נייער מאיאר געווען געצוואונגען אויסצורעדן מירי נו, און דער פאדפאלקאווניק האט זיך די מלוכה־געלטער אוועקגעגעבן כשורה — און צו אלעמעס וואונ־דער, ווארים קיינער האט שוין ניט גערעכנט, אז דאס געלט איז בא אים דא אינגאנצן. אוועקגעגעבן דאס געלט, איז ער קראנק געווארן, זיך געלייגט, געלעגן א וואכן דריי, דערנאך איז בא אים פלוצלונג געווארן ווייך דער מארך און אפן פינפטן טאג איז ער געשטארבן. מ׳האט אים מקבר געווען לויט אלע מיליטערישע מנהגים, ער האט נאך אפילו ניט באקומען זיין דעמיסיע. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, די שוועסטער און די מומע האבן גלייך, ווי נאר זיי האבן מקבר געווען דעם פאטער,

אין א טעג צען ארום אוועקגעפארן קיין מאסקווע. און ערשט. פארן אפפארן, דעם זעלביקן טאג, ווען זיי זיינען אוועקגעפארן (איך האב זיי נישט געזען און נישט באלייט), באקום איך א קליינטשיקן קאנ־ ווערטעלע, א בלויאינקן, מיט א שטיקעלע פאפיר אין זאמבעס און עס איז אנגעשריבן מיט א בלייפענע איין איינציקע שורהלע: „איך וועל אייך שרייבן, ווארט. ק.״ אט דאס איז אלץ.

איצטער וועל איך דיר דערקלערן אין צוויי ווערטער. אין מאסקווע האט זיך זייער לאגע א קער געטאן מיט דער געשווינדקייט פון א בליץ און מיט דער פלוצלונגדיקייט פון אן אראבישער מעשהלע. בא דער דאזיקער גענעראלשע, בא דער וויכטיקסטער קרובה אירער, שטארבן אוועק מיטאמאל אירע ביידע נאהנטסטע יורשטעס, אירע ביידע נאהנטסטע פלימעניצעס — זיי שטארבן אוועק ביידע אין איין און דער זעלביקער וואך פון פאקן, די אלטע, וואס איז געווען אינגאנצן צעטרייסלט, האט זיך דערפרייט מיט קאטיען, ווי מיט אן אייגענעם קינד, ווי מיט א גוטן מלאך, האט זיך א ווארף געטאן אף איר און האט איבערגעמאכט די צוואה לטובת איר. אבער דאס איז אלץ גערעדט אף להבא, און איצט דערווייל, גלייך אין האנט, — אכציק טויזנט קארבן, דאס איז פאר דיר, הייסט עס, נדן, טו מיט דעם, וואס דו ווילסט. א היסטערישע פרוי. איך האב זיך דערנאך אין מאסקווע צוגעקוקט צו איר. איז אט, באקום איך דאס דעמאלט מיטאמאל דורך פאסט פיר טויזנט פינף הונדערט רובל. איך בין געפלעפט, פארשטייט זיך, און איך שטיי מיט אן אפענעם מויל. אין דריי טעג ארום, קומט אויך אן דער צוגעזאגטער בריוו. איך האב אים איצט אויך בא זיך, איך האב אים תמיד בא זיך און איך וועל שטארבן מיט אים, — ווילסט וועל איך דיר אים ווייזן? דו מוזט ניט אנדערש איבערלייענען: זי אליין לייגט פאר איר האנט אלס כלה, זי אליין לייגט זי פאר: „איך האב אייך משוגע ליב, לאז זיין, אז איר האט מיך ניט ליב — אלץ איינס, זייט נאר מיין מאן. שרעקט זיך ניט — איך וועל אייך אין קיין זאך ניט שטערן, איך וועל זיין אייער מעבל, איך וועל זיין יענער טעפיך, אף וועלכן איר גייט ארום . . . איך וויל ליב האבן אייך אויביק, איך וויל ראטעווען אייך פון זיך אליין״ . . . אליאשא, איך ביז נישט ווערט

אפילו איבערצוזאגן אט די שורות מיט מיינע שמוציקע ווערטער און מיט מיין שמוציקן טאן, מיט מיין שטענדיקן שמוציקן טאן, פון וועלכן איך האב זיך קיינמאל נישט געקאנט אויסבעסערן! דורכגעשטאכן האט מיך דער דאזיקער בריוו ביז היינט, און איצטער איז מיר דען לייכטער, היינט איז מיר דען לייכטער? דעמאלט האב איך איר גלייך אנגעשריבן אן ענטפער (אליין האב איך בשום אופן נישט געקאנט קומען קיין מאסקווע), מיט טרערן האב איך אים געשריבן; נאר פאר איין זאך שעם איך זיך אויביק: איך האב דערמאנט, אז זי איז איצטער א רייכע און מיט נדן, און איך בין ניט מער, ווי א קבצן אן אויסברענגער, — איך האב וועגן געלט גערעדט! איך וואלט דאס געדארפט מנצח זיין, אבער עס האט זיך פון פען ארויסגעריסן. דערנאך האב איך תיכף אנגעשריבן איוואנען קיין מאסקווע און אלץ אויסגעשריבן אים אין בריוו, ווי עס איז נאר מעגלאך געווען, זעקס בויגעלאך פאפיר האט געהאלטן דער בריוו, און איך האב געשיקט איוואנען צו איר. וואס קוקסטו? וואס קוקסטו אף מיר? נו יאָ, איוואן האט זיך פארליבט אין איר, איז פארליבט איצטער אויך, איך ווייס דאס, איך האב געטאן א נארישקייט, על פי אייער שכל נאך, על פי דעם וועלטלאכן גאנג, אבער עס קאן זיין, אז טאקע אט די נארישקייט אליין וועט אונז איצטער ראטעווען אלעמען! אוך! וואס איז, דו זעסט ניט, ווי זי אכט אים, ווי זי ערט אים? וואס איז, זי קאן דען, פארגלייכנדיק אונז ביידן, ליב האבן אזוינעם, ווי איך בין, היינט נאך אט דעם אלעמען, וואס דא איז פארגעקומען?

— און איך בין זיכער, אז זי האט ליב אזוינעם, ווי דו ביזט, און ניט אזוינעם, ווי ער.

— זי האט איר יוגנט ליב, נישט מיך, — האט זיך אומווילנדיקער־הייט, נאר כמעט ווי מיט כעס ארויסגעריסן בא דמיטרי פיאדראוויטשן. ער האט א שמייכל געטאן, אבער אין א ווײַלע ארום האבן די אויגן זיינע גענומען גלאנצן, ער איז איינגאנצן רויט געווארן און האט גע־געבן מיט כוח א זעץ מיט דער פויסט איבערן טיש.

— איך שווער פאר דיר, אליאשא, — האט ער א געשריי געטאן מיט א מאוימדיקן און אויפריכטיקן צארן אף זיך גופא, — גלויב —

נישט גלויב, נאר אט, ווי גאט איז הייליק, און ווי קריסטוס איז דער האר, איך שווער דיר, אז כאטש אפילו איך האב איצטער א שמייכל געטאן פון אירע דערהויבנסטע געפילן, נאר איך ווייס, אז איך בין אין מיליאן מאל נישטיקער מיט מיין נשמה, ווי זי, און אז אט די בעסטע געפילן אירע — זיינען אויפריכטיק, ווי בא דעם מלאך פון הימל! אין דעם באשטייט די טראגעדיע, וואס איך ווייס דאס אף געוויס. וואס איז, ווען א מענטש רעדט א ביסעלע שיינע רייד? וואס איז, איך דעקלאמיר נישט? אבער איך בין דאך אויפריכטיק, אויפ־ריכטיק. וואס ס'איז שייך אבער איוואנען, פארשטיי איך דאך שוין, מיט וואס פאר א תוכחה ער דארף איצטער קוקן אף דעם גאנצן לעבן, און נאך בא זיין שכל דערצו! ווערמען, מ'שטיינס געזאגט, מ'האט אפגעגעבן די בכורה? א בייזער חיה האט מען זי אפגעגעבן, וואס נאך איצט אפילו, שוין זייענדיק א חתן, און ווען אלע האבן געקוקט אף אים, האט ער נישט געקאנט איינהאלטן זיין אויסגע־לאסנקייט, — און אלצדינג פאר דער כלה אין די אויגן, פאר דער כלה אין די אויגן! און אט אזוינעם, ווי איך, האט מען דאס אויסדערוויילט, און אים ווארפט מען אפ. אבער צוליב וואס זשע? צוליב דעם, וואס א מיידל וויל פאר דאנקבארקייט איר לעבן און דעם גורל אירן פארגוואלטיקן! א שטות! איך האב איוואנען וועגן דעם קיינמאל גארנישט געזאגט, איוואן, פארשטייט זיך, האט מיט מיר אויך וועגן דעם קיינמאל קיין האלבןווארט נישט איבערגערעדט. אפילו דעם קלענסטן וואונק נישט געטאן: נאר דער גורל וועט מקוים ווערן און דער, וואס איז זוכה, וועט נעלם ווערן אף אויביק אין געסל אריין, — אין דעם בלאטיקן געסל אריין, און דארטן, אין בלאטע און אין עיפוש, וועט ער אונטערגיין מיטן אייגענעם ווילן און מתיקות. איך בין שוין עפעס במזל געווארן, עס האבן שוין קיין טעם ניט מיינע רייד, עפעס ווי איך וואלט זיך פארלאזן אפן מזל, נאר אזוי ווי איך האב באַ־שטימט, אזוי וועט דאס זיין. איך וועל איינזינקען אין געסל, און זי וועט חתונה האבן מיט איוואנען.

— ברודער, ווארט א ווײַלע, — האט אליאשא ווייטער איבער־געריסן, זייער שטארק צעטראגן, — דו האסט דאך מיר פארט איין

זאך נישט דערקלערט דא: דו ביזט דאך א חתן, דו ביזט דאך א חתן? ווי אזוי זשע ווילסט דו צערייסן, ווען זי, די כלה, וויל נישט?

— איך בין א חתן, א פארמעלער און א געבענטשטער, פאר־געקומען איז אלץ אין מאסקווע, נאך מיין קומען, מיט פאראד, מיט הייליקע בילדער, און אפן פיינסטן אופן. די גענעראלשע האט גע־בענטשט און — ווען גלויבן, אפגעגעבן אפילו מזל טוב קאטיען. „דו האסט גוט אויסגעקליבן, זאגט זי, איך זע אים דורך און דורך": און, ווען גלויבן, איוואנען האט זי ניט האלט געקראגן איז ניט בא־גריסט. אין מאסקווע האב איך זיך אויך דורכגערעדט א סך מיט קאטיען, אויסדערציילט וועגן זיך אלץ, ארנטלאך, גענוי, פון טיפן הארצן. האט אלץ אויסגעהערט:

ס'איז געווען א ליבע בושה,
ס'זיינען ליבע רייד געווען.

נו, א משל, רייד זיינען געווען שטאלצע אויך. זי האט בא מיר גענומען דעמאלט א ווארט אויסצובעסערן זיך. איך האב איר דאס ווארט געגעבן. און אט . . .

— וואס?

— און אט האב איך דיך ארויפגעטאן און אריבערגעשלעפט היינט אהער, — געדיינק! — ארויפגעטאן צוליב דעם, כדי צו שיקן דיך, און ווידער אמאל היינט טאקע, צו קאטערינא איוואנאוונען, און . . .

— וואס?

— זאגן איר, אז איך וועל מער צו איר קיינמאל נישט קומען, אז איך האב איר געלאזט גריסן.

— איז דאס דען מעגלאך?

— דערפאר טאקע שיק איך דיך אנשטאט אליין צו גיין, ווייל דאס איז ניט מעגלאך, ווארים ווי וועל איך דאס איר אליין זאגן?

— וואוהין זשע אבער ווערסטו גיין?

— אין געסל ארייין.

— הייסט דאס טאקע, צו גרושענקען! — האט פול מיט טרויער

אויסגעשריען אליאשא, א פאטשטאנדיק מיט די הענט. — נישיים זע האט ראקיטין געזאגט אן אמת? און איך האב געמיינט, אז דו ביזט גלאט אזוי געגאנגען צו איר און אויפגעהערט.

— פאסט דען דאס פאר א חתן ארומצוגיין? איז דאס דען מעגלאך, נאך האבנדיק אזא כלה דערצו, און פאר לייטן אין די אויגן? אבער ערע האב איך, האב קיין מורא נישט. ווי נאר איך האב אנ־געהויבן גיין צו גרושענקען, ביז איך גלייך געווארן אויס חתן און אויס ארנטלאכער מענטש, איך פארשטיי דאך דאס גוט. וואס קוקסטו? אין אנפאנג, ברודער לעב, בין איך געגאנגען זי שלאגן. איך האב זיך דערוואוסט, און איך ווייס דאס איצט זעער גוט, אז אט דער גרושענקען האט דער שטאבס־קאפיטאן, דעם טאטנס באפולמעכטיקטער, איבערגעגעבן א וועקסל אף מיין נאמען, אז זי זאל אים אויפמאנען, כדי איך זאל זיך באנעמען און אויפהערן צו מאכן סקנאדאלן. דער־שרעקן האט מען מיך געוואלט. האב איך זיך געלאזן גרושענקען שלאגן. געזען האב איך זי שוין פריער אויך פארביילויפנדיק. זי איבערראשט ניט. וועגן דעם אלטן סוחר אירן האב איך געוואוסט, איצט אגב, אף א צוגאב, ליגט ער קראנק, איז אפגעשוואכט, נאר אן אפותיקה וועט ער פונדעסטוועגן לאזן א רעכטע. איך האב געוואוסט אויך, אז זי איז להוט נאך געלט, אז זי קריגט געלט, אז זי פארלייט געלט אף גרויסע פראצענטן, אט די ממזרת, דער אויסוואורף, אן רחמנות. געגאנגען בין איך זי שלאגן און בין געבליבן בא איר. עס האט א קלאפ געטאן א דונער, געגעבן א זעץ די פעסט, בין אנ־געשטעקט געווארן און בין אנגעשטעקט ביז אהער, און איך ווייס, אז ס׳איז שוין אלץ נאך אלעמען, אז קיין אנדער זאך וועט קיין מאל שוין ניט זיין. אפגעטאנצט דעם טאנץ. דאס איז מיין זאך, און ווי אף להכעיס, איז דעמאלט גראד געווען בא מיר, בא דעם קבצן, דריי טויזנט רובל אין קעשענע. לאזן מיר זיך פון דאנען מיט איר קיין מאקראיע, ס׳איז פינף און צוואנציק ווארסט פון דאנען, געבראכט ציגיינערקעס, שאמפאניער, אנגעשכורט אלע גויאהס און שיקסעס, געאקערט מיט טויזנטער. אין דריי טעג ארום — געשטארבן פאר א גראשן, אבער געווען א העלד. דו מיינסט דער העלד האט זיך דען צו עפעס

דערשלאגן? פון ווייטן אפילו ניט געוויזן. איך זאג דיר: א בויג פון קערפּער. גרושענקא, די ממזרת. האט איין אויסבויג פון קערפּער אזא. ער האט זיך בא איר אפילו אפן פּיסל אפּגעשפּיגלט. אין דעם קליינינקן פינגערל אף דער לינקער פוס אפּגערופן זיך. כ׳האב געזען און געקושט, אבער מער גארנישט — ווי דו זעסט מיך לעבן! „ווילסט. זאגט זי. וועל איך מיט דיר חתונה האבן. דו ביזט דאך א קבצן. זאג. אז שלאגן וועסטו ניט און וועסט מיר לאזן אלץ טאן. וואס איך וועל וועלן. וועל איך אפשר דעמאלט חתונה האבן מיט דיר״. — לאכט. זי לאכט איצט אויך!

דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האט זיך. מיט עפּעס א ווילדקייט כמעט. אויפגעהויבן פון ארט. ער איז מיטאמאל געווארן ווי שיכּור. די אויגן זיינע האבן זיך מיטאמאל אנגעגאסן מיט בלוט.

— און דו ווילסט מיט אן אמת חתונה האבן מיט איר?

— אז זי וועט וועלן — די רגע, און אז זי וועט ניט וועלן, וועל איך אזוי בלייבן; כ׳וועל בא איר אפן הויף זיין א סטרוזש. דו . . . דו. אליאשא . . . — איז ער פּלוצים געבליבן שטיין לעבן אים און, אנכאפּנדיק אים אן די אקסלען. האט ער אנגעהויבן מיט־אמאל טרייסלען אים מיט אזא כּוח, — ווייסטו דען. אומשולדיק אינגעלע דו. אז דאס איז אלץ גערעדט פון היץ, א נארישער רעדן פון היץ. ווארים דא איז א טראגעדיע! זיי זשע וויסן. — אלעקסיי אז איך קאן זיין א נידעריקער מענטש. מיט נידעריקע תּאוות. וואס קאנען ברענגען צום גרונט. נאר א גנב, א קעשענע־גנב. א גנבל, וואס כאפּט פון די הייזער. קאן דמיטרי קאראמאזאוו קיינמאל נישט זיין. נו. טא זיי זשע וויסן איצטער. אז איך בין א גנבל. וואס כאפּט פון די הייזער. פונקט פאר דעם. ווי איך בין געגאנגען גרושענקען שלאגן, רופט מיך אינדערפרי קאטערינא איוואנאוונא און בעט מיך על פּי סוד. אז קיינער זאל דערוויילע נישט וויסן (צוליב וואס. ווייס איך ניט, קענטיק אז אזוי האט זי געדארפט). בעט מיך, איך זאל א פאר טאן אין דער גובערניע און אוועקשיקן פון דארטן דורך פּאסט אגאפיא איוואנאוונען דריי טויזנט רובל קיין מאסקווע, אוועקשיקן פון דער גובערניע דערפאר, כּדי דא זאל מען נישט

וויסן דערפֿון. אַט מיט די דריי טויזנט רובל אין קעשענע בין איך דאָס דעמאָלט מגולגל געוואָרן בײַ גראָשענקען, און פֿאַר די געלט געפֿאָרן קיין מאַקראַיע. דערנאָך האָב איך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך בין געווען אין שטאָט, נאָר די קוויטאַנציע פֿון דער פּאָסט האָב איך איר ניט געבראַכט, האָב געזאָגט, אַז איך האָב אַוועקגע־שיקט, און אַז די קוויטאַנציע וועל איך ברענגען, און ברענג זי ניט עד היום ניט, האָב זיך פֿאַרגעסן, הייסט עס. איז אַט איצט, ווי מײַנ־סטו, דו ווייסט הײַנט אַוועקגיין און וועסט איר זאָגן: „ער האָט געהייסן אָפּגעבן אײַך אַ גערוס, און זי וועט אַ זאָג טאָן צו דיר: „וואו איז אָבער דאָס געלט?״ וואָלסטו נאָך איר געקאָנט זאָגן: „דאָס איז אַ נידעריקער בעל־תּאווהניק און אַ מיאוסער נפֿש, וואָס קאָן ניט אײַנהאַלטן זײַן תּשוקה. ער האָט דעמאָלט ניט אַוועקגע־שיקט אײַער געלט, נאָר האָט דאָס צעפּטרט, וואָרים ער האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, ווי אַ נידעריקע בריאה, וואָלסט אָבער געקאָנט פֿונדעסטוועגן צוגעבן: קיין גנבֿ איז ער פֿאָרט נישט, אַט זײַנען אײַערע דריי טויזנט רובל, ער שיקט אײַך דאָס אָפּ צוריק, שיקט אַליין אַוועק אַגאַפֿיאַ איוואַנאָוונען, און ער גופֿא האָט אײַך געלאָזט גריסן״. איצט אָבער וועט זי מיטאַמאָל אַ זאָג טאָן: „און וואו איז דאָס געלט?״

— מיטיאַ, דו ביזט אומגליקלעך, יאָ! נאָר אָבער אַלץ נישט אַזוי פֿיל, וויפֿל דו מיינסט, — ווער נישט פֿאַרצווייפֿלט, ווער נישט פֿאַרצווייפֿלט!

— וואָס מיינסטו, איך וועל זיך דערשיסן, אויב איך וועל נישט קריגן קיין דריי טויזנט רובל אָפּצוגעבן? אַט דאָס איז דאָך די מעשה, אַז איך וועל זיך ניט דערשיסן. איך האָב נישט קיין כּוח איצטער, שפּעטער אפֿשר, איצט אָבער וועל איך גיין צו גראָשענקען . . . אין דר׳ערד מיט די האָר.

— און וואָס וועט זײַן בײַ איר?

— כ׳וועל זײַן איר מאַן, וועל זוכה זײַן צו ווערן איר מאַן, און אַז אַ ליבהאָבער וועט קומען, וועל איך אין אַ צווייטן צימער אַרויס. בײַ אירע פֿרײַנד וועל איך די קוויטיקע קאַלאָשן אָפּפּוצן, כ׳וועל דעם

סאמאוואר פאנאנדערבלאזן, לויפן א גאנג . . .

— קאטערינא איוואנאוונא וועט אלץ פארשטיין, — האט פייערלאך מיטאמאל א זאג געטאן אליאשא. — זי וועט פארשטיין די גאנצע טיפקייט אין דעם דאזיקן אומגליק און זי וועט שלום מאכן מיט דעם. זי איז א בעל שכל, ווארים מ'קאן ניט זיין אומ־גליקלאכער פאר דיר, זי וועט אליין זען.

— זי וועט ניט שלום מאכן מיט אלץ, — האט זיך מיטיא פארסקאליעט. — דא איז דא, ברודער, עפעס אזוינס, מיט וואס קיין שום פרוי קאן ניט שלום מאכן. און ווייסטו, וואס דאס בעסטע איז צו טאן?

— וואס?

— די דריי טויזנט רובל אפגעבן איר.

— וואו זשע נעמט מען אבער? הער אויס, איך האב צוויי טויזנט, איוואן וועט אויך געבן טויזנט, אט האסטו דריי, נעם און גיב אוועק.

— ווען וועלן דאס אבער זיין דיינע דריי טויזנט? דו ביזט דאך נאך דערצו ניט אלט קיין איין און צוואנציק יאר, און מ'דארף ניט אנדערש, ניט אנדערש, אז דו זאלסט איר שוין היינט אפגעבן א גרוס, צי מיט געלט צי אן געלט, ווארים ווייטער ציען קאן איך נישט, די זאך שטייט איצטער אף אזא פונקט. מארגן איז שוין שפעט. איך וועל דיך שיקן צום טאטן.

— צום טאטן?

— יע, פריער צום טאטן, ווי צו איר. בא אים בעט די דריי טויזנט רובל.

— אבער ער וועט דאך, מיטיא, נישט געבן.

— ער דארף שוין געבן, איך ווייס, אז ער וועט נישט געבן. ווייסטו, אלעקסיי, וואס עס הייסט פארצווייפלונג?

— איך ווייס.

— הער אויס: יורידיש קומט ער מיר גארנישט. אלץ האב איך בא אים אפגענומען, אלץ, איך ווייס דאס. אבער מאראליש קומט ער דאך מיר, אמת, צי ניט? ער האט דאך אנגעהויבן מיט

דער מאמעס אכט און צוואנציק טויזנט רובל און אנגעלעבט הונדערט טויזנט· לאז ער מיר נאר געבן דריי טויזנט פון די אכט און צוואנציק· מער ניט ווי דריי, און ער וועט אויסלייזן די נשמה מיינע פון גיהנום· און דאס וועט אים פאררעכנט ווערן פאר אסך זינד! פון דער אנדער זייט וועל איך מיט אט די דריי טויזנט רובל· איך גיב דיר מיין הייליקן ווארט· — פארענדיקן· און מער וועט ער נישט הערן פון מיר להלוטין· צום לעצטן מאל גיב איך אים די געלעגנ־הייט צו זיין א פאטער· זאג אים, אז גאט אליין שיקט אים אט דעם צופאל·

— מיטיא, ער וועט בשום אופן נישט געבן·

— איך ווייס· אז ער וועט נישט געבן· איך ווייס גאנץ קלאר· בפרט נאך איצט· לא די וואס ער וועט ניט געבן, ווייס איך נאך אט וואס: איצט· די טעג טאקע, ערשט נעכטן אפשר· האט ער זיך צום ערשטן מאל דערוואוסט ע ר נ ס ט (איך שטרייך אונטער דאס ווארט ערנסט)· אז גרושענקא קאן זיין· מאכט אין דער אמתן ניט קיין ליצנות און קאן אמאל חתונה האבן מיט מיר· ער קען גוט איר כאראקטער· ער קען דאס דאזיקע קעצל· איז ווי מיינסטו· וועט ער מיר נישיים זע נאך געבן א צוגאב געלט· כדי נאך מיט־העלפן דאס, בעת ער אליין גייט אראפ פון זינען פאר איר? אבער דאס איז נאך אויך גארנישט· איך קאן דיר נאך מער זאגן: איך ווייס· אז ער האט שוין פון א טעג פינף ארויסגענומען דריי טויזנט רובל· אויסגעביטן אף גאנצע הונדערטער און פארפאקט אין א גרויסן קאנווערט· מיט פינף זיגלען און איבערגעבונדן אין א קרייץ מיט א רויטער סטענגעלע· זעסטו, ווי גענוי איך ווייס! אפן פאקעט, ווידער, שטייט אנגעשריבן: "דעם מלאך מיינעם גרושענקען, ווען זי וועט וועלן קומען"· האט דאס אליין אנגעדראפעט מיט דער פען· באַ־האלטענערהייט אין חדר־חדרים· און קיינער ווייס נישט· אז ס׳ליגט בא אים געלט· א חוץ דעם לאקיי סמערדיאקאוון· וועמען ער גלויבט· ווי זיך אליין· ווארט ער דאס שוין דעם דריטן אדער דעם פערטן טאג אף גרושענקען· ער האפט· אז זי וועט קומען נאכן פאקעט· ער האט איר מודיע געווען· און זי האט געענטפערט· אז "עס קאן זיין· אז איך

וועל טאקע קומען״ איז אט, אויב זי וועט קומען צום אלטן, וועל איך דען קאנען דעמאלט תחונה האבן מיט איר? פארשטייסטו איצט, למאי איך זיץ דא באהאלטן און וואס אזוינס איך היט?

— דו היטסט זי?

— זי, אט בא די שלומפערס, בא די היגע באלעבאסטעס, האט פאמא א קליין צימערל, פאמא איז אליין פון אונזערע מקומות, א געוועזענער סאלדאט, ער באדינט זיי א ביסל, איז ביינאכט א שומר, און בייטאג גייט ער אף געיעג און פון דאס לעבט ער, צו אים האב איך זיך דאס דא פארקליבן; ניט ער, ניט די באלעבאסטעס ווייסן פון דעם סוד, דאס הייסט וואס אזוינס איך היט דא.

— מער ניט ווי סמערדיאקאוו אליין ווייס?

— מער ניט ווי ער אליין. ער וועט מיר דאס אויך מודיע זיין, בעת זי וועט קומען צום אלטן.

— דאס האט ער דיר דערציילט פון דעם קאנווערט מיט די געלט?

— ער. ס'איז א גרויסער סוד. אפילו איוואן ווייס נישט, ניט פון קיין געלט, ניט פון קיין זאך. היינט דערצו שיקט נאך אים אוועק דער אלטער אף א צוויי־דריי טעג קיין טשערמאשניע: ס'האט זיך געפונען א סוחר אף דעם וועלדל, וויל אים אויסהאקן פאר אכט טויזנט רובל, בעט זיך דאס דער אלטער בא איוואנען: ״העלף מיר, פאָר זיך אליין דורך אהין אף צוויי־דריי טעג״. דאס וויל ער, אז גרושענקא זאל קומען, בעת ער וועט ניט זיין אינדערהיים.

— אף אזא אופן, ווארט ער היינט אויך אף גרושענקען?

— ניין, היינט וועט זי ניט קומען, עס זיינען דא סימנים, אז ניט. היינט וועט זי אף געוויס ניט קומען! — האט מיטאמאל אויסגעשריען מיטיא. — אזוי האלט סמערדיאקאוו אויך, דער טאטע שיכורט איצטער, ער זיצט ביים טיש מיט דעם ברודער איוואנען. גיב א גיי, אלעקסיי, בעט בא אים אט די דריי טויזנט רובל...

— מיטיא, טייערער, וואס איז מיט דיר! — האט אויסגערופן אליאשא, אויפשפרינגענדיק פון ארט און געבנדיק א קוק דעם כמעט געווירטן דמיטרי פיאדראוויטש אין פנים. א קורצע ווײַלע האט ער געמיינט, אז ער איז אראפ פון זינען.

— וואס האסטו זיך דערשראקן אזוי? איך בין נישט אראפּ פון זינען, — האט שארף און אפילו ווי עפּעס פייערלאך אנקוקנדיק אים, אנגערופן זיך דמיטרי פּיאָדראָוויטש. — האב קיין מורא נישט, איך שיק דיך צום פּאַטער און איך ווייס, וואס איך רעד: איך גלויב איז א נס?

— אין א נס?

— אין דעם אויבערשטנס א נס. גאט ווייס מיין הארץ, ער זעט די גאנצע פארצווייפלונג מיינע. ער זעט דאס גאנצע בילד. נישיים זע וועט ער דערלאזן, אז עס זאל געשען אן אומגליק? אליאשא, איך גלויב אין א נס. גיי!

— איך וועל גיין. זאג, דו וועסט דא ווארטן?

— כ׳וועל ווארטן, איך פארשטיי, אז ס׳וועט ניט זיין גיך, אז מ׳קאן ניט קומען און געבן גלייך א בראק! ער איז איצטער שיכור. כ׳וועל ווארטן דריי שעה, פיר שעה, פינף שעה, זעקס, זיבן, נאר זיי וויסן, אז היינט, כאטש אפילו אין האלבער נאכט, וועסטו קומען צו קאטערינא איוואנאוונען, מיט געלט צי אן געלט, און וועסט זאגן: ער האט אייך געלאזן גריסן. איך וויל דווקא, אז דו זאלסט זאגן מיט די ווערטער: ״ער האט אייך געלאזן גריסן״.

— מיטיא! און אז גרושענקא וועט פּלוצלונג קומען היינט... ניט היינט, איז מארגן, צי איבערמארגן?

— גרושענקא? וועל איך דערהיטן, וועל איך ארייַנרייַסן זיך און וועל ניט דערלאזן...

— און אז...

— און אויב אז, — איך וועל דערהרגענען. וועל איך דאס ניט איבערלעבן.

— וועמען וועסטו דערהרגענען?

— דעם אלטן. זי וועל איך ניט דערהרגענען.

— ברודער, וואס רעדסטו!

— איך ווייס דאך נישט, איך ווייס נישט... עס קאן געמאלט זיין, אז איך וועל נישט דערהרגענען, און אפשר וועל איך יע דערהרגענען. איך האב מורא, אז ער קאן מיר גראד אין יענער מינוט

ווערן מיטאמאל אפשטויסנדיק מיט דעם פּנים זיינעם. איך האָס דעם גיידערל זיינעם, די נאָז זיינע, די אויגן זיינע, דעם חוצפּהדיקן געלעכטערל זיינעם. אַ פּערזענלאַכן עקל שפּיר איך. אָט פּאַר דאָס האָב איך מורא. עס קאָן גריילאַך געמאָלט זיין, אַז איך זאָל זיך ניט איינהאַלטן.

— איך גיי, מיטיאַ, איך גלויב, אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן, ווי בעסער איז, עס זאָל ניט פּאַרקומען קיין אומגליק.

— און איך וועל זיצן און וועל וואַרטן אויפן נס. אויב אָבער ער וועט ניט געשען, איז...

אַליאָשאַ איז, פאַרטראַכטערהייט, אַוועק צום פאָטער.

# VI

## סמיערדיאַקאָוו

ער האָט נאָך באמת דערוויסט דעם פאָטער ביים טיש. דער טיש איז געווען געגרייט, לויט דעם אַלטן שטייגער, אין זאַל, כאָטש אין שטוב איז געווען אויך אַ באַזונדער עסצימער. דער דאָזיקער זאַל איז געווען דאָס גרעסטע צימער פון שטוב, מעבלירט מיט עפּעס אַן אַלטפרענקישער פּרעטענזיע. דאָס מעבל איז געווען פון קדמונים, ווייסע, באַצויגן מיט רויטן גאַר אַלטן האַלבזייד. אין די צווישנווענטלאַך פון די פענסטער זיינען געווען אַריינגעשטעלט שפּיגלען אין ראַמען פון פּאַרצייטיקער שניצונג, אויך ווייסע מיט גאָלד. אויף די ווענט, וואָס זיינען געווען אויסגעקלעפּט מיט פּאַפּירענע און אין אַ סך ערטער שוין צעשפּאַלטענע טאַפּעטן, האָבן געשיינט צוויי גרויסע פּאָרטרעטן —, פון עפּעס איינעם אַ פירסט, וואָס איז מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק געווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דעם היגן קאַנט און פון עפּעס אַן אַרכיערייע, וואָס איז שוין אויך פון לאַנג אַ שוכן עפר. אין דעם פאָדערשטן ווינקל זיינען געהאַנגען עטלאַכע הייליקע בילדער, איבער וועלכע מ׳פלעגט אויף־דער־נאַכט אָנצינדן דאָס הייליקע לעמפּל... ניט אַזוי פון פרומקייט וועגן, ווי צוליב דעם,

אז דאס צימער זאל אף־דער־נאכט זיין פשוט באלויכטן. פיאדאר פאוולאוויטש פלעגט זיך לייגן זעער שפעט, א זייגער דריי, פיר פאר־טאג, און ביז דעמאלט פלעגט ער רק ארומגיין איבערן צימער אדער זיצן אין פאטער־שטול און טראכטן. אזא רגילות האט ער שוין געהאט. נעכטיקן פלעגט ער ניט זעלטן איינער אליין אין שטוב, אוועקשיקנדיק די דינער אין פליגל אריין, נאר דאס רוב פלעגט בלייבן נעכטיקן מיט אים דער דינער סמערדיקאוו, וואס פלעגט שלאפן אין פאדערקאמער אף א ברייטער באנק. בשעת אליאשא איז אריינגעגאנגען, איז שוין געווען אינגאנצן נאך ווארמעס, מער ניט מ'האט נאך דערלאנגט זאפטן און קאווע. פיאדאר פאוולאוויטש פלעגט האלט האבן נאך ווארמעס נעמען אין מויל זיסקייטן מיט א גלעזעלע קאניאק. איוואן פיאדאראוויטש איז אויך געזעסן ביים טיש און האט אויך געטרונקען קאווע. די דינער, גריגארי און סמיערדיאקאוו, זיינען געשטאנען לעבן טיש. סיי די הארן, סיי די דינער זיינען געווען קענטיק זעער שטארק אויפגערוימט. פיאדאר פאוולאוויטש האט זיך געקייכט און געלאכט; אליאשא האט נאך פון טיר דערהערט זיין קוויטשעדיקן און דעם אים אזוי באקאנטן פון פריער געלעכטערל, און ער האט תיכף באשלאסן, נאכן געלעכטער נאך, אז דער טאטע איז נאך ניט שיכור, און אז דערווייל מאכט ער זיך נאר יומטובדיק.

— אט איז ער אויך, אט איז ער אויך! — האט א ברום געטאן פיאדאר פאוולאוויטש, וואס האט זיך מיטאמאל גוואלטיק דער־פרייט פון אליאשען. — קום מאך שותפות, זעץ זיך, טרינק א גלעזל קאווע, — ס'איז מיטנישטע, מיטנישטע, מעגסט טרינקען, און הייסע, כפל־שמונהדיקע! מיט קיין גלעזעלע קאניאק בין איך ניט מכבד, ביזט דאך א בעל־תענות. נאר דו ווילסט, ווילסט? ניין, כ'וועל דיר בעסער געבן א גלעזעלע ליקער, צאצקעדיקן! — סמערדיאקאוו, גיב א גיי אין אלמער, אף דער צווייטער פאליצע רעכטס, אט איז דער שליסל, לעבעדיקער!

אליאשא האט גענומען אפזאגן זיך פון ליקער.

— מ'וועט אלץ איינס דערלאנגען, וועט ניט זיין פאר דיר,

װעט זײַן פֿאַר אונז, — האָט געלױכטן פּיאָדאָר פּאַװלאָװיטש, — אָבער װאַרט אַקאַרשט, דו האָסט געגעסן װאַרמעס צי ניט?

— געגעסן, — האָט זיך אָנגערופֿן אַליאָשאַ, װאָס האָט אין דער אמתן אױפֿגעגעסן מער ניט װי אַ כּזית ברױט און אױסגעטרונקען אַ גלאָז קװאַס בײַ דעם איהומען אין קיך, — אָט הײסע קאַװע װעל איך טרינקען מיט חשק.

— ליבינקער מײַנער! אָט אַזױ! אַ גלעזעלע קאַװע װעט ער אױסטרינקען. אפֿשר אָנװאַרעמען? נאָר נײַן, עס קאָכט נאָך איצטער אױך. צאַצקעדיקע קאַװע, סמערדיאַקאָװס אַרבעט. אױף קאַװע און אױף בלינצעס איז סמערדיאַקאָװ אַ בריה בײַ מיר, און אױף יויך נאָך, אמת, אױך. קום אַמאָל אױף יויך, זאָג אָן פֿריער... אָבער װאַרט, װאַרט אַקאַרשט, איך האָב דאָך דיר פֿריער געהײסן דו זאָלסט זיך נאָך הײַנט אײַנגאַנצן אַריבערקלײַבן, מיט דער פּערינקע און מיט די קיסנס? די פּערינקע האָסטו אַקאַרשט געבראַכט? כע־כע־כע!...

— נײַן, נישט געבראַכט, האָט אַליאָשאַ אױך אַ שמײכל געטאָן.

— אָבער דו האָסט זיך דערשראָקן, דערשראָקן זיך טאַקע פֿריער, דערשראָקן זיך? אַך דו, ליבינקער, צי קאָן איך דאָס דיך באַעװלהן. הער צו, איװאַן, אָט איך קאָן ניט זען, װי ער קוקט אַזױ אין די אױגן און לאַכט, איך קאָן ניט, דו הערסט. די גאַנצע אײַנגעװײדס הײבט אָן בײַ מיר צו קװעלן פֿון אים, כ׳האָב אים האָלט! אַליאָשקאַ, גיב איך װעל דיר געבן אַ טאַטנס אַ ברכה.

אַליאָשאַ האָט זיך אױפֿגעהױבן, נאָר פּיאָדאָר פּאַװלאָװיטש האָט באַװיזן צו באַקלערן זיך.

— נײַן, נײַן, איצטער װעל איך מער ניט װי איבערצלמען דיך, אָט אַזױ, זעץ זיך. נו, איצטער װעסטו דאָס קלײַבן נחת אַ ביסל, מיר רעדן דאָ גראָד אױף דײַנער אַ טעמע, װעסט לאַכן נישקשה. בלעמס אײזל האָט בײַ אונז גענומען רעדן, און נאָך אַ מין רעדן, אַ מין רעדן!

בלעמס אײזל איז דאָס געװען דער לאַקײ סמערדיאַקאָװ. אַ מענטש נאָך אַ יונגער, סך הכּל אַ יאָר פֿיר און צװאַנציק אַלט, איז ער געװען אַ מוראַדיק אָפּגעזונדערטער און אַ שװײַגער. ניט װאָס

מ׳זאל זאגן׳ אז ער איז געווען ווילד אדער האבן זיך געשעמט פאר עמיצן, ניין׳ לויטן כאראקטער נאך איז ער געווען א בעל גאוה און ווי ער וואלט עפעס אלעמען געהאסט. מ׳קאן אבער ניט פארבייגיין, און ניט זאגן וועגן אים כאטש א פאר ווערטער׳ און דווקא איצט. דער־צויגן האבן אים מארפא איגנאטיעוונא און גריגארי וואסיליעוויטש, אבער געוואקסן איז דער אינגל ״אן א שום דאנקבארקייט״, ווי גריגארי פלעגט זיך אויסדריקן וועגן אים, געוואקסן אפן וואלד און געקוקט אף דער וועלט פון א זייט. קינדווייז האט ער זעער האלט געהאט צו הענגען קעץ און דערנאך מקבר זיין זיי מיט צע־רעמאניעס. ער פלעגט אנטאן לכבוד דעם א ליילאך, וואס ס׳איז געווען ווי א מין גלחשע ריזע, און פלעגט זינגען דערביי און ארומ־שאקלען מיט עפעס א זאך איבערן טויטן קעצל׳ ווי מיט א ווייראך־לעמפל. דאס אלץ פלעגט ער טאן בסוד סודות. גריגארי האט אים איינמאל געפאקט בא אזא מין ארבעט און שטארק ארייגעשמיסן מיט א רוט. דער בעל דבר איז אוועק אין ווינקל אריין און גע־ברוגזט זיך פון דארטן בא א וואך צייט. ״ער האט פיינט אי מיך אי דיך, אט דער רשע מרושע״׳ פלעגט זאגן גריגארי צו מארפא איגנאטיעוונען, ״ער קאן גלאט אלעמען ניט אריבערטראגן. דו ביזט דען א מענטש?״ פלעגט ער זיך א קער טאן צו סמערדיאקוון, — ״דו ביזט ניט קיין מענטש. דו ביזט פון דער גליטשיקייט פון באד ארויס. אט ווער דו ביזט״... ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, האט אים סמערדיאקאוו דערנאך קיינמאל נישט געקאנט מוחל זיין אט די ווער־טער. גריגארי האט אים אויסגעלערנט לייענען, און אז ער איז שוין אלט געווען א יאר צוועלף, האט ער אנגעהויבן לערנען מיט אים די הייליקע געשיכטע. די זאך האט זיך אבער תיכף געענדיקט מיט גארנישט. סך הכל ביים צווייטן אדער דריטן מאל לערנען, האט דער אינגל פלוצים אנגעהויבן שמייכלען.

— וואס שמייכלסטו וואס? — האט א פרעג געטאן גריגארי, ארויסקוקנדיק אף אים מיט כעס פון אונטער די שפאקולן.

— גארנישט. דאס ליכט האט גאט באשאפן אין דעם ערשטן טאג און די זון, די לבנה און די שטערן אפן פערטן טאג. היינט

פון וואנעט האט זיך דאס גענומען דאס ליכט אין דעם ערשטן טאג?
גריגארי איז געפלעפט געווארן, דער תּלמיד האט געקוקט אפן רבין מיט א געשפעט. ס'איז געווען אפילו אין זיין קוק עפעס גדלותדיקס אזוינס. גריגארי האט זיך ניט איינגעהאלטן. "אט פון וואנען!" ט'ער א געשריי געטאן און מיט ווילדקייט געגעבן א פאטש דעם תּלמיד אין באק. דער אינגל האט דעם פאטש מקבל באהבה געווען, ניט זאגנדיק אנטקעגן קיין ווארט אפילו. נאר ער האט זיך ווייטער פארקליבן אין ווינקל אריין אף עטלאכע טעג. מעשה־צופאל, האט זיך בא אים גראד אין א וואך ארום באוויזן חולי נופלים צום ערשטן מאל אין לעבן, וואס האט אים שפעטער כל ימיו ניט אפ־געלאזן. דערוואוסט זיך פון דעם, האט פיאדאר פאוולאוויטש ווי מיטאמאל געענדערט זיין קוק אפן אינגל. פריער פלעגט ער עפעס קוקן אף אים גלייכגילטיק, כאטש ער פלעגט קיינמאל ניט שרייען אף אים און אז ער פלעגט אים זען, תּמיד געבן א קאפיקע. און אין א גאר יום־טובדיקער שטימונג פלעגט ער אפטמאל שיקן פון טיש עפעס א זיסן מאכל דעם אינגל אויך. איצטער אבער, אז ער האט זיך דערוואוסט פון דעם חולאת, האט ער בפירוש אנגעהויבן זארגן פאר אים, האט פארבעטן דעם דאקטאר, דער דאקטאר האט געפראוווט היילן, נאר עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אויסהיילן קאן מען ניט. דורכן־באנק פלעגן די ספאזמעס פארקומען איין מאל אין חודש און אין פארשיידענע צייטן. די ספאזמעס אליין זיינען אויך געווען ניט גלייך, — אמאל גרינגער, א מאל זעער שווער. פיאדאר פאוולאוויטש האט אפן שטרענגסטן אופן פארווערט גריגאריען צו שלאגן דעם אינגל און האט אים אנגעהויבן ארויפלאזן צו זיך אף אויבן. לערנען אים עפעס א טאלאנט האט ער לעת עתּה אויך פארווערט. נאר אמאל, אז דער אינגל איז שוין אלט געווען א יאר פופצן, האט פיאדאר פאוולאוויטש דערזען, אז ער דרייט זיך ארום לעבן ספרים־אלמער און לייענט דורכן גלאז ווי אזוי די ספרים הייסן. ספרים האט פיאדאר פאוולאוויטש געהאט גענוג, א קימא לן פון מער ווי א הונדערט בענדער, נאר אים גופא בא א ספר האט קיינמאל קיינער ניט געזען. די שטעל האט ער איבערגעגעבן סמערדיאקאוון דעם

שליסל פון אלמער: „טא לייען טאקע, בעסער זיין א ביבליאטעקער, ווי ארומשלעפן זיך איבערן הויף, זעץ זיך און לייען, לייען אט דאס", און פיאדאר פאוולאוויטש האט אים ארויסגענומען „די אוונטן אפן כוטאר לעבן דיקאנקע".

דער בחורל האט דורכגעלייענט, אבער איז געבליבן ניט צו־פרידן, האט קיין איין מאל ניט א שמייכל געטאן, אדרבה, האט גע־ענדיקט א ברוגזער.

— וואס? ניט קיינע שיינע זאך? האט געפרעגט פיאדאר פאוולאוויטש. סמערדיאקאוו האט געשוויגן.

— ענטפער, פרא אדם.

— ס'איז אלץ א שקר, — האט שמייכלענדיק ארויסגעקוועטשט סמערדיאקאוו.

— טא גיי צו אלדי רוחות, דו לאקיי איינער. ווארט א ווײַלע, נא דיר סמאראגדאווס „די אלגעמיינע געשיכטע". דא איז שוין אלץ אמת, לייען.

סמערדיאקאוו האט אבער קיין צען זייטלאך נישט דורכגעלייענט פון סמאראגדאוון, ווי ס'איז אים געווארן לאנגווײַליק. האט זיך טאקע אזוי ווייטער פארמאכט דער ספרים־אלמער. אינגיכן אבער האט מארפא און גריגארי מודיע געווען פיאדאר פאוולאוויטשן, אז בא סמערדיאקאוון האט זיך אנגעהויבן ארויסווייזן מיטאמאל עפעס א מוראדיקער מיאוסן זיך: עסט זופ, נעמט אָן א לעפל און זוכט און זוכט, בויגט זיך אן, באקוקט, נעמט אן א לעפל און הויבט אויף אנטקעגן ליכט.

— א טאראקאן, מסתמא? — פלעגט פרעגן גריגארי.

— אפשר א פליג? — פלעגט צוגעבן מארפא.

דער זויבערער בחורל פלעגט קיינמאל נישט ענטפערן, נאר סיי מיטן ברויט, סיי מיטן פלייש, סיי מיט אלע אנדערע עסנזאכן איז געווען דאס אייגענע: פלעגט אויפהויבן א שטיקל אף דער גאפל אנטקעגן ליכט, באקוקן פונקט ווי אונטער א מיקראסקאפ, לאנג מישב זיין זיך און צום סוף באשליסן זיך און ארייננטאן אין מויל. „ס'ארא פריץ ס'איז אראפגעפארן", פלעגט גריגארי מורמלען, קוקנדיק אף

אים· פיאדאר פאוולאוויטש· דערהערנדיק פון דער נייער מעלה סמערדיאקאווס· האט תיכף באשלאסן· אז ער דארף זיין א קעכער· און האט אים אפגעגעבן לערנען קיין מאסקווע· ביים לערנען איז ער אפגעווען עטלאכע יאר און האט זיך אומגעקערט זעער געביטן אין פנים· ער איז עפעס מיטאמאל אויסערגעוויינלאך אלט געווארן׳ גאר ניט אין פארגלייך מיט די יארן, איז איינגעקארטשעט געווארן, געל געווארן, אנגעהויבן אויסזען ווי א סריס· וואס איז שייך דער גייסטיקער זייט, איז ער געקומען צוריק כמעט דער אייגענער ווי פארן פאָרן קיין מאסקווע: איז נאך אלץ געווען אזוי אפגעזונדערט און האט לחלוטין ניט געשפירט קיין באדערפעניש אין מענטשן· ער האט אויך אין מאסקווע די גאנצע צייט געשוויגן, ווי מ׳האט שפעטער איבערגעגעבן; מאסקווע אליין האט אים זעער ווייניק פאראינטערעסירט, אזוי אז ער האט געזען דארטן אפשר עפעס גאר א קלייניקייט· און דאס איבע־ריקע אלץ האט ער גאר נישט גענומען אין רעיון· איז געווען אפילו א מאל אין טעאטער אויך· נאר געקומען צוריק שווייגנדיק און אומצו־צופרידן· דערפאר אבער איז ער אראפגעקומען צו אונז פון מאסקווע מיט גוטע קליידער, און א פיינעם סורדוט און זויבערע וועש, פלעגט זעער זארגעוודיק אויספוצן אליין מיט א בערשטל דעם אנצוג צוויי מאל א טאג, און די יוכטענע שטיוול זיינע· די עלעגאנטע, האט ער שטארק האלט געהאט צו פוצן מיט א באזונדער ענגלישער וואקס, אז זיי זאלן פינקלען, ווי א שפיגל· א קעכער איז ער געווארן אן אויסגעצייכנטער· פיאדאר פאוולאוויטש האט אים באשטימט שכירות, און דאס דאזיקע שכירות פלעגט סמערדיאקאוו כמעט פארטאן אינ־גאנצן אף קליידער, אף פאמאדע, אף פארפום וכדומה· נאר ווייבס־פערזאנען האט ער, דאכט זיך, פונקט אזוי פיינט געהאט בתכלית שנאה, ווי מאנסביל, געהאלטן זיך צו זיי מיט שטאט· כמעט ניט צוצוטרעטן· פיאדאר פאוולאוויטש האט אנגעהויבן קוקן אף אים עפעס אויך מיט אן אנדער קוק· די מעשה איז די· ווייל די ספאז־מעס פון זיין פאליקע זיינען שטארקער געווארן, און דעמאלט פלעגט שוין קאכן מארפא איגנאטיעוונא· פון וואס פיאדאר פאוולאוויטש האט געהאט קנאפ־וואס הנאה·

— פון וואס נעמען זיך דאס בא דיר רק די ספאזמעס? — פלעגט ער אפטמאל קרימען זיך אף דעם קעכער׳ ארײנקוקנדיק זיך אין זײן פנים׳ — אז דו וואלסט כאטש חתונה געהאט מיט וועמען עס איז, ווילסט, וועל איך דיך חתונה מאכן? . . .

— סמערדיאקאוו פלעגט אבער פון אזוינע רייד נאר בלײך ווערן פון פארדרוס׳ אבער פלעגט גארנישט ניט ענטפערן. פיאדאר פאוולאוויטש פלעגט אפקערן זיך׳ געבנדיק א מאך מיט דער האנט. דער עיקר אבער איז ער געווען אינגאנצן זיכער אין דער ארנטלאכקייט זײנער׳ אין דעם׳ אז ער וועט קײן זאך ניט נעמען און ניט גנבענען. אײנמאל האט זיך געטראפן׳ אז פיאדאר פאוולאוויטש׳ וואס איז געווען נעבאך שיכור׳ האט פארלארן אף זײן אייגענעם הויף׳ אין בלאטע׳ דריי גאנצע הונדער־טער׳ וואס ער האט געהאט אקארשט באקומען׳ און האט געכאפט ערשט אפן צווייטן טאג: נאר־וואס ער האט זיך געלאזן זוכן אין די קעשענעס׳ ערשט עס ליגן שוין די גאנצע דריי הונדערטער בא אים אפן טיש. פון וואנען? סמערדיאקאוו האט אויפגעהויבן און נאך נעכטן געבראכט. „נו׳ ברודער׳ אזוינע׳ ווי דו׳ האב איך קײנמאל ניט געזען״׳ האט אפגעשניטן פיאדאר פאוולאוויטש און געשײנקט אים א צען־קאר־בנדיקן. מ׳דארף צוגעבן׳ אז ער איז ניט נאר וואס געווען זיכער אין דער ארנטלאכקייט זײנער׳ נאר ער האט אים עפעס אפילו אויך ווי האלט געהאט׳ הגם סמערדיאקאוו האט אף אים אויך געקוקט פונקט אזוי פון דער זײט׳ ווי אף אלע אנדערע׳ און געהאלטן אין אײן שווייגן. זעער זעלטן פלעגט ער עפענען דאס מויל. ווען אײנעם וואלט דעמאלט אײנגעפאלן א פרעג צו טאן׳ קוקנדיק אף אים: וואס אזוינס עס אינטע־רעסירט דעם דאזיקן בחור און וועגן וואס טראכט ער מער פאר אלץ׳ וואלט׳ כ׳לעבן׳ ווי געווען אוממעגלאך צו זאגן דאס׳ קוקנדיק אף אים. און פונדעסטוועגן פלעגט זיך טרעפן׳ אז ער פלעגט מיטאמאל בלײבן שטײן אינמיטן שטוב גופא׳ צי אפן הויף צי אפן גאס׳ זיך פארטראכטן און אפשטײן אזוי צענדליקע מינוטן אפילו. ווען א פיזיאנאמיקער וואלט זיך אײנגעקוקט אין אים׳ וואל ער געזאגט׳ אז דאס זײנען ניט קײן מחשבות׳ ניט קײן רעיונות׳ נאר דאס איז עפעס א דורכדרינגען. בא דעם מאלער קראמסקען איז דא א הערלאך בילד׳ וואס הייסט „דער דורכ־

דרינגער״. ס׳איז פארגעשטעלט א וואלד אין ווינטער, און אין וואלד, אפן וועג, אין אן אפגעריסן לייבל און אין לאפטיעס שטייט איינציקער אליין, אין טיפסטער איינזאמקייט, א פארבלאנדזעטער פויערל, שטייט און ווי ער וואלט זיך פארטראכט, אבער ער טראכט נישט, נאר ער „דרינגט דורך״ עפעס. ווען מ׳זאל אים א שטופ טאן, וואלט ער א ציטער געטאן און וואלט געגעבן א קוק אף אייך פונקט ווי פון שלאף אויפגעכאפט, נאר ניט אנהייבנדיק קיין זאך צו פארשטיין. אמת, ער וואלט טאקע תיכף געקומען צו זיך, און אז איר וואלט אים געגעבן א פרעגי וועגן וואס איז ער דאס געשטאנען און געטראכט, וואלט ער בלי ספק אן גארנישט ניט דערמאנט זיך, דערפאר אבער וואלט ער זיכער פארבארגן אין זיך יענעם איינדרוק, אונטער וועלכן ער האט זיך געפונען, בעת דעם דורכדרינגען זיינעם. די דאזיקע איינדרוקן ווידער זיינען אים טייער, און אף געוויס זאמלט ער זיי, נישט באמערקנדיק, און אומבאוואוסט אפילו, — צוליב וואס און פאר וואס, ווייס ער געוויינטלאך אויך נישט: אפשר אנזאמלענדיק איינדרוקן פאר א סך יארן, וועט ער מיטאמאל אלץ לאזן און וועט אוועק קיין ירושלים ארומוואגלען דארטן און פראוועז תיקון, און אפשר וועט ער פלוצים זיין אייגענעם דארף אונטערצינדן, און אפשר וועט זיך טרעפן סיי דאס סיי יענץ צוזאמען. דורכדרינגער זיינען דא אין פאלק גענוג. אט איינער פון אזוינע דורכדרינגער איז געוועזן אָן א פראגע סמערדיאקאוו אויך, און ער האט געוויס אויך געזאמלט די איינדרוקן זיינע מיט גרויס באגער, נאך אליין כמעט נישט וויסנדיק צוליב וואס.

## VII

## דער פילפול

בלעמס אייזל האט מיטאמאל געעפנט דאס מויל. די טעמע איז געוועזן א מאדנע: אז גריגארי האט אפגענומען אינדערפרי בא לוקיאנאוון דעם סוחר געקויפטע זאכן, האט ער דערהערט פון אים וועגן איינעם

א רוסישן סאלדאט, וואס איז ערגעץ ווייט אפן גרעניץ, לעבן די אזיאטן, אריינגעפאלן צו זיי אין געפאנגענשאפט און, זייענדיק געצוואונגען פון זיי דורך דראען מיט א פיינלאכן און באלדיקן טויט אפצוזאגן זיך פון קריסטנטום און אריבערגיין צום איסלאם, האט ער נישט געוואלט ווערן אומטריי זיין גלויבן און האט מקבל באהבה געווען די עינויים, געלאזן אראפרייסן פון זיך די הויט און איז געשטארבן לויבנדיק און בענטשנדיק קריסטוסן, — וועגן וועלכער העלדן־טאט ס׳איז געווען גראד אפגעדרוקט אין דער בלאט־צייטונג, וואס ס׳איז אין יענעם טאג אנגעקומען, וועגן דעם האט זיך דאס פאנאנדערגערעדט גריגארי ביים טיש. פיאדאר פאוולאוויטש פלעגט פריער אויך האלט האבן, יעדעס מאל נאכן עסן, ביים דעסערט, מאכן זיך א ביסל לוסטיק און א שמועס טאן כאטש בי אפילו מיט גריגאריען; דאס מאל אבער האט ער געהאט א גאר לייכטע און יום־טובדיקע שטימונג, טרינקענדיק א גלעזעלע קאניאק און אויסהערנדיק דעם נייס, האט ער א זאג געטאן, אז אזא מין סאלדאט וואלט מען, אין תּוך, געדארפט די רגע פארעכענען אין דער צאל פון די צדיקים און די אראפגעצויגענע הויט זיינע אריינפירן אין א וועלכן עס איז מאנאסטיר: „אט וואלט זיך דאס א שאט געטאן אן עולם און געלט״. גריגארי איז א ביסל ברוגז געווארן, דערזעענדיק, אז פיאדאר פאוולאוויטשן האט דאס קיין האר נישט געארט, און אז ער הייבט אן, לויט דער שטענדיקער רגילות זיינער, צו שפאטן פון היילי־קע זאכן, ערשט מיטאמאל האט סמערדיאקאוו, וואס איז געשטאנען לעבן דער טיר, אנגעהויבן צו שמייכלען. סמערדיאקאוון פלעגט מען שוין פריער אויך זעער אפט צולאזן שטיין לעבן טיש, דאס הייסט, אז מ׳פלעגט שוין האלטן ביים ענדיקן עסן, זינט אבער איוואן פיאדארא־וויטש איז אראפגעקומען צו אונז אין שטאט האט ער אנגעהויבן קומען צו ווארמעס כמעט יעדעס מאל.

— וואס שמייכלסטו, וואס? — האט א פרעג געטאן פיאדאר פאוולאוויטש, וואס האט כּהרף עין באמערקט זיין שמייכל און פאר־שטאנען, געוויינטלאך, אז דאס איז שייך צו גריגאריען.

— דאס מיין איך אנטקעגן דעם, — האט מיטאמאל גענומען רעדן סמערדיאקאוו הויך און אומגעריכטערהייט, — אז אויב אפילו די

גבורה פון דעם דאזיקן העלדישן סאלדאט איז זעער גרויס ,וואלט פון דער אנדער זייט, אקעגן זשע, ווי איך מיין, אויך קיין שום עבירה ניט געווען, ווען מ׳זאל זיך בא אזא פאל אפזאגן פון זיין ליבן נאמען, למשל, און פון דעם אייגענעם קריסטלאכן גלויבן, כדי דורך דאס גופא ראטעווען דעם אייגענעם לעבן פאר גוטע מעשים, מיט וועלכע מ׳קאן אין א משך פון יארן אויסקויפן אויך די דאזיקע שוואכקייט.

— וואס הייסט דאס, א שטייגער, ניט זיין קיין עבירה? דאס איז ניט ריכטיק, דערפאר ט׳מען דיך גלייך א נעם טאן אין גיהנום אריין און מ׳וועט דיך דארטן אנהייבן סמאליען און בראטן ווי שעפסן־פלייש, — האט אונטערגעכאפט פיאדאר פאוולאוויטש.

אט אף די רייד איז דאס טאקע אנגעגאנגען אליאשא. פיאדאר פאוולאוויטש, ווי מיר האבן שוין געזען, האט זיך מוראדיק דערפרייט מיט אים.

— אף דיין טעמע, אף דיין טעמע! — האט ער געכיכיקעט פאר פרייד, אוועקזעצנדיק אליאשען ער זאל אויך הערן.

— מכוח שעפסן־פלייש, זייט מוחל, איז ניט אזוי, און דארטן וועט גלאט דערפאר קיין זאך ניט זיין, און עס קאן גארנישט ניט זיין אזוינס, אויב עס קומט פאר אינגאנצן על פי יושר, — האט סאליד אנגערופן זיך סמערדיאקאוו.

— וואס הייסט, א שטייגער, אינגאנצן על פי יושר, — האט אויס־געשריען נאך פריילאכער פיאדאר פאוולאוויטש, געבנדיק א שטויס אליאשען מיטן עלנבויגן.

— אן אויסוואורף איז ער, אט ווער ער איז! — האט זיך ארויס־געריסן מיטאמאל בא גריגאריען, און ער האט מיט כעס א קוק געטאן סמערדיאקאוון גלייך אין די אויגן אריין.

— מכוח אן אויסוואורף האט צייט, זייט מוחל, גריגארי וואסיליע־וויטש, האט רואיק און איינגעהאלטענערהייט אפגעענטפערט סמערדיא־קאוו, — און בעסער באטראכט אליין, אז וויבאלד איך בין אריינגעפאלן צו פייניקער פון דער קריסטלאכקייט און זיי פאדערן פון מיר צו פאר־שילטן גאטס נאמען און אפצוזאגן זיך פון דער אייגענעם הייליקן גלויבן, בין איך דאס לגמרי באפולמעכטיקט פון מיין אייגענעם שכל, ווארים קיין שום עבירה איז דא ניטא.

— דו האסט דאך דאס שוין אבער געזאגט, דו קיי מיר אקארשט ניט איבער, נאר דערוויז! — האט געשריען פיאדאר פאוולאוויטש.

— בוליאנשטשיק! — האט א שעפּטשע געטאן גריגארי מיט פאראכטונג.

— מכוח בוליאנשטשיק ווארט אויך אויף, זייט מוחל, און ניט גע־זידלט זיך, באטראכט אליין, גריגארי וואסיליעוויטש, ווארים ווי נאר איך זאג צו די: פייניקער „ניין, איך בין ניט קיין קריסט און דעם אמתן גאט מיינעם פארשילט איך", ווי די רגע, אן שום שהיות, איז דער בית־דין של מעלה מיך מחרים און איך ווער אויסגעשיידט פון דער הייליקער קירך, פונקט ווי א געצנדינער, טאקע אין דער זעלביקער רגע, — ניט נאר גלייך ווי איך וועל דאס ארויסזאגן, אזוי אז דא וועט אפילו קיין פערטל רגע ניט דויערן, ווי איך וועל ווערן אויסגעשיידט, — אזוי, צי ניט אזוי, גריגארי וואסיליעוויטש?

ער האט מיט א בולטן נחת זיך געגעבן א קער צו גריגאָריען, ענטפערנדיק אין תוך נאר אף פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס פראגן, און ער האט דאס אליין זייער גוט פארשטאנען, נאר מיט א כיוון מסתמא גע־מאכט זיך, אזוי ווי דאס וואלט אים כלומרשט געפרעגט גריגארי.

— איוואן! — האט א געשריי געטאן מיטאמאל פיאָדאר פּאוו־לאָוויטש, — בויג זיך אן צו מיר צום סאמען אויער. דאס מאכט ער דאך אלץ לכבוד דיר. ער וויל דו זאלסט זאגן א גוט ווארט. זאג אים א גוט ווארט.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט אינגאנצן ערנסט אויסגעהערט די התפעלותדיקע רייד דעם טאטנס.

— ווארט א ווײַלע, סמערדיאַקאָוו, שווייג א ווײַלע, — האט ווידער א געשריי געטאן פיאָדאר פּאַוולאָוויטש: — איוואן, בויג זיך אָן צו מיר צום סאמען אויער נאך א מאל.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט זיך נאך אמאל אנגעבויגן מיט א סאַמן ערנסטן פּנים.

— כ'האב דיך האלט אזוי ווי אַליאָשקען. דו מיין ניט, אז איך האב דיך פיינט. א ביסעלע קאניאק ווילסטו?

— ניט. „אליין האסטו זיך אבער כדבעידיק אנגעזויפט", האט

שארף א קוק געטאן אפן טאטן איוואן פיאָדאָראָוויטש. אף סמערדיאַ־קאָוון ווידער האט ער זיך צוגעקוקט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט.

— פארשאלטענער, ביזט איצט אויך פארשאלטן, האט זיך מיט־אמאל פאנאנדערגעלאזן גריגאָרי, — און ווי אזוי דערוועגסטו זיך דאס, דו אויסוואורף, נאך אט דעם צו רעדן, וויבאלד . . .

— זידל זיך ניט, גריגאָרי, זידל זיך ניט! — האט איבערגעריסן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש.

—ווארט נאר א ווײַלע, גריגאָרי וואַסילעוויטש, נאר איין רגעלע און הערט אויס ווייטער, ווארים כ׳האב נאך אלץ ניט געענדיקט. ווארים, אין דעם זעלביקן מאמענט, ווי איך ווער פארשאלטן פון גאט, אט אין דעם זעלביקן מאמענט, אין אט דעם סאמן העכסטן מאמענט, ווער איך שוין אלץ איינס ווי א געצנדינער, און די טויפונג מיינע נעמט מען פון מיר אוועק און זי ווערט מגולגל אין גארנישט, — איז דען דאס ניט אזוי?

— אבער דעם סוף, דעם סוף אף גיך, — האט אונטערגעטריבן פיאָדאָר פּאוולאָוויטש, געבבנדיק א זופּ פון גלעזל.

— היינט וויבאלד איך בין שוין ניט קיין קריסט, איז געדרונגען, אז איך האב אויך ניט געזאגט קיין ליגן די פּייניקער, בעת זיי האבן געפרעגט: „צי בין איך א קריסט צי ניט“, ווארים איך בין שוין פון גאט אליין אפּגעשיידט געווארן פון מיין קריסטנטום, דער פאר, וואס נאר דער דאזיקער רעיון איז מיר ארויף, און נאך איידער איך האב באוויזן צו זאגן א ווארט די פּייניקער. און וויבאלד מ׳האט מיך שוין אויס־געשיידט, טא אף וואס פאר אן אופן און מיט וואס פאר א יושר וועט מען פאדערן פון מיר אף יענער וועלט, ווי פון א קריסט, דער פאר וואס איך האב זיך אפּגעזאגט פון קריסטוסן, אין דער צייט וואס מ׳האט מיך מער ניט ווי פארן רעיון, נאך איידער איך האב זיך אפּגעזאגט פון קריסטוסן, אוועקגענומען פון מיר די טויפונג מיינע? וויבאלד אבער איך בין שוין ניט קיין קריסט, איז געדרונגען, אז איך קאן זיך אויך ניט אפּזאגן פון קריסטוסן, ווארים איך האב דאך דעמאלט ניט וואס אפּצוזאגן זיך. פון א געצנדינער א טאָטער ווער וועט, גריגאָרי וואַסי־ליעוויטש, פרעגן א דין וחשבון, כאטש אפילו אפן הימל, למאי ער איז ניט געבארן געווארן קיין קריסט, און ווער וועט דאס אים שטראפן

דערפאר, האלטנדיק, אז מ׳קאן ניט טאנצן אף קיין צוויי חתונות. און גאט אליין דער אלמעכטיקער, ווען ער וועט אפילו יע באשטראפן א טאָטער נאך זיין טויט, האלט איך, אז דאס וועט זיין עפעס א גאר קליינע שטראף (ווארים אינגאנצן ניט צו באשטראפן אים קאן מען דאך ניט), באטראכטנדיק, אז ער איז דאך ניט שולדיק דער פאר, וואס ער איז ארויסגעקומען פון געצנדינער־עלטערן א געצנדינער אף דער וועלט. דער רבונו של עולם קאן דאך ניט נעמען מיט געוואלט קיין טאטער און זאגן, אז ער איז אויך געווען א קריסט? עס וואלט דאך דעמאלט גע־הייסן, אז דער אלמעכטיקער גאט זאגט בפירוש א ליגן. און קאן דען דער אלמעכטיקער זאגן א ליגן, כאטש בי אין איין ווארט אפילו?

גריגאָרי איז געווארן פארגליווערט און געקוקט אפן רעדנער, אויסגלאצנדיק א פאר אויגן, כאטש אפילו ער האט ניט גוט פאר־שטאנען, וואס מ׳רעדט, נאר עפעס פון דער גאנצער פלאפלעריי האט ער מיטאמאל יא געכאפט און איז געבליבן שטיין עפעס אזוי ווי איינער, וואס האט זיך פלוצים געגעבן א זעץ מיטן קאפ אָן וואנט. פיאָדאָר פּאַוולאוויטש האט אויסגעליידיקט דאס גלעזל און האט זיך צעקייכט מיט א קוויטשענדיקן געלעכטערל.

— אליאשקא, אליאשקא, וואס זאגסטו! אך דו, קאזואיסט ער האט געמוזט ערגעץ זיין בא די יעזואיטן, איוואן. הער נאר אויס, יעזואיט עיפּושדיקער, ווער האט דאס דיך אויסגעלערנט? אבער דו לייגסט, קאזואיסט, דו לייגסט, דו לייגסט. וויין ניט, גריגארי, מיר וועלן אט די רגע מאכן פון זיין גאנצער תורה א תל. זאג מיר נאר, אייזל, אט וואס: זאל זיין, אז פאר די פייניקער ביזטו גערעכט, דו האסט זיך דאך אבער אליין אין זיך גופא פארט אפגעזאגט פון דעם גלויבן דיינעם און דו זאגסט דאך אליין, אז אין דער זעלבער רגע ביזטו ארייגעלייגט געווארן אין חרם, און וויבאלד דו ביזט שוין פארשאלטן וועט מען דיך דארטן אין גיהנום ניט א גלעט טאן פארן בעקעלע. וואס מיינסטו מכוח דעם, יעזואיט דו מיין ליבהארציקער?

— דאס איז גאר קיין ספק ניט, אז אין זיך גופא האב איך זיך אפגע־זאגט, נאר פונדעסטוועגן איז דא קיין שום באזונדערער חטא ניטא, און אויב עפעס אן עברהלה איז יע געווען, איז דאס גאר־גאר א געוויינלאכע.

— וואס הייסט דאס א שטייגער, גאר־גאר א געוויינלאכע!
— כופר בעיקר דו, — האט א שיפע געטאן גריגארי.
— באטראכט נאר אליין, גריגארי וואסיליעוויטש, — האט סמערדיאקאוו ווייטער גערעדט גלייכמאסיק און סאליד, זעענדיק, אמת, דעם אייגענעם נצחון, נאר אויך ארויסווייזנדיק גרויסמוט צו דעם באזיגטן קעגנער, — באטראכט נאר אליין גריגארי וואסילעוויטש: עס שטייט דאך געשריבן אין די הייליקע ספרים, אז אויב איר גלויבט אפילו נאר אף א קלענסטן קערנדל און איר זאלט אנרופן זיך צו דעם בארג, אז ער זאל אראפלאזן זיך אין ים אריין, וועט ער זיך אראפלאזן, אן קיין שום שהיות, גלייך ווי איר וועט נאר הייסן. איז אט, גריגארי וואסיליעוויטש, אויב אז איך בין א כופר בעיקר, און איר זייט אזא גוואלטיקער מאמין, אז איר האלט אפילו אין איין זידלען מיך, טא גיט א פרווו אליין, איך בעט אייך, הייסן אט דעם בארג, אז ער זאל זיך אראפלאזן ניט וואס אין ים (ווארים צום ים פון דאנען איז דאך ווייט), נאר כאטש אין אונזער שטינקעדיקן טייכל, וואס איז בא אונז הינטערן סאד, וועט איר אליין תיכף דערזען, אז ער וועט זיך אפילו אף קיין האר ניט אראפלאזן, און אלץ וועט בלייבן אין דעם פריערדיקן סדר, ווי ס׳איז געווען, וויפל איר זאלט אייך אפילו ניט שרייען. דאס הייסט אבער, אז איר גופא, גריגארי וואסילעוויטש, גלויבט אויך ניט, ווי ס׳געהער צו זיין, מער ניט וואס איר זידלט אנדערע דער פאר מיט וואס אין קארט שטייט. היינט צוריק דאס אייגענע, ווען מיר נעמען אין רעיון, אז אין אונזער צייט איז ניט נאר וואס איר, נאר לחלוטין קיין איינער ניט, אנהייבנדיק פון די סאמע גרעסטע מענטשן אפילו ביזן סאמן נידעריקסטן מוזשיק, וועט ניט קאנען אראפשטויסן דעם בארג אין ים אריין, סיידן אפשר איין מענטש אף דער גאנצער וועלט, אז א סך — צוויי, איז דאס אויך אפשר פראוועט זיי תיקון ערגעץ פאר־בארגענערהייט אין דער מדבר אין מצרים, אזוי אז מ׳קאן זיי גאר אינגאנצן נישט געפינען, — היינט וויבאלד עס איז אזוי, וויבאלד, אז אלע איבעריקע מענטשן גלויבן ניט, וועט נישיים זע אט די אלע מענטשן, דאס הייסט די באפעלקערונג פון דער גאנצער ערד, א חוץ אט יענע צוויי, וואס איי דער מדבר, וועט אט די אלע מענטשן דער

אויבערשטער פארשילטן, ער, וואס איז אזא בארמהארציקער, וועט קיינעם ניט מוחל זיין פון זיי? דעריבער האף איך טאקע, אז אויב איך האב יע אנגעהויבן ספקן, וועט מען מיר מכפר זיין, ווען איך וועל פארגיסן טרערן פון תשובה.

— שטיי! — האט א קוויטשע געטאן פיאדאר פאוולאוויטש אין דער גרעסטער התפעלות, — רעכנסטו פארט, אז צווייען, וואס קאנען דעם בארג אראפשלעפן, זיינען יע פאראן? איוואן, דו זאלסט דאס איינקריצן, — פארשרייב דאס: דער גאנצער רוסישער פאלקס־מענטש האט זיך דא ארויסגעוויזן!

— איר האט זעער ריכטיק באמערקט, אז דאס איז א פאלקס־טימלאכער שטריך אין דעם גלויבן, — האט מיט א שמייכעלע פון הסכם צוגעשטימט איוואן פיאדאראוויטש.

— ביזט מסכים! אליאשקא, ס'איז דאך אן אמת? דער רוסישער גלויבן איז דאך אינגאנצן אזא?

— ניין, סמערדיאקאוו האט אינגאנצן נישט קיין רוסישן גלויבן, — האט ערנסט און פעסט א זאג געטאן אליאשא.

— איך רעד נישט מכּוח דעם גלויבן זיינעם, איך רעד מכּוח אט דעם שטריך, מכּוח אט די צוויי מדבר־מענטשן, מער ניט ווי וועגן אט דעם שטריך אליין: דאס איז דאך אן אמת רוסישער, אן אמת רוסישער?

— יע, דער שטריך איז אן אמת רוסישער, — האט א שמייכל געטאן אליאשא.

— א גילדענע צען־קארבנדיקע איז ווערט דיין ווארט, דו אייזל, און נאך היינט וועל איך דיר אים ארייגשיקן, אבער דאס איבעריקע פונדעסטוועגן לייגסטו, לייגסט, דו לייגסט. זיי וויסן, בהמה, אז מיר גלויבן דא אלע ניט בלויז פון לייכטזיניקייט וועגן, ווארים מיר האבן קיין צייט ניט: ערשטנס, זיינען צופיל געשעפטן דא און צווייטנס האט גאט געגעבן קנאפ צייט, האט באשטימט אין מעת לעת סך הכל פיר און צוואנציק שעה, אזוי אז ס'איז ניטא אפילו ווען אויסצושלאפן זיך, ניט נאר וואס תשובה צו טאן. דו אבער האסט זיך דארטן בא די פייניקער אפגעזאגט פון דיין גלויבן, ווען דו האסט קיין אנדער זאך

נישט געהאט וועגן וואס צו טראכטן ווי אן דיין גלויבן, און דווקא ווען דו האסט געמוזט דעם גלויבן דיינעם באווייזן! אזוי מיין איך, ברודער, איז דאך דער פשט דערפון?

— דער פשט איז זיך א פשט, באטראכט זיך אבער אליין, גריגארי וואסילעוויטש, דווקא דער פשט מאכט דאס נאך לייכטער. ווארים ווען איך וואלט דעמאלט געגלויבט טאקע באמונה שלמה, ווי עס געהער צו זיין צו גלויבן, וואלט דעמאלט בפירוש געווען א זינד, ווען איך וואלט זיך ניט געלאזן אומקומען על קדוש השם, און וואלט אנגענומען מחמד'ס מיאוסן גלויבן. אבער צו קדוש השם וואלט דאך דעמאלט גאר ניט דערגאנגען אפילו, ווארים, איך וואלט נאר געדארפט אין דער זעלביקער רגע א זאג טאן צו דעם בארג: רוק זיך און דערשטיק דעם רשע, וואלט ער זיך געגעבן א רוק און כהרף עין דערשטיקט אים ווי א פרייס, און איך וואלט זיך ווייטער געגאנגען מיין וועג, ווי קיין שום זאך וואלט גארניט געווען אפילו, בענטשנדיק און לויבנדיק דעם בורא. וויבאלד אבער איך האב אין דעם זעלביקן מאמענט טאקע אט דאס אלץ אויסגעפרואווט און מיט א כיוון געשריען צום בארג: דערשטיק די רשעים, און ער האט ניט דער־שטיקט, טא ווי אזוי וואלט דעמאלט, איך בעט אייך, קיין מחשבה זרה ניט געקומען צו מיר, און נאך אין אזא אימהדיקער שעה פון פחד און טויט? און איך ווייס דאך שוין א חוץ דעם, אז קיין היילן גן עדן וועל איך ניט האבן (ווארים דער בארג האט זיך דאך נישט א רוק געטאן ווי איך האב ארויסגערעדט, הייסט דאס, אז מ'גלויבט דארטן ניט זעער שטארק אין מיין צדקות און אז קיין גוואלטיקער שכר ווארט שוין אף מיר אף יענער וועלט ניט), טא צוליב וואס זאל איך נאך אלס צוגאב, און שוין לחלוטין אן קיין שום נוץ, זיך נאך לאזן אראפרייסן די הויט פון מיר? ווארים ווען מ'וואלט שוין אפילו אראפגעריסן פון פלייצע די העלפט הויט, וואלט דעמאלט אויך דער בארג ניט א רוק געטאן זיך, ווען איך זאל אים הייסן אדער שרייען צו אים. אין אזא מינוט קאן ניט נאר וואס קומען א מחשבה זרה, נאר מ'קאן אפילו פאר מורא דעם שכל אויך פארלירן, אזוי אז מ'וועט גאר אפילו נישט קאנען באטראכטן. דערפון איז געדרונגען, אז מיט וואס האב איך דאס אזוי

חוטא בעגל געווען, אז ווען איך זע ניט, ניט דא און ניט דארטן קיין שום געווין און קיין שום שכר, טא זאל איך, לכל הפחות, די הויט מיינע פארהיטן? דעריבער, האפנדיק אף דעם אויבערשטנס בארמהארציקייט, לעב איך מיט דער דאזיקער האפענונג, אז מ׳וועט מיר דארטן אינגאנצן מוחל זיין.

## VIII

### ביים גלעזעלע קאניאק

דער פילפול האט זיך פארענדיקט, נאר, א מאדנע זאך, פיאדאר פאוולאוויטש, וואס איז געווען אזוי בגילופן, האט שפעטער אנגעהויבן ווערן מיטאמאל פארכמורעט, אנגעכמורעט זיך און אריינגעגאסן נאך א גלעזעלע, און דאס איז שוין געווען לחלוטין אן איבעריק מאל.

— ארויס דאך פון דאנען, יעזואיטן, — האט ער א געשריי געטאן אף די דינער, — סמערדיאקאוו, דיין זוואניע זאל דא ניט זיין, דעם צען־קארבנדיקן, וואס איך האב דיר צוגעזאגט, וועל איך היינט אריינשיקן, דו גיי אבער ארויס, וויין ניט, גריגארי, גיי צו מארפען, זי וועט איינשטילן, וועט לייגן שלאפן. לאזן ניט, צו אלדי רוחות, זיצן א ביסל רואיק נאך ווארמעס, — האט ער פלוצים אפגעשניטן מיט פאר־דרוס, בעת די דינער האבן זיך דערוויטערט תיכף ווי ער האט גע־הייסן, — סמערדיאקאוו קריכט איצט אהער צום טיש יעדעס מאל, דאס אינטערעסירט ער זיך מיט דיר זעער שטארק, מיט וואס האסטו דאס אים אזוי צוגעצויגן? — האט ער מוסיף געווען, רעדנדיק צו איוואן פיאדאראוויטשן.

— להלוטין מיט קיין זאך ניט, — האט ער געענטפערט, — ער האט מיך אנגעהויבן אכטן; ס׳איז א לאקיי און א גראבער יונג. אגב וועט דאס זיין דאס ערשטע הארמאטן־פלייש, אז עס וועט קומען די צייט.

— דאס ערשטע?

— ס׳וועלן זיין נאך אויך און בעסערע, נאר ס׳וועלן זיין אזוינע אויך. פון אנהייב וועלן זיין אזוינע, און דערנאך בעסערע.

— און ווען וועט דאס קומען די צייט?

— א ראקעטע וועט זיך אנכאפן, און וועט ניט דערברענגען אפשר, דאס פאלק האט לעת עתה ניט זעער שטארק האלט צו פאלגן אט די בוליאנשטשיקעס.

— אט דאס איז דאך דאס, ברודער, אזא מין בלעמס אייזל טראכט און טראכט, און שדים ווייסן וואס ער קאן זיך דארטן דערטראכטן אין זיך.

— וועט געדאנקען אנזאמלען, — האט א שמייכל געטאן איוואן.

— פארשטייסטו, איך ווייס, אז ער קאן מיך אויך אזוי נישט פארטראגן, פונקט ווי אלעמען, און דיך אויך אזוי, כאטש דיר דאכט זיך אפילו, אז ער האט דיך אנגעהויבן צו אכטן. אליאשקען איז קיין רייד ניט, אליאשקען האט ער פיינט בתכלית שנאה, נאר גנבענען זעסטו וועט ער ניט, אט וואס, קיין רכלותניק איז ער אויך ניט, ער שווייגט, וועט קיין מחלוקת פון שטוב נישט ארויסטראגן, בלינצעס באקט ער א מחיה, און נאך אלעמען כאפט אים דער טייוול, בנאמנות, לוינט דען צו רעדן וועגן אים?

— פארשטייט זיך, אז עס לוינט ניט.

— און מכוח דעם, וואס ער וועט זיך דארטן אין זיך דערטראכטן, איז, בכלל גערעדט, דארף מען דעם רוסישן מוזשיק שמייסן. דאס האב איך תמיד געטענהט. דער מוזשיק אונזערער איז גנב און גזלן, מ׳טאר זיך אף אים נישט מרחם זיין, און עס איז נאך א נס, וואס מ׳שמייסט נאך איצט אויך א מאל אריין. די רוסישע ערד איז רייך אין בעראזעס האקט מען אויס די וועלדער, איז אן עק מיט רוסלאנד. איך האלט פון קלוגע לייט. די פויערים האבן מיר פון גרויס שכל אויפגעהערט צו שמייסן, און זיי גופא שמייסן זיך אליין ווייטער, און ס׳איז א חכמה, מיט וואס פאר א מאס מ׳מעסט, מיט אזא מאס מעסט מען צוריק, אדער ווי איז דאס דארטן... א קיצור, ס׳וועט ווערן אפגעגעבן, און רוסלאנד — רוסלאנד איז א דבר אחר. מיין פריינד, ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי איך האס רוסלאנד... דאס הייסט ניט רוסלאנד, נאר אט די אלע חסרונות... ס׳איז אבער א סברה, אז רוסלאנד אויך. Tout cela c'est de la cochonnerie ווייסטו, וואס איך האב האלט? איך האב האלט חריפות.

— איר האט ווייטער אויסגעטרונקען א גלעזל· געגוג שוין אייך·

— ווארט· אט כ׳וועל אויסטרינקען נאך איינע· און נאך איינע·

און ס׳וועט שוין זיין א סוף· ניין· ווארט א ווײלע· דו האסט מיך איבערגעשלאגן· אין מאקראיע איז מיר פארבייפארנדיק אויסגעקומען צו רעדן מיט אן אלטן· און ער זאגט צו מיר: „מיר· זאגט ער· האבן מער פאר אלץ האלט שמייסן מיידלאך לויט א פסק דין· און שמייסן גיבן מיר זיי די בחורים· אף מארגן אבער נעמט דער זעלביקער בחור אט די מיידל· וואס ער האט נעכטן געשמיסן· פאר א כלה· אזוי· זאגט ער· אז דאס לוינט פאר די מיידלאך גופא די מעשה״· וואס פאר א מארקיזן פון סאדע דאס זיינען· הא? נאר זאג· וואס דו ווילסט· ס׳איז א חריפות· מיר וואלטן אויך געדארפט א פאר טאן געבן א קוק· הא? אליאשקא· ביזט רויט געווארן? שעם זיך ניט· קינדעניו· א שאד· וואס איך האב זיך פריער ניט געזעצט בא דעם איהומען ביים טיש און ניט דערציילט די מאנאכן וועגן די מיידלאך פון מאקראיע· אליאשקא· זיי ניט אין כעס· וואס איך האב פריער אזוי שטארק באליידיקט דעם איהומען דיינעם· עס נעמט מיך אן· ברודער· א כעס· ווען א גאט איז דא· ווען א גאט איז פאראן· — נו· דעמאלט בין איך· געוויינטלאך· שולדיק און איך וועל דארפן ענטפערן· אויב אבער ער איז אינגאנצן ניטא· דארף מען זיי דען נאך האבן· די פאטערס דיינע· הא? דעמאלט איז דאך ווייניק אפשניידן דעם קאפ זייערן· ווארים זיי פארהאלטן דאך די אנטוויקלונג· גלויבסטו· איוואן· אז דאס פלאגט מיך אין מיינע געפילן? ניין· דו גלויבסט ניט· ווארים איך זע אן דיינע אויגן נאך· דו גלויבסט לייטן· אז איך בין אינגאנצן נאר א לץ· אליאשא· גלויבסטו· אז איך בין ניט נאר אינגאצן א לץ?

— איך גלויב· אז איר זייט ניט נאר אינגאנצן א לץ·

— און איך גלויב· אז דו גלויבסט· און דו רעדסט אויפריכטיק· דו קוקסט אויפריכטיק און רעדסט אויפריכטיק· און איוואן ניט· איוואן איז א בעל גאוה··· נאר כ׳וואלט פונדעסטוועגן מיט דעם מאנאסטירל דיינעם געמאכט א סוף· מ׳וואלט געדארפט א נעם טאן אט די גאנצע מיסטיק און מיט איין קלאפ באזייטיקן אין גאנץ רוסלאנד· כדי ברענגען אלע נאראנים צום שכל· הייגט וויפל גאלד און זילבער וואלט זיך דאס געגעבן א שאט אין דער מלוכה אריין!

— צו וואס אבער באזייטיקן? — האט זיך אנגערופן איוואן.
— כדי דער אמת זאל וואס גיכער אויפשיינען, אט צוליב וואס.
— אבער אז דער אמת וועט אויפשיינען, וועט מען דאך אייך דעם ערשטן פריער ארומנעמען, און דערנאך ... באזייטיקן.
— א סברה, אז דו ביזט גערעכט. אך, ס'ארא פרא אדם איך בין, — האט פיאדאר פאוולאוויטש א זאג געטאן מיטאמאל, געבנדיק זיך לייכט א פאטש אין שטערן. — נו, טא זאל זיך שטיין דער מא־נאסטירל דיינער, אליאשקא, אויב ס'איז אזוי. און מיר, קלוגע לייט, וועלן זיצן אין דער ווארימקייט און האבן הנאה פון א גלעזעלע קאניאק. ווייסטו, איוואן, דאס איז א פנים פון גאט אליין מיט א כיוון אזוי געמאכט געווארן? איוואן, זאג: ס'איז דא א גאט צי ניט? ווארט: אף אן אמת זאג, זאג ערנסט! וואס לאכסטו ווידער?
— איך לאך פון דעם, ווי איר אליין האט פריער אזוי שארפ־זיניק אנגערופן זיך וועגן סמערדיאקאווס גלויבן אין די צוויי סטארצעס, וואס קאנען בערג אוועקרוקן.
— וואסי, בא מיר איז דאס איצט אויך ענלאך אזוי?
— זייער.
— נו, הייסט דאס, אז איך בין אויך א רוסישער מענטש, אז איך האב אויך א רוסישן פינטעלע, און דיך, דעם פילאזאף, קאן מען אויך כאפן אף דיינעם א פינטעלע פון דעם זעלביקן מין. ווילסט, וועל איך דיך כאפן. לאמיר גיין אין געוועט, אז מארגן כאפ איך דיך. נאר פונדעסטוועגן זאג: ס'איז דא א גאט צי ניט? אבער ערנסט! איך דארף איצטער, דו זאלסט זאגן ערנסט.
— ניין, ס'איז ניטא קיין גאט.
— אליאשקא, ס'איז דא א גאט?
— ס'איז דא א גאט.
— איוואן, און אומשטערבלאכקייט איז דא, כאטש א וועלכע עס איז, כאטש־בי א קליינינקע, א קליין ברעקעלע?
— ניטא קיין אומשטערבלאכקייט אויך.
— גאר ניט?
— גאר ניט.

— טאקע ממש גאר ניט, צי עפעס איז יע דא? אפשר איז כאטש וואס עס איז דא? ס'קאן דאך ניט זיין גלאט גארנישט?

— ממש גאר נישט.

— אליאשקא, ס'איז דא אומשטערבלאכקייט?

— ס'איז דא.

— און גאט און אומשטערבלאכקייט?

— אי גאט אי אומשטערבלאכקייט. אין גאט איז אויך די אומ־שטערבלאכקייט.

— המ . . . גיכער, אז גערעכט איז איוואן. טאטעניו, מ'זאל נאר א קלער טאן, וויפל גלויבן עס האט אוועקגעגעבן דער מענטש, וויפל כלערליי אומזיסטע כוחות אף אט דעם געדאנק, און דאס איז דאך שוין פון אזוי פיל טויזנטער יארן! טא ווער זשע לאכט דאס אזוי אפ פון דעם מענטשן? איוואן! צום לעצטן מאל און מיט אן אמת: ס'איז דא א גאט צי ניט? איך פרעג צום לעצטן מאל!

— ניטא אויך צום לעצטן מאל.

— טא ווער זשע לאכט אפ פון דעם מענטשן, איוואן?

— ניט־גוטע, מסתמא, — האט א שמייכל געטאן איוואן פיאדאראוויטש.

— און ניט־גוטע זיינען דא?

— ניין, קיין ניט־גוטע זיינען אויך ניטא.

— א שאד, צו אלדי רוחות, וואס וואלט איך דאס נאך דעם אלעמען געמאכט פון יענעם, וואס האט דער ערשטער אויסגעטראכט גאט! אויפהענגען אים אף אן עספּנבוים איז קנאפּ.

— קיין ציוויליזאציע וואלט דעמאלט אינגאנצן נישט געווען, ווען מ'וואלט גאט ניט אויסגעטראכט.

— ס'וואלט ניט געווען? אן גאט מיינסטו?

— יע. און קיין קאניאק וואלט אויך ניט געווען. דעם קאניאק וועט מען פונדעסטוועגן מוזן פארט פון אייך צונעמען.

— ווארט א ווײלע, ווארט, ווארט, טייערינקער, נאך איינגלעזעלע. איך האב אליאשען באליידיקט, ביזט ניט אין כעס, אלעקסיי? טייערער אלעקסייטשיק דו מיינער, אלעקסייטשיק!

— ניין, איך בין ניט אין כעס. איך קען אייערע מחשבות. דאס הארץ איז בא אייך בעסער ווי דער קאפ.

— בא מיר, זאגסטו, איז בעסער דאס הארץ ווי דער קאפ? גאטעניו, און ווער זאגט דאס נאך דערצו? איוואן, דו האסט האלט אליאשקען?

— כ'האב אים האלט.

— האב אים האלט (פיאָדאר פאוולאוויטש האט שוין אנגעהויבן ווערן שטארק שיכור). — הער צו, אליאשא, כ'האב זיך פריער בא דעם סטארעץ דיינעם זעער גראב באגאנגען. נאר איך בין געווען אויפגערעגט. און דער דאזיקער סטארעץ איז א חריף, ווי מיינסטו, איוואן?

— ס'קאן זיין, אז יא.

— אוודאי, אוודאי, ער האט עפעס אזוינס פון פיראנען. דאס איז א יעזואיט, א רוסישער הייסט דאס. ווי בא אן איידעלן מענטשן, קאכט אין אים דערפאר דער פארבארגענער כעס, וואס ער דארף מאכן זיך ... ארייבלאזן די טומאה אין דער יראה.

— ער גלויבט דאך אבער אין גאט.

— פאר קיין פרוטה ניט. וואס, האסט ניט געוואוסט? ער זאגט דאך דאס פאר אלעמען אליין, למשל, ניט פאר אלעמען, נאר פאר קלוגע לייט, וואס קומען צו פארן, דעם גובערנאטאר שולצען האט ער פשוט געזאגט: "credo"*), נאר איך ווייס ניט אין וואס".

— נישיים זע?

— פטור. אבער איך אכט אים. ער האט עפעס אזוינס מעפיסטאפעלשעס אדער, בעסער געזאגט, פון דעם "העלד פון אונזער צייט"... ארבענין, אדער ווי הייסט ער דארטן ... דו פארשטייסט, ער איז א בעל־תאוהניק; ער איז אף אזוי פיל א בעל־תאוהניק, אז איך וואלט איצט אויך מורא געהאט פאר מיינער א טאכטער, אדער פאר מיין ווייב, ווען זי וואלט געגאנגען מתודה זיין זיך צו אים. הייבט ער אן דערציילן א מעשה, דארף מען... פאר דריי יארן האט ער אונז פארבעטן

*) איך גלויב.

צו זיך אף טיי. מיט ליקער (די פריצטעס שיקן אים ליקער), האט ער דאס אנגעהויבן אונז צו באשרייבן די אמאליקע יארן, זיינען מיר אן בייכער געבליבן ... דערהויפט ווי ער האט אויסגעהיילט איינע, וואס האט געהאט שלאפקייטן. „אז די פיס וואלטן ניט ווייטאן, וואלט איך אייך, זאגט ער, געגאנגען א טענצל". הא, ווי געפעלט אייך? „אפ־געטאן, זאגט ער, האב איך ניט וועניק אף מיין לעבן". בא דעם סוחר דעמידאוון האט ער ארייגענומען זעכציק טויזנט קארבן און עד היום.

— ווי, געגנבעט?

— יענער האט דאס אים געבראכט ווי צו א גוטן מענטשן: „באהאלט, ברודער, בא מיר וועט מען מארגן זוכן". נו איז האט ער דאס באהאלטן. „דו האסט דאך דאס, זאגט ער, אפן קלויסטער מנדב געווען". זאג איך צו אים: דו ביזט א פארך, זאג איך. ניין זאגט ער, איך בין ניט קיין פארך, נאר איך האב א ברייטע נאטור ... נאר, אגב, וואס רעד איך וואס, ס'איז ניט ער ... ס'איז אן אנדערער. איך בין פארקראכן אף א צווייטן ... און איך באמערק אפילו ניט. נו, אט נאך איין גלעזעלע און ס'וועט זיין גענוג; נעם צו די פלעשל, איוואן. איך האב געלייגט, פאר־וואס האסטו מיך ניט אפגעשטעלט, איוואן ... און ניט געזאגט אז איך לייג?

— איך האב געוואוסט, אז איר וועט זיך אליין אפשטעלן.

— א ליגן, דאס האסטו מיך ניט אפגעשטעלט פון כעס אף מיר, טאקע נאר פון כעס. דו פאראכטסט מיך. דו ביזט געקומען צו מיר אין מיין שטוב, און אין מיין שטוב פאראכטסט דו מיך.

— און איך וועל אוועקפארן אויך; דער קאניאק רעדט שוין אין אייך.

— איך האב זיך מיט רחמים געבעטן בא דיר דו זאלסט א פאָר טאג קיין טשערמאשניע ... אף א טאג, אף צוויי, און דו פארסט ניט.

— כ'וועל מארגן פארן, אז איר ווילט שוין אזוי.

— וועסט ניט פארן. עס ווילט זיך דיר מיך דא היטן, אט וואס עס ווילט זיך דיר, רשע מרושע, און דעריבער וועסטו ניט פארן.

דער אלטער איז ניט אנטשוויגן געווארן, ער איז דערגאנגעג צו יענער מדרגה פון שיכּרות, ווען געוויסע שיכּורים, וואס זיינען תּמיד רואיק, פארווילן מיטאמאל ניט אנדערש צו ווערן אנגעצונדן און באווייזן וואס זיי קאָנען.

— וואס קוקסטו אף מיר? וואס האסטו אויסגעשטעלט פאר א פאר אויגן? דיינע אויגן קוקן אף מיר און זאגן מיר: „שיכּורער דבר־אחר איינער". פארדעכטיק זיינען דיינע אויגן, מיט פאראכטונג קוקן דיינע אויגן... דו ביזט געקומען אַהער מיט אַ באַשטימטער כּוונה. אט אליאשקא קוקט און די אויגן זיינע שיינען. אליאשקא פאראכט מיך ניט. אלעקסיי, האב פיינט איוואנען...

— זיַיט ניט אין כּעס אפן ברודער! הערט אים אויף צו באַליידיקן, — האט מיטאמאל א זאג געטאן אליאשא מיט א פעסטקייט.

— נו, וואס מיינסטו, ביזט טאקע אפשר גערעכט. אוף, דער קאפּ טוט וויי. נעם צו דעם קאניאק, איוואן, דעם דריטן מאל, ווי איך זאג. — ער האט זיך פארטראכט און געגעבן מיטאמאל א לאנגן און טרפהנעם שמייכל: — זיַי ניט אין כּעס, איוואן, אף אן אלטער פוסטער כּלי. איך ווייס, אז דו האסט מיך פיינט, נאר פונדעסטוועגן זיַי ניט אין כּעס. ס'איז טאקע ניטא פאר וואס מיך ליב צו האבן אויך. קיין טשערמאשניע וועסטו א פאר טאן, איך וועל צו דיר אליין אויך קומען, וועל דיר ברענגען א מתּנה. איך וועל דיר דארטן ווייזן איינע א מיידעלע, איך האב אף איר שוין פון לאנג געווארפן אן אויג. דערווייַלע גייט זי נאך ארום א בארוועסינקע. — שרעק זיך ניט פאר קיין בארוועסינקע, פאראכט זיי ניט — דאס זיינען פּערל!...

און ער האט זיך געגעבן א טשמאקע אין הענטעלע.

— פאר מיר, — האט ער מיטאמאל ווי אינגאנצן אויפגעלעבט, ווערנדיק אף א ווייַלע ניכטער פון זיין אויסדערוויילטער טעמע, — פאר מיר... אך, איר קינדערלאך! עופהלאך איר טייערינקע, חזירימלאך איר קליינינקע, פאר מיר... פאר מיר איז נאך אין מיין גאנצן לעבן אפילו קיין איין העסלאכע פרוי ניט געווען, אט דאס איז מיינער א כּלל! קאנט איר מיך פארשטיין? נאר ווי

קומט איר דאס צו פארשטיין: אנשטאט בלוט רינט דאך נאך מיל־כעלע בא אייך, נאך פון שאלעכץ ניט ארויס! לויט מיין כלל קאן מען בא איטלאכער פרוי געפינען עפעס אזוינס זעער אינטערעסאנ־טעס, צום טייוול, וואס בא קיין צווייטער וועט מען דאס בשום אופן ניט געפינען, — מ׳דארף אבער קאנען געפינען, אט וואו די קונץ איז! דאס דארף מען האבן א טאלאַנט! פאר מיר האבן קיין מיאוסע ניט עקזיסטירט: שוין דאס אליין, וואס זי איז א פרוי, שוין דאס אליין איז א יש... נאר ווי קומט איר דאס צו פארשטיין! בא אן אלטער מויד אפילו קאן מען אפטמאל געפינען עפעס אזוינס, וואס מע חידושט זיך מער ניט פון די פרא אדמס, וואס מ׳האט זי געלאזן אלט ווערן און ביז איצט זי ניט באמערקט! א בארוועסינקע און א מיאוסע דארף מען קודם כל פארוואונדערן — אט ווי מ׳דארף זיך נעמען פאר איר. און דו האסט נישט געוואוסט? פארוואונדערן דארף מען זי ביז צו התפעלות, ביזן דורכנעמען זי דורך און דורך, ביז צו בושה, וואס אין אזא הֶבלניצע, ווי זי, האט זיך אזא פריץ פארליבט. בנאמנות ווי ס׳איז גוט, וואס עס זיינען פון אויביק אן דא און עס וועלן אויביק זיין חמורים און פריצים אף דער וועלט, דעמאלט וועט דאָ שטענדיק זיין אַ דינסט־מיידל, און שטענדיק איר האר, און מער ניט ווי דאס דארף מען דאך האבן פארן גליק פון לעבן! ווארט א ווײלע... הער אויס, אליאשקא, די מאמע דיינע עליה השלום פלעג איך תמיד פארוואונדערן, נאר אף אן אנדער אופן פלעגט דאס ארויסקומען. איך פלעג זי קיינמאל ניט צערטלען נאר פלוצים, אז די מינוט פלעגט קומען, — פלעג איך מיטאמאל נעמען קריכן אף אלע פיר, פויזען אף די קני, קושן די פיסעלאך אירע און ברענגען זי שטענדיק, שטענדיק, — איך געדיינק דאס נאך ווי היינט, — צו עפעס אזא קליינטשקן געלעכטערל, אן אפגעבראכענעם אזא, א קלינגנדיקן, ניט קיין שטארקן, נאר א נערוועזן, עפעס א גאר באזונדערן. נאר זי אליין האט אים געהאט. איך פלעג וויסן, אז אזוי הייבט זיך בא איר תמיד אן דער חולאת, אז מארגן וועט זי שוין אנהייבן שרייען ווי א דיבוק, און אז דאס איצטיקע שמייכעלע, אט דער קלײניטשקער, איז גאר קיין שום התפעלות ניט,

איז כאָטש אפילו ס'איז א פארבלענדעניש איז דאס אבער פּאָרט א התפעלות. אט וואס עס הייסט אזוינס קאנען געפינען אין אלץ אַן אייגענעם פינטעלע! איינמאל האט בעליאווסקי — א שיינער יונגערמאן, וואס איז דא געווען, א רייכער, און וואָס האט אנגעהויבן נאכצושלעפּן זיך נאך איר און אַריינקומען צו מיר, — האט ער בא מיר אין שטוב געגעבן מיר מיטאמאל א פּאטש אין באק, פאר איר אין די אויגן. האט זי זיך דאס, דאכט זיך דאס איז אזא שעפּס, ארויפגעווארפן אף מיר אזוי, אז איך האב געמיינט, אז זי וועט מיך ממיתן פאר אט דעם פאטש. האט דאס אנגעפאלן א ביסל: „דו ביזט, זאגט זי, איצט א געפּאטשטער, דו ביזט א געפּאטשטער, דו האסט געקראגן פון אים א פאטש! דו האסט מיך געוואלט, זאגט זי, אים פארקויפן ... ווי אזוי האט ער זיך דאס דערוועגט אויפצוהייבן א האנט אף דיר פאר מיר אין די אויגן! זאלסט זיך מיר ניט דער־וועגן קיינמאל צו קומען צו מיר, קיינמאל ניט! לויף שוין און רוף אים ארויס אף א דועל" ... האב איך זי אוועקגעפירט דעמאלט אין מאנאסטיר אף צו בארואיקן, די הייליקע פאטערס האבן מתפלל געווען פאר איר, נאר איך שווער דיר, בהן שלי, אליאשא, אז באעוולט האב איך קיינמאל ניט מיין קליקושינקע! סיידן אפשר איין מאל, דעם ערשטן יאר נאך דער חתונה: צופיל פלעגט זי שוין דעמאלט דאווענען, דערהויפּט פלעגט זי היטן די יום־טובים פון גאטס־מוטער און מיך פלעגט זי דעמאלט טרייבן אין קאבינעט. טראכט איך איין מאל ביי זיך, לאמיר אקארשט ארויסשלאגן פון איר קאפּ אט די דאָזיקע מיסטיק! „דו זעסט, זאג איך, דו זעסט, אט איז דיין הייליק בילד, אט איז ער, אט וועל איך אים אראפּנעמען, זע, דו זאָגסט, אז ער קאן מאכן ניסים, און איך וועל אט פאר דיר אין די אויגן א שפּיי טאָן אף אים, און ער וועט מיר קיין זאך ניט טאָן דערפאר!" ... ווי זי האט דאס דערזען, רבונו של עולם, טראכט איך: טויטן וועט זי דאך מיך איצטער, אבער זי האט מער ניט ווי געגעבן א שפּרונג, א פּאטש געטאן מיט די הענט, דערנאך פארדעקט מיטאמאל דעם פּנים, זיך אינגאנצן פארצאפּלט און איז געפאלן אף דר'ערד ... און אזוי אראפּגעלאזן זיך ... אליאשא! אליאשא, וואס איז מיט דיר!

דער אלטער האט אין שרעק געגעבן א שפרונג. אליאשא האט זינט דער טאַטע האט אנגעהויבן רעדן וועגן זיין מאמען, ביסלעכווייז געגומען בייטן זיך אין פנים. ער איז רויט געווארן, די אויגן זיינע האבן זיך אנגעצונדן, די ליפן האבן אנגעהויבן צו ציטערן ... דער שיכּורער ישיׂשל האט די גאנצע צייט געשפריצט מיט שפייעכץ און קיין זאך ניט באמערקט ביז צו דער סאמער לעצטער מינוט, בעת מיט אליאשען איז פלוצים פארגעקומען עפעס זעער מערקווירדיקס אזוינס: עס האט זיך מיט אים פלוצים איבערגעחזרט פונקט דאס זעלביקע, עס זאל פעלן א האָר, וואס ער האט נאר־וואס דערציילט וועגן דער "קליקושען". אליאשא איז מיטאמאל אויפגעשפרונגען פון טיש, האט, פונקט אזוי ווי די מאמע זיינע, ווי דער אלטער האט איבערגעגעבן, געגעבן א פאטש מיט די הענט, דערנאך פארדעקט דעם פנים, איז אנידערגעפאלן, ווי אונטערגעדרייט, אפן שטול און האט זיך דער גאנצער פארצאפּלט פון א היסטערישער ספאזמע, אויס־ברעכנדיק אין א פלוצלונגנדיקן, קראמפּהאפטן און דערשטיקטן געוויין. די מוראדיקע ענלאכקייט מיט דער מאמען האט באזונדערס שטארק ערשטוינט דעם אלטן.

— איוואן, איוואן! דערלאנג אים אף גיך וואסער. דאס איז פונקט ווי זי, פונקט ווי זי, די מאמע זיינע דעמאלט! שפּריץ אף אים מיט וואסער פון מויל, אזוי פלעג איך טאן מיט איר. דאס איז איז אים דאס אזוי געווארן צוליב דער מאמען זיינער, צוליב דער מאמען ... — האט ער געמורמלט צו איוואנען.

— איך מיין, אז זיין מאמע איז אפשר אויך מיין מאמע געווען, ווי רעכנט איר? — האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן בא איוואנען מיט א נישט קיין איינהאלטנדיקער, מיט צארן דורכגעדרונגענער פאראכטונג. דער אלטער האט געגעבן א ציטער פון זיין אויפ־פלאמענדיקן בליק. דא איז אבער פארגעקומען עפעס זעער מערק־ווירדיקס, אמת, דאָס האט געדויערט נאר איין רגע: בא דעם אלטן איז, דאכט זיך, בפירוש ארויס פון זינען, אז אליאשאס מאמע איז געווען אויך איוואנס מאמע ...

— וואס הייסט דיין מאמע? — האָט ער אַ מורמל געטאָן,

ניט פארשטייענדיק· — וועגן וואָס רעדסטו? וועגן וואָס פאַר אַ מאמען?··· וואס··· דער שווארץ יאר זאל דאס נעמען! זי איז דאך דיין מאמע אויך! דער שווארץ יאר! נו· ברודער· דאס איז אזא מעשה· וואס איז נאך קיינמאל ניט געווען· זיי מוחל· אבי איך האב געמיינט· איוואן··· כע־כע־כע! — ער האט אויפגעהערט· א לאנגער· שיכורער· האלב אומגעלומפערטער שמייכל האט פאנאנדערגעשפרייט זיין פנים· און אין אט דער זעלביקער רגע האט זיך מיטאמאל דערטראגן פון הויז א שרעקלאכער טומל און א געשריי· עס האבן זיך דערהערט ווילדע קולות· די טיר האט זיך געגעבן א ריס־אויף און אין זאל איז אריינגעפלויגן דמיטרי פיאדאראוויטש· אין שרעק האט זיך דער אלטער געגעבן א ווארף צו איוואנען:

— ער׳ט דערהרגענען· ער׳ט דערהרגענען! לאז ניט· לאז ניט! — האט ער אויסגעשריען· זיך אנקלאמערנדיק אָן דער פּאָלע פון איוואן פיאדאראוויטשעס סורדוט·

# IX

## די בעל־תּאוהניקעס

גלייך נאך דמיטרי פיאדאראוויטשן זיינען אויך אריינגעלאפן אין זאל גריגארי מיט סמערדיאקאוון· דאס האבן זיי זיך דאס טאקע געריסן מיט אים אין פירהויז, ניט געוואלט אריינלאזן אים (לויט דער אינסטרוקציע פון פיאדאר פאוולאוויטשן אליין· וואס ער האט זיי געגעבן שוין מיט עטלאכע טעג צוריק). אויסגעניצט דאס· וואס דמיטרי פיאדאראוויטש האט נאכן אריינרייסן זיך אין זאל געבליבן שטיין אף א ווײַלע· כדי ארומצוקוקן זיך· האט גריגארי געגעבן א לאף ארום טיש· פארמאכט אף ביידע העלפט די אנטקעגנדיקע טיר פון זאל· וואס האט געפירט אין די אינעווייניקסטע חדרים אריין און· אויס־שפרייטנדיק ביידע הענט אין א צלם· האט ער זיך אוועקגעשטעלט פאר דער פארמאכטער טיר און איז געווען גרייט צו פארטיידיקן דעם אריינגאנג· אזוי צו זאגן· ביזן לעצטן טראפן בלוט· דערזען

אט דאס, האט דמיטרי פיאדאראוויטש ניט וואס מ׳זאל זאגן געגעבן א געשריי, נאר אזוי ווי ער וואלט עפּעס א קוויטשע געטאן און זיך א ווארף געטאן אף גריגאריען.

— הייסט דאס, זי איז דארטן! מ׳האט זי באהאלטן דארטן! אוועק, אלטער תּרח! — ער האט געהאט א ריס געטאן גריגאריען, נאר גריגארי האט אים אפּגעשטויסן צוריק. אויסער זיך פאַר רציחה, האט זיך דמיטרי פיאדאראוויטש א לאז געטאן און מיט די גאנצע כּחות געגעבן א קלאפּ גריגאריען. דער אלטער האט זיך אראפּגעזעצט, ווי ער וואלט זיך אונטערגעדרייט, און דמיטרי איז אריבערגעשפּרונגען איבער אים, און זיך אריינגעפּראלט אין טיר. סמערדיאקאוו איז גע־שטאנען אין א צווייטן זייט זאל, א בלייכער און א פּארציטערטער און זיך געטוליעט צו פיאדאר פּאוולאוויטשן.

— זי איז דא, — האט געשריען דמיטרי פיאדאראוויטש, — איך האב נאר־וואס אליין געזען, ווי זי האט זיך א קער געטאן צום שטוב, נאר איך האב זי ניט דעריאגט. וואו איז זי? וואו איז זי?

א מוראדיקן רושם האט געמאכט אף פיאדאר פּאוולאוויטשן דער דאזיקער געשריי: „זי איז דא!" דער גאנצער שרעק איז פון אים אפּגעטאן געווארן.

— האלט אים, האלט אים, — האט ער א ברום געטאן און זיך געגעבן א לאז נאך דמיטרי פיאדאראוויטשן. דערווייל האט זיך גריגארי אויפגעהויבן פון דער ערד, נאר ער איז נאך געווען ווי ניט ביי־זיך. איוואן פיאדאראוויטש און אליאשא האבן גענומען לויפן נאכיאגן דעם טאטן. פון דעם דריטן צימער האט זיך דערהערט, ווי עפּעס איז מיטאמאל אנידערגעפאלן אף דר׳ערד, זיך צעבראכן און א קלונג געטאן: דאס איז געווען די גרויסע גלעזערנע וואזע (ניט קיין טייערע) פון דעם מירמעלנעם פּיעדעסטאל, וואס דמיטרי פיאדאראוויטש האט, פארביילויפנדיק, א ווארף געטאן.

— כאפּט אים! — האט א בריל געטאן דער אלטער, — קאראאול!

איוואן פיאדאראוויטש און אליאשא האבן טאקע דעריאגט דעם אלטן און מיט גוואלט אריינגענומען אים צוריק אין זאל.

— וואס יאגט איר זיך נאך נאך אים! ער וועט דאך אייך אף אן

אמת דארטן דערהרגענען! — האט מיט כעס א געשריי געטאן אפן טאטן איוואן פיאדאראוויטש.

— וואנינקא, ליאשינקא, הייסט דאך, אז זי איז דא, גרושענקא איז דא, האָט אליין, זאגט ער, געזען, ווי זי איז פארבייגעלאפן...

ער האט אזש ניט געקאנט רעדן, דאס מויל איז בא אים פול געווען. איצט האט ער ניט געווארט אף גרושענקען, און פון דער פלוצלונגדיקער בשורה, אז זי איז דא, האט ער מיטאמאל אינגאנצן פארלארן דעם זינען. ער האט דער גאנצער געשווידערט, ער איז ווי צעמישט געווארן.

— איר האט דאך אבער אליין געזען, אז זי איז נישט גע־קומען! — האט געשריען איוואן.

— אפשר אבער איז זי אריין דורך יענעם אריינגאנג.

— ער איז דאך אבער פארשפארט, יענער אריינגאנג, און דער שליסל איז דאך בא אייך...

מיטאמאל האט זיך דמיטרי ווידער באוויזן אין זאל. ער האט, פארשטייט זיך, געטראפן די אנדער טיר א פארשפארטע, און דער שליסל פון דעם פארמאכטן אריינגאנג איז טאקע באמת געווען בא פיאדאר פאוולאוויטשן אין קעשענע. די פענצטער אין אלע חדרים זיינען אויך געווען פארשפארט; האט גרושענקא, הייסט עס, דורך ערגעץ־ניט ניט געקאנט דורכגיין און ניט געקאנט ארויסשפרינגען.

— האלט אים! — האט א קוויטשע געטאן פיאדאר פאוולאוויטש, ווי ער האט נאר פונדאסניי דערזען דמיטריען, — ער האט בא מיר דארטן אין שלאפצימער ארויסגעגנבעט געלט! — און זיך ארויסגעריסן פון איוואנען, און ווייטער א וואָרף געטאן זיך אף דמיטריען. דמיטרי האט אבער געגעבן א הייב בײדע הענט און א כאפ געטאן דעם אלטן פאר די ביידע לעצטע צעפרינעס זיינע, וואס זיינען נאך בא אים געבליבן אף די שלייפן, געגעבן א ריס און א זעץ אן דער ערד, ווי עס וואלט א קלאפ געטאן א דונער. ער האט נאך באוויזן א צוויי־דריי מאל געבן דעם ליגנדיקן מיט דעם אפסאץ איבערן פנים. דער אלטער האט אנגעהויבן מוראדיק שווער צו קרעכצען. איוואן פיאדאראוויטש, וואס איז הגם געווען ניט אזא געזונטער, ווי דער ברו־

דער דמיטרי, האט אים פונדעסטוועגן ארומגעכאפּט מיט ביידע הענט און מיט די גאנצע כּוחות אפּגעריסן אים פון דעם אלטן. אליאשא האט מיט דעם גאנצן קליינינקן כּוחל זיינעם אויך געהאָלפן אים און האט אנגעכאפּט דעם ברודער פון פארנט.

— משוגענער, דו האסט דאך אים דערהרגעט! — האט א געשריי געטאן איוואן.

— א מצוה! — האט, שטיקנדיק זיך, אויסגעשריען דמיטרי. — און אויב איך האב ניט דערהרגעט, וועל איך נאך קומען דערהרגענען. איר וועט ניט איינהיטן!

— דמיטרי! שוין זאלסטו ארויס פון דאנען! — האט מעכטיק א געשריי געטאן אליאשא.

— אלעקסיי! זאג מיר דו אליין, דיר דעם איינציקן וועל איך גלויבן: זי איז דא געווען אט ערשט, צי זי איז ניט געווען? איך האב זי אליין געזען, ווי זי איז נאר־וואס דורכגעלאָפן פארביי דעם פּלויט צו דער זייט צו. איך האב א געשריי געטאן צו איר און זי איז אנטלאָפן...

— איך שווער דיר, אז זי איז דא ניט געווען, און קיינער האט דא גארניט געווארט אף איר!

— איך האב זי אבער פּארט געזען... הייסט דאס, אז זי איז... איך וועל זיך באלד דערוויסן, וואו זי איז... א גוטן, אליאשא! עזאָפּן זאלסו איצט קיין ווארט ניט זאגן וועגן געלט, אבער צו קאַטערינע איוואנאוונען גיי תּיכּף, למען השם זאלסט זאגן: „האט געלאָזט גריסן, האט געלאָזט גריסן! למען השם גריסן, למען השם!" באשרייב איר די סצענע!

דערווייל האט איוואן מיט גריגאָריען אויפגעהויבן דעם אלטן און אוועקגעזעצט אים אפן שטול. דאס פּנים זיינס איז געווען צע־בלוטיקט, נאר ער גופא איז געווען ביים זינען און מיט דער גרעסטער נייגעריקייט זיך צוגעהערט צו דמיטריס קולות. עס האט זיך אים רק נאך געדאכט, אז גרושענקא איז באמת ערגעץ דא אין שטוב. דמיטרי פיאָדאראָוויטש האט מיט האס א קוק געטאן אף אים, ביים אוועקגיין.

— איך האב קיין חרטה ניט אף דיין בלוט! — האט ער

א געשריי געטאן, — היט זיך, אלטער, היט די ביינער! איך פארשילט דיך און איך זאג זיך אפ פון דיר אינגאנצן...

ער איז ארויסגעלאפן פון צימער.

— זי איז דא, זי איז געוויס דא! סמערדיאקאוו, סמערדירקאוו, — האט הייזעריק ווי די וואנט געזעצט דער אלטער, אז קוים וואס מ'האט געהערט, און האט מיטן פינגערל געוואונקען סמערדיאקאוון צו זיך.

— ניטא זי דא, ניטא, אלטער חסר דעה איינער, — האט איוואן א געשריי געטאן אף אים מיט כעס. — נא דיר, ער חלשט! דער־לאנגט וואסער, א האנטאך! גיב זיך א קער סמערדיאקאוו!

סמערדיאקאוו האט זיך א לאז געטאן נאך וואסער. דעם אלטן האט מען ענדלאך אויסגעטאן, ארייגעטראגן אין שלאפצימער און ארייגעלייגט אין בעט. דעם קאפ האט מען אים פארבונדן מיט א נאסן האנטאך. אפגעשוואכט פון דעם קאניאק, פון די שטארקע איבער־לעבענישן און פון די קלעפ, האבן זיך בא אים כהרף עין, ווי נאר ער האט זיך אנגעשפארט אן קישן, צוגעמאכט די אויגן און ער איז אנט־שלאפן געווארן. איוואן פיאדאראוויטש און אליאשא זיינען אריין צוריק אין זאל. סמערדיאקאוו האט ארויסגעטראגן די שערבלאך פון דער צע־בראכענער וואזע, און גריגארי איז געשטאנען לעבן טיש און א פאר־אומערטער געהאלטן איינגעגראבן די אויגן.

— אפשר צולייגן דיר אויך א טוך צום קאפ און לייג זיך אפשר אויך צו אין בעט? — האט זיך אליאשא געווענדט צו גריגאריען. — מיר וועלן דא אכטונג געבן אף אים; דער ברודער האט דיר געגעבן א שטארקן קלאפ... איבערן קאפ.

— ער האט מיך פוגע בכבוד געווען! — האט זיך אנגערופן גריגארי פינצטער, ציענדיק ווארט פאר ווארט.

— ער האט דעם טאטן אויך „פוגע בכבוד געווען", ניט נאר וואס דיך! — האט איוואן פיאדאראוויטש א זאג געטאן קרימענדיק דאס מויל.

— איך האב אים געוואשן אין מולטער... ער האט מיך פוגע בכבוד געווען! — האט גריגארי איבערגעחזרט נאך א מאל.

— צו אלדי רוחות, ווען איך וואלט אים ניט אפגעריסן, וואלט

ער אים אפשר טאקע דערהרגעט· אסך דארף דען האבן עזאפ ? — האט שעפטשענדיק אנגערופן זיך איוואן פיאדאראוויטש צו אליאשען·

— זאל דער אויבערשטער אפהיטן — האט אויסגעשריען אליאשא·

— פארוואס אפהיטן ? — האט איוואן צוגעגעבן אלץ מיט דעם זעלביקן שעפטשען· פארקרימענדיק בייז דעם פנים· — איין שלאנג וועט אויפעסן די צווייטע· ס׳איז אףביידן א מצוה·

אליאשא האט א ציטער געטאן·

— איך וועל· פארשטייט זיך· ניט דערלאזן· אז עס זאל פארקומען א מארד· אזוי ווי איך האב איצטער ניט דערלאזן· בלייב דא· אליאשא· איך וועל ארויס אפן הויף· עס האט מיר אנגעהויבן דער קאפ וויי צו טאן·

אליאשא איז אוועק צום טאטן אין שלאפצימער און איז בא א שעה צייט אפגעזעסן בא אים צוקאפנס הינטערן פארהאנג· דער אלטער האט מיטאמאל אויפגעעפנט די אויגן און שווייגנדיק א לאנגע צייט געקוקט אף אליאשען· ער האט קאנטיק אנגעהויבן צו דערמאנען זיך און עפעס־וואס צו פארשטיין· פלוצים האט זיך אף זיין פנים אויסגעדריקט אן אומגעוויינלאכע צעטראגנקייט·

— אליאשא· — האט ער מיט מורא א שעפטשע געטאן· — וואו איז איוואן ?

— אפן הויף· דער קאפ טוט אים וויי· ער היט אונז·

— דערלאנג מיר דעם שפיגל· אן דארטן שטייט ער· דערלאנג מיר אים·

אליאשא האט אים דערלאנגט דאס קליינע אויפגעלייגטע רונדע שפיגעלע· וואס איז געשטאנען אפן קאמאד· דער אלטער האט א קוק געטאן אין אים ; ס׳איז אנגעשוואלן געווארן גאנץ שטארק די נאז· און אף דער שטערן איבער דער לינקער ברעם איז געווען א היפשער בלויער בייל·

— וואס זאגט איוואן ? אליאשא· טייערער· איינציקער זון מיינער· איך האב מורא פאר איוואנען ; איך האב פאר איוואנען מער מורא· ווי פאר יענעם· נאר פאר דיר אליין האב איך קיין מורא ניט·

— האט ניט קיין מורא פאר איוואנען אויך, איוואן ווערט נאר אין כעס, אבער ער וועט זיך איינשטעלן פאר אייך.

— אליאשא, נו און יענער? ער איז צו גרושענקען אוועק־געלאפן! טייערער מלאך מיינער, זאג מיר דעם אמת: גרושענקא איז פריער געווען, צי ניט?

— קיינער האט זי נישט געזען, ס'איז א ליגן, זי איז ניט געווען!

— מיטקא וויל דאך טאקע חתונה האבן מיט איר, וויל חתונה האבן!

— זי וועט אים נישט נעמען.

— וועט ניט נעמען, וועט ניט נעמען, וועט ניט נעמען, אוודאי ניט נעמען, וועט בשום אופן ניט נעמען! ... — האט זיך דער אלטער דער גאנצער] פארצאפלט פאר שמחה. אין התלהבות האט ער א כאפ געטאן אליאשעס האנט און זי שטארק צוגעדריקט צו זיין הארצן. טרערן האבן אפילו א פינקל געטאן איז זיינע אויגן. — יע, דעם הייליקן בילדל, אט יענעם פון גאטס־מוטער, וועגן וועלכן איך האב פריער דערציילט, נעם אים זיך שוין אוועק פאר זיך, נעם אים צו מיט זיך. און איך לאז דיך גיין צוריק אין מאנאסטיר ... דאס האב איך פריער נאר געמאכט ליצנות, זיי ניט ברוגז. דער קאפ איז מיר טוט וויי, אליאשא ... ליאשא, לינדער דו מיין הארץ, זיי א מלאך, זאג דעם אמת!

— דאס מיינט איר אלץ וועגן דעם, צי זי איז דא געווען, צי זי איז נישט געווען? — האט מיט צער אנגערופן זיך אליאשא.

— ניין, ניין, ניין, איך גלויב דיר. נאר אט וואס: גיי דו אליין אריבער צו גרושענקען, אדער זע זיך אפשר מיט איר ווי־עס־איז; פרעג זיך בא איר פאנאנדער אף גיך, ווי נאר מעגלאך גיכער, פארשטיי דו אליין מיט דיין אויג: צו וועמען זי וויל, צו מיר, צי צו אים? הא? וואס? דו קאנסט, צי דו קאנסט נישט?

— אז איך וועל זי זען, וועל איך זי פרעגן, — האט א מורמל געטאן אליאשא אין פארלעגנהייט.

— ניין, זי וועט דיר ניט זאגן, — האט איבערגעריסן דער

אלטער׳ — זי איז א ממזר׳ זי וועט דיך אנהייבן קושן און זאגן׳ אז זי וויל דיך׳ זי איז א פאלשע׳ זי איז א ממזר׳ ניין׳ דו טארסט ניט גיין צו איר׳ דו טארסט ניט!

— און ס׳וועט ניט זיין גוט אויך׳ פאטער׳ גאר ניט גוט׳

— וואוהין האט ער דאס דיך פריער געשיקט׳ האט געשריען: „געלאזט גריסן״׳ בעת ער איז אנטלאפן׳

— צו קאטערינא איוואנאוונען האט ער מיך געשיקט׳

— נאך געלט? געלט בעטן?

— ניין׳ ניט נאך געלט׳

— ער האט קיין געלט ניט׳ ער האט קיין פרוטה ניט׳ הער אויס׳ אליאשא׳ איך וועל איבערליגן די נאכט און וועל באטראכטן׳ און דו גיי זיך דערווייליע׳ אפשר וועסטו זי אמאל טרעפן ··· אבער מארגן אינדערפרי קום אריין צו מיר למען השם׳ למען השם׳ איך וועל דיר מארגן זאגן עפעס א פאר ווערטער אזוינע; וועסט קומען?

— יע׳

— אז דו וועסט קומען׳ מאך אזא פנים׳ אז דו ביזט געקומען אליין׳ געקומען געוואר ווערן מיך׳ זאג קיינעם ניט׳ אז איך האב דיך גערופן׳ פאר איוואנען זאג קיין ווארט ניט׳

— גוט׳

— זיי געזונט׳ מלאך׳ פריער האסטו זיך איינגעשטעלט פאר מיר׳ איך וועל דאס אויביק ניט פארגעסן׳ איך וועל דיר מארגן זאגן א פאר ווערטער אזוינע ··· נאר מ׳דארף נאך פריער באטראכטן ··

— אבער ווי פילט איר זיך איצטער?

— מארגן׳ וועל איך אויפשטיין און כ׳וועל אראפ׳ אינגאנצן א געזונטער׳ אינגאנצן א געזונטער׳ אינגאנצן א געזונטער! ···

דורכגייענדיק דעם הויף׳ האט אליאשא געטראפן איוואנען אפן בענקל לעבן טויער; ער איז געזעסן און האט מיט א בלייפענע עפעס פארשריבן אין זיין נאטיץ־ביכל׳ אליאשא האט איבערגעגעבן איוואנען׳ אז דער אלטער האט זיך אויפגעכאפט און אז ער איז ביים זינען׳ און אים האט ער אפגעלאזן גיין נעכטיקן אין מאנאסטיר׳

— אליאשא כ׳וואלט מיט גרויס פרייד וועלן זען זיך מיט דיר

מארגן אינדערפרי, — האט איוואן, אויפהייבנדיק זיך, געזאגט צו אים מיט א פריינדלאכקייט, — א פריינדלאכקייט, וואס איז אפילו אינגאנצן געווען אן אומגעריכטע פאר אליאשען.

— איך וועל מארגן זיין בא די כאכלאקאווס, — האט געענטפערט אליאשא, — איך וועל אפשר בא קאטערינא איוואנאוונען מארגן אויך זיין, אויב כ׳וועל זי איצטער ניט טרעפן...

— איצטער אבער גייסטו פארט צו קאטערינא איוואנאוונען? דאס איז „גריסן, גריסן, הייסט עס, גריסן״? — האט מיטאמאל א שמייכל געטאן איוואן. אליאשא האט זיך פארלארן.

— איך האב, דאכט זיך, אלץ פארשטאנען פון די איצטיקע גע־שרייען און אויך עפעס פון דעם, וואס עס איז פארגעקומען. דמיטרי האט דיך געוויס געבעטן גיין צו איר און איבערגעבן, אז ער לאזט... ... הכלל, נו מיט אייןווארט, אז ער „לאזט גריסן״?

— ברודער! מיט וואס וועט זיך פארענדיקן אט דער גאנצער אומגליק בא דעם טאטן און בא דמיטריען? — האט אויסגערופן אליאשא.

— אף געוויס קאן מען נישט זאגן. עס קאן זיין, אז פון דער זאך וועט זיך גארנישט ניט אויסלאזן. די דאזיקע פרוי, — איז א חיה. אלנפאלס מוז מען דעם אלטן האלטן אין שטוב, און דמיטריען ניט ארייגלאזן אין הויז.

— ברודער, איך וויל נאך בא דיר פרעגן איין זאך: נישיים זע האט יעדער מענטש דאס רעכט, בנוגע די אנדערע מענטשן, ארויס־צוטראגן א פסק דין: ווער עס טאר לעבן און ווער עס טאר ניט?

— וואס איז דא שייך א פסק דין? די דאזיקע פראגע ווערט דאס רוב פארענטפערט אין דעם מענטשנס הארץ לחלוטין ניט פון דעם פרט, פון מ׳טאר און מ׳טאר ניט, נאר צוליב אנדערע סיבות, אסך נאטירלאכערע. און וואס איז שייך דאס רעכט, איז ווער האט דאס נישט דאס רעכט צו ווען?

— אבער נישט דעם צווייטנס טויט?

— כאטש אפילו דעם טויט אויך? למאי זאל מען נארן זיך אליין, אז אלע מענטשן לעבן אזוי, און, ס׳איז א סברה, אז מען קאן

גאר אנדערש ניט לעבן. דאס מיינסטו מיינע פריערדיקע ווערטער, וואס „איין שלאנג וועט אויפעסן די צווייטע”? איך וועל דיך אויך אזוי פרעגן: דו האלטסט מיך אויך, ווי דמיטריען, פאר מסוגל צו פארגיסן עזאפס בלוט, נו, דערהרגענען אים, הא?

— וואס רעדסטו, איוואן! בא מיר איז דאס קיינמאל אין מיינע רעיונות נישט געלעגן אפילו! און דמיטריען האלט איך אויך נישט . . .

— א דאנק כאטש דערפאר, — האט א שמייכל געטאן איוואן, — זיי וויסן, אז איך וועל אים שטענדיק פארטיידיקן. וואס איז נוגע אבער מיינע פארלאנגען, לאז איך איבער פאר זיך אין דעם פרט די גאנצע פרייהייט. א גוטן דיר ביז מארגן. זיי מיך נישט דן און קוק נישט אזוי אויף מיר, ווי אף קיין גזלן, — האט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל.

זיי האבן שטארק געדריקט איינער דעם אנדערן די הענט, ווי נאך קיינמאל נישט ביז איצט. אליאשא האט דערפילט, אז דער ברו־דער האט דער ערשטער געשטעלט דעם טראט צו אים, און אז גע־טאן האט ער דאס צוליב עפעס נויטיקס, אף געוויס מיט עפעס א כוונה.

## X

## ביידע צוזאמען

ארויס איז אליאשא פון דעם פאטערס הויז אין א צושטאנד א גייסטיק דערשלאגענעם און דערשטיקטן, נאך מער, ווי פריער, בעת ער איז ארייגגעגאנגען צום פאטער. דער דעת זיינער איז געווען אויך ווי צעבראקלט און צעווארפן, אין דער צייט וואס ער גופא האט דערביי געשפירט, אז ער האט מורא צונויפצוזאמען דאס פאנאנ־דערגעווארפענע און ארויסבאקומען דעם תמצית פון די אלע פיינלאַכע סתירות, וואס ער האט איבערגעלעבט אין דעם דאזיקן טאג. עפעס אזוינס האט זיך געגרעניצט כמעט מיט פארצווייפלונג, וואס פריער

איז קיינמאל גישט געווען אין אליאשעס הארץ. איבער דאס אלץ איז געשטאנען, ווי א בארג, די הויפט־פראגע, די גורל־שווערע און די אומפארענטפערטע פראגע: מיט וואס וועט זיך דאס פארענדיקן בא דעם טאטן און בא דעם ברודער דמיטריען, וועגן דער דאזיקער שרעקלאַכער פרוי? איצט איז ער שוין אליין געווען אן עדות. ער אליין איז דא בייגעווען און געזען זיי איינעם לעבן דעם אנדערן, איבעריגנס, אומגליקלאך, אינגאנצן אומגליקלאך, און מוראדיק אומגליקלאך, האט געקאנט זיין נאר דער ברודער דמיטרי: אף אים האט געווארט אַן אומגליק בלתי ספק. עס זיינען נאך געווען אנדערע מענטשן אויך, צו וועמען דאס איז אלץ געווען שייך, און אפשר אסך מער, ווי דאס האט פריער געקאנט אויסקומען אליאשען. ארויסגעקומען איז עפעס אפילו אזוינס ווי א מין רעטעניש. דער ברודער איוואן האט געשטעלט צו אים א טראט, וואס אליאשא האט דאס פון אזוי לאנג געגארט, און אט שפירט ער עפעס איצט אליין, אז עס האט אים דערשראקן אט דער דאזיקער טראט פון התקרבות. היינט יענע פרויען? א מאדנע זאך: פריער איז ער געגאַנגען צו קאטערינא איוואנאוונען אין א מוראדיקער פארלעגנהייט, איצט, א קעגן זשע, האט ער עפעס אזוינס גאָר ניט געשפירט! אדרבה, האט זיך געאיילט צו איר, ווי ער גופא וואלט געווארט, אז זי וועט אים זאגן ווי־און־וואס. נאר פונדעסטוועגן איבערגעבן איר די שליחות איז געווען, אפנים, איצט שווערער ווי פריער: מיט די דריי טויזנט רובל איז שוין געווען אינגאנצן נאך אלעמען, און דער ברודער דמיטרי, וואָס האט איצט זיך דערשפירט פאר ניט קיין ערנטלאכן, און אז ס'איז שוין ניטא קיין שום האפענונג, וועט זיך שוין, פארשטייט זיך, ניט אפשטעלן פאר קיין שום ירידה. צו דערצו האט ער נאך געהייסן איבערגעבן קאטערינא איוואנאוונען די סצענע אויך, וואס איז אקארשט פארגעקומען ביים טאטן.

ס'איז שוין געווען זיבן דער זייגער און ס'איז שוין פינצטערלאך געווארן, בשעת אליאשא איז אריין צו קאטערינא איוואנאוונען, וואס האט פארוואוינט א זעער גערוימיק און באקוועמן הויז אף דער גרויסער גאס. אליאשא האט געוואוסט, אז זי וואוינט צוזאמען מיט

צווי מומעס. איינע פון זיי איז, אגב, געווען מער ניט ווי אגאפיא איוואנאוונע א מומע; דאס איז געווען אט יענע שווייגעוודיקע פערזאן, וואס האט געלעבט בא איר פאטער אין שטוב אינאיינעם מיט דער שוועסטער אירער און צוגעזען זי, בשעת זי איז געקומען צו זיי פון אינסטיטוט. די צווייטע מומע איז געווען א וואגיקע און מישובדיקע מאסקווער דאמע, הגם אן ארימע אפילו. מ׳האט געהערט, אז ביידע זיינען אין יעדן פרט געווען אונטערטעניק אונטער קאטערינא איוואנאוונען און אז געווען זיינען זיי ארום איר מער נישט ווי לשם עטיקעטע וועגן. וואס איז נוגע ווידער קאטערינא איוואנאוונען גופא, האט זי זיך געפונען נאר אין דעם רשות פון איר פילאנטראפין, דער גענעראַלשע, וואס איז צוליב קראנקייט געבליבן אין מאסקווע, און וועמען זי איז געווען מחויב צו שיקן צווי מאל אין וואך בריוו און שרייבן די קלענסטע פרטים וועגן זיך.

בעת אליאשא איז אריין אין פירהויז און געבעטן דאס שטוב־מיידל, וואס האט אים אויפגעעפנט, זי זאל איבערגעבן, אז ער איז דא, האט מען אין זאל, קענטיק, שוין געוואוסט פון זיין קומען (אפשר האט מען אים באמערקט פון פענצטער), נאר אליאשא האט מיטאמאל דערהערט עפעס א רויש, עס האבן זיך דערהערט לויפנדיקע פרויען־טריט, א שאָרך פון קליידער, עס זיינען, מסתמא, ארויסגעלאפן א צוויי־דריי פרויען. אליאשען איז אויסגעקומען מאדנע, וואס ער האט געקאנט מיט זיין קומען אנמאכן אזא טומל. מ׳האט אים אבער תיכף אריינגעפירט אין זאל. דאס איז געווען א גרויס צימער, עלעגאנט איינגעריכט און מיט רייכע מעבל, גאר ניט אף קיין פראווינציעלן שטייגער. עס זיינען געשטאנען אסך דיוואנען און קושעטקעס, קליינינקע זאפקעס, גרעסערע און קלענערע טישלאך; געהאנגען בילדער אף די ווענט, וואזן און לאמפן אף די טישן, בלומען געווען אסך, אפילו געשטאנען אן אקוואריום לעבן פענצטער. פון דעם אנבערעכנדיקן אוונט איז שוין געווען טונקלדיק אין צימער. אליאשא האט באטראכט אפן דיוואן, אף וועלכן מ׳איז, אפנים, נאך אקארשט געזעסן, א זיידענעם מאנטל, וואס איז געבליבן ליגן, און אפן טיש לעבן דיוואן צווי נישט־דערטרונקענע טאסן שאקאלאד, ביסקוויט, און א קריסטאל־טעלער מיט ראזינען און

א צווייטן טעלער מיט קאנפעקטן· מ׳האט קענטיק עמיצן מכבד געוועןּ· אליאשא האט פארשטאנען׳ אז ער האט אנגעטראפן אף געסט׳ און עס האט אים פארדראסן· אבער אין דער זעלביקער רגע האט זיך געגעבן א הייב די פארטיערע און מיט איילנדיקע טריט איז אריין קאטערינא איוואנאוונא׳ מיט א פריילאכן׳ באגייסטערטן שמייכל׳ דערלאנגענדיק ביידע הענט אליאשען· די שטעל האט דאס שטובמיידל ארייגעטראגן צוויי אנגעצונדענע ליכט און אוועקגעשטעלט אפן טיש·

— א דאנק גאט׳ ענדלאך זייט איר געקומען! נאר אף אייך אליין האב איך דעם גאנצן טאג געבעטן בא גאט! זעצט זיך·

פון קאטערינא איוואנאוונעס שיינקייט איז שוין פריער אויך אליאשא נשתומם געוואָרן׳ בעת דער ברודער דמיטרי האט מיט א וואכן דריי צוריק אים געבראכט צו איר צום ערשטן מאל פארצושטעלן׳ ווי דאס איז געווען דער שטארקער וואונש פון קאטערינא איוואנאָוונא. קיין געשפרעך׳ אגב׳ האבן זיי בא יענער צונויפקומעניש ניט געהאט צווישן זיך׳ רעכענענדיק׳ אז אליאָשאַ שעמט זיך זייער׳ האט קאטערינא איוואנאוונא אזוי ווי רחמנות געהאט אף אים און גערעדט דעמאלט די גאנצע צייט מיט דמיטרי פיאדאראוויטשן· אליאשא האט געשוויגן׳ נאר א סך זאכן אבער האט ער זייער גוט באטראכט· עס האט אים ערשטוינט דאס הערשערישע׳ שטאלצע נישט־געצוואונגענקייט, דאס אין־זיך זיכערע פון דער גאוהדיקער מיידל. און דאס אלץ איז בלתי ספק געווען׳ אליאשא האט געשפירט׳ אז ער איז דאס ניט מגזם· ער האט אויסגעפונען׳ אז די גרויסע׳ שווארצע׳ ברענענדיקע אויגן אירע זיינען הערלאכע און קליידן אזוי צו איר בלייכן׳ אפילו עטוואס בלייך־געלבלאכן אָוואַל געזיכט· אבער אין די דאזיקע אויגן, פונקט אזוי ווי אין די ליניען פון די הערלאכע ליפן׳ איז געווען עפעס אזוינס׳ אין וואס עס האט זיך געקאנט׳ פארשטייט זיך׳ פארליבן דער ברודער זיינער מוראדיק׳ נאר עפעס אזוינס, וואס מ׳האט אפשר נישט געקאנט לאנג ליב האבן· ער האט דאס כמעט אָפן ארויסגעזאגט פאר דמיטריען׳ בעת ער איז נאכן וויזיט צוגעשטאנען צו אים און געבעטן זיך רחמים ער זאל אים זאגן׳ וואס פאר אן איינדרוק ער האט ארויסגעטראגן פון זיין כלה·

—דו וועסט זיין גליקלאך מיט איר, נאר ס׳קאן אפשר זיין... נישט רואיק גליקלאך.

— אוודאי, ברודער, אזוינע בלייבן אזוי, ווי זיי זיינען, זיי ווערן נישט אונטערטעניק דעם גורל רעכנסטו, אז איך וועל זי נישט אויביק ליב האבן?

— ניין, עס קאן זיין, אז דו וועסט זי אויביק ליב האבן, נאר דו וועסט אפשר ניט זיין אויביק גליקלאך מיט איר...

אליאשא האט ארויסגעזאגט דעמאלט זיין מיינונג, רויט ווערנדיק און זייענדיק אין כעס אף זיך, וואס ער האט, געפאלגט דעם ברודערס בקשות, און ארויסגעזאגט אזוינע „נארישע" זאכן, ווארים פאר אים גופא איז די מיינונג זיינע אויסגעקומען שרעקלאך נאריש טאקע גלייך ווי ער האט זי נאר ארויסגעזאגט. היינט ער האט זיך גלאט פארשעמט ארויסצוזאגן אזוי מעכטיק א מיינונג וועגן א פרוי. דעריבער האט ער איצט נאך מיט א גרעסערער פארוואונדערונג דערשפירט בא דעם ערשטן קוק אף קאטערינא איוואנאוונען, וואס איז ארויס־געלאפן צו אים, אז ער האט זיך דעמאלט אפשר זעער שטארק טועה געווען. דאס מאל האט דאס פנים אירס געלויכטן מיט א ניט קיין געמאכטער אפנהארציקער גוטסקייט, מיט א פשוטער און פלאמעדיקער אויפריכטיקייט. פון דעם גאנצן פריערדיקן שטאלץ און פון דער „גאוה", פון וואס אליאשא איז דעמלט אזוי נשתומם געווארן, האט מען איצט געקאנט זען ניט מער ווי א דרייסטע ענערגיע, און עפעס אזא קלארן, מעכטיקן גלויבן אין זיך גופא. אליאשא האט פארשטאנען פון דעם ערשטן קוק אף איר, פון די ערשטע ווערטער, אז די גאנצע טראגיק פון איר לאגע צוליב דעם מענטשן, וועלכן זי האט ליב אזוי, איז פאר איר גאר ניט קיין סוד, אז זי וויס שוין אפשר אלץ, לחלוטין אלץ. און נישט קוקנדיק אף דאס, איז אין דעם פנים אירן געווען פונדעסטוועגן אזוי פיל גלויבן אין דאס קומענדיקע. אליאשא האט מיטאמאל דערשפירט, אז ער איז שטארק שול־דיק קעגן איר פאר זיינע שלעכטע געדאנקען. ער איז געווען באזיגט און פארמשפט אף דער שטעל. א חוץ דאס אלץ, האט ער באמערקט פון די ערשטע ווערטער אירע, אז זי געפינט זיך אין עפעס א שטארקער

צעטראַגנקייט, אפשר אין א זעער נישט קיין געוויינלאכער, — א צעטראַגנקייט, וואס איז כּמעט ענלאך אף א התלהבות עפּעס.

— איך האָב דעריבּער אזוי געוואָרט אף אייך, ווייל נאָר פון אייך אליין קאָן איך דערגיין דעם גאנצן אמת, — מער פון קיינעם נישט!

— איך בין געקומען... — האט א מורמל געטאן אליא־שא, פלאָנטערנדיק זיך, — איך בין געקומען... ער האט מיך געשיקט...

— אהא, ער האט אייך געשיקט, יא, אזוי האָב איך געשפּירט. איצט ווייס איך אלץ, אלץ! — האט אויסגערופן קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, און די אויגן אירע האָבן מיטאמאל אנגעהויבּן צו פינ־קלען — וואַרט א ווײַלע, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, איך וועל אייך פריער זאָגן, פאר וואס איך האָב אזוי געוואַרט אף אייך. פארשטייט איר מיך, איך ווייס אפשר אסך מער, ווי איר אליין אפילו; איך דאַרף נישט האָבן קיין נייס פון אייך. איך דאַרף אט וואס האָבן פון אייך: איך דאַרף וויסן אייער אייגענעם, פּערזענלאכן לעצטן איינדרוק פון אים, איך דאַרף איר זאָלט מיר דערציילן אפן סאַמן פּשוטן, נישט באַפּאַרבּענעם, אפילו אפן סאַמן גראָבן אופן (אָ, ווי גראָב איר ווילט) — ווי אזוי איר אליין קוקט איצט אף אים און אף זיין לאַגע נאָך אייער היינטיקן טרעפן זיך מיט אים? דאס וועט אפשר זיין בעסער, ווי איך וואָלט אליין, צו וועמען ער וויל מער נישט קומען, גערעדט מיט אים פּערזענלאך. האט איר פארשטאַנען, וואס איך וויל האָבן פון אייך? איצט, וואס האט ער אייך געשיקט צו מיר (איך האָב טאַקע געוואוסט, אז ער וועט אייך שיקן!) — זאָגט פּשוט, זאָגט דאס סאַמע לעצטע וואָרט!..

— ער האט מיר געהייסן... גריסן אייך, און זאָגן, אז ער וועט מער קיינמאל ניט קומען... און אייך האָט ער גע־לאָזט גריסן.

— גריסן? אזוי האט ער טאַקע געזאָגט, מיט די ווערטער אויסגעדריקט זיך?

— יע.

— האט אפשר געזאגט געאײלטערהייט, אפשר געהאַט א טעות, נישט געזאגט דאס ווארט, וואס ער האט געדארפט?

— ניין, ער האט געהייסן אז איך זאל למען השם איבערגעבן מיט די ווערטער: „געלאזט גריסן". האט געבעטן א מאל דריי, אז איך זאל ניט פארגעסן איבערצוגעבן.

קאטערינא איוואנאוונא האט אויפגעברענט.

— העלפט מיר איצט, אלעקסיי פיאדאראוויטש, דווקא איצט דארף איך האבן אייער הילף; איך וועל אייך זאגן וואס איך טראכט, און איר וועט מיר נאר זאגן, צי איך טראכט ריכטיק צי ניט? הערט אויס, ווען ער וואלט מיר געאײלטערהייט געהייסן גריסן, וואלט שוין דאן געווען נאָך אַלעמען... דאן וואלט שוין געווען דער סוף! נאר אויב ער האט מיט א כיוון באטאנט דאס ווארט, אויב ער האט מיט א כיוון אנגעזאגט אייך ניט צו פארגעסן מיר איבערגעבן דעם דאזיקן גרוס, — איז ער, אף אזא אופן, געווען אויפגערעגט, אויסער זיך, קאן זיין? האט זיך, אזוי צו זאגן, אנטשלאסן און פאר דעם אנט־שלוס זײנעם דערשראקן זיך! איז ניט אוועק פון מיר מיט קיין פעסטן טראט, נאר איז אראפגעפלויגן פון א בארג. דאס אונטער־שטרייכן פון דעם דאָזיקן ווארט קאן נאר באדייטן איין פלאַפּלען.

— אמת, אמת! — האט לעבעדיק צוגעשטימט אליאשא, — מיר גופא דאכט זיך איצט, אז ס'איז אזוי.

— אויב אבער ס'איז אזוי, איז ער נאך ניט פארפאלן! ער איז בלויז פארצווייפלט, אבער איך קאן נאך אים העלפן. ווארט: צי האט ער אייך נישט געזאגטעפעס וועגן געלט, וועגן דריי טויזנט רובל?

— נישט נאר וואס געזאגט, נאר דאס אפשר האט אים מער פאר אלץ דערשלאגן. ער האט געזאגט, אז ער האט איצט פארלארן די ערע און אז איצטער איז שוין אלצדינג קיין נפקא מינה ניט, — האט מיט היץ געענטפערט אליאשא, שפירנדיק מיט דעם גאנצן הארץ זײנעם, ווי עס גיסט זיך אריין א האפענונג אין זיין הארץ, און אז ס'איז נאך אפשר באמת דא אן אויסוועג און א ישועה פאר זיין ברודער.

— וואס, איר... ווייסט דען וועגן די געלד? — האט ער צוגעגעבן און האט מיטאמאל אפגעהאקט זיך.

— כ'ווייס פון לאנג און איך ווייס אלץ גענוי. איך האב דורך א טעלעגראם אנגעפרעגט זיך אין מאסקווע און איך ווייס פון לאנג, אז דאס געלד האט מען ניט באקומען. ער האט ניט אוועק־געשיקט דאס געלד, נאר איך האב געשוויגן. פאראכטאגן האב איך זיך דערוואוסט, ווי ער האט געדארפט האבן נאך געלט... איך האב זיך אוועקגעשטעלט אין דעם אלעמען נאר איין ציל: ער זאל וויסן צו וועמען אומצוקערן זיך און ווער עס איז דער סאמער איבערגעגעבענער פריינד זיינער. ניין, ער וויל נישט גלויבן, אז איך בין אים דער סאמער איבערגעגעבנסטער פריינד, ער האט נישט געוואלט דערקענען מיך, ער קוקט אף מיר נאר ווי אף א פרוי. עס האט מיך די גאנצע וואך געפלאגט איין זארג: ווי אזוי מאכט מען, אז ער זאל זיך ניט שעמען פאר מיר מיט דעם, וואס ער האט צעפטרט די דריי טויזנט רובל? דאס הייסט, ער מעג זיך שעמען אי פאר לייטן אי פאר זיך אליין, נאר פאר מיר זאל ער זיך ניט שעמען. פאר גאט איז ער דאך אלץ מודה, ניט שעמענדיק זיך. טא פארוואס ווייס ער ניט ביז איצט, וויפל איך קאן אריבערטראגן צוליב זיינטוועגן? פארוואס, פארוואס קען ער מיך ניט, ווי אזוי דערוועגט ער זיך גאר ניט צו קענען מיך נאך דעם אלעמען, וואס עס איז פארגעקומען? איך וויל אים ראטעווען אף אויביק. זאל ער מיך פארגעסן אלס זיין כלה! און ער האט מורא פאר מיר צוליב זיין ערע? פאר אייך, אלעקסיי פיאדאראוויטש, האט ער דאך נישט געהאט קיין מורא צו פארטרויען? טא פארוואס האב איך ביז איצט נישט פארדינט דאס אייגענע?

די לעצטע ווערטער האט זי ארויסגערעדט מיט טרערן; טרערן האבן זיך א שפאר געטאן פון אירע אויגן.

— איך מוז אייך איבערגעבן, — האט זיך אנגערופן אליאשא אויך מיט א ציטערדיק קול, — וואס עס איז איצט ערשט פארגעקומען צווישן אים און דעם פאטער. — און ער האט דערציילט די גאנצע סצענע. האט דער־ציילט, אז ער האט אים געשיקט נאך געלט, אז דמיטרי האט זיך אריינגע־ריסן, צום פאטער, געשלאגן אים און דערנאך געוועגדט זיך צו אים, צו אליאשען, און באשטאנען אף דעם, אז ער זאל למען השם "גריסן"... — ער איז אוועק צו דער דאזיקער פרוי... — האט שטיל צוגעגעבן אליאשא.

— און איר מיינט, אז איך וועל אט די פרוי ניט אריבער־טראגן? ער מיינט, אז איך וועל זי ניט אריבערטראגן? ער וועט אבער נישט חתונה האבן מיט איר! — האט זי זיך מיטאמאל נערוועז צעלאכט, — קאן דען א קאראמאזאוו ברענען מיט אזא ליידנשאפט אויביק? דאס איז ליידנשאפט, און נישט קיין ליבע. ער וועט נישט חתונה האבן, וואריס זי וועט אים נישט נעמען אויך... — האט מיטאמאל ווידער עפעס מאדנע א שמייכל געטאן קאטערינא איוואנאוונא.

— ער וועט אפשר חתונה האבן, — האט טרויעריק אנגערופן זיך אַליָאשאַ, די אויגן איינגעגראבן צו דער ערד.

— ער וועט נישט חתונה האבן, זאג איך אייך! דאס דאזיקע מיידל — ס'איז א מלאך, ווייסט איר דאס! — האט מיט א ניט קיין געוויינלאכן ברען מיטאמאל אויסגערופן קאטערינאַ איוואַנאָוונא. — דאס איז דאס סאמע פאנטאסטישע פון די פאנטאסטישע וועזנס! איך ווייס, ווי זי קאן באגייסטערן, איך ווייס אבער אויך, וואס פאר א גוטע זי איז, וואס פאר א פעסטע און איידעלע. וואס קוקט איר אזוי אף מיר, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש? אפשר וואונדערט איר זיך פון מיינע רייד, אפשר גלויבט איר מיר נישט? אגראפענא אלעקסאנדראוונא, מלאך מיינער! — האט זי מיטאמאל א רוף געטאן עפעס צו עמיצן, קוקנדיק אין צווייטן צימער, — קומט אריין צו אונז, דאס איז א ליבער מענטש, דאס איז אליאשא, ער ווייס וועגן אונזער לאגע אלץ, באווייזט זיך פאר אים!

— און איך האב טאקע נאר געווארט הינטערן פארהאנגל, אז איר וועט מיך א רוף טאן, — האט ארויסגערעדט א צארטע, אפילו עטוואס זיסלאכע פרויען־שטים.

עס האט זיך אויפגעהויבן די פארטיערע און... גרושענקא אליין, לאכנדיק און פרייענדיק זיך, איז צוגעגאנגען צום טיש. ווי עס וואלט זיך עפעס איבערגעקערט אין אַליאשען. ער האט זיך צו־געשמידט צו איר מיטן בליק, האט נישט געקאנט אַראָפּנעמען די אויגן. אט דאס איז זי, אט די שרעקלאכע פרוי, — די „חיה" ווי עס האט זיך מיט א האלבער שעה צוריק אויסגעדריקט וועגן איר דער ברודער איוואן, און פונדעסטוועגן וואלט ער שווערן, אז עס שטייט פאר אים

א סאמער געוויינלאכער און פשוטער מענטש אפן קוק׳ — א גוטע׳ ליבע פרוי׳ לאמיר זאגן׳ א שיינע׳ אבער אזוי ענלאך אף אלע אנ־דערע שיינע׳ אבער „געוויינלאכע" פרויען! אמת׳ שיין איז זי געווען זעער׳ זעער אפילו׳ — א רוסישע שיינקייט׳ וואס אזוי פיל מענטשן האבן ביז ליידנשאפט ליב׳ דאס איז געווען א פרוי פון א גאנץ־הויכן וואוקס׳ אבער א ביסל נידעריקער פאר קאטערינא איוואנאוונען (זי איז שוין געווען גאר א הויכע)׳ מיט א פולן קערפער׳ מיט ווייכע באווע־גונגען׳ ווי נישט צו הערן אפילו׳ עפעס ווי אויסגעצערטלט צו א באזונדער זיסלאכקייט אזא׳ און דאס אייגענע אויך דער קול איר׳ער׳ זי איז צוגעגאנגען ניט אזוי ווי קאטערינא איוואנאוונא — מיט א פעסטן לעבעדיקן טראט; אדרבה׳ נישט צו הערן׳ די פיס אירע האט מען אף דער פאדלאגע גאר אינגאנצן נישט געהערט׳ ווייך האט זי זיך אנידערגעזעצט אפן שטול׳ רוישנדיק ווייך מיט איר גרויסארטיקן׳ שווארצן׳ זיידענעם קלייד און פארצערטלט איינהילנדיק איר ווי שוים ווייסן פולן האלז און די ברייטע אקסלען אין א טייערן׳ שווארצן׳ וואלענעם שאל׳ זי איז אלט געווען צוויי און צוואנציק יאר׳ און אפן געזיכט אויסגעזען אויך אזוי׳ פונקט ווי א האר׳ זי האט געהאט א זעער ווייס געזיכט׳ מיט א הויכער בלייך־ראזער אפשפריצונג פון דער רויטער פארב אף די באקן׳ דער פורים פון איר געזיכט איז געווען אזוי ווי עטוואס צו ברייט׳ און די קינבאקן האבן אפילו עטוואס אפ־געשטאנען אף פארנט׳ די אויבערשטע לופ — א דינע׳ און די אונ־טערשטע׳ וואס איז א ביסל אראפגעהאנגען׳ איז געווען אין צווייען פולער און עפעס אזוי ווי געשוואלן׳ אבער דער בלענדנדיקער טונקל־בלאנדער קאפ האר׳ די טונקעלע אויבערשטע צאָבל־ברעמען׳ די פארכישופנדיקע גרוי־בלויע אויגן מיט די לאנגע ברעמען — וואלטן געצוואונגען אפילו דעם סאמען גלייכגילטיקסטן און צעוואָרפענעם מענטשן׳ ווען ער זאל אפילו זיין ערגעץ צווישן אן עולם׳ הוליענדיק ערגעץ׳ אין א שטיקעניש׳ אז ער זאל מיטאמאל בלייבן שטיין פאר אט דעם דאזיקן פנים און אף א לאנגע צייט באהאלטן אים אין זכרון׳ מער פאר אלץ האט אליאשען פארוואונדערט אין דעם דאזיקן פנים זיין קינדישער׳ אפנהארציקער אויסדרוק׳ זי האט געקוקט׳ ווי

א קינד׳ האט זיך סתּם עפּעס געפרייט ווי א קינד׳ זי איז טאקע צו־גאנגען צום טיש „פרייענדיק זיך״ און ווי זי וואלט געוואָרט איצט אַף עפּעס מיט דער סאמער קינדישער׳ אומגעדולדיקער און פארטרויילאכער נייגעריקייט. דער בליק אירער האט געפרייט די נשמה׳ — אליאשא האט דאס דערשפּירט. ס׳איז אויך נאך עפּעס געווען אין איר׳ וואס ער האט נישט געקאנט אדער וואלט נישט אימשטאנד געווען ארויס־צוגעבן׳ נאר עפּעס אזוינס׳ וואס איז פאר אים אפשר אומבאוואוסט קלאר געווען׳ ווידער טאקע אט די דאזיקע ווייכקייט׳ די צארטקייט פון די באוועגונגען פון דעם קערפּער׳ די קעצישע שטילקייט פון די דאזיקע באוועגונגען. און דאס איז געווען פונדעסטוועגן א שטאר־קער׳ גרויסער קערפּער. פון אונטערן שאל האט זיך ארויסגעזען א ברייטע׳ שטארקע פּלייצע׳ א הויכע׳ נאך גאר א יוגנטלאכע ברוסט. דער דאזיקער קערפּער האט צוגעזאגט אפשר די פארמען פון ווענוס פון מעלאָס׳ הגם שוין איצט אָן א ספק אין א דרייפאכער גרויס׳ — דאס האט מען געשפּירט. קענער פון דער רוסישער פרויען־שיינקייט וואלטן׳ קוקנדיק אף גרושענקען׳ געקאנט אָן א טעות פאַרויסזאגן׳ אז די דאזיקע פרישע נאך יוגנטלאכע שיינקייט וועט צו דרייסיק יאר פארלירן איר הארמאניע׳ וועט זיך צעשווימען׳ דאס געזיכט גופא וועט ווערן ווי אָנגעדראָלן׳ ארום די אויגן און אף דער שטערן וועלן זיך זעער גיך באווייזן קנייטשן׳ די פארב פון געזיכט וועט ווערן פארגרעבט׳ אפשר ווערן שטארק רויט׳ — מיט איין ווארט׳ א שיינ־קייט אף א רגע׳ א שיינקייט א שוועבנדיקע׳ וואס טרעפט זיך אזוי אפט גראד בא דער רוסישער פרוי. אליאשא האט׳ פארשטייט זיך׳ נישט געטראכט וועגן דעם׳ נאר הגם א באצויבערטער אפילו׳ האט ער׳ מיט עפּעס א מאדנעם אומאנגענעמען געפיל׳ און ווי ס׳וואלט אים עפּעס פארדראסן׳ געפרעגט זיך גופא: פארוואָס ציט זי אזוי די ווערטער און קאן נישט רעדן נאטירלאך? זי האט דאס געטאן׳ גע־פינענדיק׳ אפנים׳ אין אט דעם אויסציען און אין דער צו־שטארקער זיסלאכער באפארבונג פון די זילבן און קלאנגען א שיינקייט. דאס איז׳ געוויינלאך׳ געווען נאר א שלעכטע רגילות פון שלעכטע מאַנירן׳ וואס האט עדות געזאגט פון דער נידעריקער דערציאונג׳

פון דער שלעכט אויפגענומענער השגה פון קינדווייז אָן, וואס אזוינס אנשטענדיקייט איז. און פונדעסטוועגן איז פאר אליאשען אויסגעקומען אט דער דאזיקער מין אויסרעדן און אינטאנירן די ווערטער ווי אן אוממעגלאכקייט כמעט, עפעס ווי א מאדנע סתירה צו אט דעם קינדיש־אפנהארציקן און פריילאכן אויסדרוק פון דעם געזיכט, צו דעם שטילן, ווי בא א קינד גליקלאכן ליכטן פון די אויגן! קאטערינא איוואנאוונא האט זי גלייך אַוועקגעזעצט אפן שטול אנטקעגן אליאשען און מיט התפּעלות א קוש געטאן זי עטלאַכע מאל אין אירע שמייכלענדיקע ליפעלאך. זי איז געווען ווי פארליבט אין איר.

— מיר זעען זיך צום ערשטן מאל, אלעקסיי פיאדאראוויטש, — האט זי א זאג געטאן אין התפּעלות; איך האב געוואלט דערקענען זי, איך האב געוואלט גיין צו איר, איז זי אבער אף מיין ערשטן פארלאנג אליין געקומען. איך האב אף זיכער געוואוסט, אז מיר וועלן ביידע אלצדינג באשטימען, אלצדינג! אזוי האט מיר געזאגט דאס הארץ ... מ׳האט זיך געבעטן בא מיר איך זאל דאס ניט טאן, אבער איך האב געשפּירט אן אויסוועג און איך האב זיך נישט טועה געווען. גרושענקא האט מיר אלצדינג געזאגט. אלע כוונות אירע; זי איז, ארפגעפלויגן אהער ווי א גוטער מלאך, און געבראכט רו און פרייד ...

— אייך איז אנגעשטאנען שיקן נאך מיר, ליבע, טייערע פריילן, — האט ווי זינגענדיק אויסגעצויגן גרושענקא אלץ מיט דעם זעלביקן ליבן, לוסטיקן שמייכל.

— איר זאלט זיך מיר נישט דערוועגן צו רעדן אזוינע ווערטער, פערל איר, באצויבערן! ניט אנשטיין שיקן נאך איר? אט וועל איך די אונטערשטע ליפעלע נאך א מאל א קוש טאן. זי איז בא אייך ווי א הארעלע געשוואלן, טא זאל זי זיין נאך א ביסעלע געשוואלן, און נאך, נאך ... גיט א קוק, ווי זי לאכט, אלעקסיי פיאדאראוויטש, דאס הארץ פרייט זיך, אז מ׳קוקט אף אט דעם מלאך ... —

אליאשא איז געווארן רויט און אן אומבאמערקטער שוידער האט אים דורכגענומען.

— איר צערטלט מיך, ליבע פריילן, און איך בין אפשר גאר אינגאנצן נישט ווערט אייער צערטלען.

— נישט ווערט! זי איז דאס נישט ווערט! — האט אויסגע־
רופן קאטערינא איוואנאוונא ווידער מיט דער זעלביקער התפעלות, — ווײַט,
וויסן, אלעקסיי פיאדאראוויטש, אז מיר זענען א פאנטאסטישער
מענטש, אז מיר זײַנען אן עקשן, אבער מיר האבן א שטאלץ, זעער
אַ שטאלץ הארץ! מיר זײַנען איידל, אלעקסיי פיאדאראוויטש, מיר זײַ־
נען גרויסמוטיק, ווייסט איר דאס? מיר זײַנען נאר אומגליקלאך גע־
ווען. מיר זײַנען געווען צו גיך גרייט צו ברענגען יעדן קרבן פאר
אן אומווערדיקן אדער אפשר לײַכטזיניקן מענשן. ס'איז געווען
איינער, אויך אן אפיצער, ווען מיר האבן ליב געקראָגן, ווען
מיר האבן אלץ אוועקגעגעבן, דאס איז שוין א לאנגע צײַט, מיט פינף
יאר צוריק איז דאס געווען, און ער האט זיך פארגעסן אָן אונז. ער
האט חתונה געהאט. איצט איז ער געבליבן אן אלמן, האט גע־
שריבן, אז ער קומט אהער — טא זײַט וויסן, אז נאר אים אליין,
נאר אים אליין האבן מיר ליב עד היום און דאס גאנצע לעבן ליב
געהאט! ער וועט קומען צו פארן, און גרושענקא וועט זײַן ווייטער
גליקלאַך, די גאנצע פינף יאר אבער איז זי געווען אומגליקלאך. נאר
ווער וועט איר אויפווארפן, ווער קאן זיך באריימען מיט איר גענויגט־
קייט! מער ניט ווי אט דער אלטער אליין, וואס איז אָן פיס, דער
אלטער סוחר, — נאר ער איז געווען גיכער אונזער פאטער, אונזער
פריינד, אונזער היטער. ער האט אונז געטראפן דעמאלט, בעת
מיר זײַנען געווען אין א פארצווייפלונג, אין ליידן, א פארלאזענע
פון יענעם, וועמען מיר האבן אזוי ליב געהאט... זי האט זיך דאך
דעמאלט געוואלט דערטרינקען, דער אלטער האט דאך זי געראַטעוועט
זי געראטעוועט;

— שוין צו־שטארק פארטיידיקט איר מיך, ליבע פריילן, שוין
צו־פיל אײַלט איר זיך אין אלץ, — האט גרושענקא ווייטער
אויסגעצויגן.

— איך פארטיידיק? איך קאן דען פארטיידיקן, טאר איך זיך
דען דערוועגן צו פארטיידיקן דא? גרושענקא, מלאכל מײַנער, גיט
מיר אייער הענטעלע, גיט א קוק אף אט דער דיקינקער, קליינינקער,
שיינינקער הענטעלע, אלעקסיי פיאדאראוויטש; זעט איר זי, זי האט

מיר גליק געבראכט און א נייע נשמה ארייננעגעבן, איז אט וועל איך זי קושן באלד, אי פון אויבן, אי אין דלאניעלע, אט אזוי, אט אזוי און אט אזוי. — און זי האט דריי מאל, ווי אין התפעלות, א קוש געטאן גרושענקעס באמת שיינע, אפשר צו־פיל דיקע הענטעלע. גרושענקא האט, אויסציענדיק דאס דאזיקע הענטעלע, געקוקט מיט א נערוועזן, קלינגענדיקן זיסן שמייכל אף דער „ליבער פריילן”, און ס'איז איר קענטיק געווען אנגענעם, וואס איר הענטעלע קושט מען אזוי. „שוין אפשר צו פיל התפעלות”, איז דורכגעפלויגן בא אליאשען אין רעיון. ער איז רויט געווארן. דאס הארץ זיינס איז די גאנצע צייט געווען עפעס מאדנע אומרואיק.

— שטעלט דאך מיך ניט אין בזיונות, ליבע פריילן, וואס איר האט פאר אלעקסיי פיאדאראוויטשן אין די אויגן אזוי געקושט מיין הענטעלע.

— איך וויל אייך דען שטעלן מיט דעם אין בזיונות? — האט א ביסל פארוואונדערט אנגערופן זיך קאטערינא איוואנאוונא, — אך ליבינקע, ווי שלעכט איר פארשטייט מיך!

— עס קאן אבער זיין, אז איר פארשטייט מיך גופא אויך נישט אינגאנצן, ליבע פריילן, איך בין אפשר, אסך א שלעכטערע, ווי עס קומט בא אייך אויס אפן קוק. איך בין בטבע א שלעכטע, איך בין אן עקשן. איך האב דמיטרי פיאדאראוויטשן נעבאך דעמאלט גע־פאנגען, כדי נאר אפצולאכן פון אים א ביסל.

— איצטער אבער ראטעוועט איר דאך אים אויך. איר האט געגעבן א ווארט. איר וועט אים געבן צו פארשטיין, איר וועט אים זאגן, אז איר האט ליב א צווייטן, שוין פון לאנג, און אז ער וויל איצט חתונה האבן מיט אייך . . .

— אך ניין, איך האב אייך אזא ווארט נישט געגעבן. דאס האט איר מיר אליין אלץ געזאגט, איך אבער האב נישט געגעבן אזא ווארט.

— האב איך אייך, הייסט דאס, נישט גוט פארשטאנען, — האט שטיל און ווי עטוואס בלייך ווערנדיק א זאג געטאן קאטערינא איוואנאוונא. — איר האט צוגעזאגט . . .

— אך ניין, ליבע פריילן, איך האב אייך קיין זאך ניט צוגע־זאגט, — האט זי שטיל און גלייכמאסיק, אלץ מיט דעם זעלביקן פריילאכן און אומשולדיקן אויסדרוק, גרושענקא איבערגעשלאגן, — אט זעט מען איצט אויך, טייערע פריילן, וואס פאר א שלעכטס און וואס פאר אן עקשן איך בין בנוגע אייך. וואס עס פארווילט זיך מיר, דאס טו איך אויך. פריער האב איך אפשר טאקע עפעס צוגע־זאגט, איצטער אבער טראכט איך ווידער: ער קאן מיר מיטאמאל ווייטער געפעלן ווערן, מיטיא מיין איך, — איין מאל איז ער מיר שוין זעער געפעלן געווארן, איז א גאנצע שעה כמעט געפעלן געוועןן. איז אט וועל איך אפשר גיין און זאגן אים איצט, אז ער זאל פון היינט אן בלייבן בא מיר ... אט וואס פאר א ניט קיין געשטעלטע איך בין ...

— פריער האט איר געזאגט ... גאר ניט דאס ... — האט קוים א שעפטשע געטאן קאטערינא איוואנאוונא.

— אך, פריער! איך בין דאך אבער בטבע א צארטע, א נארישע. מ׳זאל נאר א טראכט טאן, וואס ער האט אריבערגעטראגן צוליב מיר! אט קאן איך קומען אהיים און רחמנות האבן אף אים, — איז וואס דעמאלט?

— איך האב נישט דערווארט ...

— אך, פריילן, ס׳ארא גוטע, טייערע איר זייט צו מיר. אט וועט איר מיך אפשר, אזא נארישע, פיינט קריגן פאר מיין כאראקטער. גיט מיר אייער חיותדיקע הענטעלע, מלאכל מיינער, — האט זי צארט א בעט געטאן און ווי מיט יראת הכבוד אנגענומען קאטערינא איוואנאוונעס הענטעלע. — אט וועל איך, ליבע פריילן, נעמען אייער הענטעלע און וועל זי אזוי קושן, ווי איר מיינט. איר האט מיר דריי מאל א קוש געטאן, כדי זיין גלייך־אף־גלייך. אזוי, מסתמא, דארף שוין דאס זיין, און שפעטער איז ווי גאט וועט געבן, אפשר וועל איך אינגאנצן זיין באַ אייך א קנעכט און וועל ווי א קנעכט טאן אייער יעדן פארלאנג. ווי עס וועט פון דעם אויבערשטן זיין, אזוי זאל זיין, אָן קיין שום אפרעדעניש צווישן זיך און אן צוזא־געניש. א הענטעלע, א הענטעלע, א הענטעלע האר איר א ליבינקע! פריילן איר טייערע, בת־מלכה איר מיינע!

שטיל האט זי צוגעפירט דאס דאזיקע הענטעלע צו אירע ליפּן, אמת, מיט א מאדנעם ציל: זיין „גלייך־אף־גלייך" מיט דעם קושן. קאטערינא איוואנאוונא האט די האנט נישט אוועקגענומען: מיט א ציטערדיקער האפענונג האט זי אויסגעהערט דעם לעצטן, הגם אפילו מאדנע אויסגעדריקטן צוזאג גרושענקעס „ווי א קנעכט" טאן איר פארלאנג; אנגעשטרענגט האט זי געקוקט איר אין די אויגן: זי האט געזען אין די דאזיקע אויגן אלץ די זעלביקע לויטערע פריילאכקייט... „זי איז אפשר צו פיל נאַאיוו!" האט א בליץ געטאן א האפענונג אין קאטערינא איוואנאוונעס הארץ. גרושענקא האט דערווייל, ווי אין התלהבות פון דער „ליבינקער הענטעלע", לאנגזאם געהייבן זי צו אירע ליפּן. אבער בא די סאמע ליפּן האט זי מיטאמאל אפגעהאלטן דאס הענטעלע אַף א צוויי־דריי רגעס, ווי זי וואלט זיך מישב גע־ווען וועגן עפעס.

— ווייסט איר וואס, מלאך מיינער, — האט זי מיטאמאל א זאג געטאן שוין מיט א גאר צארטן און זיסלאכסטן קולכעלע, — ווייסט איר וואס, איך וועל נעמען און איך וועל אייער הענטעלע ניט א קוש טאן. — און זי האט אנגעהויבן לאכן מיט א קליינינקן זעער לוסטיקן געלעכטערל.

— ווי איר ווילט... וואס איז מיט אייך? — האט זיך פאר־צאפּלט מיטאמאל קאטערינא איוואנאוונא.

— אט בלייבט זיך טאקע מיט דעם צום אנדענקען, אז איר האט מיר די הענטעלע געקושט, און איך אייך נישט. — עפעס האט פלוצים א פינקל געטאן אין אירע אויגן. זי האט מוראדיק שארף געקוקט אף קאטערינא איוואנאוונען.

— עזותניצע! — האט מיטאמאל אויסגעשריען קאטערינא איוואנאוונא, ווי זי וואלט פלוצים עפּעס אזוינס פארשטאנען, האט זיך די גאנצע אנגעצונדן און געגעבן א שפרונג פון ארט. נישט געאיילט האט זיך אויפגעהויבן פון ארט גרושענקא אויך.

— אט אזוי טאקע וועל איך מיטיען באלד איבערגעבן, ווי איר האט מיר די הענטעלע געקושט, און איך אייך אבער גאר ניט. אט וועט ער דאס לאכן א ביסל!

— חצופה, ארויס!

— אוי, ווי מיאוס, פריילך, אוי, ווי מיאוס, דאס פאסט דאך גאר אפילו ניט פאר אייך אזוינע ווערטער צו רעדן, ליבע פריילן.

— ארויס כאַנטע! — האט א ברום געטאן קאטערינא איוואַנאוונא, יעדעס שטריכעלע האט געציטערט אף איר פארקרימט געווארענעם פנים.

— נא דיר, א כאַנטע. אליין זייט איר אלס מיידל אומגע־גאנגען אין אוונט צו בחורים די שיינקייט אייערע פארקויפן, איך ווייס דאך דאס גוט.

קאטערינא איוואנאוונא האט געגעבן א געשריי־אויס און א ווארף געטאן זיך אף איר, אבער אליאשא האט זי מיט די גאנצע כוחות איינגעהאלטן.

— קיין טראט נישט, רעדט מער קיין ווארט נישט! רעדט נישט, ענטפערט גארנישט, זי וועט אוועקגיין, זי וועט באלד אוועקגיין!

אין דעם דאזיקן מאמענט זיינען אף די קולות אריינגעלאפן אין צימער קאַטערינאַ איוואַנאָוונעסביידע מומעס, אריינגעלאפן איז אויך דאס שטוב־מיידל. אלע האבן זיך א ווארף געטאן צו איר.

— און כ'וועל אוועקגיין אויך — האט א זאג געטאן גרושענקא א כאפטאנדיק איר זיידענעם מאנטל פון זאפע. — אליאשא טייערער, באלייט מיך!

— גייט אוועק, גייט אוועק אף גיך! — האט, בעטנדיק זיך רחמים, צונויפגעלייגט די הענט פאר איר אַליאָשאַ.

— ליבער אַליאָשקאַ, באלייט! איך וועל דיר זאגן אפן וועג עפעס אזוינס, אזא פאר גוטינקע ווערטעלאך! דאס האב איך, אַליאָשקאַ, צוליב דיר אט די סצענע געמאכט. באלייט, חיותל, שפעטער וועסטו ניט האבן קיין חרטה.

אַליאָשאַ האט זיך אפגעקערט, ברעכנדיק די הענט. גרושענקאַ איז מיט א הילכיקן געלעכטער ארויסגעלאפן פון שטוב.

קאַטערינאַ איוואַנאָוונען איז געווארן נ"שט גוט. זי האט געכליפעט, די ספאזמעס האבן זי געשטיקט. אלע האבן זיך ארומגעדרייט לעבן איר.

— איך האָב אײַך מתרה געווען, — האָט געזאָגט צו איר די עלטערע מומע, — איך האָב אײַך אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן . . . איר זײַט צו היציק . . . וואָס, מ׳האָט דען געטאָרט לאָזן זיך אַף אַזאַ טראַט! איר קענט נישט אָט די סחורה, און זי, זאָגט מען, איז ערגער פאַר זיי אַלעמען . . . ניין, איר זײַט אַ צו גרויסער עקשן!

דאָס איז אַ טיגער! — האָט אַ ברום געטאָן קאַטערינאַ איוואַ־נאָווגאַ, — פאַרוואָס האָט איר מיך אײַנגעהאַלטן, אַלעקסיי פּיאָדאָ־ראָוויטש, איך וואָלט זי געממיתט, איך וואָלט זי געממיתט!

זי איז נישט געווען בכוח אײַנצוהאַלטן זיך פאַר אַליאָשען, זי האָט אפשר אויך נישט געוואָלט אײַנהאַלטן זיך פאַר אים.

— אויפּהענגען דאַרף מען זי, אויפן עשאַפאָט דאַרף מען זי אומברענגען, דורך אַ תּלין, פאַר אַלעמען אין די אויגן! . . .

אַליאָשאַ האָט גענומען רוקן זיך צו דער טיר.

אָבער, גאָט מײַנער! — האָט מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן קאַ־טערינאַ איוואַנאָוונאַ, אַ פּאַטשטשאַנדיק מיט די הענט, — ער, ער! ער האָט געקאָנט זײַן אַזוי אומאָרנטלאַך, אַזוי אוממענטשלאַך! ער האָט דאָך דערציילט פאַר אָט דער באַשעפעניש, וואָס עס איז פאַר־געקומען דעמאָלט, אין יענעם גורל־שווערן, אין יענעם אייביק פאַר־שאָלטענעם טאָג! „געגאַנגען די שיינקייט אייערע פאַרקויפן, ליבע פריילן!״ זי ווייס! אייער ברודער איז אַן אויסוואָורף, אַלעקסיי פּיאָדאָ־ראָוויטש!

אַליאָשאַ האָט געוואָלט זאָגן עפּעס, נאָר ער האָט קיין איין שום וואָרט נישט געפונען. דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים פאַרפּרעסט ביז ווייטאָק.

— גייט אוועק, אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטש! איך שעם זיך פאַר אײַך, ס׳איז מיר שרעקלאַך! מאָרגן . . . איך בעט אײַך רחמים אַף די קני, קומט מאָרגן. פאַרמשפּט מיך ניט, זײַט מוחל, איך ווייס נישט, וואָס איך וועל נאָך מאַכן מיט זיך!

אַליאָשאַ איז אַרויס אויפן גאַס, ווי פּלאָנטערנדיק זיך. עס האָט זיך אים אויך געוואָלט וויינען, אַזוי ווי איר. מיטאַמאָל האָט אים דעריאָגט דאָס דינסטמיידל.

— די פריילן האט זיך פארגעסן איבערגעבן אייך אט דעם בריוול פון פרוי כאָכלאַקאָוואַ, ער ליגט באַ זיי פון ווארמעס אָן.

אַליאָשאַ האט אווטאמאטיש צוגענומען דעם קלייניקל ראזן קאנווערטל און אים ארייַנגעשפּארט, כמעט אומבאוואוסטערהייט, אין קעשענע.

## XI

## נאך א פארלארענע רעפּוטאציע

פון שטאט ביזן מאנאסטיר איז געווען נישט מער ווי א וויארסט מיט עפּעס. אליאָשאַ איז האסטיק אוועק מיטן וועג, אף וועלכן ס׳איז שוין איצט קיין לעבעדיקער מענטש נישט געווען, ס׳איז שוין כמעט ווי געווארן נאכט. פון א דרייסיק טריט איז שוין געווען שווער עפּעס צו דערקענען. אן ערך אף העלפט וועג האט זיך גע־שניטן א צווייטער וועג. אף דעם קרייצוועג, אונטער אן איינציקער ווערבע, האט זיך געזען עפּעס א פיגור פון א מענטשן. ווי אליאשא איז נאר ארויפגעטראטן אפן קרייצוועג, אזוי האט זיך די פיגור געגעבן אריס־אפּ פון ארט, האט זיך אווארף געטאן אף אים און מיט א ווילדן קול געגעבן א געשריי:

— דעם טייסטער אדער דעם לעבן!

— ביזטו דאס, מיטיא! — האט זיך אליאשא פארוואונדערט, אגב א פארצאפּלטער.

— כא־כא־כא! דו האסט זיך נישט גערעכנט אף דעם? איך טראכט: וואו קאן מען ווארטן אף דיר? לעבן איר הויז? זיינען דארטן דא דריי וועגן, און איך קאן דיך פארחלומען. איז מיר איינגעפאלן צום סוף אויפווארטן דא, ווארים דורך דאנען וועט ער אף געוויס דורכגיין, קיין אנדער וועג צום מאנאסטיר איז נישטא. נו, אף גיך, ארויס מיטן אמת, דערשטיק מיך, ווי א פרייס... וואס איז דאס מיט דיר?

— קיין זאך נישט, ברודער... אזוי זיך, פון שרעק. אוי,

דמיטרי! אט דעם טאטנס בלוט פריער (אליאשא האט זיך פאנאנדער־געוויינט; ער האט שוין לאנג געוואלט אנהייבן וויינען, און איצט האט זיך בא אים מיטאמאל אזוי ווי עפּעס אפּגעריסן אין הארצן). — דו האסט אים שיר נישט דערהרגעט ... האסט אים געשאלטן ... היינט אט איצטער ... דא ... אקארשט ... דו מאכסט ליצנות ... דעם טייסטער אדער דעם לעבן!

— הא, וואס דען? ס'איז ניט אנשטענדיק, וואס? עס פּאסט ניט צום שידוך?

— ניין ... גלאט אזוי ...

— ווארט, גיב א קוק אף דער נאכט: זעסט ס'ארא פינצטערע נאכט, ס'ארא וואלקנס, ס'ארא ווינט עס האט זיך אויפגעהויבן! כ'האב זיך דא באהאלטן, אונטער דער ווערבע, איך ווארט אף דיר, און מיטאמאל גיב איך א טראכט (ווי דו זעסט מיך א לעבעדיקן!): צו וואס נאך מער מאטערן זיך, צו וואס נאך ווארטן? אט איז א ווערבע, א טיכל איז אויך פאראן, א העמד אויך, קאן מען תיכּף אויספלעכטן א שטריק, איינגעצן נאך אויך און — נישט באלעסטיקן מער די ערד, נישט פאראומווערדיקן מיט דעם שפלדיקן נפש מיינעם! און אָט דערהער איך, ווי דו גייסט, — גאטעניו, פונקט ווי עפּעס וואלט זיך אף מיר אראפּגעזעצט מיטאמאל: איז דאך, אף אזא אופן, פאראן א מענטש, וועמען איך האב אויך ליב, אט איז ער דאך, אט איז דאך יענער מענטש, דער ברודער מיינער דער טייערער, וועמען איך האב העלטער ווי אלעמען אף דער וועלט און נאר וועמען אליין איך האב ליב! און איך האב דיך אזוי ליב געקראגן, אזוי ליב געקראגן אין אט דער מינוט, אז איך האב א טראכט געטאן: איך וועל זיך א ווארף טאן איצט צו אים אפן האלז! און ס'איז מיר איינגעפאלן דער נארישער געדאנק: „כ'וועל אים א ביסל לוסטיק מאכן, כ'וועל אים דערשרעקן", האב איך דאס א געשריי געטאן, ווי א פּרא אדם: „דעם טייסטער!" זיי מוחל פאר דער טיפּשות — דאס איז נאר א שטות, אָבער אפן הארצן איז בא מיר ... אויך לייטיש ... נאר, צו אלדי רוחות, זאג אבער, וואס איז דארטן? וואס האט זי געזאגט? שטיק מיך, ווערג מיך, האב קיין רחמנות נישט! וואס, זי איז שיר ווילד געווארן?

— ניין, נישט דאס... דארטן איז גארנישט דאס געווען. איך האב... איך האב זיי דארטן איצטערביידן געטראפן.

— וועמען ביידן?

— גרושענקען בא קאטערינא איוואנאוונא. דמיטרי פיאדאראוויטש איז פארגליווערט געווארן.

— עס קאן נישט זיין! — האט ער א געשריי געטאן, — דו רעדסט פון היץ! גרושענקא בא איר?

אליאשא האט דערציילט אלץ, וואס עס איז מיט אים פארגעקומען פון דער מינוט אן, ווי ער איז אריין צו קאטערינא איוואנאוונען. ער האט דערציילט א מינוט צען, מ׳קאן נישט זאגן, פליסיק און אויסגעהאלטן, נאר ער האט, דאכט זיך, איבערגעגעבן קלאר, כאפנדיק די סאמע וויכטיקסטע ווערטער, די סאמע וויכטיקסטע באוועגונגען און האט בולט איבערגעגעבן, אפטמאל מיט איין שטריך, זיינע אייגענע געפילן. דער ברודער דמיטרי האט געהערט שווייגנדיק, געקוקט אנגעשרענגט מיט א מוראדיקער טעמפקייט, אליאשען איז אבער קלאר געווען, אז ער האט שוין אלץ פארשטאנען, האט משיג געווען די גאנצע זאך. נאר וואס ווייטער אליאשא האט דערציילט, איז דאס פנים זיינס, ניט וואס מ׳זאל זאגן, אז ס׳איז געווארן פינצטער, נאר עפעס ווי מאוימדיק אפילו. ער האט אנגערונצלט די ברעמען, פארביסן די ציינער, דער טעמפער בליק זיינער איז נאך ווי טעמפער געווארן, אנגעשטרענגטער, מוראדיקער... דערפאר איז דאס נאך מער אומגעריכט געווען, בעת עס האט זיך פלוצים, מיט א האסטיקייט נישט משיג צו זיין, איבערגעביטן מיט איין מאל דער גאנצער אויסדרוק פון זיין געזיכט, וואס איז ביז איצט געווען דורכגעדרונגען מיט אזוי פיל צארן און ווילדקייט, די צונויפגעצויגענע ליפן האבן זיך פאנאנדערגעשפרייט און דמיטרי פיאדאראוויטש האט זיך מיטאמאל צעלאכט מיט א זעער נישט קיין געמאכטן געלעכטער, אזוי צעלאכט זיך, אז ער האט נישט געקאנט איינהאלטן זיך. ער איז זיך ממש צעגאסן פאר געלעכטער, ער האט א לאנגע צייט נישט געקאנט רעדן אפילו.

— איז האט זי טאקע נישט א קוש געטאן דאס הענטעלע! נישט א קוש

געטאַן, און איז אזוי אוועקגעלאָפן! — האָט ער, איבערגעריסענערהייט, אויסגעשריען אין עפּעס א קרייַנקלאַכער התפּעלות, — אין אַ חוצפּה־דיקער התפּעלות וואָלט מען געקאָנט אפילו זאָגן, ווען די דאָזיקע התפּעלות וואָלט נישט געווען אזוי אומגעקינסטלט. — האָט קאַטיאַ געשריען, אַז דאָס איז א טיגער! א וודאי איז דאָס א טיגער! צי עס קומט איר דער עשאַפּאָט? אוודאי קומט, איך גופא האַלט, אַז עס קומט שוין פון לאַנג! פאַרשטייסטו מיך, ברודער, לאָז זיין אַפילו עשאַפּאָט, נאָר פריער דאַרף מען נאָך געזונט ווערן, איך פאַרשטיי זי אָט די עזותניצע, אָט דאָ איז זי די גאַנצע, זי האָט זיך אין דער דאָזיקער העַנטעלע די גאַנצע ארויסגעוויזן, אָט די מכשפה! דאָס איז די מלכּה פון אַלע מכשפות, וואָס מ'קאָן זיך נאָר ווען עס איז פאָרשטעלן אף דער וועלט! דאָס איז אין א געוויסן פּרט א באַ־גייסטערונג! איז זי אוועקגעלאָפן, א היים? אָט וועל איך . . . אַך . . . כ'וועל אקאַרשט אַ לאָף טאָן צו איר! באַשולדיק מיך נישט, איך בין דאָך מסכּים, אַז דערשטיקן זי איז ווייניק . . .

— און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! — האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אויסגערופן אַליאָשאַ.

— כ'זע יענע אויך, איך זע יענע אויך דורך־און־דורך, און איך זע אַזוי, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען! דאָ איז אַ גאַנצע אַנטדעקונג פון אַלע פיר עקן וועלט, פון אַלע פינף מיין איך! אַזאַ מין טראָט! דאָס איז טאַקע די זעלביקע קאַטינקאַ, די אינסטי־טוטקעלע, וואָס האָט נישט מורא געהאַט צוליב א גרויסמוטיקער מחשבה, ראַטעווען דעם טאַטן, קומען צו לויפן צו אַן אָפיצער אַ גראָבן יונג און אַ חמור, שטעלנדיק אין קאָן, אַז זי וועט ווערן שרעקלאַך באַליידיקט! איר שטאָלץ אָבער, די נויטיקייט צו ריזיקירן, דאָס אַרויסרופן דעם גורל, דאָס אומבאַגרענצטע! דו זאָגסט, אַז די מומע האָט זי אָפּגעהאַלטן? ווייסטו, אַז די מומע איז אַליין א גרויסהאַלטערקע, דאָס איז דאָך אַ ליבלאַכע שוועסטער פון דער מאסקווער גענעראַלשע, זי פלעגט נאָך מער פאַר יענער פאַררייסן די נאָז, האָט מען אָבער געכאַפּט דעם מאַן אירן ביים גנבענען מלוכה־געלטער, איז ער געבליבן נקי, סיי פון דעם הויף סיי פון אַלץ, און די שטאָלצע

פרוי האט מיטאמאָל אַראָפּגעלאָזן דעם טאָן, און איז פון דעמאָלט אָן שוין ניט נתעלה געוואָרן. האָט זי נישט געלאָזן קאַטיען, און זי האָט נישט געהערט? „איך קאָן, הייסט עס, אַלץ גובר זיין, אַלצדינג איז אין מיין רשות; וועל איך ווען וועל איך גרושענקען אויך פאַרכּישופן" און — זי האָט דאָך אַליין געגלויבט אין אירע ווערטער, האָט אַליין חוזק געמאַכט פון זיך, טאַ וועד איז איר שולדיק? דו מיינסט, אַז זי האָט מיט אַ כּיוון די ערשטע אַ קוש געטאָן גרושענקעס הענטעלע? ניין, זי האָט זיך באמת, זי האָט זיך באמת פאַרליבט אין גרושענקען, דאָס הייסט, נישט אין גרושענקען, נאָר אין איר אייגענעם דמיון, אין איר פאַנטאַזיע, — וואָרים דאָס איז דאָך מ י י ן דמיון, מ י י ן פאַנטאַזיע! אַליאָשאַ, ליבינקער, ווי אַזוי אָבער האָסטו זיך דאָס פון זיי, פון אָט אַזוינע, אַרויסגעריסן? ביזט אַוועקגעלאָפן אַפּנים, פאַרקאַשערט דיין ריזע און אַוועקגעלאָפן? כאַ־כאַ־כאַ!

— ברודער, דו האָסט אָבער, דאַכט זיך, גאָר נישט גענומען אין רעיון אפילו, ווי דו האָסט באַליידיקט קאַטערינאַ איוואַנאָוונען מיט דעם, וואָס דו האָסט דערציילט גרושענקען וועגן אָט יענעם טאָג, און זי האָט דאָס איר איצטער געגעבן אַ שמיץ אין פּנים, אַז איר זייט אַליין „געגאַנגען צו בחורים די שיינקייט אייערע פאַרקויפן באַהאַלטענערהייט!" ברודער, וואָס קאָן זיין מער פאַר אָט דער באַליידיקונג? — אַליאָשען האָט מער פאַר אַלץ געפּייניקט דער געדאַנק, אַז דער ברודער איז אַזוי ווי צופרידן פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונעס דערנידעריקונג, הגם דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט זיין.

— אַהאַ! — האָט זיך דמיטרי פיאָדראָוויטש מיטאמאָל מוראדיק אָנגעכמורעט און זיך געגעבן אַ פּאַטש מיט דער דלאָניע אין שטערן. ער האָט זיך ערשט איצט אָפּגעשטעלט אויף דעם, הגם אַליאָשאַ האָט דאָס פריער אַלץ דערציילט פאַר אַ מאָל, סיי די באַליידיקונג, סיי קאַטערינאַ איוואַנאָוונעס אויסגעשריי: „אייער ברודער איז אַן אויסוואורף!"

— יע, עס קאָן טאַקע זיין, אַז איך האָב גרושענקען דערציילט וועגן יענעם „גורל־שווערן טאָג", ווי קאַטיאַ זאָגט. יע, אוודאי, איך האָב דערציילט, איך דערמאָן זיך! דאָס איז טאַקע געווען דעמאָלט, אין

מאָקראָיע, איך בין געווען שיכור, די ציגײַנערנס האָבן געזונגען··· איך האָב דאָך דעמאָלט אַליין געוויינט, געוויינט אויפֿן קול, איך בין געשטאַנען אויף די קני, איך האָב מתפּלל געווען צו קאַטערינעס געשטאַלט, און גרושענקאַ האָט דאָס פֿאַרשטאַנען··· זי האָט דעמאָלט אַלץ פֿאַרשטאַנען, איך דערמאָן זיך, זי אַליין האָט געוויינט··· האַ, טײַוול! האָט דאָס אָבער איצט אַנדערש געקאָנט זײַן? פֿריִער האָט זי געוויינט, אָבער איצט ··· איצט איז „אַ מעסער אין האַרצן!״ אַזוי זײַנען די פֿרויען.

ער האָט אײַנגעגראָבן די אויגן צו דער ערד און האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— יע, איך בין אַן אויסוואָרף! אָן אַ ספֿק אַן אויסוואָרף, — האָט ער מיטאַמאָל אָנגערופֿן זיך מיט אַ פֿינצטערן קול. — וואָס איז דו נפֿקא־מינה, געוויינט צי נישט, אַלץ איינס אַן אויסוואָרף! גיב איבער דאָרטן, אַז איך בין מקבל באַהבֿה דעם נאָמען, אויב דאָס קאָן טרייסטן, און זאָל זײַן געענדיקט, אַ גוטן, וואָס איז דאָ צו פּלאַפּלען! קיין פֿריילאַכס איז נישטאָ. דו גייסט מיט דײַן וועג, און איך מיט מײַנעם. און איך וויל גאָר מער נישט זען זיך אויך, סײַדן בײַ עפּעס אַ גאָר לעצטער מינוט. זײַ געזונט, אַלעקסיי! — ער האָט שטאַרק אַ דריק געטאָן אַליאָשען די האַנט און, נאָך האַלטנדיק אַלץ אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ, איז ער, ווי געבנדיק זיך אַ ריס, געשווינט אַוועק צו דער שטאָט־צו. אַליאָשאַ האָט אים נאָכגעקוקט, נישט גלייבנדיק, אַז ער זאָל אינגאַנצן אַזוי פּלוצים אַוועקגיין.

— וואַרט אַ ווײַלע, אַליעקסיי, איך וויל נאָך עפּעס מודה זײַן, פֿאַר דיר אַליין! — האָט זיך מיטאַמאָל אַקעגן געטאָן דמיטרי פּיאָ־דאָראָוויטש אויף צוריק. — קוק אויף מיר, קוק שאַרף: דו זעסט, אָט אָ דאָ, אָט אָ דאָ — גרייט זיך אַ מוראדיקע נְבָלֶה. (זאָגנדיק „אָט אָ דאָ״ האָט דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטש אַ קלאַפּ געטאָן זיך אין ברוסט און עפּעס אַזוי מאָדנע, פּונקט ווי די נְבָלֶה וואָלט געלעגן און וואָלט געוואָרן אָפּגעהיט גראָד אָט אָ דאָ, אויף דער ברוסט זײַנער, אין עפּעס אַן אָרט, אין קעשענע אפֿשר, אָדער וואָלט געהאָנגען אויפֿן האַלדז פֿאַרנייט). — דו קענסט שוין מיך: איך בין אַן אויסוואָרף, לויט אַלע טעמים!

זײַ װיסן אָבער, אַז װאָס איך זאָל נישט האָבן געמאַכט פריער, איצטער אָדער שפּעטער, — אַז קיין זאַך קאָן זיך נישט פאַרגלײַכן אין דער שפלות מיט דער נבֿלה, װאָס איך טראָג איצט, גראַד אין דער מינוט אָט דאָ אַף מײַן ברוסט, אָט דאָ, אָט דאָ, די נבֿלה, װאָס איך טו און איך פאַרװירקלאָך און װאָס איך בין אײַנגאַנצן באַלעבאָס אָפּצושטעלן, װאָס איך קאָן אָפּשטעלן אָדער פאַרװירקלאַכן, באַהאַלט דאָס אין זכּרון! נו, טאָ זײַ זשע װיסן, אַז איך װעל זי פאַר־װירקלאָכן, און נישט אָפּשטעלן. איך האָב דיר פריער אַלצדינג דער־ציילט, אָבער דאָס האָב איך נישט דערציילט, װאָרים איך אַפילו האָב שוין נישט געהאַט קיין פאַרשטאַכענע אויגן דערצו! איך קאָ זיך נאָך אָפּשטעלן! אָפּשטעלנדיק זיך, קאָן איך נאָך מאָרגן אומקערן צוריק א העלפט פון מײַן פאַרלאָרענער ערע, איך װעל זיך אָבער נישט אָפּשטעלן, איך װעל שטעלן דעם נבֿלהדיקן טראַט, און זײַ שפּעטער אַן עדות, אַז איך זאָג דאָס איצט, װיסנדיק דאָס פאָרױס! אונטערגאַנג און פינצטערניש! אָפּטײַטשן איז נישטאָ װאָס, אַז עס װעט קומען די צײַט װעסטו װיסן, אַן עיפּושדיק געסל און כּף־הקלע! זײַ געזונט, טו נישט קיין תּפֿילה פאַר מיר, איך בין דאָס נישט װערט, און גלאַט מ׳דאַרף אײַנגאַנצן נישט ... איך נויטיק זיך לחלוטין ניט! געגאַנגען! ...

און ער איז מיטאַמאָל אַװעק, איצט שוין אַף אײַנגאַנצן. אַליאָ־שאַ איז אַװעק צום מאָנאַסטיר: „װי, װי װעל איך דאָס אים מער קײנמאָל נישט זען, װאָס רעדט ער?״ איז אים משונה אויסגעקומען, — „מאָרגן װעל איך אים אַף געװיס זען און אויפזוכן אים, װעל מיט אַ כּיװן אויפזוכן אים, װאָס רעדט ער דאָס אַזױנס!״ ...

* *
*

דעם מאָנאַסטיר איז ער פאַרבײַגעגאַנגען אַרום און אַרום און איז דורכן טענענװעלדל אַרײַן גלײַך אין סקיט. דאָרטן האָט מען אים אויפגעעפנט, הגם אַזױ שפּעט פלעגט מען שוין קײנעם נישט אַרײַנ־לאָזן. דאָס האַרץ האָט געציטערט בײַ אים, בעת ער איז אַרײַן אין דעם סטאַרעצס קעמערל: „פאַרװאָס, פאַרװאָס איז ער אַרױסגעגאַנגען,

פארוואס האט ער אים געשיקט „אין דער וועלט"? דא איז א שטיל־קייט, דא איז א הייליקייט, און דארטן — א תוהו ובוהו, דארטן איז א חושך, וואו מ׳קאן תיכף ווערן פארלארן און פארבלאנדזעט?" · · ·

אין קעמערל איז געוועזן דער קלויסטער־ברודער פּאָרפירי און דער היעראָמאָנאַך פאטער פּאַאיסי, וואס איז דעם גאנצן טאג, יעדע זייגערנע שעה, ארייַנגעגאנגען געוואר ווערן וואס עס מאכט פאטער זאָסימאַ, וועמען ס׳איז געווארן אלץ ערגער און ערגער. ווי אַליאָשאַ האט זיך דערוואוסט מיט א ציטער, ער האט אפילו היינט אוונט ניט געשמועסט מיט די קלויסטער־ברידער, ווי דאס פלעגט פארקומען שטענדיק, תמיד פלעגט יעדן טאג אינאוונט, נאכן דאווענען, פארן שלאף, צונויפקומען זיך די מאנאסטיר־ברודערשאפט צום סטארעץ אין קעמערל, און יעדערער פלעגט פאר אים מתודה זיין בקול די זינד, וואס ער איז היינט באגאנגען, די זינדיקע מחשבות, די זינדיקע רעיונות, אפילו קנאה און שנאה צווישן דער ברודערשאפט גופא, אויב דאס פלעגט פארקומען, אנדערע פלעגן זיך מתודה זיין אף די קני · · · דער סטארעץ פלעגט מכפר זיין, שלום מאכן, ווייזן דעם רעכטן וועג, הייסן תשובה טאן, בענטשן און אפלאזן. אט קעגן אט די מיני „וידויס" פון דער מאנאסטיר־ברודערשאפט פלעגן דאס מאכן קולות די מתנגדים פון די סטארצעס, טענהנדיק, אז דאס איז א חלול הקודש פון דעם מתודה זיין זיך, וואס דארף פארקומען אינדערשטיל, כמעט חוכה־וטלולה געמאכט, כאטש דא איז גאר עפעס אנדערש געוועזן. מ׳פלעגט אפילו איבערגעבן דער עפּארכיאלער מאכט, אז אזא מין מתודה זיין זיך איז ניט נאר וואס עס דערגרייכט ניט קיין גוטן ציל, נאר דאס ברענגט שוין באמת און מיט א כיוון צו זינד און צו קנאה, פיל פון די מאנאכן, פלעגט מען טענהן, האבן קיין חשק ניט צו גיין צום סטארעץ, און זיי גייען על פי נויט, ווארים אלע גייען דאך, אזוי אז מ׳זאל זיי ניט אננעמען פאר קיין בעל־גאוהס און פאר קיין אפיקורסים. מ׳פלעגט, אשטייגער, דערציילן, אז אנדערע מאנאכן פלעגן פארן גיין ביינאכט מתודה זיין זיך, אפרעדן צווישן זיך אפריער: „איך וועל זאגן, אז איך בין אינדערפרי געווארן מלא רציחה אף דיר, און דו זאג, אז ס׳איז קודש קדשים" און דאס פלעגט זיין נאר דער־

פאר, כדי עס זאל זיין וואס צו זאגן, אבי נאר לויז צו ווערן; אַליאָשאַ האט געוואוסט, אַז אפטמאל פלעגט טאקע בפירוש אזוי פאר־קומען. ער האט געוואוסט אויך, אז עס זיינען פאראן צווישן די מאנאכן אזוינע, וואס זיינען אויך שטארק ברוגז דערפאר, וואס, לויטן מנהג, פלעגט מען אפילו בריוו פון קרובים, וואס די מאָנאכן פלעגן באקומען, פריער אוועקטראגן צום סטארעץ, אז ער זאל זיי עפענען און איבערלייענען פריער פאר די מקבלים. געמיינט האט מען, פאר־שטייט זיך, אז אט דאס אלץ דארף פארקומען פריי, על פי דעם אייגענעם ווילן, פון דעם גאנצן הארצן, למען א פרייער הכנעה וועגן און כדי מ׳זאל דערגרייכן אן אמתן תיקון, אבער אין דער אמתן, ווי עס פלעגט זיך ארויסווייזן, פלעגט דאס פארקומען אָפטמאל גאר ניט פון גאנצן הארצן, נאר אדרבה, פאלש און געקינצלט. אבער די עלטערע און די געניטערע מאנאכן פלעגן טענהן זייערס, אז „ווער עס איז מיטן אמתן רצון אריין אין אט די ווענט, כדי דערלויזט צו ווערן, פאר יענעם וועלן אט די אלע מעשים און מנהגים בלתי ספק ברענגען א תיקון און א דבר נחוץ; פאר וועמען, אקעגן זשע, דאס איז א יאך און ער לעסטערט, יענער איז אלץ איינס ווי גאר ניט קיין מאנאך אפילו און ער איז נאר אומזיסט געקומען אין מאנאסטיר, פאר אזוינעם איז דארטן אין דער וועלט אן ארט. ווארים פון זינד און פון דעם שטן מקטרג קאן מען זיך ניט נאר וואס דארטן אין דער וועלט, נאר אפילו אין מקום קדוש אויך ניט אויסהיטן זיך, און ס׳איז, אף אזא אופן, ניטא וואס צו פארגרעסערן נאך די זינד״.

— ער איז אפגעשוואכט געווארן, אנגעפאלן א שלעפערדיקייט, — האט שעפטשענדיק איבערגעגעבן אליאָשען פאטער פאַאיסי, נאך דעם, ווי ער האט אים געבענטשט. — ס׳איז אים שווער אפילו אויפצוּוועקן. נאר מ׳דארף גאר נישט וועקן אויך. האט זיך אויפגעכאפט אף א פינף מינוט, געבעטן אוועקטראגן דער ברודערשאפט א ברכה, און געבעטן זיי, אז זיי זאלן ביינאכט מתפלל זיין פאר אים. אינדערפרי האט ער בדעה נאך אמאל וידוי צו זאגן. האט זיך דערמאנט אָן דיר, אַלעקסיי, האט געפרעגט צי דו ביזט אוועקגעגאנגען, מ׳האט געענטפערט, אז דו ביזט אין שטאט. „דערצו האב איך דאס אים טאַקע געבענטשט; דארטן

איז זיין ארט, און ניט דא לעת עתּה״, — אט וואס ער האָט געלאזט הערן וועגן דיר, האט מיט ליבשאפט גערעדט פון דיר, מיט זארג, ביזטו דאס דען משיג, צו וואס דו ביזט זוכה געווען? פאר וואס זשע אבער האט ער דאס גוזר געווען, אז דו זאלסט לעת עתּה בלייבן דארטן אין דער וועלט? הייסט דאס, אז ער זעט עפּעס פארויס אין דעם גורל דיינעם! זײַ וויסן, אליעקסיי, אז טאמער וועסטו אפילו אוועקגיין צוריק אין דער וועלט, איז דאס נאר ווי צו טאן דאס, וואס דער סטארעץ האט דיר געהייסן, אָבער ניט אף קיין הבל־הבלים און ניט אף קיין תּענוג עולם . . .

פאטער פּאַאיסי איז ארויסגעגאנגען. אז דער סטאַרעץ גייט אויס, אין דעם איז פאר אַליאָשען קיין שום ספק נישט געווען, הגם ער האט נאך געקאנט לעבן א טאג און צוויי. אַליאָשאַ האָט פעסט און מיט ברען באשלאסן, אז ניט קוקנדיק אפן צוזאג, וואס ער האט געגעבן צו זען זיך מיטן פאטער, מיט די כאָכלאַקאָווס, מיטן ברודער און מיט קאַ־טערינאַ איוואַנאָוונאַ — וועט ער אינגאנצן מארגן נישט ארויסגיין פון מאָנאַסטיר און וועט בלייבן לעבן דעם סטאַרעץ זיינעם ביז דער פּטירה. דאס הארץ זיינס איז אָנגעצונדן געווארן מיט ליבשאפט, און ער האט זיך זעער שטארק אויפגעווארפן, וואס ער האט געקאנט אף א ווײַלע דארטן, אין שטאט, אפילו פארגעסן אָן דעם, וועמען ער האט געלאזן אין מאנאסטיר אפן גסיסה־בעט און וועמען ער האָט געאכפּערט מער פאר אלעמען אף דער וועלט. ער איז אריין צום סטארעץ אין שלאָף־קעמערל, האט זיך געשטעלט אף די קני און זיך א בוק געטאן דעם שלאפנדיקן צו דער ערד. דער סטארעץ האָט שטיל, אומבאוועגלאך געשלאפן, קוים עטעמענדיק, גלייכמאסיק און גאר ניט צו באמערקן כּמעט. דאס פּנים זיינס איז געווען רואיק.

ארייננגייענדיק צוריק אין דעם צווייטן חדר, — אין דעם זעל־ביקן, וואו דער סטארעץ האט אינדערפרי אויפגענומען די געסט, האט אַליאָשאַ, כּמעט נישט אויסטאָנדיק זיך חוץ די שטיוול, זיך געלייגט אף דער לעדערנער, הארטער און שמאלער סאפקעלע, אף וועלכער ער פלעגט שטענדיק שלאפן, שוין פון לאנג, יעדע נאכט, אונטערלייגנדיק צוקאפּנס מער ניט ווי א קיסן. די פּערינקע, וועגן וועלכער עס האט בייטאג

געשריען דער פאטער, האט ער שוין פון לאנג פארגעסן זיך אונטער־צובעטן. ער פלעגט נאר אראָפּנעמען זיין מאנאכן־מלבוש, און צודעקן זיך מיט אים אנשטאט א דעקע. פארן שלאָף אבער האט ער זיך א ווארף געטאן אף די קני און האט א לאנגע צייט מתפלל געווען. אין דער הייסער תפילה זיינער האט ער נישט געבעטן בא גאט קיין ענטפער אף די ספקות זיינע, נאר ער האט בלויז געלעכצט נאך א דער־וועקונג פון פרייד, נאך זיין פריערדיקער דערוועקונג, וואס פלעגט תמיד זיך ארייננקלייבן אין זיין נשמה, נאך א שבח און לויב דעם אויבערשטן, וואָס עס פלעגט תמיד אויך זיין דער נוסח פון דער תפילה זיינער פארן שלאָף. אט די דאזיקע פרייד, וואס פלעגט קומען צו אים, פלעגט ברענגען נאך זיך א לייכטן און רואיקן שלאָף. זייענדיק מתפלל איצט, ווי תמיד, האט ער צופעליק אנגעטאפּט מיטאמאל אין קעשענע אט יענעם ראזן, קליינינקל קאנווערטל, וואס עס האט אים איבערגעגעבן קאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַס שטובמיידל, וועלכע עס האט אים דערייאגט אפן וועג. ער האט זיך פארלארן, האט אבער פארענדיקט דעם געבעט. שפּעטער האט ער זיך א ביסל געשלאגן מיט דער דעה און האט אויפ־געעפנט דעם קאנווערט. אין אים איז געלעגן א בריוול צו אים, אונטער־געשריבן Lise, — אט פון דער זעלביקער יונגינקער טאכטערל פרוי כאכלאקאווס, וואס האט אינדערפרי אזוי געלאכט פון אים פארן סטארעץ אין די אויגן.

„אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, — איז געשטאַנען אין בריוול, — איך שרייב אייך בסוד פון אלעמען, פון דער מאמען אויך, און איך ווייס, ווי דאס איז ניט שיין. איך קאן אבער מער נישט לעבן, ווען איך וועל אייך נישט זאגן דאס, וואס עס איז געבארן געווארן אין מיין הארץ, און ביז וואנען־וואס טאר דאס קיינער נישט וויסן, חוץ אונז ביידן. ווי זשע אבער וועל איך אייך זאגן דאס, וואס איך וויל אייך אזוי זאגן? פּאפּיר, זאגט מען, ווערט נישט רויט, איך פארזיכער אייך, אז דאס איז נישט ריכטיק און אז עס ווערט אויך פונקט אזוי רויט, ווי איך אט איצט. ליבער אַליאָשאַ, איך האב אייך ליב, איך האב אייך ליב נאך פון קינדהייט אן, פון מאסקווע, בעת איר זייט געווען אינגאנצן נישט אזא, ווי איצט, און איך האב אייך ליב אף דאס גאנץ

לעבן. כ׳האב אייך אויסדערוויילט מיט דעם הארצן מיינעם, כדי מיט אייך צו פארייניקן זיך, און אף דער עלטער אויסלעבן אינאיינעם אונזערע יארן, פארשטייט זיך מיט דעם תנאי, אז איר זאַלט ארויס פון מאַנאַסטיר. וואס איז שייך די יארן אונזערע וועלן מיר צוווארטן, וויפל מ׳דארף לויט דעם געזעץ. ביז דעמאלט וועל איך אף געוויס געזונט ווערן, כ׳וועל ארומגיין און כ׳וועל טאנצן. וועגן דעם קאן גאָר קיין רייד נישט זיין.

„זעט איר, ווי איך האב אלץ באטראכט, נאר איין זאך קאן איך נישט באטראכטן: וואס וועט איר א קלער טאן וועגן מיר, אז איר וועט איבערלייענען דעם בריוו? רק איך לאַך און איך שטיף, איך האב אייך פריער אריינגעבראכט אין כעס, נאר איך פארזיכערא ייך, אז איצט, איידער איך האב גענומען די פענע, האב איך תפילה געטאן צו דעם בילד פון גאטס מוטער, און איך טו נאך איצט אויך תפילה, און שיר וואס איך וויין נית.

„מיין סוד איז אין אייערע הענט, מארגן, אז איר וועט קומען, ווייס איך נישט, ווי אזוי איך וועל אפילו א קוק טאן אף אייך. אוי אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, ווי וועט זיין, אז איך וועל זיך ווייטער נישט איינהאלטן, ווי א שוטה, און איך וועל זיך פאנאנדערלאכן, ווי פריער, קוקנדיק אף אייך? איר וועט דאך מיך אננעמען פאר א מיאוסער אפּלאכערקע און איר וועט מיין בריוו נישט גלויבן. און דערפאר בעט איך זיך בא אייך, ליבער, אויב איר האט נאר רחמנות אף מיר, טא קוקט מיר ניט צו־פיל גלייך אין די אויגן, ווען איר וועט אריינגיין מארגן, ווארים עס קאן גריילאַך זיין, אז איך וועל, דערזעענדיק אייערע אויגן, אף געוויס מיטאמאל פאנאנדערלאכן זיך, און דערצו וועט איר דאך נאך זיין אין אט דעם לאנגן מלבוש . . . איצט אפילו גייט מיר דורך א קעלט, אז איך דערמאן זיך אן דעם, איז דעריבער ביים אריינגיין, קוקט אף מיר א געוויסע צייט אינגאנצן נישט, און קוקט אף דער מאמען אדער אפן פענצטער . . .

״אט האב איך אייך אנגעשריבן א ליבעס־בריוו, גאט מיינער, וואס האב איך געטאן! אַליאָשאַ, האַסט מיך נישט, און אויב איך האב געטאן עפעס אזוינס זעער נארישעס און אייך מצער געוועז, טא

זייט מיר מוחל· איצט איז דער סוד פון מיין רעפּוטאַציע· וואָס איז פאַרלאָרן אפשר אַף אויביק· אין אייערע הענט·

„איך וועל היינט אַף געוויס וויינען· אַ גוטן אייך ביז אונזער טרעפן זיך· ביז אונזער שרעקלאַכן טרעפן זיך· Lise·

„P. S. אַליאָשאַ· איר זאָלט אָבער למען השם· למען השם· למען השם קומען! Lise״·

אַליאָשאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריוול מיט אַ פאַרוואונדערונג· איבערגעלייענט צוויי מאָל· אַ טראַכט געטאָן· און האָט מיט־אַמאָל שטיל· זיס אָנגעהויבן שמייכלען· ער האָט געהאַט אַ ציטער געטאָן· דער דאָזיקער שמייכל איז אים אויסגעקומען אַ זינדי· אָבער אין אַ ווײַלע אַרום· האָט ער ווייטער אַ שמייכלג עטאָן פּונקט אַזוי שטיל און פּונקט אַזוי גליקלאַך· לאַנגזאַם האָט ער אַריינגעלייגט דעם בריוול אין קאָנווערטל· איבערגעצלמט זיך און זיך געלייגט· די צעמישטקייט פון הארץ איז מיטאַמאָל אַוועק· „פּאַטער הארציקער· זײַ זיך מרחם אַף זיי אַלעמען· באַהיט זיי די אומגליקלאַכע און די שטורימדיקע· און ווייז אַ וועג· דו האָסט וועגן: דורך די אַלע וועגן שיק אַ ישועה פאַר זיי· דו ביסט אַן אל רחום· וועסטו שיקן פאַר זיי אַלעמען פריידן!״ האָט צלמענדיק זיך און איינשלאָפנדיק מיט אַ רו־איקן שלאָף· געמורמלט אַליאָשאַ·

# אינהאלט

פון דעם איבערזעצער . . . . . . . 3
פון דעם מחבר . . . . . . . . 7

## ערשטער טייל

### ערשטער בוך: א מעשה מיט א געזינדל

I פיאָדאָר פאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוו . . . . 11
II פון דעם ערשטן זון פטור געווארן . . . . 16
III די צווייטע ווייב און די צווייטע קינדער . 22
IV דער דריטער זון אַליאָשאַ . . . . . . 31
V סטאַרצעס . . . . . . . . 44

### צווייטער בוך: די ניט געהעריקע אַסיפה

I אָנגעקומען אין מאָנאַסטיר . . . . . . 59
II דער אַלטער ליץ . . . . . . . 67
III די גלויביקע ווייבער . . . . . . 81
IV די דאמע מיט ספקות . . . . . . 93
V יהיה׳ עס זאָל זיין! . . . . . . 104
VI נאַכסאָל לעבט אזא מענטש! . . . . 119
VII דער סעמינאַריסט אלס קאריערייסט . . . . 135
VIII דער סקאַנדאל . . . . . . . 149

### דריטער בוך: די בעל-תאוהניקעס

I בא די משרתים אין שטיבל . . . . . 163
II ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע . . . . . 172
III א וידוי פון א פלאמיק הארץ: אין פערזן . 178

| | | |
|---|---|---|
| IV | א ווידוי פון א פלאמיק הארץ· אין אנעקדאָטן· | 162 |
| V | א ווידוי פון א פלאמיק הארץ· "מיט די פיס ארויף" | 204 |
| VI | סמערדיאַקאָוו | 217 |
| VII | דער פילפול | 225 |
| VIII | ביים גלעזעלע קאָניאַק | 234 |
| IX | די בעל תאוהניקעס | 245 |
| X | ביידע צוזאמען | 254 |
| XI | נאך א פארלארענע רעפוטאַציע | 272 |

# באמערקונגען

זייט 40 קליקושע — א שרייערקע, א דיבוק.

〃 43 Il faudrait les inventer, מ׳וואלט זיי געדארפט אויסגעפינען (די דאזיקע קרוקעס).

〃 43 J'ai vu l'ombre d'un cocher qui avec l'ombre d'une brosse frottait l'ombre d'une carosse. איך האב געזען אַ שאָטן פון א קוטשער, וואָס האט מיטן שאָטן פון א בערסטל געפוצט דעם שאָטן פון אַ בריטשקע.

〃 62 un chevalier parfait, אן אמתער קאַוואַליער.

〃 72 אמר נבל בלבו אין אלקים, עס האט געזאָגט דער שאַלקהאַפטיקער, דער רשע, ס׳איז ניטאָ קיין גאָט.

〃 78 טשעטיע מינעאי, אן אלט סלאַווישער בוך, וואו עס איז באשריבן דאס לעבן פון די קדושים.

〃 82 בגד (אריגינאל עפיטראַכיל), א מין טלית, וואָס דער גלח טוט אָן ביים אָפּריכטן דעם דינסט.

〃 90 עווכאריסטיע (רוסיש „פריטשאַסטיע"). נאָך דעם, ווי דער זינדיקער איז זיך מתודה אַף זײַנע זינד און באַקומט פון דעם גלח א לעפעלע ווײַן, וואס איז גלייך צו די בלוט פון קריסטוס, ווערן אים פארגעבן זיינע זינד און ער ווערט באַהעפט מיט קריסטוסן.

〃 107 אמתער אולטראַמאָנטאַניזם — די שיטה בא די קאַטוילן, וואס פארלאנגט, אז די גאַנצע מאַכט, אויך די וועלטלאַכע, זאָל געהערן דעם פויפּסט אין רוים, וואס איז אף יענעם זייט פון די בערג, פון די אַלפּן (ultra montes).

〃 156 plus de noblesse que de sincéritè, מער פּוץ, ווי אויפריכטיקייט, plus de sincérité que de noblesse מער אויפריכטיקייט, ווי פּוץ.

〃 235 Tout cela c'est de la cochonnerie, דאָס איז אַלץ א שטיק דבר־אחר.

איינִיגע פעלערן האבן זיך ערטערווייז אריינגעגנבעט אין דער אָרטאָגראַפיע. א שטייגער: אייגנארטיגקייט, איבעריגנס. עס דארף זיין: א י י ג נ א ר ט י ק י י ט, א י ב ע ר י ק נ ס א. א. וו.